STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03161

OYF BLUTIGE VEGEN

S. Cohen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויף בלוטיגע וועגען

זכרונות פון אַ אידישען סאָלדאַט

ס. כהן

הויפט פארקויף:
מייזעל'ס פארלאַג, 424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
אדער ביים פארפאסער:
ס. כהן, 7 עלדרידזש סטריט, ניו יאָרק.
.1923

געווידמעט צו מיינע גע'הרג'עטע
און לעבען געבליבענע חברים, וואָס
האָבען געקעמפט און געגלויבט...

Copyright 1923 by
S. COHEN

אינהאלטס־פארצייכנים:

פון פאבריק אין קאזארמע.

פון פאבריק אין קאזארמע — 7
ווערען און קרעכצען — 11
טאג־איין, טאג־אויס — 16
באיאנעטען — 18
אין קעמפ גארדאן — 23
קיטשען פאלים — דזשו דזשעקסאן — 25
קרייסט־קילערס — 29
אונזער אידישער קסוב — 32
חנוכה אין קעמפ — 36
א פעטיציע פאר ארץ ישראל — 39
פר[illegible] און אידישע קעמפ־לידער — 43
[illegible] פון ציון־לעגיאן — 48
ב[illegible]ישען פון נאכט־בלעטער — 53
או[illegible]ח אין אטלאנטא — 57
פא[illegible]לעא פרענק'ס תליה — 63
מען גרייט זיך אין וועג — 70
אין וועג — 74
אויפ'ן שיידוועג — 77
אויפ'ן אטלאנטישען אקעאן — 86
פארביי איירלאנד — 93

אין פראנקרייך.

אין פראנקרייך — 96
ליכט און שאטען אין פראנקרייך — 102
אין און ארום לא קורטין — 107
שפורען פון רוסישע סאלדאטען — 111
א טראגישע אידישע קאזאצקע — 113
דער אנטיסעמיטישער טשאפלין — 114
בריעף וועגען אידישע פריידען און ליידען — 116

אויף די שלאכטפעלדער פון סענט־מיהעל.

אויף די שלאכט־פעלדער פון סענט־מיהעל — 127
צוויי שטורעמס — 136
אין דערפעל נאכ'ן זיעג — 143
ראש השנה — 148
מאמע טו מיר אן מיינע שיך — 150
אונזער מתנה צו לעגיאנערען אין ארץ ישראל — 154
דער בריעף צו די לעגיאנערען — 158

אין די ארגאן־וועלדער.

אין די ארגאן וועלדער — 162

אין דעם נייעם גיהנום — 167

מיט פארוואונדעטע בעת א שלאכט — 172

אפגעשניטען פון דער וועלט — 178

אונטער א האגעל פון קאנאנען־קוילען — 184

מיט'ן ערשטען מעסעדזש — 191

דזשיפ־די־בלאד — 199

די לעצטע טויב — 203

פאר א גרויסען שטורם — 209

אין שווערע מאמענטען — 214

אן אטאקע — 217

א בלוטיגער וויץ — 222

מיין קריסטליכער חבר טאם האף — 226

די שטומע קרבנות — 230

דער משוגע'נער קעפטען — 233

דער געזאנג פון טויט — 237

וואו איז מיין ברודער? — 242

אין טאל פון נויט — 245

מען רעדט פון וואפענשטילשטאנד — 252

פון צווייטען ביז'ן עלפטען נאוועמבער — 256

אידישע העלדען

„באן זשוויף" און „אלעי לא דיאבל" — 261

אידישע געפיהל'ען און העלדענטאטען — 264

מיט שאול אדעם — 272

דעת אמת וועגען סארדזשענט אלווין יארק — 287

נאך עטליכע אידישע מאמענטען און העלדען — 294

דער מארטירער יוסף פעף — 301

אונזער שעהנסטער חלום אויף די שלאכט פעלדער — 306

דער בריעף צום פאלק וועגען טעמפעל־מאנומענט — 313

נעמען און ביישטייערער צום טעמפעל מאנומענט — 317

פאָרוואָרט

די פּאַסירונגען, איבערלעבונגען און אידישע מאָמענטען האָב איך אויפגעקליבען ארומפּאַהרענדיג אלס רייטענדער־„מעסענדזשער" איבער די בלוטיגע וועגען אויף די שלאַכט־פעלדער פון דער גרויסער וועלט־מלחמה.

א טייל פון זיי האָב איך פארעפענטליכט דורך די יאָהרען 1918־19 אין דער טעגליכער צייטונג „דער טאָג" און אין 1921 אין די „צייט", אָבער דער גרעסטער טייל פון דעם מאַטעריאַל איז נייע.

די פאַקטען און בילדער זיינען אמת׳ע. ס׳איז ניט נויטיג געווען צו שאַפען, ווייל די ווירקליכקייט איז געווען ריהרענדער און שרעקליכער ווי די פאַנטאַזיע קאָן מאָלען.

מיין הויפּט אויפמערקזאַמקייט האָב איך געשאָנקען צו אידישע פּאַסירונגען, נשמה־וועהען און אידעאַליסטישע ערשיינונגען, וועלכע האָבען דורכגעריסען די ענגע ראַמען פון דער קאַזאַרמע. אויף די שלאַכט־פעלדער האָט זיך די אידישע נשמה ארויסגעצייגט פיעל טיעפער און שעהנער, ווי ביי נאָרמאַלע אומגעבונגען.

מעגליך, אז איך האָב זיך צופיעל ערלויבט פּערזענליכע אויס־גוסען, האָב געגעבען צופיעל פּלאַץ צו סענטימענטען, אָבער אין יענע טעג האָט א גרויסע צאָהל אידישע סאָלדאַטען אזוי געפיהלט.

גראַד אויפ׳ן שוועל, און אָפט אפילו אין די נעגעל פון טויט, האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אז מיר שטעהען אויפ׳ן שוועל פון די אזוי־געגאַרטע פרייהייטען און גליקען, וואָס די פיהרער פון די עליים האָבען צוזאַמענגעבונדען מיט זייער זיעג. און ס׳איז א טיעף טראַגישער אמת, אז פיעלע סאָלדאַטען זיינען געפאַלען מיט א שמייכעל אויף די ליפּען...

צום סוף וויל איך אויסדריקען מיין הארציגסטען דאַנק צו אונזער ליעבען אידישען מאָלער, ש. ראַסקין, פאַר זיינע צייכנונגען פאַר דעם בוך.

דורך די פענסטער פון דער זייגער־פאבריק, וואו איך האב געארבייט האט מען געקענט זעהן דעם האדסאן ריווער און די טראנספארט־שיפען וואס האבען זיך גרויע, געקאמאפלאדזשטע, לאנגזאם געצויגען צום אפענעם ים.

ווען דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען האט פראקלאמירט קריעג צו דייטשלאנד, איז אונזער נייגעריגקייט געשטיגען צו איהר גרעסטער הויך. מען האט געוואוסט, אז איצט געהען די שיפען געלאדען ניט בלויז מיט געווער און אמוניציע, נאר אויך מיט סאלדאטען, וועלכע מען האט וואס שנעלער אפגעשיקט, אום ארויסצוראטעווען די עליים פון זייער פארצווייפעלטער לאגע. די איינגערע ארבייטער פון דער פאבריק האבען מיט אן אפענער מורה געווארט אז מען זאל זיי רופען צום דיענסט. און ס׳האט לאנג ניט גענומען, ביז מען האט פארשפארט מורא האבען. די טעגליכע נייעסען זיינען געפלויגען מיט דער שנעלקייט פון א קוריער צוג. אנפאנגס זיינען עס געווען די פאראָרדנונגען צו רעדזשיסטרירען זיך אין דעם עלטער פון 21 ביז 31, און נאכדעם האט מען געווארט ביז איינעמס נומער אדער נאמען וועלען אנאנסירט ווערען, און טאקע גלייך זיינען די צייטונגען פול געווארען מיט נעמען פון די, וואס ווערען גערופען עקזאמינירט ווערען.

איין שעהנעם פריהמארגען איז אויך מיין נאמען צוגעקומען צו דעם טוצען אנדערע יונגע לייט פון דער פאבריק. ווי נאר איך בין יענעם פריהמארגען געקומען אין פאבריק, האבען מיך די חברים ארבייטער באגעגענט מיט הורא־געשרייען און טומעל, מיט וועלכע מען פלעגט אויך די אנדערע רעקרוטען מכבד זיין. איבערהויפט האבען זיך געפרייט די יונגע לייט, וועמענס נעמען עס זיינען שוין פריהער ערשינען.

— נו, ביזט אויך עלעקטעט, באי־באי צו פראנקרייך. כהן וועט זיכער באזיגען דעם קייזער! האלטסטו נאך אלץ מיט די עליים? נו, ברודערקע, עס טוט מיר לייד פאר דיר! די דייטשען וועלען אייך צומאלען אויף אש! — האט דאס לעצטע א דייטש שטאלץ און פיעל באדייטענד ארויסגעזאגט.

איך האב אויפגענומען די פראגען און באמערקונגען וואויל־יונגעריש, שטאל און אייזען פאר די עליים, ווייל איך האב גוט אין זינען אריינגענומען די צוזאגען פון די „עליים“ צו באפרייען די וועלט פון דעספאטיזם און איבערהויפט נאך די פארשפרעכונגען פאר א פאלשטענדיגער באפרייאונג פון דעם אידישען פאלק.

דאך, טיעף אין הארצען איז געווען שווער. וואס פאר א גרויסען געפעהרליכען וועג עס שטעהט מיר פאר דורכצומאכען—עס קומט אבער צוריק א שטארקע אינערע שטימע, וועלכע האט הויך און איינגעשפארט געפאדערט, אז אלס איך דארף איך ווייזען ווי ווייט מיר זיינען פעהיג אויף אפפער פאר א גערעכטער זאך, און נאך דאן ווען אזוי פיעל גוטעס ווערט פארשפראכען דירעקט צו מיין פיעל געפלאגט פאלק, און כ׳האב נאך מיט מעהר ברען אנגעהויבען אגיטירען און דיסקוטירען פאר די עליים מיט די, וואס האבען אויס פאסיפיסטישע אדער אנדערע מאטיוען גערעדט געגען זיי.

עס האט ניט לאנג גענומען און די צווייטע קארטעלע איז אנגעקומען. אין עטליכע טעג ארום בין איך שוין געווען אין איינער פון די „דרעפט באארדס“. הייסט עס, אז פון די ריידערייען ווערט א פאקט. נאך שטארקער און דייטליכער איז עס פאר מיר געווארען, ווען איך האב דערזעהן אנדערע רעקרוטען, מיט פיעלע פון וועלכע עס זיינען געקומען זייערע מאמעס, פאטערס און אפט אויך א יונגע פרוי מיט א קינד. זייער געמאכטע קאלט־

קיט אָבער באַהאַלטענע שרעק, זאָרג און טרעהרען האָבען אַזוי פיינליך געדריקט, און איך האָב ערשט דאַ באַגריפען, וואָס עס קומט פאָר, ווי גרויס עס איז דער קרבן.

ווען מיין רייהע איז געקומען האָב איך אויף די פראגען פון דעם קלוירק געענטפערט, אַז איך בין אַ איד, בין פון רוסלאַנד, ערשט געוואָרען אַ בירגער, און ווען איך האָב אויף דער פראגע צו איך בין פאַר די עליים און צו געה איך וויליג, געענטפערט, אַז איך בין פאַר די עליים און וועל געהן וויליג, האָט ער געקוקט אויף מיר מיט עטוואָס אַ שפּאָטישען שמייכעלע... כמעט אַלע האָבען זיך פּרובירט אַרויסדרייען פון געבען אויף דעם אַ באַ־שטימטען ענטפער, ווייל מען האָט נאָך געזוכט און געהאָפט אויף אַ נס אָדער אויף פּראָטעקציע, אום אַרויסצודרעהען זיך פון דער געפאהר צו געהן אין קריעג.

נאָכ׳ן וועגען, מעסטען, אַרומטאַפּען און אַריינקוקען אין די צייהנער, האָבען די דאָקטוירים מיר אָנגעזאָגט, אַז זיי זיינען פון מיר העכסט צופריעדען און אַז אַלץ וואָס איך האָב איצט צו טאָן, איז וואַרטען ביז מען וועט מיך רופען אין קאַזאַרמע.

ביים אַרויסגעהן האָב איך באַגעגענט איינעם פון מיינע פריינד, „קינגשטיין”. עס איז מיר געווען פאַרשפּאַרט צו פרעגען אויב מען האָט איהם אָנגענומען: זיין מוטער איז געהאַנגען אויף זיין האַלז און ביטער געוויינט. וויפיעל מיר איז נאָר מעגליך געווען האָב איך זיי געטרייסט, אָבער אויפ׳ן האַרצען האָט אַזוי גע־דריקט. ווען איך האָב זיי פאַרלאָזען איז מיך באַפאַלען אַ בענקשאַפט נאָך אימיצען, אַ גאָר נאָהענטען, וואָס זאָל אויך איבער מיר וויינען מיט אָרעמס פאַרוואָרפען אַרום מיין האַלז.

מיט הורא־געשרייען און אָרקעסטער גרילצעריי האָט מען די נייע רעקרוטען אַרויסגעפיהרט פון שטאָדט צו דער אייזענבאהן־סטאַנציע און אַריינגעזעצט אין די וואַגאָנען. מיך זיינען געקור־מען באַגלייטען מיין שוועסטער, ברודער און זיין פרוי. אין יענעם מאָמענט האָב איך אַז זיך איינגאָנצען פאַרגעסען. עס האָט אַזוי וועה געטאָן פאַר זיי. ווי צוטומעלטע זיינען זיי געשטאַנען, גע־קוקט אויף מיר מיט אויגען וואָס וואָלטען וועלען זאָגען אַ ים, אָבער זייערע מיילער האָבען געשוויגען. ווען עס איז געגעבען געוואָ־רען דער סיגנאַל אָפּצוגעהן, האָט די מאַסע באַגלייטער און צוקוקער

אויסגעבראכען אין א הילכיגען הורא. ווי פייערדיגע ריטער האט־בען זיך דורכ׳ן אויסגעשריי דורכגעריסען היסטערישע קוויטשע־רייען און געשרייען פון די מוטערס און פרויען. אויך מיין ברודער האט זיך א ציה געטאן נאך דעם וואגאן, אזוי ווי ער וואלט דאן וועלען ארויסזאגען אלץ אויף איין מאל... די געשרייען און קוויטשערייען האבען געקלונגען ווי דורך א בייזען חלום, ווי פון א ווילד־צושראקענער סטאדע עלענדע שעפסען. דאנקען גאט, דער צוג איז אלץ האסטיגער אפגעגאנגען און זיי זיינען פאר־שוואונדען צוזאמען מיט די פאררויכערטע פאבריקען און הייזער פון דער שטאדט.

פעלד און וואלד, בוימעלע און הייזעלע האבען זיך פארביי־געצויגען. זייער ברייטקייט און פארגליווערטע שטילקייט האט אויך די נשמה בארוהיגט. עס שטעהט פאר א לאנגער וועג פון ליידען! נו, איז וואס? איז דען דאס א נייעס פאר דעם אידען וואס לעבט מיט יענעמס לעבען און קעמפפט אין אלעמענס מלחמות...

אט איז שוין דער קעמפ „דיקס״. מיר זיינען ארויס מיט אונזערע פעקלאך אין איין א לאנגער רייהע אוועקגעצויגען זיך נאך דעם אנפיהרער, אן אלטען סאלדאט. ערשט דא האב איך צום ערשטען מאל דערזעהען ווי א סאלדאט זעהט אויס. דער אנפיהרער האט אונז אויך געלאזט פיהלען וואס עס מיינט צו זיין א סאלדאט... עס איז עפעס געווען באליידיגענד איהם אויסצופאלגען, שטעלען זיך אין רייהען, ווערען געצעהלט, געהן אין א באשטימטער ארד־נונג, ניט אפשטעהן; עס איז געווען צום ערשטען מאל אז מיר האבען געמוזט געהן און שטעהן אזוי ווי יענער וויל.

מיר זיינען פארביינגעגאנגען קאזארמעס וואס מען האט נאך נעהאלטען אין בויען. ביי די זייטען וועג האבען מיר געטראפען גרופעס סאלדאטען וואס האבען געארבייט ביי׳ם ארויסרייסען אלטע שטאמען פון בוימער און אויסגלייכען דעם וועג. אייניגע פון זיי האבען צו אונז צוגעשריען: „העי, רוקיס, מארגען וועט איהר אויך געברויכען פיקעס און שאוולען. איהר זענט ריכטיג אריינגעפאלען!״

וועהען און קרעכצען

די ערשטע נאַכט איז אונז אויסגעקומען צו שלאָפען אויפ'ן דיל, אויף אַ ביסעל פאַנאַנדערגעוואָרפענע היי. דורכ'ן אָבענד האָבען אונז די עלטערע סאָלדאַטען, וואָס זיינען דאָ שוין געווען עטליכע וואָכען, דערצעהלט וועגען אונזער נייעם לעבען וואָס ערוואַרטעט אונז; וואָס פאַר ארבייטען מיר דאַרפען טאָן; וועלכער סאַרדזשענט איז אַ בעסערער און וועלכער איז אַ שלעכטער, אזוי, אַז ווען מיר זיינען געגאַנגען שלאָפען, איז אין מיין קאָפּ געווען אַ גאַנצער געמיש און עס האָבען זיך געפּלאָנטערט געשטאַלטען פון פאַר'שכור'טע סאַרדזשענטס.

אינדערפריה האָט מען אונז אויסגערופען ביי די נעמען, געגעבען אייניגע אינסטרוקציעס און צוטיילט בלעכענע געשיער און לעפעל. מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער שורה און אונטער דער אָנפיהרערשאַפט פון אייניגע סאַרדזשענטס אַריינגעפיהרט אין עס־צימער.

איך בין דאַן געווען היבש הונגעריג, אָבער דער גערוך פון די עסענס איז געווען אַזאַ עקעלהאַפטער, און אין קאָפּ ביי מיר האָט זיך געדרעהט: „עס איז חזיר, חזיר, חזיר!“; מיט אַ לאַנגזאַמער אומגעדולדיגקייט האָט זיך די שורה סאָלדאַטען געצויגען, איינער אהינטער דעם צווייטענס פלייצעס. וויגענדיג זיך פון פוס אויף פוס האָט מען אַרויסגעצויגען די העלזער איבער די שולטערען פון די וואָס באַוועגען זיך פאַראויס, צו זעהן וואָס אַזעלכעס גיט מען עס דאָרטען. און גלייך ביים אָנפאַנג האָבען מיר זיך באַקענט מיט די באַריהמטע „בינס“. אָבער פאַר אונז אידען איז דער עסען געווען ניט נאָר פרעמד, נאָר עקעלהאַפט, ווייל וואָס מען האָט נאָר געקאָכט, איז אין דעם אַלעמאָל אַרומגעשוואומען שטיקער חזיר און חזיר־פעל. צו מיר אין טעלער איז איינמאָל אַריינגעפאַלען אַזאַ שטיק חזיר־פעל, אַז עס וואָלט געווען גרוים גענוג צו פאַרריכטען אַ פאָר שטאַרק צוריסענע שיך.

אין עטליכע טעג אַרום האָט מען אונז אויסגעשטאַטעט אין סאָלדאַטסקע קליידער און אָנגעהויבען אַלץ מעהר דריקען מיט די מיליטערישע דרילס. פלעגט איינער ניט אַזוי געשיקט אויספיהרען די נויטיגע באַוועגונג און נאָך ענטפערען מיט אַן אומצופרידענער

מינע אויף די געשרייען און זידלערייען פון דעם עלטסטען, פלעגט ער איהם נאך מעהר זידלען און זאגען דערביי: „דו גאט פאר־דאמטער רוקי. געדענק, אז דו ביזט ניט מעהר אין דערהיים — ביזט אין דער ארמיי! — מען האט געשוויגען און געמוזט אויספאלגען.

נאך די איבונגען פלעגט מען שילטען, קריצען מיט די צייהן אויף די עלטסטע. ווען נאר א פאר סאלדאטען פלעגען זיך צוזאמענ־טרעפען און ריידען, איז זייער איינציגע זארגט געווען, ווי אזוי ארויסצודרעהען זיך פון דער ארמיי. גאר־גאר ווייניגע האבען ערנסט גענומען די ציעלען פון קריעג. אבער אויך די האבען געמוזט שווייגען, אדער אפילו מיטשילטען מיט די אנדערע, אום ניט אריינצוברענגען א דיסאנאנס אין דער אלגעמיינער פארבי־טערטער שטימונג.

איין נאכט, ווען די מעהרסטע פון אונז זיינען שוין געשלאפען אויף אונזערע בעטלאך, מיעדע, נאך דעם לאנגען טאג פון מוש־טירען, זיך דרעהען רעכטס, לינקס, פיזישע איבונגען א. אז. וו., האבען מיר זיך איינגענורעט אין אונזערע געלעגערס. דער טרומ־פייט האט שוין לאנג אנגעזאגט אויסצולעשען די ליכט, איך בין שוין געווען באלד איינגעשלאפען, ווען מיין שכן, א געזונטער שייגעץ, האט מיך אויפגעוועקט. „הערסט? הערסט? האט ער מיך געטרייסעלט. איך האב זיך אויפגעכאפט, זיך איינגעהערט און גלייך פארשטאנען וואס ער מיינט: אין דער פינסטערניש און שטילקייט פון דער נאכט האט זיך דא פון דעם און דא פון א צווייטען ווינקעל, דערטראגען א פארשטיקטער קרעכצען און כליפען אזוי ווי פון קינדער.

„אויך דו וויינסט, בלום!" האב איך געזאגט, ווען איך האב דערהערט מיין שכן׳ס שלוכצען.

„א, טייוועל, ניין, איך וויין ניט! איך בין ניט פון די וויינענ־דיגע!" האט ער זיך אפגעענטפערט. א ווײַלע איז געווען שטיל, אבער באלד האט זיך דערהערט א שארען און א פארשטיקטער אטעמען. ער האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין בעטעל און אריבער־בויגענדיג זיך איבער מיר האט ער האסטיג אנגעהויבען שעפטשען איבער מיין פנים.

„ביי גאט, איך וועל איהם ערמארדען ביי דער ערשטער גע־לעגענהייט! אפילו ווען מיר וועט זיך איינגעבען ארויסצורייסען זיך פון דער ארמעע, וועל איך איהם אינמיטען גאס דערשיסען

ווי א משוגע׳נעם הונט״. „אין דעם פארדאמטען לאנד איז אלץ „כאבאר״ און „פעיק״, האט ער ווייטער גערעדט. „איך האב נים געדארפט געהן. איך האב א פרוי מיט א דריי יאהריג קינד און האב זיכער ערוואַרטעט, אז מען זאל מיך ניט נעהמען, און דער פארזיצענדער וויים גוט אז איך מוז זיי ערנעהרען, ווייל איך ביז דאך ניט קיין ביזנעס־מאַן. אבער ער האט געהאט געגען מיר א קריוודע, האט ער מיך איינגעשפארט. ער האט געדארפט מיט מיר פארפילען די צאהל, ווייל ער האט געוואלט באפרייען זיינעם א פריינד׳ס א זוהנדעל, א געזונטען, אבגעפּאשעטען לאבוס, און איך קאן נאך איבערצייגען, אז ער האט ביי פיעלע גענומען געלט. פארשטעהסט? דער וואס האט געלט ווערט באפרייט אפילו פון דער הייליגער דיענסט פאר׳ן לאנד. אבער ער האט דא אנגע־טראפען אויף א הארטען נוס. אט לאם מיך נאר באפרייט ווערען, וועל איך איהם צייגען!״ האט ער פארענדיגט, איז נאך א ווײלע געזעסען אויפ׳ן ראנד פון זיין בעטעל און צוריק אוועקגעלעגט זיך, און פאר לאנגע שטונדען האט זיך געהערט זיין ארומדרעהען זיך און שווערער זיפצען.

ביימאג האבען זיי זיך געשעמט, אבער אונטער דעם שלייער פון דער נאכט, איינגעוויקעלט אין די צודעקען, האבען זיך צו־שפּיעלט זייערע געפיהלען. און יעדער נייער קרעכץ, יעדער פארשטיקטער כליפּען פון די געגען־זייער־ווילען אפּגעריסענע און אהער געבראכטע, האט דאס הארץ געשניטען ווי מיט מעסערס, און אויך דער שטארקער הערבסט־ווינט האט אזוי ווי מיט א פארשטיקטען געוויין געקלאפּט אין די פענסטער און גע־ריסען זיך דורך די ברייטע ווענטילאציע לעכער אויבען אין דאך.

אין די שפּעטערע נעכט האבען די קרעכצען ביסלעכווייז אויפ־געהערט. זיי זיינען אנפאנגס געווארען זעלטענער, צום סוף פאר־באהאלטען געווארען אין אונזערע הערצער, און האבען בלויז דורך די ווינקעלאך פון די אויגען ארויסגעקוקט. אין די נאך שפּעטערע נעכט, — און דאס איז שוין געווען דאן, ווען מיר זיינען געווען מעהר־וועניגער אויסגעבילדעטע סאלדאטען, אין פולע אוניפארמס, האבען שוין געשאסען אין ציעל און פלעגען מיט א רעווען און שילטען דורכמאכען אונזער באיאנעט פּראקטים, זיינען די קא־זארמעס אנגעפילט געווארען מיט געזונטען לעבען און געלעכטער דורך די לאנגע אבענד־שטונדען.

אין גרופּקעס, אויסגעזעצט אויף אַ פּאָר צוזאַמענגעראָקטע בעטלאַד, האָבן פיעלע פאַרבראַכט זייערע גאַנצע אָבענדן אין קאָרטען אָדער ביינדלעך שפּיעלן, — עס איז געווען שטרענג פאַר־באָטן, אָבער מיר האָבן שנעל אויסגעפונען, אַז פיעלע שטרענג פאַרבאָטענע זאַכן קאָנען אַמאָל מיט לייכטערע און אַמאָל מיט שווערערע קאָנזעקווענצן דורכגעפיהרט ווערן: קאָרטן־שפּיע־לען, וואַרפן ביינדלעך, איז געווען אַם שטרענגסטן פאַרבאָטן, און דערפאַר טאַקע האָט מען עס אַממעהרסטענס פּראַקטיצירט. שנאַפּס אַריינצוברענגען אין די קאַזאַרמעס איז געווען נאָך שטרענ־גער פאַרבאָטן, אָבער עס האָט אויך ניט געהאָלפן. און ווער. איינענטליך, האָט געזאָלט דעם פאַרבאָט דורכפיהרען, אַז דער הויפּט־אויפזעהער אַליין, אונזער טאָפּ־סאַרדזשענט, איז געווען דער גרעסטער שכור.

איינמאָל, ווען ער איז געווען זעהר שטאַרק באַזויפן, האָבן מיר מיט איהם געהאַט אַ זעהר קאָמישע ערפאַהרונג. עס איז שוין געווען אַרום 8.30 אין אָבענד. די סאָלדאַטען וואָס האָבן פאַר־בראַכט אין דער „יאַנג מענס קריסטשען אססין" בילדינג, האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען און אויסבעטען זייערע געלעגערס. די וועלכע האָבן געשפּיעלט אין קאָרטען אָדער קרעפּ האָבן זיך צוגעאיילט צו דערשפּיעלן נאָך אַ קאָן, ווייל באַלד לעשט מען אויס די ליכט, דאַן האָט זיך אונזער טאָפּ־סאַרדזשענט, אַ סאָלדאַט וואָס האָט געדיענט אַרום צוואַנציג יאָהר, מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט פון זיין שכור'ן שלאָף מיט אַ ליאַרם און געפילדער, וועלכער האָט גלייך אַלעמען געבראַכט אויף די פיס.

„באָיס, וואָס שווייגט איהר? וואָס קוקט איהר אויף מיר ווי די גלאָמפּן? זעהט איהר ניט אַז זיי קומען? זיי זיינען שוין אין האָבאָקען, זיי באָמבאַרדירען אונזערע ברעגען! די סטעטשו אָוו ליבערטי איז שוין אַרונטערגעשאָסען געוואָרען!" האָט ער זיך צושריען מיט ברייט צועפּענטע אויגען, ווילד פאָכענ־דיג מיט די הענט; פון איבעררואשונג זיינען מיר נאָך אַלץ געשטאַנען אויף אונזערע פּלעצער ניט וויסענדיג וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער ער איז נאָך אויפגערעגטער געוואָרען, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ גרופּע שפּילער, פאַנאַנדערגעוואָרפן זייערע קאָרטען און געלד איבער'ן גאַנצן דיעל און האָט נאָך העכער אָנגעהויבן שרייען: „וואָס שווייגט איהר? לויפט אַרונטער און כאַפּט אייערע ביק־

סען! הערט איהר ניט ווי די דייטשען באמבארדירען אונזערע אמעריקאנער ברעגען?" ביי זיינע לעצטע ווערטער האבען מיר אויסגעשאסען אין אזא הילכינען געלעכטער, אז די ווענט האבען זיך אנגעהויבען טרייסלען, און גלייך איז געווארען אזא שרעקלי־כער ליארם, געשריי, געלאף און שפּרינגערייען מיט אויסרופען: „די דייטשען קומען! כאפּט זיי! יאגט זיי! הרג׳עט זיי!

מיר האבען אנגעכאפּט דעם שכור׳ן סארדזשענט און אנגעהויבען מיט איהם היין און הער ארומלויפען. דאן האט ער זיך אביסעל אויסגעניכטערט און פארשטעהענדיג די סיטואציע וואס ער האט דא געשאפען, האט ער אנפאנגס, כלומר׳שט פארטזעצענדיג דעם שפּאס, און שפּעטער־צו מיט בייזען, געפּרואווט אונז איינשטילען. אבער דאס מאל איז עס איהם אזוי לייכט ניט אנגעקומען. ביז שפּעט אין דער נאכט, ווען די ליכט זיינען שוין לאנג, לאנג געווען אויסגעלאשען, האבען מיר געשריען, געמיאוקעט און געבולען, אזוי ווי קעץ, הינט און סתם ווילדע קוויטשערייען און געשרייען, ניט געהמענדיג אין אכט זיין שכור׳ן בייזערען זיך און סטראשען, אז ער וועט זיך מיט אונז אפּרעכענען.

אבער ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער איז געווען אין אזא מיאוס׳ן צושטאנד, איז ער דאך געווען אויך דעם קומענדען, אזוי ווי אלע פריהמארגענס, דער ערשטער אויפצושטעהן און אונז אויפוועקען מיט זיין הילכיגען געשריי: „רייז ענד שיין". דאס הייסט: שטעה אויף און שמייכעל!

טאָג-איין, טאָג-אויס

די טעג זיינען געוואָרען קלענער. דרויסען נאָך פינסטער. מיר זיינען אויפגעשטאַנען, אָבער געוועז וויט פון שמייכלען.

מען איז ערשט פון אונטער די וואַרימע קאָלדרעס ארויס, אין קאַזאַרמע איז קאַלט, א פאַרע שלאָגט פון מויל. מען פריהרט. קרעכצען טראָגען זיך פון אַלע זייטען, און דאָ איילט נאָך דער „טאָפּ סאַרדזשענט״.

„העי, שעיק איי לעג!״ — וואָס מיינט אויף זיין שפּראַך, אַז מען זאָל עס מאַכען שנעלער. באַלד טאַקע צוטראָגט זיך זיין פייף און מען לויפט אַראָפּ פון די שטיגען אין גאַס, אַוועקצושטעלען זיך אין רייהע. אייניגע שטעלען זיך אַוועק ניט דאָרט וואו זיי געהערען, ווערט אַ טומעל מיט אַ רוקעריי, קריגעריי און מורא־דיגע קללות אין באַגלייטונג. צו אַנדערע קומט צו דער סאַרד־זשענט, הויבט אויף די ברעגען פון אויבערמאַנטעל און דערזעהט נאַקעטע פיס אין די שיך: ניט צייט געהאַט אָנצוטאָן די זאָקען און די לעגינס, און ער בייזערט זיך:

„ביזסט אַזוי אַ סאָלדאַט, ווי איך בין אַ וואָדעוויל טענצער!״ אָבער קיינער לאַכט ניט. מען וואַרט אויפ׳ן אָפיציער, און ווי נאָר ער קומט אַ פאַרשלאָפענער, דורכגענומען פון דער פריהמאָרגענ־דיגער פייכטקייט, טהוט דער סאַרדזשענט אַ געשריי:

„אַטענשאָן!״

אַלע ציהען זיך אויס, ציטערען פון קעלט. דער סאַרדזשענט רופט:

„אַבעלאָוו!״

„היער״.

„אַש!״

„היער״.

און אַזוי ווייטער אין אַן אַלפאַבעטישער אָרדנונג. אייניגע פעהלען אויס. ניט גענוג צייט געהאַט ארונטערצולויפען. די וועלען שוין קריגען זייער שטראָף.

די ביוגלערס הויבען אָן שפּילען, כריפען, די צופראָרענע ליפּען ברענגען ניט ארויס די קלאַנגען ווי עס געהער צו זיין. נאָכ׳ן שפּילען לאָזט מען פאַנאַנדער די קאָמפּאַני. די סאָלדאַטען

פליהען ארויף די טרעפ, פארבעטען די געלעגערס. טוען אן די פאר־פעהלטע טיילען פון אוניפארם און באלד וואקסט אויס א גרויסע שורה אין עס־צימער.

נאכ׳ן עסען און אויסוואשען די בלעכענע געשיר, נעהמט מען די ביקסען. ווידער אמאל רופט דער ביוגל. די לאנגע שורה סאל־דאטען פארמירט זיך מיט די באיאנעטען ביים זייט. ווידער קומט דער אפיציער, די נעמען ווערען נאך אמאל גערופען, א פאר קאמאנדעס „סקוואדס רייט!“ און די שורה ווערט מאמענטאל געבראכען. עס פארמירען זיך גרופען צו פיער זייט ביי זייט, רייהע נאך רייהע — און מארטש אין פעלד אריין.

ווייט אין פעלד קומען די פארשידענע דרילס, מארשירען אין פארשידענע צאהלען, ריכטונגען און שנעלקייט. נאכדעם ציעלען אין אויסגעמאלטע קרייזען, אזוי ביז עס קומט אן די מיטאג־שטונדע.

נאכמיטאג ווידער אמאל די זעלבע פראגראם פון מושטירען זיך ביז שפעט אין אבענד, ווען עס קומט אן „רעטריט“.

„רעטריט“ איז א מין ערהאבענע סאלדאטסקע צערעמאניע. מען מוז זיין אויסגעפוצט, ריין, און ווען די קאמאנדע קומט ווערט די קאמפאני סאלדאטען אזוי ווי צוזאמענגעשמאלצען א־ן איין גלייכער שורה. די טרומפייט־רופען און די שפיעלערייען זיינען לענגערע, שעהנערע, קרעפטיגערע. איין טרומפייט־רוף קומט צום אמעריקאנעם פלאג, דאן טאר מען זיך ניט געבען קיין ריהר, קיין פינטעל מיט׳ן אויג. דער קאלאנעל און די אפיציערען סאליוטען דעם פלאג, וועלכער ווערט אראפגעלאזען פאר איבער־נאכט, און אזוי איז א טאג אריבער, ביז דעם קומענדען פריה־מארגען.

מעגליך אז דעם קומענדען פריהמארגען וועט זיין לייכטער, אז גלייך נאכ׳ן עסען ברעקפעסט וועט מען האבען פיזישע איבונגען און נאך די איבונגען וועט קומען דער געזאנג־אפיציער און מען וועט פאר א האלבע שטונדע זינגען פארשידענע ליעדער.

די לידער זיינען סאלדאטסקע, מיט׳ן פראסטען „העיל, העיל, דהי גענג איז אל היער“, אבער חברה ליבען אם בעסטען זייער היימישען געזאנג — „בעק האום אגען אין אינדיאנא“ (צוריק אהיים אין אינדיאנא).

באַיאָנעטען

וואָס אַ טאָג אַלץ שווערער זיינען געוואָרען די איבונגען, אַלץ דריקענדער די לאַסט און אַלץ אָפּטער האָט דער סאַרדזשענט געשריען: „גאָט פאַרדאַם דיך! ביזט ניט אין דערהיים, ביזט אין דער אַרמעע!"

פון זונען אויפגאַנג ביז זונען אונטערגאַנג האָט מען אונז געהאַלטען אין פעלד. מען האָט זיך שוין מושטירט מיט ביקסען און באַיאָנעטען, אַנשטאָט פלעקער. מען האָט אויפגעשטעלט פאַרשידענע דאַמים, פיגורען מיט אויפשריפטען: „קייזער", „קרוינפרינץ", „דייטש", און אויסשטעלענדיג אונז אין אַ רייהע האָבען מיר געדאַרפט איינער נאָך איינעם לויפען מיט אָנגעשטעלטע באַיאָנעטען, רעווען, שרייען, שילטען און צולויפענדיג צו דער פיגור וואָס איז געווען אַ בינטעל האָלץ אָדער אַ זאַק מיט שטרוי אין מענשליכען גרויס, דורכמאַכען איינינע איבונגען. אַ לאַנגער שטאָך, אַ קורצער שטאָך, אַ שניט אין האַלז, אַ קלאַפּ מיט'ן טעמפּען זייט פון ביקס און ווייטער לויפען און געבען דעם קומענדען סאָלדאַט פּלאַץ דורכצומאַכען דיזעלבע פּראָצעדור. אין אַזעלכע מאָמענטען פלעגט די גאַנצע סצענע אויסזעהן ווי אַ ווילדער טאַנץ פון אינדיאַנער.

ביי איינעם פון אָט די איבונגען האָט מושטירט דער בלאָנדער אָפיציער, וועמען מיר האָבען געהאַסט פאַר זיין שטרענגקייט און באַגייסטערונג צום בלוטיגען שפּיעל. ער האָט מעהר פון אַנדערע פאַרלאַנגט און געצוואונגען אַז מיר זאָלען די איבונגען דורכפיהרען וואָס ווילדער און רעווען אַזוי ווי פאַררוקטע. ווען מיין אָפּטיילונג איז געלאָפען צו די פיגורען האָט ער באַמערקט, אַז איך שריי ניט שטאַרק גענוג. ער האָט אונז דאַן אָפּגעשטעלט, מיך אַרויסגערופען און געהייסען אַז איך זאָל אַליין דורכמאַכען די גאַנצע פּראָצעדור. כ'האָב געפּרוואווט שרייען, רעווען, אָבער ס'איז אַלץ ניט אַרויסגעקומען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. פינף מאָל בין איך דורכגעלאָפען דעם רונד און וואָס מיעדער און פאַרצווייפעלטער איך בין געוואָרען, אַלץ וועניגער האָב איך געשריען, ביז איך האָב צום סוף באַשלאָסען ביי זיך, באַדאַי פאַלען — איך שריי ניט מעהר! די איבעריגע, זעהט אויס האָבען פאַרשטאַנען מיין

ענטשלום און האבען מיך מיט זייערע בליקען ערמונטערט. ענדליך האט דער אפיציער מיך אפגעשטעלט, ארויסגעריסען דעם ביקס פון מיינע הענט און מיט שוים אויף די ליפען געשריען: „געהסטו דא צו א פיק־ניק? געהסטו דא אין א סינאגאגע? קאנסטו ניט שרייען? ווייסטו ניט, אז מען דארף דערשטעכען דעם דייטש איידער ער קאן זיך א ריהר טאן? ! אט אזוי דארף מען טאן: קוק, דו גאט־פארדאמטער!" און ער האט א צוהיצטער, א רויטער, אזש די אדערען האבען זיך אנגעבלאזען, איינינע מאל דורכגעלאפען דעם רונד מיט א הייזעריגען רעווען, און האט צום סוף זיך אפ־געשטעלט אנטקעגען מיר, ווען טראפענס שוויים האבען פון איהם גערונען און אויססיפענדיג: „זעהסט, דזשו, ווי מען דארף שטעכען דייטשען?" האט ער א ווארף געטאן דעם ביקס מיר אין פנים אריין, אבער איך האב איהם מאמענטאל אויפגעכאפט מיט מיינע הענט איידער ער האט מיך באריהרט.

„ביזט נאך אלץ מיט די עליים?"—האבען איינינע אידישע און קריסטליכע סאלדאטען מיך געפרעגט, זיך רייצענדיג מיט מיר. אבער פארקוועטשענדיג די צייהן האב איך זיי ניט געענטפערט.

יענעם אבענד איז צו אונז געקומען א פארטרעטער פון דער אידישער וועלפעיר באארד און האט אנגעזאגט די אידישע סאל־דאטען, אז זיי זאלען זיך פארזאמלען אין דער געביידע פון דער יאנג מענס קריסטשען אסאסיאיישאן, ווייל עס קומט דער יונגער רבי דרייזין פון פילאדעלפיא. איך האב זיך דערפרעהט מיט די נייעס. עס איז געווען ווי א ליכטיגער שטראהל צו דעם עלענד און צעווארפענקייט פון די אידען אין לאגער. אויפ'ן הארצען איז מיר יענעם אבענד געווען ביטערער ווי אן אנדערש מאל, אבער זאלען די לײדען אפילו פארפיעלפאכט ווערען, אבי אונזער פאלק וועט געהאלפען ווערען! קומענדען מאל וועל איך רעווען, רעווען ווי א ווילדער אינדיאנער, אויב עס איז אזוי דער געבאט פון די אנגעשטעלטע, וואס ווילען פון אונז מאכען פרייי־הייטס־קעמפער...

ווען מיר האבען ארומגערינגעלט דעם יונגען רבי האבען זיך פיעלע צו איהם געווענדט מיט פארשיידענע פראגען און אויך איך האב זיך ענדליך געמאכט הארץ און ארויסגעבראכט פאר איהם

מיין פּלאַן, מיט וועלכען איך האָב זיך אַרומגעטראָגען פאַר אַ היבשער צייט. מיין פאַרשלאַג איז געווען —

אַזוי ווי מיר, אידישע סאָלדאַטען, זיינען אָפּגעריסען פון דער אידישער גאַס און קאָנען מעהר גאָרנישט טאָן פאַר אונזער פאָלק, זאָלען אַלע אידישע סאָלדאַטען פון אַלע קעמפּס שטימען פאַר דעם, אַז אַ טייל פון אונזער געהאַלט זאָל געהן אויף אידישער רעליעף פאַר מלחמה קרבנות און פאַר אויפבויען ארץ־ישראל. דאָס געלט זאָל געצאָהלט ווערען מיט אונזער צושטימונג ביי דער רעגירונג און אַראָפּגענומען ווערען פון אונזער געהאַלט.

דער רבי און די אַנוועזענדע האָבען גוט־געהייסען דעם פּלאַן, אָבער דערביי איז עס געבליבען.

אין אייניגע טעג אַרום האָבען זיך אָנגעהויבען אַרומטראָגען קלאַנגען אַז מען צושיקט אונז איבער אַנדערע קעמפּס, און באַלד טאָקע האָט מען אונז וועגען דעם געמאָלדען און אויסגערופען די נעמען פון די וואָס וועלען אָפּגעשיקט ווערען אין קעמפּ גאָרדאָן. אויך מיין נאָמען איז געווען צווישען די וואָס ווערען געשיקט אין דער ווייטער סאַוט.

די קאָמאַנדירען פון די קאָמפּאַנים האָבען געטאָן זייער בעס־טעס אום צו געבען אונז אַ געהויבענעם זיי־געזונד. ערשטענס האָט מען אַלע די וואָס מען האָט געדאַרפט אָפּשיקען געלאָזט פאָהרען אַהיים געזעגענען זיך, און דערנאָך, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען האָט מען אין יעדער קאָמפּאַני דורכגעפיהרט אָפּשידס־אָבענדען.

די פּראָגראַמען ביי די אָפּשידס־אָבענדען זיינען צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרען אויף אַן עכט אַמעריקאַנעם שטייגער: ביסט־פּייטס, רעסלינג איבערגעזאָלצענע און איבערגעפּעפּערטע קופּלעט־לאַך און לידלעך, וועלכע האָבען מערסטענטיילס פאַרגעשטעלט דעם אידען פאַר אַלעם וואָס איהר ווילט נאָר אליין... און אַלע האָבען הארציג געלאַכט, און אויך דער איד האָט מיטגעלאַכט... און מיטלאַכען מוז מען, ווייל עס איז דער בעסטער מיטעל ווי אַזוי צו האַלטען דעם זאַגנגאַנגען וויץ און שפּאָס ליעדעל וועגען ליוואַי און קאָהן אין די ראַמען פון שפּאָס און וויץ; איין אידישער סאָל־דאַט, אַ ניו יאָרקער, אַ געוויסער פרידלאַנד, פון דער 16טער קאָמפּאַני, האָט באַזיעגט אין רעסלינג איינעם פון די טשעמפּיאָנס אין קעמפּ דיקס, „פּרייוועט וועגנעראָף" פון בעיאָן, אַ טשעמפּיאָן,

און דערמיט האָט מען די גאַנצע קאָמפּאַני געוואונען אויף דער אידישער זייט. און ס'איז ארומגעגאַנגען צווישען די גויים א ווערטעל, אז ווען נאָר מען פּאַרטשעפּעט זיך מיט א אידען, וועט זיין „ביג בראָדער", פרידלאַנד אָדער ווענגעראָף, זיך אָננעהמען פאַר איהם.

דער יום־טוב איז אוועק און מען האָט זיך גענומען צום באַריהמטען קלומיקעל און צום מיליטערישען מאַרטש, ארויפגעזעצט זיך אויפ'ן צוג און ווייטער געפאָהרען. די באַפעלקערונג וואו מיר זיינען נאָר דורכגעפאָהרען איז שוין געווען צוגעוואוהנט צו דעם יום־טוב פון פיהרען געפּאַקטע טריינס מיט סאָלדאַטען. אויף די ערשטע סטאַנציעס פלעגט מען נאָך ארויסקומען זעהן ווי די באַיס פאָהרען אָפּ אין דער ווייטער סאוט און מען האָט נאָך געבראַכט פאַר א גאַנצער טריין מיט וועלכע 600 סאָלדאַטען, א צוויי קערבלאַך עפּעל און עטליכע הונדערט סיגאַרען, אָבער וואָס ווייטער מיר זיינען געפאָהרען אַלץ וועניגער אויפמערקזאַמקייט האָט מען אונז געשאָנקען. עס איז ווירקליך געווען פאַרדריסליך און צו דערזעלבער צייט קאָמיש צו זעהן, ווי אזוי אויף די סטאַנציעס און אין די טיהרען פון די הייזער וועלכע מיר זיינען פאַרבייגעפאָהרען, פלעגען זיך באַווייזען פרויען מיט פאַרלעגטע הענט און קוים ענטפערען אויף די הורא־געשרייען פון די באַיעס: קוים ארויסנעהמען א האַנט, זי פויל אויפהויבען און שווער ארונטערלאָזען. אין א היבשער ווייַלע ארום ווידער ארויסנעהמען, ווידער פויל אראָפּלאָזען און אזוי ווייטער, פונקט ווי דאָס האַלטען די האַנט און דורך דעם באַגריסען די סאָלדאַטען, וואָלט איהר עפּעס געקאָסט.

און די סאָלדאַטען שרייען און טומלען ווי נאָר זיי האָבען דערזעהן א לעבעדיגען מענשען, — אָפּגעריסען פון זייערע ליעבע און טהייערע, אָפּגעטיילט פון זיי מיט אן אייזערנער וואַנט, האָט זיך אונז געוואָלט ארייַנכאַפּען נאָך א שמייכעל, נאָך א ביסעל מיטגעפיהל און אַנערקענונג פון די וואָס בלייבען דאָ איבער, און מיר האָבען געשריען, געפּאַכט מיט די הענט צו די פרייע מענשען אויף דער צווייטער זייט פענסטער. אָבער זעהענדיג, אז מען ענטפערט ניט, זיינען מיר שטיל געוואָרען.

איך האָב זיך אָפּגעזוכט מיין געזינטעל, מיינע אידישע באַיעס, די קאָהנ'ס, ליוויי'ס און גאָלדשטיינ'ס, און מיר האָבען זיך געפיהרט אונזערע ליעבלינגס געשפּרעכען וועגען דער אונפאַרגעס־

ליעבר היים, וועגען קעמפ דיקס, קעמפ גארדאן און עקזעמפשאן.

די 45 שעה פון דעם וועג צו קעמפ גארדאן האבען זיך געצויגען ווי פון פעך, אויסער די איינינגע שעה ווען מיר, אידישע סאלדאטען, פלעגען זיך צוזאמענקלייבען און פיהרען אונזערע באליעבטע געשפרעכען ווייעדער אמאל וועגען וועלט־שמערץ, וועגען ציוניזם און די אידישע אויסזיכטען אויף באקומען פאלעסטינא נאכ׳ן קריעג. דאן וועגען ליטעראטור און מוזיק. אלעמענס געזיכטער האבען געשטראהלט: קרייזלער, גלוק, עלמאן, צימבאליסט, גודאווסקי, אלטשולער, יאשקע חפץ, — חפץ, אך חפץ! ווי קרעפטיג, ווי רונד, ווי זיס זיינע טענער זיינען: זיין פיעדעלע וויינט, זיין פידעלע זינגט און צוגיסט זיך אין אזא ליעבליכען טרויער ווי דער מאמע׳ס אמאליגע תחינה ביים ליכט־בענשען. אין אזעלכע געשפרעכען, צוגעגעבען נאך דעם שטענדיגען דערמאנען די ליעבע היים, די טהייערע און ליעבע וואס זיינען דארטען געבליבען, רוקען זיך אלץ ווייטער און ווייטער די פעלדער און וועלדער, ביז מיר זיינען אנגעקומען אין קעמפ גארדאן, וואס איז געווען אן 18 מייל פון אנלאנטא, דזשארדזשיא, וועלכע האט אויסער איהרע נעגערם, קאטען און זוניגקייט, פאר אונז אידען ארויפגעבראכט א שווערע עראינערונג וועגען דער לעא פרענק קיים, וואס האט זיך דא אפגעשפיעלט.

אין קעמפ גארדאן

גלייכצייטיג מיט אונזער פארטיע פון קעמפ דיקס זיינען אנגעקומען נאך גרויסע גרופען סאלדאטען פון אנדערע קעמפס, אייניגע פון דער ווייטער וועסט. צווישען די לעצטע זיינען געווען א קליינע צאהל אינדיאנער און מעקסיקאנער. מען האט אונז צוזאמענגעטריבען אין דעם גרויסען אדיטאריום. ביי א דוצענד אנגעשטעלטע האבען שנעל געארבייטביים אויפנעמען די נייאנגעקומענע, וועלכע זיינען שנעל צוטיילט געווארען אין באזונדערע גרופען. ווען איך בין צוגעקומען צו מיין נייער גרופע, האט מען מיר אריינגעראמט א סוד, אז מיר וועלען באלאנגען צו דער ארטילעריע. ווען מען איז פארטיג געווארען מיט דער צוטיילונג האט מען מיין גרופע צוגעפיהרט צו א האספיטאל־סטאנציע. מען האט ווידער עקזאמינירט, אריינגעשטאכען די נאדעל מיט איינשפריצונגען, און ערשט דאן האט א קליינינקער עלטערער אפיציער גענומען אונז איינעם ביי איינעם אויספרעגען וועגען יעדענס בילדונג, פראפעסיע און דאס גלייכען.

ווען ער האט זיך ביי מיר נאכגעפרעגט וועגען מיין באשעפטיגונג און וואס איך קען, האב איך צווישען אנדערעס אנגעגעבען, אז איך קען מוזיק. „דאס איז גוט!“ האט ער ערמוטיגענד צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ און האט באלד אפגעשיקט מיך, מיט נאך אייניגע, צום באראק נומער 9, בלאק „פי“. ווען מיר זיינען אהין צוגעקומען איז אונז גלייך פרעהליכער געווארען אויפ׳ן הארצ׳ן. אויף דער שילד האט זיך געלעזען: „הויפט־קווארטיר 321 פעלד־ארטילעריע“ — א הויכער, ריזיג־געבויטער סארדזשענט האט אונז אויפגענומען אהן צערעמאניעס און מיט דערזעלבער מינע מיט וועלכער ער וואלט געהייסען אוועקלעגען אין סקלאד סאלדאטסקע קליידער, האט ער געארדערט א קארפאראל צו געבען אונז בעטלעך, אנצייגען די פלעצער און דערנאך געהן מיט זעק נאך שטרוי פאר׳ן מאטראץ.

ווען איך האב זיך איינגעארדענט און אויסגעלייגט מיינע צורעקען וואס בעסער, אום צו געפעלען ווערען דעם סארדזשענט,

האָב איך צו מיין צופרידענהייט באַמערקט, אַז מיין פענסטער קוקט אַרויס צו אַ וואַלד, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען גלייך דערביי אויפ'ן צווייטען זייט פון ברייטען וועג. ווייטער־צו איז גע־ווען אַ קיים נידעריגע בערג, אויף וועלכע די זון האָט זיך אָנגעהויבען איצט אַראָפּזעצען און פאַרבען די געגענד אַרום מיט פאַנטאַס־טיש שעהנע קאָלירען און שאָטענס. די נייאיגקייט פון דעם פּלאַץ און מיין עלענד האָט זיך ענג צוזאַמענגעפלאָכטען מיט'ן אומעט פון פאַרגעהענדען טאָג. איך האָב מיט מיין גאַנצען וועזען באַגריפען ווי ווייט איך בין פון מיינע אייגענע, ווי פאַרוואָרפען און אַליין איך בין.

בילד נאָך בילד האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט פאַר מיינע אויגען, אין די צווישענשאָטענס פון די לעצטע זונען־שטראַהלען; דעם פאָ־טער'ס קבר, אין אַ שטעדטעל פון טשערניגאָווער גובערניע. דער מוטערס אין קיעוו, צוויי שוועסטער צעוואָרפען איבער אַנדערע פונקטען אין רוסלאַנד און אַ ברודער — אומבאַוואוסט וואו. צו־זעעט און צושפּרייט. אין איין נעסט אויסגעוואָרימט געוואָרען, און איצט צעוואָרפען איבער טויזענדער מיילען ווייט און ברייט, איבער רוסלאַנד, אַמעריקא, קאַנאַדא. איך וועל באַלד ווידער אַמאָל אַריבערקרייצען דעם אַטלאַנטיק קיין פראַנקרייך, פון וועלכער איך האָב אַפילו ניט געחלומ'ט. אויב איך וועל גאַנץ בלייבען, וועל איך נאָכ'ן קריעג געהן קיין ארץ־ישראל. אַ גאָט! דער שטאַרק־סטער שטורמווינט צוטראָגט ניט אַזוי ווייט דעם דינסטען שטויב ווי דער איד ווערט פאַנאַנדערגעוואָרפען דורכ'ן גלות־לעבען.

„אַ נייער סאָלדאַט?“ האָט מיך אַ שטימע אויפגעוועקט פון מיינע שווערע געדאַנקען.

„יאָ!“ האָב איך געענטפערט אומקעהרענדיג זיך צום פרעגער און צו מיין צופרידענהייט האָב איך דערקענט אין דעם פעסט־געבויטען מיטעל־וואוקסיגען בלאָנדען קאָרפּאָראַל — אַ אידען.

„אַ איד?“

„אַ איד!“

„אַ סך אידען אין דער קאָמפּאַני?“

„מיט אייך וועט זיין פונפצעהן!“ — האָט ער גערן געענט־פערט. ער האָט מיר געזאָגט זיין נאָמען: „קאָרפּאָראַל אויגוסט“. באַלד זיינען צוגעקומען נאָך אידישע סאָלדאַטען און ער האָט

מיך מיט זיי באַקאַנט: עש, גאָלדשטיין, אַראָנסאָן, ראָם, קאָהן — און אַזוי יעדען נייעם וואָס איז נאָר צוגעקומען.

זיי האָבען מיר ערקלערט, אַז אונזער קאָמפּאַני איז אַ טייל פון דער 82־טער דיוויזיע, וועלכע פאַרנעהמט דעם גאַנצען קעמפּ און ווערט פאָרבאַרייטעט צו געהן נאָך פראַנקרייך. אויך האָבען זיי מיר געגעבען עצות ווי אַזוי בעסער אַנצוגעהן מיט די אָפיציערען און סאַרדזשענטס, האָבען פאַרשפּראָכען הילף, אָבער גראָד אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי: „כהן!“ אַ צווייטער כהן האָט זיך אָבגערופען. אָבער דער ריעזיגער סאַרד־זשענט איז צו מיר צוגעקומען: „איך מיין דיך. וועסט מאָרגען פריה רעפּאָרטען אין קיך“, און ער איז ווייטער אַוועק רופען אַנדערע נעמען.

די אידישע סאָלדאַטען און איינִיגע קריסטסליכע האָבען איינ־געהאַלטען געלאַכט פון מיין פרישער אויפנאַהמע, אָבער באַלד איז צוגעקומען נאָך אַ איד, מילענטאַל, זעהט אויס אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער, און האָט מיך געטרייסט: „זאָרג ניט, וועסט נאָך קריגען מעהר פון דעם. זיי גלייכען די נייאינקע רוקים!“

קיטשען פּאָלים — דזשו דזשעקסאָן

דער הויפּט־קוכער, אַ נידעריגער, שמוציגער, רויטער, מיט אַן אויסגעדרעהטען קאַסאָקע אייגעל, האָט מיך אויפגענומען גאָר גע־הויבען. ערשטענס האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר די איבעריגע „קיטשען פּאָלים“, אָדער פאַרקירצט, „קעי־פּים“. אָבער ניט איך און ניט זיי זיינען געווען צופרידען מיט דער פאָרשטעלונג און האָבען געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען ווי שונאים און שלים־מזל־ניקעס.

איינער פון זיי, אַ הויכער, מיט אַ פּנים פון אַ פוקס, האָט מיר אויסגעזעהן צו זיין אַ איד, אָבער עס איז מיר ניט געלעגען אין קאָפּ זיך צו פאַרנעהמען מיט איהם.

מיך האָט דער רויטער אַוועקגעזעצט שיילען פּאָטייטאָס און גע־רייצט זיך, דערלאַנגענדיג אַן אַלטען זאַק.

„טו אָן דעם פאַרטוך, מיין הער, וועסט נאָך פאַרשמירען דיין פול־דרעס סוט, און שנייד ניט דיינע הענטעלעך, נאָר די פּאָ־טייטאָס!“

די אַנדערע האָט ער פאַרטיילט צו בראָקען פלייש, אַרויסשי־

טען די אשעז, האַקען האָלץ, מאַכען פייער אין אויוועז און נאָך ענליכע ארבייטען.

ווען חברה איז אריינגעקומען עסען האָבען מיר, די קעי־פּיס, זיך אויסגעשטעלט אין א רייהע הינטער׳ן קאָנטער, וואָס גרע־נעצט אָפּ פון קיך דעם עס־צימער מיט די לאַנגע בענק און האָבען מיט גרויסע לעפעל אריינגעוואָרפען די מאכלים צו די סאָלדאַטען אין טעלער אריין.

מיר איז אויסגעקומען אויסצוטיילען איינפאַכע געקאָכטע פּאַ־טייטאָס. דעם וואָס נאָך מיר — שטיקער פלייש. דעם דריטען — בינס. דעם פּודינג האָט אויסגעטיילט דער קאָסאָקע קוכער אליין, אזוי אז מיט איהם האָבען די סאָלדאַטען זיך אינטערעסירט אַם מעהרסטען, האָבען מיט שמאָלציגע שמייכעלעך צוגעוואָרפען צו איהם א פריינדליך ווערטעל, א וויץ, א קאָמפּלימענט, און דערוויי־ל אריינגעקוקט מיט זשעדנע אויגען, וויפיעל פּודינג ער וואַרפט אין טעלער אריין. אָבער ניט אויף יעדענס חניפות האָט דער קוכער זיך אומגעקוקט. די מעהרסטע פּראָסטע סאָלדאַטען האָט ער אפילו ניט באַגליקט מיט א בליק פון זיין מאַיעסטעטיש אייגעל.

„הלואי ביזסטו ביים פּודינג!” האָבען מיר מיינע פריינד פאַר־בייגעהענדיג צוגעוואָרפען אין אידיש. „הלואי!” — האָב איך גע־ענטפערט, אריינלעגענדיג אַן עקסטרא פּאַטייטע און זיך ביטער אָפּגעזיפצט.

נאָכ׳ן עסען האָט זיך צווישען אונז „קעי־פּיס” ערשט פאַנאַנ־דערגעשפּיעלט די ריכטיגע קאָמעדיע מיט געשרייען און קריעגעריי. אָבער מיר האָבען באַלד דערפיהלט, וואָס פאַר א מאַכט דער רויטער גוי האָט.

קיינער פון אונז האָט ניט געוואָלט וואַשען די גרויסע פּעטע קאַנען, טעפּ און קענס, און דערהערענדיג אונזער ליאַרם, איז ער לאַנגזאַם ארויס פון זיין ווינקעל, וואו ער האָט זיך צוגעלעגט אָפּ־רוהען, א ווייל געשטאַנען אין א שטומער פּאָזע, באַטראַכטענ־דיג אונז מיט פאַרקוועטשטע ליפּען.

„העי. יו!” האָט ער צוגעשריען צו „רוטין”, נעהם זיך פאַר׳ן מאָפּ און וואַש די פלאָרס — הער אויף צו רויכערען די פּיפּקע!”; „דו, לאַנגער, האָט ער אָנגעצייגט אויפ׳ן פּוקס, „סקראָבע אוים די טישען”.

„און דו”, האָט ער אָנגעצייגט אויף מיר, „געה צו די טעפּ”.

„איך קאָן ניט, איך האָב זיי קיינמאָל ניט געוואַשען."

„טאַקע! איך וועל דיר געבען גלאָוס!" האָט ער מיך איבער־געקרימט און האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיך לערנען.

„קריך אַריין אין יעדען שפּעטעלע. דאָ וואו דו קענסט ניט צוקומען מיט'ן טיכעל, — דערלאַנג מיט די פינגער, דו פערד איי־נער! ווייסט ניט, אַז מיט קאַלטע וואַסער קאָן מען קיין חזיר־פעטס ניט אָראָפּשווענקען? נעהם הייסע, דו אייזעל־קאָפּ!"

יאָ־אייזעל, ניט־אייזעל, — איך האָב געמוזט פאָלגען.

ערשט שפּעט נאָך דעם סאָפּער האָט ער אונז אָפּגעלאָזען, אָבער ניט אַזוי גלאַט, נאָר האָט זיך פאַרנייגט מיט'ן האַנט אויפ'ן האַרצען און גלאַצענדיג מיט'ן אייגעל, אונז צוגעוואונשען „צום ווידערזעהען זיך גאָר־גאָר קירצליך!"

מיר זיינען ווי אָפּגעפּאַרעטע אַרויף אויפ'ן צווייטען פלאָר צו אונזערע בעטלעך, וועלכע זיינען ביים סאָלדאַט געווען זיין גאַנצע היים.

צוקאָפּענס האָט מען געהאַלטען דעם ביקס, ביכער, צייטונגען, וועש און אַנדערע פּערזענליכע זאַכען. אין די פרייע אָבענד־שטונדען איז מען געזעסען אָדער געלעגען אויף זיי, דיסקוטירט, אָדער געשריבען אַ בריעף אַהיים, אונטער דעם שוואַכען ליכט פון'ם עלעקטרישען לעמפּעל אונטער'ן שינדעל־דאַך.

צו מיר זיינען געקומען מיינע אידישע חברים, און ווען איך האָב אויסגעטאָן מיינע אָווער־ראָלס האָט „עש" דער ערשטער גע־פרעגט, צי מיר געפעהלט דאָ דער „קעי־פּי" בעסער ווי אין קעמפּ דיקס.

„כאָטש וואָלט אויף אייער מזל געווען אָנשטאָט דעם רויטען פוק אונזער אידישע באַי „דזשיפּ־די־בלאַד".

„ניט דאָס מאָל איז אַ צווייטען", האָט זיך „ראָם" געוויצעלט.

„מיט איהם איז געווען דער הויכער דזשעקסאָן... אַי איז דאָס אַ שלעכטער גוי!" האָט קאָרפּאָראַל אויגוסט געזאָגט.

„זאָל ער אַזוי לעבען, ווי ער איז אַ גוי. ער איז אַ רעגעלער „זשיד", האָט זיך ראָם געווענדעט צו אויגוסט'ן און מען האָט זיך אָנגעהויבען אַמפּערען, צי דזשעקסאָן איז אַ ריכטיגער גוי, צי ניט.

אויף מיין פאַנאַנדערפרעגען זיך האָבען זיי מיר דערצעהלט, אַז דזשעקסאָן האָט זיך אָנגעגעבען אַלס קריסט, געבוירען אין רומעניען און דעם אַמעריקאַנער נאָמען האָט ער אַדאָפּטירט, ווען

ער איז געקומען קיין אמעריקא און האט אפגעלאכט, ווען די אי־דישע באיעס האבן געפרואווט איהם פרעגן, צי ער איז א איד.

„מי איי דזשו? — נעווער!" האט ער מיט פראטעסט אפ־געוועהרט זיך.

איך האב נאך אמאל איינגעקוקט זיך אין דזשעקסאנ׳ס געזיכט. ער איז געווען אינמיטען א גרופע וואס האט זיך צופלאמט אין וואַרפען ביינדלעך, אזוי, אזש זיי זיינען פארשוויצט געווארען. דאס מאל האט ער געוואַרפען און געשמאק צוגעקנאלט מיט די פינגער.

„הא! — קאם אן בייבי!"

„הא! — קאם סעווען... הא! — קאם סעווען!"

איך האב דערשפירט עפעס אידישעס אין זיין גאנצער פיגור און שטימע און האב באשלאסען „ארויסצופישען דעם העכט".

מיר האבען גלייך אפגעזוכט א אידישען סאלדאט פון אן אנ־דער קאמפאני, א געבארענעם אין רומעניען, און האבען איהם געבראכט צו אונז אין באראק, ער זאל מיט דזשעקסאנ׳ען פרובי־רען ריידען זיין מוטער שפראך — רומעניש.

אינמיטען שפיעל, וואס האט זיך ערשט גוט צופלאקערט, איז אונזער אמת׳ער רומענער צו איהם צוגעגאנגען און אנגעהויבען ריידען צו איהם אין א הארטען „וואלאכיש". איינינע שפיעלער האבען אנגעהויבען איבערקרימען, פרעגענדיג: „וואס פאר א מאנקי־שפראך איז דאס?"

דזשעקסאן האט אבער געקוקט ווי א האן אין בני־אדם ניט גע־וואוסט וואס יענער רעדט צו איהם.

„העי, באיעס!" האט אויגוסט זיך געווענדעט צו דעם צו־טומעלטען קרייז וואס איז אלץ גרעסער געוואקסען. „אט דער גאט־פארדאמטער נאר, שעהמט זיך מיט זיין נאציאן. ער זאגט, דאס ער איז א רומעניער. האבען מיר געבראכט אט דעם מאן אז ער זאל צו איהם רעדען רומעניש, אבער דער דעם־פול פאר־שטעהט ניט מעהר פון אן עזעל.

„וואס איז ער דאך?"

„ווער, צום טייוועל, איז ער?" — האבען די גוים געפרעגט.

„ער איז א דזשו!" האט אויגוסט אויסגעשריען מיט א גע־לעכטער.

און פון דאַן אַן האָבען איהם אַלע גוים און אידען קיינמאָל ניט גערופען מיט זיין אַדאָפּטירטען נאָמען, נאָר „דזשו".

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך געבעטען ביי די אידישע באַיעס אין אַ ריינעם מאַמע־לשון:

„נו, צום טייוועל מיט אייך, רופט מיך שוין יאַנקעל, אַבי טשעפּעט זיך אָפּ!"

מיט אונז איז ער נאָך ווי־עס־איז דורכגעקומען: פאַרט אידען. אַנדערש איז אָבער געווען מיט די גוים. אין דער צייט ווען אַנ־דערע אידען האָבען זיי מעהרסטענס גערופען ביי די ריכטיגע נע־מען, האָבען זיי איהם אָבער גערופען ניט אַנדערש ווי „דזשו" אָדער „דזשו דזשעקסאָן".

קרייסט־קילערס

דורך די איינציגע שפּעטערע טעג פון דרילס און פאַרשידענע אַרבייטען וואָס מען האָט מיר געגעבען, האָב איך זיך בעסער באַ־קאַנט מיט די נייע מענשען און אומגעבונג. דאָ האָט זיך געמערקט אַ בעסערע אָרדנונג און פיהרונג. עס האָט זיך געפיהלט, אַז דאָס איז אַ פעסטע אָרגאַניזאַציע, מיט אַ באַשטימטען פעסטען ציעל און אייזערנער פיהרערשאַפט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך געקראָגען אַן אַנגענעהמע איבערראַשונג. איין אָבענד, נאָכ׳ן דרילען, האָט דער אָפיציער אויסגערופען די נעמען פון די וואָס ווערען דערהויבען צו העכערע ראַנגען, און מיך האָט ער אויסגע־רופען צו רעפּאָרטען צום בענד־מאַסטער אַלס אַ „ביוגלער" צו לערנען זיך די מיליטערישע סיגנאַלען. איך האָב גלייך אויף מאָר־גען געקראָגען מיין טרומפּייט און אַוועק מיט איהם צום וועלדעל, צום זעלבען וועלדעל, נאָך וועלכען איך האָב אַזוי געבענקט, ווען איך פלעג איהם זעהן דורך מיין פענסטער.

פון דאַן אַן האָבען פאַר מיר אויפגעהערט די אַלע געוועהנליכע שווערע פליכטען פון דריל און אַרבייטען פון אַ געוועהנליכען סאָלדאַט. איך האָב איצט געקאָנט אַרומוואַנדערען איבער׳ן וואַלד און פעלדער צוזאַמען מיט די אַנדערע ביוגלערס, אָדער אפילו איינינקער אַליין, מיט מיינע געדאַנקען און חלומות.

צוליעב דער אויסערגעוועהנליכער פרייהייט פון די ביוגלערס פלעגט מען זיי רופען „די גרעפּט סקוואַד", און ווי פאַרשוּלדיגטע

נעגען די איבעריגע חברים־סאָלדאַטען, פלעגען מיר מאַרקירען וואָס ווענינער צו וואַרפען זיך אין די אויגען. מיר האָבען אויסגע־קליבען דעם ווייטסטען פונקט צו פאַרזאַמלען זיך אויף אַ ליידיגען פּלאַץ אין וואַלד, צולעגען אַ פייער, ארומזעצען זיך אין אַ קרייז, אָדער פויל צולעגען זיך אַרום אויפ׳ן גראָז און מיט אָנגעבלאָזענע באַקען פּרובירען אַרויסברענגען פון טרומפייט די פּיעלע סיגנאַלען. די קונסט איז געווען אַ גאַנץ לייכטע. דער סאַרדזשענט וואָס האָט אונז געלערענט די קונסט פלעגט אונז ווייניג וואָס באַלעסטיגען. דערהצו איז ער נאָך געווען אַ גרויסער שכור, אַזוי ווי די מעהרסטע סאָלדאַטען פון דער רעגולערער אַרמעע, און ער פלעגט צו אונז קומען נאָר דאַן, ווען דער קאַפּיטאַן פון אונזער קאָמפּאַני פלעגט איהם אויסריידען, אַז זיינע ביוגלערס זיינען „ראַטען״ — טויגען נים.

איינמאָל, נאָך אַזאַ אויסריידען, איז ער צו אונז געקומען, האָט אַלעמען אויסגעשטעלט אין אַ רונד און גענומען אונז לערנען. ערשט דאַן האָט ער מיך עכט באַמערקט און דערקאַנט אַז איך בין אַ איד ער איז, ווי אַלע מאָל, געווען פאַר׳שכור׳ט און אָנגעבלאָזען. אָבער מעהר ווי צו אַלעמען האָט ער זיך געטשעפּעט צו אונז, די צוויי אידען: „ווען איהר זאָלט דאַרפען פּעדלען מיט פיש, וואָלט איהר שוין גאַר געקאָנט בלאָזען״, פלעגט ער זאָגען יעדען מאָל וואָס מיר פלעגען נאָר מאַכען אַ פעהלער. ביסלעכווייז איז ער אַריין אין זיין געוועהנליכער ראָלע, האָט אָפּגעלאַכט פון דער אַרמעע און אונז געראָטען אַז מיר זאָלען זיך ניט נעהמען שטאַרק צום האַרצען ניט נאָר דעם קאַפּיטאַן, נאָר אפילו דעם גענעראַל אַליין. „אַלץ, אויף וואָס די אַרמעע איז גוט, איז אויף אַרומצוגעהן לעדיג און טרינקען שנאַפּס״, פלעגט ער פאַרענדיגען.

מיר פון אונזער זייט זיינען געווען העכסט צופרידען וואָס ער פלעגט צוריק־קריגען זיין וואויל־יונגערישע שטימונג, און האָבען באַוואונדערט זיין קונציגען אויסשפּיעלען, מיט וועלכען ער האָט זיך אויסבאַריהמט, אָבער די זאַכען וואָס ער האָט געשפּיעלט זיי־נען געווען אַזעלכע שווערע, אַז ער פלעגט קוים קענען אָפּאָטעמען, אָפּכאַפּענדיג דעם אָטעם פלעגט ער אויסשרייען: „אָ, טהים וואָז איי קרייסט קילער!״ און דערביי צואווינקען אויף אונז, אידישע באָיעם.

ווען ער איז אוועק פון אונז, האָבען מיר זיך ווידער גענומען,

צום סקריפּען און רעווען אויף אונזערע אינסטרומענטען. די זון האָט זיך געשפּיעלט איבער דעם גאַנצען אָרום, צו אונז האָט זי ניט געקאָנט צוקומען דורך די געדיכטע בוימער, אָבער דאָ וואו זי האָט נאָר געפונען אַ לעדיגען פּלאַץ האָט זי אַרומגענומען יעדען גרעזעלע, יעדע בלומעלע. צווישען די טרוקענע בלעטער זיינען אַפּט דורכגעלאָפען קליינע יאַסטשערקעס, וועלכע מען האָט קוים געקאָנט באַמערקען צוליעב זייער גרינעם קאָליר, וואָס האָט אָפּ־געשלאָגען מיט דערזעלבער גרינקייט וואָס די גראָזען אָרום. מיט אַמאָל האָב איך באַמערקט, אַז חברה קוקען אויף מיר אַזוי שעלמיש און לאַכען. כ׳האָב אינסטינקטיוו אַ טאַפּ געטאָן אין די קעשענעס און האָב גלייך דערפיהלט אַ קאַלטען גליטשיגען קערפּערעל מיט פיסעלעך. שנעל האָב איך עס אַרויסגעכאַפּט. ס׳איז אַ „יאַס־טשערקע״. זי האָט זיך געוואָרפען אין מיין האַנט און געקוקט אויף מיר מיט איהרע צושראָקענע אויגעלאַך. מאָמענטאַל האָב איך עס אַ וואָרף געטאָן „פּיליפּ לעטשלאָוו׳ן״ אין פּנים אַריין, און גרערע האָב איך געטראָפען. ער איז עס געווען דער, וואָס האָט זי צו מיר אין קעשענע אַריינגעוואָרפען. פאַר אַ היבשער צייט האָבען מיר געשטיפט, אָפּזוכענדיג יאַסטשערקעס און וואַר־פענדיג עס איינער אויף׳ן צווייטען. ביסלעכווייז איז דער שפּאַסען אַריבער צו אַן ערענסטען טומעל און ווען איך האָב צוריקגעוואָרפען אויף איינעם אַ פאַרשימעלטען מויז־שוואָם, טרעפענדיג איהם אין פּנים, האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויף מיר מיט זיינע פויסטען און אויסגעשריען: „דו דזשו קרייסט קילער״.

„איך וועל דיך אויך דערווערגען״, האָב איך זיך אויף איהם געוואָרפען. מיר וואָלטען זיך נאָך מעהר צובלוטיגט, ווען חברה מי־שען זיך ניט אַריין.

אונזער אידישער קלוב

אין מיין ערשטען בריעף האָב איך געשריבען — אין קעמפּ גאָרדאָן געפינען זיך ביי א 3000 אידען, אזוי, אז מען קאָן ניט פאַרבייגעהן א גרופּע סאָלדאַטען און דער אידישער נאָז זאָל זיך ניט אָנזעהן גאַנץ פּראָמינענט.

אָבער צום באַדויערען געהט עס ניט ווייטער פון דער נאָז, ווייל אלס איד זעהט מען זיך אָן גאַנץ ווייניג. אויסער די כאַראַקטעריסטישע אידישע געזיכטסציגע און דער פלייסיגקייט און פעהיגקייט צו לערנען שנעל אלעס צו וואָס מען דאַרף צולעגען אביסעל קאָפּ, אונטערשיידעט זיך ניט דער איד פון די איבעריגע סאָלדאַטען. אָבער דער וואָס וויל נאָר קאָן זיך זיין א איד און אנהאַלטען דעם אידישען שטאָלץ, די קריסטען באַציהען זיך מעהרסטענס מיט גענוג טאָלעראַנץ. אָפּט איז אָבער פיעל באַקוועמער צו האַנדלען, רעדען און באַוועגען זיך אזוי ווי די קריסטליכע סאָלדאַטען, ווייל, ניט קוקענדיג אויף זייער טאָלעראַנץ, זיינען די קריסטען דאָך פיעל היימישער און פריינדליכער מיט דעם וואָס איז אַם מעהרסטען אַמעריקאַניזירט.

פילע האָבען דאָס געפיהלט. און צוליב באַקוועמליכקייט וועגען פאַרבויגט אין זיך דעם אידען גאַנץ אָפט און שטאַרק... דער איינציגער פּלאַץ וואו דער אידישער סאָלדאַט פלעגט קומען זוכען זיינע ברידער איז געוועזען פרייטאָג אָבענד ביי די „סאָירוויסעס", וואָס זיינען געפיהרט געוואָרען אינ'ם גייסט און שניט פון דער „אידישער וועלפעיר באָארד", אין אַן אודיטאָריום פון דער „יאָנג מענס קריסטשען אסאָסיאיישאָן", און וואָס עס מיינט דער גייסט פון דיעזער אינסטיטוציע אין אָנגעלעגענהייטען פון אידישקייט און פאָלקסטימליכקייט, איז שוין איינינע מאָל געשילדערט געוואָרען אין דער אידישער פּרעסע. עס איז גענוג צו זאָגען, אז מיר דאָרט, אין קעמפּ גאָרדאָן, זיינען געוועזען אין דערזעלבער לאַגע ווי אין די אַנדערע קעמפּס. מיר פלעגען קומען יעדען פרייטאג אָבענד זוכען אונזער גאָט, אום אונזערע אידישע געפיהלען און נשמה צו דערוואַרימען, און פלעגען געפינען א פאַרזעהעניש, אָהן א פּנים, אָהן אַן אינהאַלט. א טרוקענע „סאָירווים" און א רעדע וואָס מען קאָן פאַראויס טרעפען וואָס איהר אינהאַלט וועט זיין, פלעגט פאַרענדיגען דאָס גאָטעס־דיענסט. געוועהנליך פלעגען מיר פון

אזעלכע פּרייטאָגס אוועקגעהן ווי אָפּגעשמיסענע, און געפיהלט פּונקט אַזוי עלענד ווי די גאַנצע אומעטיגע וואָך פון מושטירען זיך, אויב ניט נאָך עלענדער, צוליעב דער ביטערער ענטוישונג.

א טרייסט האָבען מיר געפונען אין דער באַציהונג פון דער דערבייאיגער אטלאַנטער אידישער באַפעלקערונג צו אונז. עס איז איינפאַך צו באַוואונדערען פון וואַנען עס נעהמט זיך אַזוי פיעל ברודער־ליעבע ווי זיי האָבען אונז אַרויסגעצייגט. אַמ שעהנסטען פון אַלעם איז, וואָס דאָס איז געטאָן געוואָרען ניט דורך אינסטיטוציעס אָדער פּאַרטייען, נאָר פון יעדען איד באַזונדער. רייך צי אָרים פלעגען זיי קומען אין דער „אַלייענס“, „פּראָגרעסיוו קלאָב“ און דער ציוניסטישער שוהל, וואו די אידישע סאָלדאַטען קומען זיך צוזאַמען און פיעל געטאָן, צו אונטערהאַלטען און שאַפען א היימישע אַטמאָספערע פאַר די אידישע סאָלדאַטען. זיי פלעגען אַריינגעהמען אין זייערע הייזער פאַר די איינציגע פרייע שטונדען וואָס מען האָט און דער איינגעלאַדענער פלעגט דורך דער ווירקליך ליעבער און אינטימער באַציהונג פון דעם גאַנצען הויז־געזינד צו־געצויגען ווערען צו די מענשען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געוועז זיינע פריינד פון לאַנגע יאָהרען.

אַזוי שנעל ווי מ׳איז געקומען פון אטלאַנטאַ, איז אַלעס פאַר־שוואונדען און מיר האָבען זיך ווידער געפיהלט עלענד און צעוואָר־פען אינ׳ם גרויסען קעמפּ, און וואָס ווייטער אַלץ מעהר האָט זיך געפיהלט די פוסטקייט יעדען פרייטאָג אָבענד. צו די „סאַירוויי־סעס“ פלעגען קומען אַלץ ווייניגער באַזוכער און עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז עס וועט אינגאַנצען אָפּשטאַרבען דאָס ביסעלע אידישע לעבען אין קעמפּ, ווען ניט די אימער איבערגעבענע און טעהטיגע ציוניסטען און פּועלי־ציוניסטען.

איינמאָל קומענדיג אין אטלאַנטאַ, האָב איך אין דעם אַלייענס לעזע־צימער געטראָפען דעם געוועהנליכען בינטעל אינ־טעליגענטערע אידישע סאָלדאַטען אַרום די צייטונגען און ביכער. אין א צווייטען צימער האָט מען זיך אַרומגעריסען אַרום דיזעלבע פאַרטיי־ליניען ווי אין ציווילען לעבען: פאַר און געגען ציוניזם. וועגען אידישען קאָנגרעס, רעליעף־פראַגען און עהנליכעס.

עס האָט אויסגעקוקט עטוואָס אונגעוועהנליכעס, צו זעהן ווי מען זשעסטיקולירט און מען אַמפּערט זיך עכט אידיש אויף אין אַנקעל סעמס אוניפאָרם.

צווישען די רעפּרעזענטאַנטען האָט זיך אַמשטאַרקסטען געוואָרפען אין די אויגען איינער אַ געזונטער יונג מיט אַן ארויסגעשטאַר־טשעטען הויכען שטערען פון אונטער זיין קעפּ, און סאַרע אויפ־ריכטיגע אויגען. ער האָט מיט זיין הויכען שרייען און ליטווישען אקצענט אַלעמען אריבערגעשריען:

„אשימילאַנטען וואָס איהר זשייט! איהר זשייט אַ פלאָג אויפ'ן אידישען פאָלק!"

צוריק אין קעמפּ בין איך שוין צוזאַמען מיט איהם געפאָהרען און דעם גאַנצען וועג האָבען מיר געפּלאַנט וועגען אָרגאַניזירען אַ נאַציאָנאַלען קלוב פון אידישע סאָלדאַטען, און מיר האָבען טאַקי גלייך אויסגעאַרבייט אַ ליסטע וועמען צו רופען צום ערשטען גרינדונגס־מיטינג.

ווי נאָר איך בין אריין אין אַדעס'עס קאַזאַרמע דעם קומענדען אַבענד, האָבען איינינע גויים מיך באַגעגענט מיט פאַרשיידענע אויסגעשרייען:

„אַדעס! אַנאַטהער דזשו קאַמינג" (נאָך אַ איד געקומען).

„זיי ווילען אָרגאַניזירען אַ אידישע אַרמעע".

„שיקט זיי אין דזשערוזאַלעם".

„גיט זיי בעסער פּושקאַרטס".

איך האָב דערזעהן די גרופּע באַקאַנטע און פריינד אויסגעזעצט אויף אַדעס'עס בעטעל. דאָ זיינען געווען מיטגליעדער פון פאַר־שידענע רעגימענטען און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און נאָכדעם ווי אדעס האָט אונז באַרוהיגט, אַז גראַדע רעספּעקטירען זיי איהם דערפאַר וואָס ער צייגט אַזוי בולט ארויס זיין אידישקייט, זיינען מיר צוגעטראָטען צו אונזער אַרבייט. דאָס ערשטע האָבען מיר אָנגעשריבען אַ פּלאַטפאָרמע, וועלכע האָט זיך געלעזען אונגע־פעהר אַזוי:

נאָמען: „נאַציאָנאַלער קלוב פון אידישע סאָלדאַטען".

יעדען פרייטאָג איינפיהרען נאָך די סוירוויסעס אין דער י. מ. ק. א. 151 בילדינג, אידישע פאָרלעזונגען, דעקלאַמאַציעס, און אַזוי ווייטער.

אַגיטירען פאַר די „עליים" צוליב דער „באַלפור דעקלאַראַציע"

אַנהאַלטען אַלע אידישע אַרבייטען, אַזוי ווי ציוניזם, רעליעף, אידישער קאָנגרעס.

פארשפרייטען דעם אידישען גייסט צווישען די ווענינער באַ־וואוסטזיניגע אָדער אַמעריקאַניזירטע אידישע סאָלדאַטען.

איינער פון אַדעס׳עס חברים, אַ קריסטליכער סאַרדזשענט, האָט זיך די גאַנצע צייט פון אונזערע פאַרהאַנדלונגען שטאַרק צוגעהערט צו דעם וואָס עס געהט פאָר, און ווען אַדעס האָט אויף זיין ביטע איהם געגעבען צו פאַרשטעהן וועגען דעם, איז ער מיט אונז אַ לענגערע צייט געזעסען און געוואָלט זיך באַקאַנען מיט אידישע ענינים. צום סוף האָט ער געזאָגט, זיך ווענדענדיג צו אונז אַלעמען, און האָט בשעת מעשה געטייטעלט אויף די כאַמסקע קריסטליכע סאָלדאַטען, מעהרסטענס פּאָליאַקען און אַנדערע אי־מיגראַנטען:

„דאָנ׳ט מיינד דהעם, זיי זיינען ניט קיין עכטע אַמעריקאַנער“.

אין די קומענדע איינינע טעג זיינען מיר צוגעטראָטען דורכ־פיהרען אונזערע שטרעבונגען.

די צוויי וועלפעיר באָארד פאַרטרעטער, מר. ראָס און מר. גינזבערג, האָבען אָנפאַנגס געקוקט קרום אויף דיזער אָרגאַני־זאַציע. זיי האָבען זיך אויסגעדריקט, אַז זיי ווייסען ניט ווי אַזוי די מענשען פון „אויבען“ וועלען זיך באַציהען צו דעם, אָבער מיר האָבען זיי קאַטעגאָריש ערקלעהרט, אַז מיר ווילען אונזער אידישקייט אויסדריקען אַזוי ווי מיר פאַרשטעהען, און אַז דאָס ערשטע וואָס מיר קלייבען זיך צו טאָן איז, צו פאַראַנשטאַלטען אַ חנוכה־אָבענד, און זיי האָבען נאָכגעגעבען.

דאַן האָבען מיר נאָכגעלאָזען דעם קאַמף געגען איינעם פון די „וועלפעירניקעס“, וואָס האָט אונז דורך זייןביישפּיעל געראַטען ווי אַזוי אויפצופיהרען זיך. ער פלעגט זאָגען: „איך האָב געלעבט גוט מיט די קריסטען, און ווייסט איהר וואָרום? — ווייל דורך די פיער יאָהר וואָס איך בין געווען אין קאָלעדזש האָבען זיי ניט גע־וואוסט צו איך בין אַ קריסט אָדער אַ איד.“

חנוכה אין קעמפּ

די פרייד פון די חברים, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז ענדליך וועלען מיר קענען מאכען דעם ערשטען ארויסטריט, איז געווען אונבאשרייבליך. מען האָט זיך גענומען גרייטען צום גרויסען יום־טוב מיט אויסערגעוועהנליכען ברען און ליעבע, און אָט איז שוין געקומען דער לאַנג ערוואַרטעטער פרייטאג אָבענד, דעם 14טען דעצעמבער, און גלייך ווי מען איז אריין אין דעם אוידיטאָריום פון דער הונדערט און איינ־און־פופציגסטער יאַנג מענס קריסטשען אַסאָסיאיישאָן בילדינג האָט מען געזעהן דעם געוואַלדיגען אונטערשיד: דער גרויסער אוידיטאָריום איז געווען איבערגעפּאַקט. אויסער די בענק וואָס זיינען געווען אַנגעפּיקעוועט, זיינען אַלע פּלעצער געווען פארנומען ביז דערשטיקט צו ווערען. אויף דער ביהנע איז געשטאַנען אַ שעהנע מנורה, וואָס מען האָט געבראַכט פון אַטלאַנטאַ, דער זאַל האָט העל באַלויכטען, און נאָך ליכטיגער האָבען געפינקעלט און געשטראַהלט די געזיכטער און די אויגען פון די אַנוועזענדע.

דער אָבענד איז ערעפענט געוואָרען פון דעם וועלפער פאַרטרעטער, מר. ראָם, וועלכער האָט דורכגעפיהרט זיין צערעמאָניעלע זייט אַזוי ווי אַלע פרייטאג, און נאָכדעם האָט ער פאָרגעשטעלט חבר ש. אַדעם אַלס טשערמאַן פון אָבענד. חבר אַדעם האָט איז איינינגע ווארימע באַמערקונגען ערקלעהרט וועגען דעם סאָלדאַטען קלאָב, וועלכער שטעלט זיך די אויפגאַבע צו טהאָן אַלע ארבייטען וואָס פיהרען צום נאַציאָנאַלען אויפלעבען און וואָהלזיין פון דעם אידישען פאָלק, און אויך צו העלפען זיך געגענזייטיג אין דעם סאָלדאַטען־לעבען. נאָכהער האָט ער ערקלעהרט די באַדייטונג און געשיכטע פון חנוכה. זיין וויטערדיגע באַמערקונג וועגען דער ענגלישער דעקלאַראַציע האָט ארויסגערופען גרויס פרייד און באַגייסטערונג ביי די אַנוועזענדע.

אָנגעפאַנגען דעם אָבענד האָט דאָן חבר גענעט מיט דער אַמעריקאַנער הימנע. חבר שווארץ האָט דאָן געשפּיעלט די „התקוה" מיט פּיאַנאָ באַגלייטונג פון חבר בלום. די פּראָזאַ־

מעלטע זיינען ווי איין מאן אויפגעשטאנען און מיטגעזונגען. עס האט אזוי געפרעהט די אנגעוועהטאגטע הארץ צו הערען די געזונטע יונגע שטימען זינגען אונזער האפנונגס־ליעד. אין די טענער פון דער התקוה וואס מיר האבען יענעם אבענד געזונגען, האט זיך געפיהלט א מעכטיגער פריידענס־אויסגעשריי פון א פאלק, וואס האט אזוי לאנג געווארט אויף זיין פרייהייט. מען האט זיך אזוי ווי ניט געוואלט צושיידען פון דעם אידישען הימן, וועלכען מען האט נאך און נאך אמאל געזונגען.

נאכדעם האט חבר ראוויץ געבענשט חנוכה־ליכט מיט'ן עכטען קנייטש פון א אידישען חזן. חבר קראניק האט געזונגען „אלי אלי". חבר גרין האט דעקלאמירט דעם „כוס" פון פרוג און די „אידישע פרייהייט" און „די ליכטעלעך" פון מאריס ראזענפעלד. חבר שווארץ, א פלייסיגער שילער פון פיראזשניקאוו'ן, האט געשפיעלט אויף זיין קאנצערטינע „משה'לעך און שלמה'לעך פון ח. נ. ביאליק. א. פאגעל האט פארגעלעזען „נערוועז" און „חנוכה געלט" פון שלום־עליכם.

חברים פאוועל און קארפ האבען געזונגען „דאס גלות ליעד" און „מאמעניו", „אמעריקא" איז נאכהער געזונגען געווארען פון די חברים שווארץ און בלום מיט דער קאנצערטינא באגלייטונג. דער אבענד ווערט געשלאסען מיט'ן זינגען פון דער פועלי־ציונים־טישער „שבועה".

לאנג, לאנג האט מען זיך נישט געקאנט צושיידען מיט'ן זאל און מיט אלע אנוועזענדע, מיט די פיעלע טהייערע און ליעבע ברידער.

נאר פארפאלען. מען האט זיך געמוזט צוגעהן אין די בא־ראקען, וועלכע זיינען צוווארפען פאר מיילען ווייט, רונד ארום. עס איז שוין געווען ניין דער זייגער, ווען די ליכט אין קעמפ ווערען אויסגעלאשען, און גרופענווייז איז מען זיך צוגאנגען אין אלע ריכטונגען, און אין דער שטילקייט פון דער נאכט האט מען פון אלע זייטען געהערט דעם הויכען אידיש רעדען, אן אפקלאנג פון שלום עליכם'ס הארציגען לאכען, די קלאנגען פון דער „התקוה" און אט דערטראגט זיך א נאגענדער אפקלאנג פון די אומעטיגע מעלאדיען, וואס מען האט געזונגען „אי אי מאמעניו!" — עס דער־טראגט זיך א וויינענדיגע שטימע און פארשווינדעט אלץ מעהר

און מעהר, אין דער פינסטער און שטילקייט פון דער נאכט. א פארוואונדערטער „גארד" מיט דער ביקס אויפ'ן אקסעל שטעלט זיך אפ, קוקט נאך די אויסערגעווענליכע גרופען און געהט ווייטער אוועק אין פארלעגענהייט, אין דער פינסטער, איבער זיין פאסטען, און קלעהרט זיך געווים: „וואס טהוט זיך דאס מיט די דזשוס?"

און די „דזשוס" צוגעהען זיך אין די באראקען און קאנען לאנג, לאנג ניט איינשלאפען. טויזענדער געדאנקען און עראינערונגען זיינען מחנות־ווייז געקומען צופליהען צו די אידישע סאלדאטען אין קעמפ, יענעם גליקליכען פרייטאג נאכט און פיעלע אויגען האבען זיך פאר לאנגע שטונדען ניט געקאנט צומאכען.

אזוי האבען מיר דאן געפייערט חנוכה. עס וועט אויך זיין אינטערעסאנט צו באמערקען, אז די וועלפעיר באארד פארטרעטער זיינען אויסערגעוועהנליך איבערראשט געווארען מיט'ן ערפאלג. זיי האבען דערזעהן וואס דאס פאלק וויל און זיי האבען פארשפראכען מיטצוהעלפען מיט אלע זייערע קרעפטען.

איבערהויפט נאך דער ניי־צוגעקומענער ס. צוקערמאן, וועלכער האט מיט זיין אויפריכטיגער ברידערליכקייט אונז באלד צונעצויגען.

אט דער ערשטער פארזוך מיט'ן חנוכה אבענד האט אונז איבערצייגט, אז דער אידישער סאלדאט בענקט נאך דער היימישער אטמאספערע און וועט מיטהעלפען צו שאפען זי אפילו אין קעמפ, טראץ דעם וואס מאנכעס מאל איז עס געווען גאנץ שווער...

אייניגע גויים פלעגען מאכען אמאל אזא אונשולדיגע באמערקונג, ווי: „איך האף צו „קרייסט", אז די ארמעע וועט ניט ווערען אזוי „דזשואיש" ווי ניו יארק". די שוואכערע אידען פלעגען זיך דאן דערשרעקען, זיך פארבאהאלטען, ווערען איינגעשרומפען פאר א ווייל, אבער עס איז געווען גענוג צו קומען אויך צו אזא איינעם מיט'ן צויבער־ווארט: „קום ברודער!" און ער קומט מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס און מיט א פאנאנדערגעבלאזענעם פלאם פון ליעבע צו זיין פאלק און צו די פאלקס־חלומות.

אַ פּעטיציע פאַר פּאַלעסטינאַ

„זאָל גאָט זיין מיט דיר און היטען דיך פון אַלע אונגליקען!"
מיט אַט די ווערטער האָבען אונזערע מאַמעס אונז באַגלייט.
און דיזעלבע ווערטער זיינען די לעצטע וואָס אַנקעל סעם ווינשט
און ווען ער פּאַכט זיין לעצטען „גוד־באַי" פון דעם ברעג ים.

עס איז ניט מעהר קיין פראַגע פון גלויבען אָדער ניט גלויבען, ווען מען איז אַרומגערינגעלט פון בייזע שטורעמס, וואָס זיינען גרייט איינצושלינגען און צומאַלען אין שטויב ווילט זיך גלויבען, ווילט זיך האָבען צו וועמען זיך צו ווענדען אין דער ביטערער שטונדע פון פאַרצווייפלונג אָדער אונגליק. עס ווילט זיך האָבען אימיצען וואָס קאָן באַשליסען און טהאָן אַנדערש ווי די מענשען קוילען און באַפּעלען וואָס וואַרטען אויף דיר אויפ'ן שלאַכט־פעלד. די קריסטליכע סאָלדאַטען האָבען פון דעם ערשטען טאָג אָן מיטגעבראַכט זייער גאָט און ער האָט דאָ אין קעמפּ גלייך אָנ־געהויבען פיהלען ווי אין דעם היים, דאָרט אין די קלויסטערס. אָבער אונזער אידישער גאָט וואָס מיר האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך, איז געווען אַזוי ווי זיין פאָלק — אין גלות. עס איז ניט געווען קיינער וואָס זאָל אונז מיט איהם באַהעפטען, אויף אַ היימישען אופן צוזאַמענברענגען, ביז עס איז געקומען צו אונז אין קעמפּ אונזער טשאַפּליין ד. טאַנענבוים, געשיקט פון דער רעגירונג. בליץ־שנעל האָט זיך צוטראָגען די נייעס איבער'ן קעמפּ, אַז אויך מיר, אידישע באָיעס, וועלען האָבען אַן אייגענעם טשאַפּליין. מיר האָבען געוואַרט מיט אונגעדולד אויף דעם פרייטאַג אָבענד, ווען מיר וועלען איהם קאָנען זעהן. עפּעס האָט דאָס הארץ גע־שראָקען: „צי וועט דאָס ניט זיין נאָך איינס פון די פיעלע ענ־טוישונגען?" אָבער צו אונזער פרייד און שטאָלץ איז קיין ברעג ניט געווען, ווען מיר האָבען דערזעהן אונזער מיליטערישען רב און זיך באַקאַנט מיט איהם. שוין זיין אויסזעהן אַליין האָט אונז געפאַנגען פון'ם ערשטען בליק. מיט זיין הויכער, שטאָלצער פי־גור, געקליידעט אין דער יוניפאָרם פון אַן ערשטען ליוטענאַנט, מיט זיין עכט אידישען פנים, אויף וועלכען עס שפּיעגעלט זיך אָפּ אַ גוטע אידישע נשמה, און מיט זיין ברודערליכען ריידען און פאַנ־

אנדרער־פרעגען זיך ביי די באַיעס וועגען יעדענס שיקזאַל, האָט ער צוגעצויגען צו זיך ווי מיט אַ מאַגנעט, און אונזער קלוב איז נאָך אַקטיווער געוואָרען.

פאַר אַ לענגערע צייט האָבען מיר זיך אַרומגעטראָגען מיט דעם געדאַנק וועגען אַ פּעטיציע צום פּרעזידענט, אין וועלכער מיר זאָלען איהם בעטען, אַז ער זאָל ביי דעם מעגליכען פרידענס־קאָנגרעס שטיצען דעם אידישען פאַרלאַנג צו קריגען ארץ־ישראל. לעצטענס האָבען מיר שוין גענומען די נויטיגע שריט דורכצופיהרען דעם פּלאַן, און דער קלאַב פון די אידישע סאָלדאַטען האָט זיך געווענדעט נאָך אַן ערלויבעניש צו די העכערע באַאַמטע פון קעמפּ. דאַן וועלען געזאַמעלט ווערען די אונטערשריפטען פון אַלע אידישע סאָלדאַטען, און די פּעטיציע וועט אַריינגעשיקט ווערען אין וואַשינגטאָן. אונזערע אידישע באַיעס זיינען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו קריגען די ערלויבעניש און וואָס שנעלער צוצוטרעטען צו דער אַרבייט. דער אידישער טעקסט פון דער פּעטיציע האָט זיך געזעלען ווי פאָלגט:

אַ ביטע פון אידישע סאָלדאַטען

„מר. פּרעזידענט, יעדעס הארץ וואָס שלאָגט פאַר דעם וואָהלזיין פון דער מענשהייט האָט מיט ציטערענדען פרייד צוגעהערט זיך צו אייערע ווערטער אין באַצוג פון אונזער אַמעריקאַנער שטעלונג צום קריעג, וואו איהר זאָגט, אַז „מיר קעמפען פאַר דעמאָקראַטיע און פאַר דער באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע נאַציעס".

„די הימעל־הויכע און נאָבעלע שטעלונג פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק וועט אַרויסשיינען ווי אַ הערליכע פּיראַמידע פאַר די צוקינפטיגע דורות.

„אויך דאָס הארץ פון דעם אַלטען אידישען פאָלק, וואָס איז דער פּרינץ צווישען די אונטערדריקטע נאַציאָנען אין ליידען, נאָר וועלכער האָט קיינמאָל ניט אויפגעגעבען זיין האָפנונג אַמאָל ווידער זעלבסטשטענדיג צו ווערען, און האָט אין דער האָפנונג געלעבט יאָהרטויזענדער, איז אויפגעציטערט געוואָרען פון דער גרויסער האָפנונג וואָס האָט אַזוי מעכטיג און הערליך אַרויסגעקלונגען פון אייערע ווערטער. ביי דער האָפנונג ווערט אונז ליכטיגער און לייכטער אין שרעקליכען אונגליק וואָס מיר לעבען

דורך אין אַלע לענדער און אויף אַלע פראָנטען, וואו אונזער בלוט גיסט זיך און אונזערע לעבענס ווערען פארלאָרען אין אַ שרעקליך גרויסער צאָהל.

„מיר, די אונטערגעצייכענטע אידישע סאָלדאטען פון קעמפּ גאָרדאָן, אַטלאַנטא, דזשאָרדזשיא, דינענדיג די אַמעריקאַנער אינטערעסען און אידעאַלען אַלס אַמעריקאַנער, באַגייסטערט פון אונזער היילינגען ציעל און מיסיאָן געגען דער שוואַרצער און באַטריגעריישער האַנט פון דער באַוואַפענטער אויטאָקראַטיע, קענען אָבער פאַר איין מינוט ניט פארגעסען, אַז אויסער אונזער אַמעריקאַנער בירגערשאַפט, וועלכע מיר טראָגען מיט דאַנקבאַרקייט און שטאָלץ, באַלאַנגען מיר צום אַלטען פאָלק פון משה און די נביאים, און מיט יעדען פּיבער פון אונזער נשמה ציטערען מיר ביים געדאַנק, אַז אונזער פאָלק זאָל בלייבען אַ גלות־פאָלק אויך דאַן. ווען פאַר די איבעריגע שוואַכע און אונטערדריקטע פעלקער וועט אויפשיינען אַ נייע פרייע זון, אַז דאָס אַלטע פאָלק ישראל זאָל ווייטער בלייבען אָפּגעשיידט פון זיין אַלטען לאַנד, וואו ער האָט די ביבעל געשאַפען, דעם לאַנד נאָך וועלכע אַזאַ גרויסע צאָהל אידען בענקען נאָך מיט דערזעלבער בענקשאַפט ווי אין דעם טאָג ווען די רוימישע לעגיאָנען, די גייסטיגע פאָטערס פון די היינטיגע דייטשע רעגירער, האָבען אונז איבערגעוואַלד ארויסגעטריבען פון דאָרטען.

„מיר אַפּעלירען צו אייך, צום גרויסען פּרעזידענט פון דעם גרויסען אַמעריקאַנעם פאָלק, איהר זאָלט העלפען אונז קריגען אונזער היילינג לאַנד ביים טיש פון דעם קומענדען פריעדענס־קאָנגרעס, וועלכער, מיר האָפען מיט אונזער גאַנצען הארצען, וועט זיין געפיהרט און אָנגענומען באַשליסע אין דעם הויכען און שעהנעם גייסט פון די עליים, וועלכער ווערט פון אייך אַם קלאָרסטען און שעהנסטען אויסגעדריקט.

„און מיר, די אונטערצייכענטע אידישע סאָלדאטען, וועלען מיט מעהר מוט און ברען קעמפען, און ווען אונז וועט אויסקומען פאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד מיט'ן לעצטען אויסגעשריי „שמע ישראל!" וועט אונז זיין לייכטער דער טויט, ווען פאַר אונזערע אויגען וועט מיט'ן לעצטען בליק אויף דער ליכטיגער וועלט און אויף דער מוטער'ס געשטאַלט באַווייזען זיך די בילד פון אַן אויפגעהענדער זון, איבער אַן אויפגעבליהטער אידישער ציון".

עס מוז דערמאנט ווערען, אז די וועלפעיר פארטרעטער האבען אויך געגעבען זייער הארציגע צושטימונג צו דער פעטיציע, און דער נאציאנאל קלאב האט אויסגעקליבען א קאמיטע, וואס זאל זיך ווענדען צו די מיליטערישע באאמטע נאך די ערלויבעניש. אנגעפאנגען האבען מיר פון דעם ערשטען ליוטענאנט פון די העדקווארטערס קאמפאני 321 פעלד ארטילעריע, און ער האט דעם קאמיטע־מאן אויסגעדריקט זיין טיעפע סימפאטיע. ער האט אבער געזאגט, אז עס וועט מוזען דורכגעהן איינינע העכערע אינסטאנצען, איידער מיר וועלען קריגען די ערלויבניש. ס'איז געווען דער וואונש פון דעם אידישען קלאב פון די קעמפ גארדאנער סאלדאטען, אז דיזעלבע, אדער אן עהנליכע, פעטיצע זאל אויך צירקולירט ווערען אין די אנדערע קעמפס וואו נאר אידישע סאלדאטען געפינען זיך. מיר זיינען געווען איבערצייגט, אז אין יענער גרויסער צייט האבען מיר געדארפט אנווענדען אונזערע קרעפטען מיטצוהעלפען אין דעם ווידעראויפלעבען פון אונזער פאלק. און אויסער דעם וואס מיר וועלען טהאן אויפ'ן שלאכטפעלד, דארפען מיר ביי יעדער געלעגענהייט לאזען הערען אונזער שטימע.

ס'איז אינטערעסאנט צו באמערקען, אז איך האב געקראגען די פעטיציע איבערגעזעצט אין ענגליש פון איינעם, וואס האט געדיענט אין „אפיסערס טריינינג קעמפ", וואו עס איז געווען א היבשע צאהל אידען וואס האבען זיך געלערענט פאר אפיצירען (א שאד וואס איך האב פארגעסען זיין נאמען). ער, און די אנדערע אידען האבען זיך זעהר דערפרעהט און ערמוטיגט צו דער ארבייט.

אין קעמפ איז געקומען די נייעס וועגען דעם, אז א אידישער באטאליאן ווערט געגרינדעט אין ניו יארק, און ביי פיעלע פון אונזערע סאלדאטען־חברים האט די נייעס אויפגעפלאמט די פאנטאזיע. ניט איין אבענד האבען מיר פארבראכט צוזאמען פאנטאזירענדיג, ווי גוט עס וואלט געווען, ווען מיר זאלען קאנען זיך אנשליסען אן איהם און געהן אהין, אין דעם לאנד פון אונזער טרוים, קעמפפען פאר אונזער פאלקס גליק און פולער פרייהייט. איינינע האבען זיך ניט באנוגענט מיט פאנטאזיעס בלויז, און האבען זיך געווענדעט אין פארשידענע פלעצער אויסצוגעפינען, צי עס איז דא א מעגליכקייט פאר זיי, זייענדיג אין דער אמעריקאנער ארמעע, אנצושליסען זיך אן דעם אידישען באטאליאן, אבער זיי האבען אויסגעפונען, אז עס איז אונמעגליך.

פריהלינג און אידישע קעמפ לידער

(א בריעף פון קעמפ).

אונבאמערקט איז צו אונז אין קעמפ דער פריהלינג געקומען. עס גרינען שוין די בוימער און עס באווייזען זיך שוין וואו־ניט־וואו בלומען, און די בלומען וואס זיינען איינמאל ארויס אויף גאט׳ס וועלט מאכען זיך ניט וויסענדיג פון דעם באיאנעטען גלאנץ, דעם שטענדיגען קנאלען פון ביקסען און די סאלדאטסקע טריט. זיי האט גאט ארויסגערופען און זיי קומען און וועלען קומען צו פארפוצען די וועלט אונזערע...

מושטירען זיך אזוי אונזערע סאלדאטען אין דער זעלבער ארדנונג ווי אלע מאל. מען מאכט נאך א מייל און נאך א מייל אינ׳ם ווייטען שפאציערגאנג אהינטער׳ן קעמפ. נאר עפעס פיהלט זיך איצט ניט די ווייטקייט אזוי שטארק, ווייל, יעדער פארנעהמט מיט זיין גאנצען וועזען, דעם געזאנג פון דער נאטור ארום איהם, און די פיס הויבען זיך לייכטער.

אונזערע אידישע באיעס אט די פארשידענע אפערייטארס און גלאט פארשמייעטע ברואים פון דער איסט־סייד ווערען גאר צו־פרעגעלט פון נחת ביי יעדען נייעם שמייכעל פון דעם ליעבען פריהלינג. אויף דערוויל פארגעסען זיי די פארשידענע זארגען און קאפּוועהטאגען און פאלען אריין אין התפעלות פון יעדען בלי־מעלע, פון יעדען פייף און פיפּס פון א פייגעלע וואס דערטראגט זיך פון דער אדער יענער גרופּקעלע בוימער און בושעם.

„סעי, דזשים, וואס איז דאס פאר א פויגעל וואס זינגט איצט? הערסט? הערסט? ווי רופט מען איהם?“ פרעגט זיך נאך אונזערער א בחור ביי זיין גוי׳אישען חבר.

„דאס איז דער גאלדען ראבין“, ענטפערט איהם דזשים. ער חידוש׳ט זיך ניט מעהר אויף זיין אידישען חבר, ווייל ער איז שוין געוועהנט געווארען צו זיינע מאדנע כאראקטעריסטישע שטריכען, און ער ענטפערט געדולדיג אויף דעם אידענ׳ס ווייטערדיגע פראגען: „דאס זינגט א בליו־באירד, פון יענעם זייט די האמינג באירד, יענער בוים מיט׳ן ראזעווען בליטה איז א ווילדע „פיטש טרי“, און יענער מיט׳ן ווייסען בליטה איז א „וואילד דאג טרי“, און אזוי דורך דער גאנצער צייט פונ׳ם ווייטען מארטש מיט׳ן ביקס און

שוועריגן פעקעל אויף די פליייצעס, און אויך דער קריסטליכער סאָל־דאַט, וואָס האָט ערשט געהאַלטען אין דערהציעהלען אַ פּאָר פּי־קאַנטע געשיכטעלעך, ווערט באַאיינפלוסט פון דעם אידענ׳ס פּראַ־גען, און הויבט אויך אָן פאַרקוקען זיך אויף גאָט׳ס וואונדערשעהנע וועלט, און קומענדען זונטאג וועט שוין זיין י. מ. ק. א. בילדינג קריגען אַ פּריש בינטעל בלומען, אין איינער פון די וואַזאַנעס אויף די לאַנגע שרייבטישען.

דער פריהלינג איז געקומען, און מיר האָבען זיך אויך צוזאַמען מיט די פויגעל צוזונגען. אַ גאַנץ היבשער געזאַנגס־פאַראיין איז דאָ לעצטענס געגרינדעט געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון דעם נאַציאָנאַלען קלאָב פון די אידישע סאָלדאַטען, און די חברים ל. וויינשטיין, ס. ליעס, קראַניק, ס. טעפּער, ל. טעפּער און ג. גענעט קומט זעהר פיעל אנערקענונג פאַר גרינדען דעם פאַראיין״.

עס איז שוין ביי אונז מעהר קיין זעלטענהייט צו הערען אי־דישע ליעדער. מיר האָבען אויך אַ היבשע קאָלעקציע פון אידישע פאָלקס־ליעדער, אויף וועלכע די חברים ס. ליעס און גאַרעליק זיי־נען אונבאַשטרייטבאַרע מייסטערס. אויך האָט דער קלאָב איינ־געלאַדען אַלע אידישע סאָלדאַטען אנטייל נעהמען אין אַ קאָנטעסט פאַר אַ קעמפּ גאָרדאָנער אידישען ליעד, און אונזערע באַיעס האָ־בען פאַרקייטשט די שטערנס, פאַרקוקט זיך אויף די אַרומיגע בערגלעך, אויפ׳ן הימעל און אויך אַריינגעקוקט זיך טיעף אין הארצען און עס האָבען זיך אַ שאָט געטאָן ליעדער ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגען. צוויי ליעדער האָבען געוואונען דעם פּרייז, וועל־כער באַשטעהט אייגענטליך פון אַלגעמיינער אנערקענונג.

חבר ס. ליעס׳ פּאַראָדיע אויף א. רייזענס „מאַי קאַ משמע לן״ איז די ערשטע, און מיר זינגען זי מיט דער מעלאָדיע פון אָריגינאַל. דאָס איז זי:

„מאַי קאַ משמע לן, דער ביוגעל\
וואָס זשע לאָזט ער מיך צו הערען?\
מיט זיין כריפּען, מיט זיין בלאָזען,\
מיט זיין מאָרגען רוהע שטערען.

און מיך שלעפּערט און מיך פריערט,
ס׳ווילט זיך נאָך אַביסעל ליגען,
נאָר עס העלפט מיר גאָר קיין זאַך ניט
איך וויל קיין „קיטשען פּאָלים" ניט קריגען.

מאי קא משמע לן דער סארדזשענט,
וואָס זשע לאָזט ער מיך צו הערען ?
דרעה זיך רעכטס, דרעה זיך לינקס,
דאָ ניט שטעהן און דאָ ניט ווערען.
קלין דעם פלאָר און וואַש די שטיגען
גלאַנץ דעם שפּיז און פּוץ דעם ביקסעל,
טהו אַקוראַט ווי מען זאָגט דיר,
אַניט וועסטו קיין פּעס ניט קריגען.

מאי קא משמע לן, דער קעפּטען,
וואָס זשע לאָזט ער מיך צו הערען ?
מיט זיין שאַרפען בליק דעם שטרענגען,
מיט זיין באַפעהלען, מיט זיין פאַרוועהרען.
מען מאַכט פון מיר אַ טויט-מאַשינדעל
אָהן אַ לעבען, אָהן געפיהלען,
באַשאַפען נאָר רעגירט צו ווערען,
צו לערנען טויטען און צו דרילען.

מאי קא משמע לן מיין לעבען,
וואָס זשע לאָזט עס מיך צו הערען ?
פוילען, וועלקען אין קאַזאַרמעס,
זומער ברענען, ווינטער פריהרען,
עסען בינס און שלינגען טרעהרען,
שלאָפען אויף אַ שטרוי-זאַק האַרטען,
פאַרלירען דאָ אַ טייערע וועלטעל
און אויף דעמאָקראַסי וואַרטען.

דעם צווייטען פלאַץ פאַרנעהמט א פּאַראָדיע אויף ח. נ. ביאַ־ליקים „משה׳לעך און שלמה׳לעך“ ביי סעם קאַהן, וועלכע ווערט אויך געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון דעם אָריגינאַל:

„אונטער קעמפּ גאַרדאַנער בוימעלאך
מושטירען זיך משה׳לאך, שלמה׳לאך
ביקסעלאך אויף די פּלייצעלאך
אין אַנקעל סעמים קליידערלאך
ווייט פון די וואַרימע היימעלאך,
שעפּער סטענדס און סטאָרקעלאך.
אָי, ווי עס ציהט זייערע הערצעלאך
נאָך די טייערע מאַמעלאך.

נאָר איין זאַך פאַרמאָגען זיי: אידעלאך,
טיעף אין זייערע הערצעלאך,
וואָס היילען די שווערע וואונדעלאך
און וועבען שעהנע חלומות׳לאך,
זיי זעהען אויף אידען ישועות׳לאך,
ווינקען פון ווייטענס ווי שטערענדלאך,
פון ציונ׳ס הויכע בערגעלאך
און פון בעסערע צייטעלאך“.

די און נאָך איינציגע ליעדער האָט מען געזונגען ביי פאַרשידענע געלעגענהייטען. געזונגען צי ניט געלונגען, דערוויילּ העלפען זיי שמיעדען דאָס אידישע לעבען אין קעמפּ און פאַרשעהנערען דאָס ביסעל צייט ביז מיר וועלען דאַרפען געהן „אָווער דהער“.

מיר האָבען געהאַט נאָך א היבשע פרייד ווען אָדעם האָט אונז אַמאָל אַנגעזאָגט אז מיר האָבען געקראָגען א היבשע צאָהל אידישע ביכער וואָס ישועה גאַרדאָן פון דער „פּיפּעלס־ליעג“ האָט אונז צוגעשיקט.

אין דעם באַשטימטען אָבענד האָט ער זיי געבראַכט אין קלאָב. ווי הונגעריגע ביענען האָבען די באַיעס אַרומגערינגעלט די איינציגע צעהנדליג קאָפּיעס.

„אה, אָט איז מיין שלום־עליכם!“

„וואס? כתרילעווקע?!"

„כתרילעווקע!"

„דערלאנג עם אהער, דו פאסקודניאק!"

„אט איז פרוג!" דערהערט זיך נאך א פריידיגער אויסגעשריי.

„מיש אויף דארט די „טראיקע", געפין דעם „כוס", די „שטע־רעז"!" דערהערען זיך נייע אויסגעשרייען.

„חרוב'ע וועלטען, פון א. ש. זאקס", כאפט זיך נאך איינער צו. אבער דא מישט זיך אריין אדעם און ווי א קאמאנדיר טוט ער א באפעהל:

„דערלאנג אהער דעם בוך!"

„נעוויאס" האט אנפאנגס ניט געוואלט, אבער אז אדעם הייסט, קאן מען זיך נישט העלפען און ווי נאר אדעם האט צוריקגעקראגען דעם בוך, האט ער זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש און פאכענדיג מיט'ן בוך אין דער לופטען האט ער אונז צום ערשטען איינגע־שטילט און נאכדעם געזאגט:

„ברידער! פריוועט יוסף פעף זאגט, אז ער איז א גענאסע, אז אינטערנאציאנאליסט און איהם ארט ניט אויב דאס אידישע פאלק וועט אונטערגעהן. אט וועל איך איהם געבען אט דעם בוך און זאל ער זעהן ווי אן ארענטליכער געלערטער גענאסע באשרייבט מיט אזוי פיעל ליעבע די אידישע שטעדטעלע מיט איהרע טיעף אידישע מנהגים. זאל ער זעהן, אז א גענאסע מעג אויך ליעב האבען זיין פאלק.

„פעף" האט דעם בוך צוגענומען אבער ניט אונטערצוגעבען זיך האט ער מיט זיין קרעפטיגער שטימע באמערקט דערביי:

„איך וועל קיינמאל ניט גלויבען אין אייער ציוניזם און אין אייערע עליים!"

און גלייך האבען זיך געבילדעט ארום אדעס'ן און פעף'ן צוויי געגנערישע פארטייען. עס איז געווען אי קאמיש און אויך טרויעריג צוצוזעהען זייערע קריגערייען. קאן דען העלפען זייער וועלען אדער ניט־וועלען מלחמה? עס האט אויך שטארק ניט הארמאנירט מיט דער אוניפארם דער ווארימער עכט־אידישער זשעסטיקולירען און איינלעגען וועלטען פאר די שעהנע איבערציוגונגען און אידעאלען...

דער אָפּקלאַנג פון ציון-לעגיאָן

אַ גרויסען איינדרוק האָט געמאַכט אויף די אידישע סאָלדאַטען אין קעמפּ גאָרדאָן די באַוועגונג פאַר אַ ציון-לעגיאָן.

יעדע נייע גרופּע וואָס האָט זיך פאַרזאַמעלט אַרום אונזער וויים-בלויער פאָהן און איז אַוועק קעמפּען פאַר אונזער פאָלק און ציון האָט אַרויסגערופען נייע אויסברוכען פון פרייד, אפילו ביי אונזערע שטאַרק אַמעריקאַניזירטע באָיעס.

וועגען דער באַגייסטערונג פון אונזערע חברים פון דעם נאַציאָנאַלען קלאָב און די אַנדערע „אידישע אידען" איז אָבגערעדט. עס דערגעהט אָפּט ביז צו קאָמישע סצענעס.

מען האָט געזעהן ווי אַ אידישער סאָלדאַט ציינט אָן אויסשניט פון אַ אידישער צייטונג מיט די בילדער פון די לעגיאָנערען צו אַ גרופּע קריסטליכע סאָלדאַטען, און לעזט פאַר זיי פאָר וועגען די רעדעס און פּאַראַדען פאַר די לעגיאָנערען. אָנפאַנגס מאַכען זיי שפּאַס פון אונזער „באָי", וואָס האָט אין זיין באַגייסטערונג פאַרגעסען צו איבערזעצען די נייעס אין ענגליש, אָבער ווען זיי פאַרשטעהען ענדליך וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, ווערען זיי ערנסט און קוקען מיט גרוים רעספּעקט אויפ'ן פּאַרלעזער. הייסט עס, אַז די „דזשוס" ווילען „ליבערטי" און זיי „פייטען" פאַר זייער „קאונטרי". אויב אַזוי איז שוין אַנדערש. יאַ, אידען האָבען די קעפּ אויפגעהויבען און קריסטען האָבען פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבען אַ באַרעכטיגונג דערצו.

שוואַרץ, לובאַווניקער און פיינגאָלד — דאָס זיינען די נעמען פון אונזערע טייערע דריי חברים, גאַליציאַנער, וואָס זיינען צוזאַמען מיט די אַנדערע עסטרייכער אונטערטאַנען באַפרייט געוואָרען פון מיליטער-דינסט, און דאָ קריגען מיר די נייעס, אַז זיי האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן דעם אידישען לעגיאָן. היינט ווער האָט עס געקענט צוטרעטען צו די שטאָלצע חברים פון נאַציאָנאַלען קלאָב, וואָס שפּיגלען זיך מיט די דריי חברים: שוואַרץ, לובאַווניקער און פיינגאָלד.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס מיר האָבען געוואוסט אַז מיר קאָנען זיך ניט אַנשליסען אָן דעם אידישען לעגיאָן, האָט איינער פון

אונזערע חברים, פר. רייסקין, אַנגעשריבען אַ ביטע צו זיין קאָמאַנדיר, אַז מען זאָל איהם ערלויבען זיך אַנצושליסען און געהן קעמפען מיט אונזערע בראַווע ברידער, און פיעלע פון אונז האָבען געוואַרט אויפ'ן ענטפער וואָס ער וועט קריגען, טאָמער וועט דאָך אַפּגליקען, דאַן וועלען מיר אויך דערלאַנגען אַזעלכע ביטעס.

טראַגיש איז געווען דער פאַרזוך פון פּריוועט אב. שטיינבערג. ער האָט די גאַנצע צייט געזוכט ארויסצורייסען זיך פון דיענסט אויפ'ן גרונד וואָס ער איז מינדעריעהריג, ניט קיין בירגער און אויך פיזיש שוואַך. אָבער ווי נאָר ער האָט אריינגענומען אין זינען, אַז די באַלפור דעקלאַראַציע איז ניט גלאַט אַ שטיקעל פּאַפּיר, נאָר אַז מען מיינט דערמיט ערנסט, איז ער אריינגעקומען צו זיין קעפּטען אין אָפּיס און האָט אַ שיינענדיגער געזאָגט: „קעפּטען, איך גיב אויף מיין זוכען צו באַפרייען זיך!" דער קעפּטען איז פון שטיינבערג'ס ערקלעהרונג זעהר צופרידען געווען. ער האָט זיך אָבער געוואונדערט אויף דעם פּלעצליכען אומבייט. אויף זיינע פראַגען האָט שטיינבערג אין זיין געבראָכענעם ענגליש ערקלעהרט, אַז „אַזוי ווי ענגלאַנד און די עליים גאַראַנטירען אַז ארץ־ישראל וועט זיין אַן אידיש לאַנד, און אַזוי ווי פיעלע אידישע יונגע לייט געהען אַהין קעמפען אונטער דער אידישער פאָהן, וויל ער אויך מיט זיי מיטגעהן". דער קעפּטען האָט איהם פאַרשפּראָכען צו העלפען, און אין אַ רעדע צו די איבעריגע סאָלדאַטען האָט ער שטיינבערג'ן געשטעלט אלס אַ מוסטער. ער האָט געזאָגט: „אין ארץ־ישראל אָדער אין פראַנקרייך, אָבער מיט אַזעלכע סאָלדאַטען וועלען מיר זיכער געווינען דעם קריעג..."

דערווייל האָט דער קלאָב באַשלאָסען צו שיקען אַ בריעף צו אונזערע קעמפער, וואָס זיינען שוין אין די רייהען פון דעם אידישען רעגימענט, און צו די, וואָס זיינען אויפ'ן וועג אַהין, און אויך צו די, וואָס וועלען זיך אַנשליסען אַן איהם.

דאָס איז דער בריעף, וועלכער איז פאַר'ן אַפּשיקען פאַרגעלייענט געוואָרען פאַר'ן קלוב:

„צו אונזערע טייערע און ליעבע חברים לעגיאָנערען.

„פון אונטער'ן ביקס, פון די רייהען פון אַנקעל סעמ'ס ארמעען אין קעמפּ גאַרדאָן שיקען מיר אייך, טייערע ברידער לעגיאָנערען, אונזער פריידענס־אויסגעשריי. בראַוואָ, ברידער און קעמפער, וואָס

האבען אין זיך דערפיהלט דאס אייביג שטורמישע בלוט פון אונזער פאלק, וואס האט און וועט אייביג פארטיידיגען זיין רעכט אויף א פרייען לעבען.

„טייערע ברידער! אייערע טריט, מיט וועלכע איהר דערנעהנטערט זיך צום קאמפס־פלאץ פאר אונזער אזוי פיעל געגארטען היימלאנד, קלינגען אפ אין אונזערע הערצער ווי די טריט פון משיח׳ן, אויף וועמען אונזער פאלק האט אזוי געדולדיג און מיט אזא גלויבען געווארט אין אלע צייטען און אין אלע ווינקלען פון דער וועלט.

„פון צווישען די מאסען בראווע קעמפער פון דער ענגלישער ארמעע וועלען מיר אויף אייך קוקען און נאכפאלגען מיט פארכאפטען אטעם יעדען שפאן אייערען.

„טייערע ברידער! נאכדעם ווי ענגלאנד האט אזוי הויך אויפגעהויבען די אידישע פאהן אין די אויגען פון דער גאנצער וועלט, און האט גלייכצייטיג פארגאסען דאס בלוט פון איהרע בעסטע זיהן עראבערענדיג פאר אונז איין שפאן נאכ׳ן צווייטען פון אונזער הייליגען באדען, האבען מיר, אייערע ברידער־סאלדאטען פון קעמפ גארדאן מיט דער גרעסטען שפאנונג צוגעקוקט, צו עס וועלען זיך געפינען אויך אין אמעריקא אידען, וואס וועלען זיך ניט באנוגענען מיט הורא־געשרייען און געלט־ביישטייערונגען בלויז, נאר וואס וועלען נאכפאלגען דעם הערליכען ביישפיעל פון אונזערע ארץ־ישראל־דיגע און ענגלישע ברידער־לעגיאנערען, און אפפערען מיט׳ן לעבען.

צו אונזער פרייד, שטאלץ און געפיהלען פון העכסטער באגייסטערונג איז קיין סוף ניט געווען, ווען מיר האבען געלעזען וועגען אייער אנשליסען זיך אן דעם אידישען רעגימענט, און וועגען דער גרויסער ליעבע און אנערקענונג, וואס אונזער ערוואכט פאלק צייגט אייך ארויס אויף אייער וועג צום גרויסען קאמף.

„טייערע ברידער! איהר וועט אונז פארגעבען, אויב אויסער אונזער באוואונדערונג צו אייך, האבען פיעלע פון אונז אייך אויך מקנא געווען. איהר, גליקליכע, וועט האבען די פריווילעגיע אין דעם גרויסען טראגישען מאמענט פאר דער וועלט, אין דעם גרויסען ענטשיידענדען קאמף פאר אונזער פאלקס פרייהייט, צו קעמפפען אויף יענעם באדען וואס איז דורכגעווייקט מיט טרעהרען פון אזוי פיעל יאהרען בענקען און גארען פון אונזער פאלק. איהר וועט

קעמפען אונטער יענעם הימעל, וואס איז פול מיט די חלומות פון אונזער פאלק; אונטער יענעם הימעל, וואס וועט ענדליך זעהן דעם טאג, וואס מוז און וועט קומען — דעם טאג, ווען אונזער פאלק וועט דארט זעען און שניידען, גליקליך זיין און שפינען זיינע נעטליכע חלומות און זינגען זיינע אייביגע פריעדענס-ליעדער! וויפיעל פון אונז וואלטען וועלען געהן קעמפען זייט ביי זייט מיט אייך, און ווען נויטיג — זייט ביי זייט פאלען, און מיט פארגאסענע בלוט און מיט'ן לעצטען וועה-געשריי צוזאמען מיט אייך צום איבעריגען מאל פארזיעגלען און פארהייליגען דאס רעכט פון אונזער מארטירער-פאלק אויף אונזער אוועקגערויבטען לאנד.

„עס בלייבט אונז אבער איבער איין גרויסע טרייסט. דאס איז, וואס מיר וועלען קעמפען אונטער דער פאהן פון דער גרויסער און נאבעלער אמעריקא, וואס האט זיך געשטעלט אין דעם קריעג אויף דער זייט פון גערעכטיגקייט און פרייהייט פאר אלע מענשען-קינדער, און זי וועט זיכער ניט פארזעהן אויך אונזער פאלק, ווען די גרויסע שטונדע פון פרידען וועט שלאגען.

„טייערע ברידער! געהט, און זייט זיכער, אז אויף אייך וועלען איצט מיט באוואונדערונג און מיט ערווארטונג אויף ערלעזונג ארויסקוקען די אויגען פון אונזערע רואינירטע ברידער פי'ן רומעניע, גאליציע און פון דער פרייער אונגליקליכער רוסלאנד. אט די ברידער אונזערע פון די פארשידענע גיהנומ'ס פון דער וועלט, שיקען אייך זייערע ברכות און גליק-וואונשען. זיי וועלען בעטען גאט, ער זאל שטארקען אייערע הענט אינ'ם הייליגען קאמף, און ווען זיי וועלען ענדליך קומען צו ארבייטען און לעבען פריי אויף אונזער מיט אייער בלוט-באגאסענעם באדען, וועלען זייערע קינדערלעך אויף אייערע קברים בלומען פלאנצען און וועלען זינגענדיג און טאנצענדיג אין א קאראהאד די בלומען אין זייערע שעהנינקע לאקען איינפלעכטען, און וועלען אייך בענשען מיט אלץ מעהר ליבע יעדען נייעם פריהלינג, וואס וועט באנייען און באררייכערען אונזער, דעמאלט גליקליך פאלק, אויפ'ן שוים פון אונזער גליקליכען פרייען לאנד.

„זייט געזונט און שטארק, טייערע ברידער, און מיר בעטען אייך: ווען איהר וועט באטרעטען אונזער הייליגען באדען און וועט אין אייער שטארקען ענטשלוס צו קריגען אונזער פרייהייט,

זיך אויסלאכען פון אלע געפאהרען פון טויט און וועט אזוי ווי אונזערע זיידעס, די מכבים, אונזער פרייהייט און גליק צום לעבען ברענגען, זאלט איהר אויך אונז, בענקענדע, ניט פארגעסען; און אויב עס איז מעגליך צו ריידען צו אונזערע בערג און טאהלען און צו די הימלען איבער אונזער לאנד, דערצעהלט זיי פון אונזער גרויסער ליעבע צו זיי.

„זייט געזונט, טייערע ברידער! מיר וועלען צוזאמען האפען, אז איהר און מיר, וועלען ארויס אומבאשעדיגט פון'ם ביטערען קאמף און וועלען צוזאמען געניסען די פרוכט פון אונזער ערדרייכ־טען ציעל און וועלען גליקליך לעבען אויף אונזער באפרייטען בא־דען אין דער נאכבארשאפט פון א פרייער און פריידליכער פעלקער־משפחה, וואס וועט ענדליך פארשטעהן, ווי צו שליכטען איהרע סכסוכים און ווי צו ערווערבען זיך פרייהייט און גערעכטיגקייט אויף א פריידליכען וועג, אהן מארד און אהן בלוט־פארגיסונג.

„פון אונז, אייערע ברידער פון קעמפ גארדאן, עקזעקוטיוו קאמיטע פון אידישען נאציאנאלען קלוב:

ש. אדעס,
ס. כהן,
צ. דאשעווסקי,
ה. עפשטיין,
א. שטיינבערג,
ב. בערנשטיין,
מארים ראזענבלום
און קאטאוויץ.

בעת'ן רוישען פון די נאַכט־בלעטער

פון דער גרויסער צאהל פריינד וואס מיר, אידישע סאלדאטען, האבען געהאט צווישען דער אטלאנטער אידישער באפעלקערונג, זיינען געווען אייניגע גאר אינטימע און נאהענטע, וועלכע האבען גענומען גאר א גרויסען אינטערעס אין אונזער גייסטיגען לעבען און שטרעבען. זיי פלעגען זיך כמעט ווי בעטראכטען פאר מיטגליעדער פון אונזער נאציאנאלען קלוב, העלפען אונז ארראנזשירען אונטערנעהמונגען אין קעמפ אזוי גוט ווי אין אטלאנטא. און וואס נעהענטער עס איז געקומען אונזער צייט אפצופאהרען קיין פראנקרייך, אלץ ענגער און אינטימער זיינען געווארען די פארבינדונגען צווישען אונז און דער אטלאנטער גרופע, אלץ אפטער פלעגען אייניגע פון זיי קומען צו אונז אין קעמפ צו אונזערע געשעפטס־מיטינגען, וועלכע מיר האבען געהאט יעדען דינסטאג נאכט און ווען נאר מיר פלעגען זיי נאך אזא באזוך באגלייטען ביז דעם גרענעץ פון קעמפ און דאנקען, פלעגען זיי נאר האלטען אין פארזיכערען, אז זיי טוען עס ניט בלויז צוליעב אונז, נאר פאר זיך, ווייל זיי זיינען אליין דא עלענד און פארווארפען, אז מיר האבען אריינגעבראכט א גרויסען צוגאב און אפפרישונג צו דאס ביסעל אידיש לעבען, וואס האט קוים געטליעט.

איין פרייטאג נאך אונזערע פארוויילונגען, צו וועלכע עס זיינען געקומען פון אטלאנטא מרים ברוקס, רייזעל לעסנאוו, יאסעל יאמפאלסקי און דער אלטער שמואל יאמפאלסקי, וועלכען מיר האבען געליעבט פאר זיין קלוגער, וויציגער פאלקסטימליכקייט, האבען מיר, נאכ'ן באגלייטען זיי, באשלאסען, צו מאכען די נאכט פאר אן אויסנאהם און ניט געהן צו אונזערע „באראקס“, נאר בלייבען ביים ברעג קעמפ צווישען די אייניגע בוימער וואס פאר'ן געדיכטען וואלד. אייניגע איז די „פאנטאזיע“ ניט געפעלען געווארען — זיינען זיי גלייך אוועק. אבער עס איז איבערגעבליבען א היבשע גרופע און מיר האבען זיך צוזעצט אויף דעם פייכטען גראז. די נאכט איז געווען א פינסטערע, א ווארימער ווינטעל האט גריהרט די אויבערשטע צווייגלעך פון די בוימער, וועלכע האבען ווי אפגע־

זיפצט אין זייער שלאָף, דורכ'ן לייכטען רוישען פון די בלעטעלאַך; פון דעם וואַלד האָט זיך צייטענווייז דערטראָגען אַ שטאַרקערער רוישען און געשרייען פון די נאַכט־פייגעל. פון דעם צווייטען זייט, וואו דער קעמפּ איז געווען, האָבען די פייערלעך אין די קאַזאַרמע־פענסטער אָנגעהויבען צו פאַרשווינדען אַזוי פּלאַנמעסיג, ווי זיי וואָלטען אויך געווען סאָלדאַטען און אויסלעשענידיג זיך ציילען: איינס, צוויי, דריי פיער! — און מיט יעדען פאַרשוואונדענעם פייערעל איז אומהיימליכער, פינסטערער און דריקענדער געוואָרען.

„זאָלען מיר רויכערען?"

„יאָ!"

„אָבער פאַרשטיקט די פייערלעך, אַזוי ווי ביים פראָנט".

נאָכ'ן שווייגען און טראַכטען האָט זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט אונזער געוועהנליכער געשפּרעך. עס איז געווען אַזוי טייער צו בלייבען צוזאַמען און אַראָפּריידען פונ'ם האַרצען.

„סאַלאַנט" האָט דערצעהלט אַ קאָמישע סצענע. וועלכע האָט אויפגערודערט זיין גאַנצע „קאָמפּאַני". אַ אידישער סאָלדאַט פון זיין פּלאַטון האָט זיך „נאָך אַ האָר" פאַנאַנדערגעווייגט, ווען מ'האָט דעם לעצטען אָבענד צו „רעטריט" אויסגערופען נעמען פון די וואָס ווערען דערהויבען צו העכערע ראַנגען און איהם האָט מען ניט געמאַכט פאַר קאָרפּאָראַל, אַזוי ווי ער האָט ערוואַרטעט, און גראַדע האָט ער שוין געהאַט געקויפט פאַר זיך „קאָרפּאָראַל־בענדלעך"; אַזוי פלעגט איהם ניט אַרען צי מען רופט איהם דזשו, אָדער מיט זיין פאַמיליען־נאָמען, אָבער אַן ענטוישטער האָט ער זיך נאָר געהאַלטען אין באַקלאָגען, אַז מען האָט איהם ניט געמאַכט פאַר קיין קאָרפּאָראַל, ווייל ער איז אַ איד...

סאַלאַנט האָט מיט איהם אַרגומענטירט, האָט איהם אויפּגעצייגט, אַז גראַדע אין זייער קאָמפּאַני זיינען דאָ פון 16 אידען 9 קאָרפּאָראַלס און סאַרדזשענטס, אָבער יענער איז באַשטאַנען אויף דאָס זייניגע, אַרגומענטירענדיג, אַז ווען די זעכצעהן וואָלטען געווען גוייִם, וואָלט מען זיי אַלעמען געמאַכט פאַר „נאָן־קאָמס." — אַזוי נאַציאָנאַל איז ער מיט אַמאָל געוואָרען.

„האָט איהר געהערט פון נ., פון דיפאַ בריגייד?" האָט אונז לעווין געפרעגט, און האָט דערצעהלט, אַז די לעצטע צייט פיהרט זיך אויף נ. אַזוי ווי אַ גערירהטער פונ'ם זינען. לעצטענס האָט

ער אויפגעטאן א נייע זאך: יעדען פריהמארגען ווען די קאמפאני ווערט ארויסגערופען פאר „פאליסינג דיוטי", ד. ה., אויפקלייבען פון ארום דער קאזארמע שטיקלאך פאפיער, סיגארעטען און אנ־דערע שמוץ, איז אנשטאט ארויסדרעהען זיך פון דער ערנידעריגענ־דער ארבייט, בלייבט ער נאך לענגער פון אלעמען. דער סארד־זשענט שרייט, הייסט איהם געהן אין „ליין", נעהמען א ביקס, אבער ער זוכט נאך אלץ. „וואס זוכסטו?" פרעגט מען איהם. ער שווייגט. ווען מען פארזאמעלט זיך ארום איהם מיט געלעכ־טער און פארשידענע אויסרופען, ארט עס איהם ווי דער וואנט. ער זוכט ווייטער. דאן כאפט איהם אן דער סארדזשענט פאר'ן קאלנער און, טרייסלענדיג, פרעגט ער איהם: „העי, לוני (משוגע־נער) זאג, וואס זוכסטו?" ענטפערט ער: „איך זוך מיינע דיסטשארדזש פאפירען" (באפרייאונגס פאפירען). און איצט געהט אום די גאנצע קאמפאני ווי אויף רעדלעך, אלע זוכען נ'ס דיס־טשארדזש פאפירען.

סטאלפער דערצעהלט, אז ווען ער איז געווען אויף גארד לעצטע נאכט, האט ער געהערט א יאמערענדען וויינען און קוויט־שען פון איינעם וועמען מען האט געשלאגען אין דער גארד־שטי־בעל. ער האט געוואלט זיך צו'גנב'ענען און זעהן וועמען מען שלאגט דארט אזוי מערדערליך, אבער ער האט מורא געהאט, אז מ'וועט איהם ארעסטירען. (שפעטער האבען מיר זיך דערוואוסט, אז דאס איז געווען איינער וואס האט זיך ענטזאגט צו געהן קיין פראנקרייך).

אדעם האט אונז איבערגעגעבען דעם אינהאלט פון א לעקציע, וואס אן אפיציער האט פאר זיי געהאלטען. עס איז געווען אין פעלד, וואו מ'האט אויסגעגראבען טרענטשעס, אין וועלכע מ'האט פראקטיצירט שיסען און באיאנעט שטעכען. אין דער פערטעל שטונדע פון אפרוהען זיך האט דער אפיציער צוזאמענגערופען די קאמפאני און געפרעגט, צי מיר ווייסען עפעס וועגען די דייטשען, מיט וועלכע מיר געהען זיך שלאגען. איינינגע האבען צו איהם צו־געשריען: „זיי זיינען באשעס, זיי זיינען בעסטיעס", און אנדערע אונדרוקבארע אויסרופען. אבער די שרייער אליין פלעגען באלד באהאלטען זייערע קעפ מיט א מאדנעם געלעכטערל און קוקען צי זיי זיינען ניט באמערקט געווארען פון א דייטש־אמעריקאנעם סאלדאט, א חבר זייערען...

דער אָפיציער האָט „געלעקטשורט“. ער האָט געזאָגט, אַז ווען די דייטשע כאַפּן אַן אַמעריקאַנער, איז אַך און וועה צו איהם, זיי מאַטערן איהם ביז צום טויט, שניידען אָפּ די צונג, און אַמאָל טוען זיי נאָך עטוואָס שרעקליכערעס. אָט האָט ער געהערט פון אַ פאַל, ווען זיי האָבען געכאַפּט דריי אַמעריקאַנער סאָלדאַטען. און „טרעפט וואָס זיי האָבען מיט זיי געטאָן? — איהר'ט ניט טרעפען!“ און נאָך אַ געשפּאַנטען שווייגען האָט דער אָפיציער געזאָגט: זיי האָבען צושמעטערט זייער “גליד” מיט'ן טעמפּען זייט פון אַ ביקס איבער אַ שטיין. — — — — — —

די גאַנצע קאָמפּאַני האָט, אָנשטאָט צו דערשרעקען זיך — זיך צולאַכט. אַנדערע האָבען געקריצט מיט די ציינער און געקוקט אויף איהם מיט אויגען וואָס וואָלטען איהם מיט'ן גרעסטען פאַר־געניגען דורכגעשטאָכען.

מאַקרענסקי האָט דערצעהלט, אַז אין זיין קאָמפּאַני איז דער אָפיציר אַן אינטעליגענט און לעקטשורט גאָר אַנדערש וועגען דעמ־זעלבען געגענשטאַנד.

יאַ־אינטעליגענט, ניט־אינטעליגענט. אָבער אַרום אונז איז מיט יעדער ווייטערדיגער אויסגעזאָסענער הארץ אַלץ געדיכטער געוואָרען די פינסטערניש און דער גערויש פון די בלעטלאַך איז געוואָרען אַ מין פאַרשטיקטער, אין האַלז פאַרבאָרגענער געוויין.

„לאָמיר געהן איידער מען שפּיעלט „טאַפּס“ — אין גרופּעס צו צוויי, און איינצעלנע האָט מען זיך אַריינגערוקט אונבאַמערקבאַר אין פאַרשידענע ריכטונגען.

אויף פסח אין אטלאנטא

ענדליך האבען מיר זיך דערוואַרט אויפ'ן געבענשטען ערב פסח, ווען מיר האבען געקראגען אונזערע „פעסעס“ צו געהן אין אטלאנטא, באגעגענען אונזער שעהנעם יום־טוב.

און מיט אמאל איז אטלאנטא, וואס איז ניט געוועהנט צו זעהן פיעל סאלדאטען אין מיטען וואך, פארפלייצט געווארען מיט די איינציגע טויזענד אידישע סאלדאטען, וואס האבען זיך געאיילט יעדער איינער אין א פאראויס באשטימטער הויז, צו זיין אטלאנטער פריינד, וועלכער האט דורך צעהנדליגע מאל אנזאגען און שרייבען פארזאגט, למען השם, צו קומען אויף די צוויי און פערציג שטונדען, וואס דו ביזט פריי. און מען איז געקומען. און ניט נאר האט מען געפראוועט א גרויסארטיגען אידישען סדר, נאר אפגעהוליעט די טייערע פרייע צייט.

עס זיינען געוועזן פיעלע פארטרויערטע הערצער, און ניט איין טרעהר איז דערשלונגען געווארען, אז קיינער זאל ניט באמערקען. די ערוואַרטונגען וועגען דער היים און די דארט פארזארגטע טאטע־מאמע; די ערוואַרטונגען וועגען די סדרים, ווען מען איז נאך צוזאמען געזעסען מיט די טייערע און ליעבע, האבען ניט איין הארץ צוזאמענגעדריקט. אבער אין אטלאנטא זיינען דא א סך גוטע אידישע מאמעס, מיט דיזעלבע גוטע אידישע הערצער און נשמות, וואס אונזערע אלע מאמעס פון דער גאנצער וועלט פארמאגען. און די אטלאנטער מאמעס האבען פארשטאנען די טראגעדיעס, וואס די „באים“ לעבען איבער, און געטאן אלץ וואס זיי האבען געקאנט אום אונז פרעהליך און באקוועם צו מאכען און דאס גאנצע הויז־געזינט האט מיטגעהאלפען. ס'איז ניט געוועזן דערביי קיין ברעקעל אנגעצויגענקייט פון געוועהנליכער גאסט־פריינדשאפט. נאר אזוי עכט און אינטים!

ווען איך בין געקומען אין דער עלאיענס בילדינג, וואו מען האט אזוי ווי אויף א יאריד צושיקט די סאלדאטען, דעם אהין און דעם אהער פאר די סדרים, האט מיך באגעגענט איינער פון די בעלי־בתים, מר. „דייוויס“, ביי וועמען איך בין שוין געוועזן א היימישער מענש, און ווי אלע מאל, האט ער אויך דאס מאל, גאר פשוט

אריינגעשלעפט אין זיין פאַרדעל, וועלכער איז שוין געווען איבערגע־פּאַקט מיט לוסטיגע חברה. דאָ זיינען געווען דער פּראָפעסאָר פון אונזער סאַלדאַטסקען „מאי קא משמע לן", ליס, גאַרעליק, ש. אַדעס און ביי אַ האַלבען טוץ אַנדערע סאַלדאַטען.

די בעל־הבית'טע און זייערע קינדערלעך האָבען אונז אויפ־גענומען שיינענדע, דערפרעהטע, און גלייך האָבען מיר זיך גע־נומען צו די מאכלים און דערגאַנגען די יאָהרען מיט אונזערע קאָמ־פּלימענטען.

ליס, דער געלער, קליינינקער און לעבעדיגסטער אידישער סאַלדאַטעל פון קעמפּ, האָט זיך גענומען צו זיין באַליעבטער טעמא: שילטען די אַרמעע און מלחמה.

„מיך וועלען זיי אין פראַנקרייך ניט זעהן! וועסט שוין אַ סימן האָבען!"

„אַז וואָס האָבען זיי צו מיין אַרימען לעבען? איך זאָג דען, אַז די עליים זיינען אומגערעכט? זיי זיינען אַבסאָלוט גערעכט, אָבער צו וואָס דאַרף איך אַנלעגען מיט מיין איינציגער קאָפּ?" האָט ער זיך געוויצעלט.

און גלייך האָבען מיר זיך צוטיילט אין צוויי פּאַרטייען, און האָבען זיך געאַמפּערט אַרום דער פראַגע, צו די עליים וועלען דורכפיהרען זייערע פּאַרשפּרעכונגען.

ווען עס זיינען אריינגעקומען איניגע מיידלאַך, האָבען זיך חברה ביסלעכווייז אַרויסגערוקט פון צווישען די טישען, זיי אַרומגערינגעלט מיט ריטערישער אויפמערקזאַמקייט. עס איז געלעגען אַזוי פיעל טראַגישעס אין דעם גאַרען צו פאַרברענגען נאָך איין שטונדע מיט אַ היימישער אידישער טאָכטער, מעגליך דאָס לעצטע מאָל...

פּונ'ם קאַקעטירען און וויצלען זיך איז מען אַריבער צו דער וויקטראָלאַ, און מיט אַ דורשטיגקייט פון מענשען וואָס צושייי־דען זיך אויף אייביג פון דער פרייער ליעבער וועלט, האָט מען זיך גענומען צו די ליעבלינגס־רעקאָרדס.

„שפּיעלט קאַרוזאָ'ן!"

„שפּיעלט אַלמאַ גלוק!"

„צימבאַליסט!"

„מק'קאָרמעק'ן!"

„שאט, שאט!" צושרייט זיך ליס. „מיר וועלען אלעמען אויסהערען. זיי זיינען אלע כשר׳ע אידישע קינדער".

די בעל־הבית׳טע, וועמען פיעלע פון אונז האבען גערופען ביים ערשטען נאמען, „רחל׳ע", ווערט ניט מיעד אויספיהרענדיג יעדענס קאפריז, און מען קוויקט זיך מיט די קלאסישע ליעדער. אלע ווערען ערנסט, פארטיעפט אין אייגענע רעיונות, ביז אדעס, אט דער שטארקער איד, ליטוואק און דאן פארברענטער סאלדאט, שטעלט ארויף א חסיד׳ישען טאנץ, און אלע ווערען אויפגעצאפעלט. עס דוכט זיך, אז דער אלטער נח קלעזמער, פון דער ווייטער היימישער שטעדטעל איז אויפגעשטאנען, האט זיך נאך מעהר צוזאמענגעדרעהט מיט זיין הארבאטע פלייצע איבער זיין פיעדעלע און עס דרעהען זיך ארום איהם אין א כשר־טאנץ די באבעניו ברײנע מיט דער מומע דוואשען. אט נעהמען זיי צוזאמען די פאלדען פון זייערע קליידער און לאסטשענדיג מיט זייערע אויגען פארגעסען זיי זיך אינ׳ם עקסטאז פון נח׳ס שפיעלען, הארצדורכ־דרינגענדע אידישע נגונים.

אויף אונזערע געזיכטער צושפרייט זיך א וועהמוטיגער שמייכעל, וואס ריהרט ביז טרעהרען און אליין פון זיך הויבען אן די הענט צו פלעסקען. מען זינגט־נאך, פריי, אהן קונצען... ערגעץ פון א ווינקעל רוקט זיך ארוים „יאסעל", דער קאמיקער פון אטלאנטא, שפרינגט אריין אין צענטער, טופעט, ווארפט מיט די פיס, הענט, מיט׳ן גאנצען שטרויענעם קערפער, ביז שוויים שלאגט שטראמענווייז. די ברילען זיינען שוין לאנג אראפגעפאלען. נאך איינער און נאך איינער ווערט ווי פון א וואסער־פאל אריינגעצויגען אינ׳ם טאנץ פון עקסטאז און פארגעסענהייט. פלוצים, אין מיטען פון דעם ווירוואר, כאפט זיך ארויף ליס אויף א שטול, און מיט א נעלעכטער דורכגענומען פון טרעהרען האט ער אויסגעשריען:

אידען! אידען! פארשטעהט איהר שוין פאר וואס איך וויל ניט געהן אוועקגעבען מיין לעבען?"

אין א מאמענט זיינען מיר אלע ווי פארשטארבען געבליבען, אבער דא איז אדעס ארויסגעטראטען:

און איך וועל יא געהן!" האט אדעס צוזאמענגעדריקט זיינע פויסטען. „איך וועל יא געהן, ווייל מיר איז מיאוס געווארען דאס לעבען אין גלות. איך וויל אויסקעמפען ארץ־ישראל.

„דיינע עליים לייגען!“ האט זיך י. פעף א װאָרף געטאָן צו אַדעס׳ן.

„אויב זיי לייגען, וועל איך האָבען וועמען צו רופען ליגנער. אָבער דערווייל האָבען זיי צוגעזאָגט אונזער פרייהייט און דער איד דאַרף צייגען, אַז ער קאָן צאָהלען זיין פרייז!“ האט אַדעם זיך צושריען אויף זיין ליטווישען אַקצענט.

אזוי האט מען זיך געאמפערט, ביז די קינדערלעך זיינען זיך צופאַלען שלאָפען, ווייל דער מאָרגענשטערען האט זיך שוין היבש ארויפגערוקט אויפ׳ן קלאָהרען טיעפען הימעל.

מיעדע, נאָך אלץ אריינוואָרפענדיג א שטעך־ווערטעל, האט מען זיך צולעגט אויפ׳ן פלאָר, אָבער אין שלאָף האט מען זיך אלץ נעהנטער צוזאמענגערוקט איינער צום צווייטען אין א ברידערלי־כער ענגער שורה...

אזוי האָבען מיר פאַרבראַכט די צוויי און פערציג שטונדען פון אונזער ליעבען פסח אין די היימען פון אונזערע אטלאַנטער ברידער.

דאָס הארץ האט זיך אביסעל געשראָקען פאַר׳ן גרויסען סדר, וואָס איז אראַנזשירט געוואָרען פון דער וועלפעיר באָארד, מיט דער הילף פון אונזער טשאַפלין און די זעהר טעטיגע און גוטע אידישע פרויען, מרס. מ. זייאַן, מיר פידעלמאַן און פיעלע אנדערע. אָבער עס האט ניט לאנג גענומען אויסצוגעפינען, אַז אויך א גרויסער קהל׳שער סדר קאָן טראָגען א שעהנעם אידישען אויסזעהן. פאַר דעם האָבען שוין געזאָרגט די אראַנזשירער, און ער וועט לאנג ניט פאַרגעסען ווערען פון די וואָס האָבען אין איהם אנטייל גענומען.

די שעהן געדעקטע לאנגע טישען אינ׳ם זאַל פון דער „עליי־ענס“ זיינען געווען פאַרשטעלט מיט אָנגעצונדענע ליכט און דעקאָ־רירט מיט בלומען. נאָר די שעהנסטע דעקאָראַציע זיינען געווען די 700 אידישע געזיכטער פון די לכבוד יום־טוב פאַרפוצטע „בּאָיס“ אונזערע, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען צו זייערע זיץ־פּלעצער פון די אידישע פרויען, וואָס האָבען פאַרלאָזען זייערע אייגענע סדרים, כדי צו באַדיענען די „בּאָיס“.

טשאַפליין טאַנענבוים האט געפיהרט דעם ערשטען סדר, און רבי מאַרקס — דעם צווייטען. אין ביידע אָבענדען האָבען ניט אויס־

געפעהלט די נויטיגע צערעמאָניעס פון אַן עכט אָרטאָדאָקסישען סדר. צוליעב די אייניגע אמעריקאניזירטע און געסט איז די הגדה שטעלענווייז איבערזעצט געוואָרען אין ענגליש. באַגייס־טערטע רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָרען פון אונזער טשאַפּלין טאַנענבוים, רבּי מארקס, רבּי סאָלאָמאָן, דער פּרעזידענט פון דער „עלייענס" מר. ליכטענשטיין און וו. קריעגסהאָבער. אויך זיינען ביים טיש אָנוועזענד געווען אייניגע אידישע אָפיסערס. קעפּטען ס. בערלין און ליוטענאַנט ה. גאָלדמאַן זיינען געווען ביים רעדנער־טיש. מיר האָבען אויך געהאַט אַ קריסטליכען גאַסט, טשאַפּליין פּאול טיילאָר, פון׳ם 325טען אינפאַנטעריע רעגימענט, וועלכען מיר האָבען אויפגענומען מיט אויסערגעוועהנליכער ליעבע און באַגייסטערונג, דערפאַר וואָס ער האָט, ניט קוקענדיג אויף די גרויסע שוועריגקייטען, געבראַכט די אידישע „באָים" פון זיין רעגימענט צום ערשטען סדר. די שוועריגקייטען זיינען באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיין 325טער רעגימענט איז געווען אויפ׳ן וועג צום „רייפּעל רענדזש" און אונטער שטרענגע אָרדערס קיינעם ניט ארויסצולאָזען. דאָך האָט טשאַפּליין טיילאָר אויסגעווירקט, אַז מען זאָל די אידישע „באָים" יאָ אָפּלאָזען, און ער האָט זיי פּערזענליך צום סדר געבראַכט און האָט וואַרים גערעדט וועגען דעם אידישען פאָלק און די אידישע סאָלדאַטען.

אָבער מען איז ניט אָבגעקומען מיט דער הגדה און קשיות בלויז. אַ גרויסאַרטיגער יום־טוב׳דיגער סאַפּער איז סערווירט געוואָרען, און די דאַמען זיינען אומגעלאָפען פון איין טיש צום צווייטען און געזעהען, אַז קיינעם זאָל גאָרניט פעהלען. עס האָט אָבער דאָך אויסגעפעהלט דער רויטער כוס וויין, וואָס פלעגט אַזוי באַשיינען דעם היימישען סדר. אָבער אין דעם איז שולדיג די „טרוקענע" דזשאָרדזשיאַ. און מען האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט לעמאָנאַד.

אָבגעסדר׳ט, אָבגעגעסען, אָנגעזונגען זיך מיט חד־גדיא און אַנדערע הגדה־ליעדער, האָט זיך דער עולם אַרויסגעלאָזען אויף די גאַסען. און מען האָט לאַנג־לאַנג אַרומגעשפּאַצירט אין די אידישע געגענדען מיט די אידישע טאַטע־מאַמעס און שעהנע אידישע טעכטער און קינדער, אין אויסגעמישטע גרופּען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

הילכינגער הארציגער געלעכטער, הויכער אידיש ריידען, אויס־געמישט מיט שארפע אידישע וויצען, האבען זיך געטראגען פון אלע ווינקעלאך פון דער שטילער גאס, פון אונטער די אנטדרעמעלטע ערשט פאנאנדערגעבליטע בוימער, און אט פארציהט ערגעץ איינער א אידיש ליעדעל. דאס האט זיך אימיצער נאך אלעמען, דער־מאנט וואו ער איז אויף דער וועלט און גיסט אויס זיין הארץ אין זיין נאגענדער אידישער ליעד. און עס ווערט אין יענעם ווינקעל, און ווייט ארום, שטילער, אזוי ווי מען וואלט איינגעהאלטען דעם אטעם, און מען הערט זיך איין צו דעם „אוי, אוי, מאמעניו" און „אוי, אוי, יתומה'לע, אבגעהאקטע בוימעלע" און נאך און נאך אזעלכע ווערטער און טענער, וואס דריקען אזוי שווער דאס הארץ און פארשטיקען עפעס אין האלז.

אבער אימיצער האט זיך דארט אויפגעכאפט פון דעם שרעקליכען קאשמאר, פון דער מעלאנכאלישער שטימונג און האט מיט אויסערגעווענליכער דרייסטקייט און שעהנקייט אויסגעבראכען אין א ווילדער רוסישער קאזאצקע, אין א חסיד'ישער האפקע, און ווידער צוטראגען זיך הילכיגער געלעכטער און רייד, און ווידער נעהמט די אויבערהאנד דער אייביגער אידישער „ברודערקע, ניט געזארגט! בעסערע צייטען וועלען קומען!"

פאַרביי לעאָ פרענק׳ס תליה

צום דריטען און לעצטען מאָל האָבען מיר געדאַרפט געהן פון קעמפ גאָרדאָן ביז מאַריאַטאַ אויף טאַרגעט פראַקטיס מיט אונזערע קאַנאָנען, איידער מען וועט אונז אָפּשיקען קיין פראַנקרייך.

די נאַכט פאַר׳ן אָפּגעהן האָבען מיר זיך פאָרבאַרייטעט צום שטרענגען אינספּעקשאָן, און שוין ווייט נאָכ׳ן רוף פונ׳ם לעצטען טרומפּייט סיגנאַל „טאַפּס“ זיינען מיר נאָך אַלץ געווען באַשעפּטיגט מיט וואַשען אונזערע זאַכען, און נאָך מעהר ווי מיט׳ן וואַשען האָבען מיר זיך אויסגערעדט די הערצער איינער צום צווייטען.

„הייסט עס, אַז מיר פאָהרען שוין. האָט איהר, באָיס, געלעזען וועגען דעם לעצטען קאַמף אַרום מאַרן? פופצעהן טויזענד מענשען זיינען געפאַלען אַרום איין באַרג בלויז“,—אַזוי האָבען מיר אין שטילע אָפּגעהאַקטע פראַזען גערעדט צווישען זיך וועגען די שרעקען, וואָס אונז ערוואַרט דאָרט. און וואַשענדיג זיין העמד אָדער בלוזע האָט ניט איינער זיך געטראַכט צי וועט דאָס ניט זיין דער לעצטער בגד, אין וועלכען ער וועט דאָרט אָפּלויפען אין בלוט און אַרויסלאָזען דעם לעצטען אָטעם.

אין דערפריה האָט דער ערשטער ביוגל־רוף געטראָפען די מעהרסטע פון אונז וואַך. מען האָט דורך דער גאַנצער נאַכט ניט צוגעמאַכט קיין אויג. די אינספּעקשאָן און די גאַנצע פריהמאָרגען פּראָצעדור איז שנעלער ווי אַלע מאָל דורכגעפיהרט געוואָרען, און אונטער די קלאַנגען פון רעגימענט אָרקעסטערס האָבען מיר אַוועקמאַרשירט שווער באַלאָדען מיט פולע פעקלעך אויף די פּלייצעס.

דאָס מאָל נאָך מעהר ווי ווען־עס־איז פריהער האָבען די אידישע סאָלדאַטען אויסמאַרקירט צו זיין וואָס נעהנטער איינער צום צווייטען, דאַנקען גאָט! לעבען מיר זיינען דאָ „עש“ גאָלדשטיין און קאָרפּאָראַל אויגוסט. און גראָד זיינען מיר געווען אין דעם „לידינג סקוואָד“ (ערשטע רייהען).

„דזשי!“ האָט דער סאַרדזשענט באַמערקט, אָנקוקענדיג אונז מיט אַן אַרופגעצוואונגענעם שמייכעלע. „עס וועט זיין אַ רעגעלער אידישער מאַרטש!“

אָבער אונז האָט עס ניט אויסגעמאַכט. שוין געוואוינט געוואָרען צו אַזעלכע באַמערקונגען און שמייכעלאַך... מיר האָבען אָבזיכטיג גערעדט אונזער אידיש וואָס העכער. זאָל ער הערען און פּלאַצען. און אויך האָבען מיר צווישען זיך אָפּגערעדט, אַז באַדיי פאַלען — אָבער ניט אונטערגעבען זיך, און ניט אַרויספאַלען ביז מיר וועלען קומען צו מאַריאַטאַ.

דער וועג איז אַ לאַנגער. ביז אונזער ציעל איז 24 מייל. אָבער ווי שעהן עס איז אַרום! ער ציהט זיך אין אַלטע וועלדער, זינקט איין צווישען הויכע בערג. אויף דער דריטער שטונדע פון אונזער מאַרטש דאַרפען מיר דורכגעהן אַ ברייטען טאָל, וועלכער ווערט דורכגעשניטען פון אַ שנעלען טייכעל מיט געלע וואַסערען, און אַריבערשפּרייזענדיג דעם אַלטען הילצערנעם בריקעל קוקט מען אַריין אין די אָפענע פענסטער און טיר פון אַן אַלטען פאַרלאָזענעם וואַסער־מיל.

מיר האָבען דורכגעמאַכט דעם גאַנג שוין צום דריטען מאָל און דערקענט די פּלעצער, די בוימעלעך. דאָס איינציגע נייע זיינען די בלומען. דאָס מאָל שפּאַרען זיי זיך אַרויס פון אונטער די הויכע גראָז און באַגריסען אונז מיט דעם ליעבען זומער און איך האָב צו פיעלע בלומען געקוקט ווי צו אַלטע באַקאַנטע. ס'זיינען דאָך דיזעלבע, וואָס איך האָב נאָך אַמאָל, אין מיין ערשטער היים, אין רוסלאַנד, געזעהן, און זיי דערמאָהנען אָן יענע גליקליכע טעג, ווען מלחמה האָט פאַר'ן קינדערשען מח'ל געהאַט אַ פאַנטאַסטישען רוף און גלאַנץ. — ווי אַנדערש איז עס אָבער איצט...

שווער האָבען זיך געצויגען די שטונדען פון מאַרטש, און וואָס נעהנטער מיר זיינען געקומען צו מאַריאַטאַ אַלץ שווערער איז געוואָרען אויפ'ן האַרצען. נאָך אַ מייל, נאָך אַ מייל און מיר וועלען צוקומען צום וועלדעל, וואָס אויפ'ן לינקען וועג, וואו זיי האָבען „ליאָ פראַנק'ען“ אויפגעהאַנגען.

מיר זיינען שוין געווען גוט באַקאַנט מיט'ן וועלדעל און דעם געגענט אַרום איהם. ער איז פאַר'ן אַריינגאַנג צו מאַריאַטאַ. פון צווישען זיינע בוימער קוקט אַרויס אַ פאַררויכערטער „זשין מיל“ (קאַטען פאַבריק) און נאָך טיעפער זעהט זיך אַרויס אַן איינזאַמער פאַרם. דאָ האָט מען פראַנק'ן אויפגעהאַנגען אויף אַ בוים פון מיטעלער גרויס.

ווי נאָר אַ באַזוכער קומט אַריין אין וועלדעל, לויפען

ארויס פון דער איינזאמער פארם אייניגע אפגעריסענע שמוציגע קינדערלעך, און נאך א קורצען באטראכטען דעם באזוכער נעהמט ארויס דער עלטערער אינגעלע זיין פינגער פון מויל, רוקט אריין זיין האנד אין בוזים, שלעפט פון דארטען ארויס אייניגע פאסטעל קארטלעך זאגענדיג: „מיסטא, מיסטא, דים די דזשו" — איהר נעהמט פון איהם די גרויע, שלעכט־פארענדיגטע, בילדער. יא, ריכטיג, עס הייננט עטוואס ווייסעס אויף א שטריק, בלויז די פים קאן מען דערקענען, אויסגעצויגענע, הוילע, אנגעשטרענגטע. און נאכדעם ווי מען קויפט פון איהם א פאר פון די פאסטעל קארטלעך, ווערט דער שייגעצעל לעבעדיגער, פריינדליכער, און פיהרט אייך צו דעם בוים. אט דאס איז ער און אויף אט דעם צווייג האט מען דעם שטריק פארוואָרפען... עס שטימט, פונקט ווי אויפ'ן בילד.

דער שטאם פון דעם בוים איז מיט שווארצען ארומגעפארבען, אבער ער איז אזוי ארומגעשניטען, ווי מען וואלט איהם ביסלעכוויז און שטיקלעכוויז צוטראגען. און אויף אייניגע פלעצער זיינען דא טיעף־איינגעשניטענע ווערטער: „פרענק נאר מאר", — „דזשו גאן טו העל", און נאך ענגליכעס, מיט צאהללאזע נעמען, וועלכע זיינען זארגפעליג און דייטליך איינגעשניטען געווארען.

מיעד, זעהר מיעד ווערען מיר ביי דער צייט, ווען מיר קומען צו צום וועלדעל. דער פעקעל אויף די פלייצעס איז אויסגעוואקסען צו א ריעזיגער דריקענדער מאסע, דער קערפער און קליידער זיינען שוין דורכגעוויקט פונ'ם צעהנטען שטראם שוויס, אין קאפ שווינ־דעלט, די פים זיינען ווי עפעס באזונדערע צוגעטשעפעטע גליעדער, וואס ווילען מעהר ניט אויספאלגען. פיעל פון די סאלדאטען זיינען שוין ארויסגעפאלען פון די רייהען און האבען זיך צוגעזעצט ביים ברעג וועג, מיט פראטעסט און קללות, אבער ווי נאר דער פינס־טערער וועלדעל האט זיך באוויזען פון דערווייטענס, האבען אלע אזוי ווי פארגעסען אן זייער מיעדקייט, זיי זיינען גאר באלעבט געווארען. ביי די קריסטען האבען זיך אנגעצונדען בייזע פייערלעך אין די אויגען און ביי אונז איז דייטליכער ארויסגעשוואומען דער באהאלטענער שרעק און וועה.

„העי, ליווי, דא האט מען דיין קאזין אויפגעהאנגען! העי, גאלדשטיין, דא האט מען דיין שיני ברודער דערשטיקט!" די און ענגליכע באמערקונגען הויבען אן ארומפליהען צווישען די

סאלדאטען, און מיר ענטפערען, אנרופענדיג זיי „בארבארען", „חזירים. און אז מען ווערט שוין שטארק דערצארענט, דערמאנען מיר זיי, אז זייער גאט איז אויך א שיגי. דאס לעצטע רעגט זיי אויף נאך מעהר, ביז עס מישען זיך אריין די אפיצירען, וועלכע האבען דורך דער גאנצער צייט געשמייכעלט מיט אפגעקעהרטע קעפ.

פאר'ן אריינגעהן אין וועלדעל פלעגען מיר אביסעל אפרוהען אום מיר זאלען אריינמארשירען מונטערע, שטארקע, ווייל די גאנצע באפעלקערונג וועט אונז דארט באגעגנען און אפלאדירען. אבער אנשטאט רוהען, לויפען אוועק די קריסטען צום וועלדעל, רינגלען ארום דעם בוים, לעזען די אויפשריפטען מיט'ן גרעסטען אפעטיט, און נעהמען זיך גלייך צו דער ארבייט אפשניידען פון איהם א צווייגעל, א שפענדעל אדער א שטיקעל קארע צום אנדענקען פון דעם בוים, אויף וועלכען מען האט „דעם גאט פארדאמטען דזשו" אויפגעהאנגען. זארגפול שיקען זיי דאס צו זייערע היימען, זייערע מאמעס זאלען עס באהאלטען, אום דער זעלטענער סואווענירי זאל חס וחלילה ניט פארלארען ווערען. און אונז, אידישע סאלדאטען, פלעגט ווערען אזוי שווער אויפ'ן הארצען ביים געדאנק, אז אט דאס זיינען אונזערע קריסטליכע סאלדאטען חברים, מיט זיי געהען מיר איצט צום טארגעט פראקטים, אויסצולערנען זיך שיסען אין ציעל, און שפעטער אוועקגעבען אונזערע לעבענס אינ'ם קריעג פאר ברידערליכקייט און גערעכטיגקייט צו אלע נאציאנען...

ווען מיר זיינען אריין אין מאריאטא האט דער אפיציער אויסגעשריען דעם שטאלצען אונקאמפראמיסליכען „אטענשאן!" און אזוי ווי אן עלעקטרישער שטראם טרייסעלט עס אויף די רייהען. מיר גלייכען זיך אויס, און גראדע, שטאלצע, קראפט־באוואוסטע, שטעלען מיר טריט פון דערזעלבער מאס און לענג: איינס, צוויי, דריי, פיער. די באפעלקערונג אפלאדירט. אין זייערע אויגען בליצט אויף באוואונדערונג און ליעבע צו זייערע „באיס". און, אה, ווי דרייסט, גראד און קראפט־באוואוסט. „אויגוסט", „עש" גאלדשטיין און איך שפאנען עס אין די פאדערשטע רייהען... פון אונזער גאנצען וועזען האט אזוי ווי ארויסגעשריען: „מיר פאראכטען אייך, אפענע און באהאלטענע שונאים! אט זעהט ווי עס לעבט און מארשירט דער איד!"

ביי דער צייט ווען מיר האבען אויפגעשטעלט אונזערע טענטס אויף דעם צווייטען זייט מאריאטא איז די נאכט שוין לאנג צוגעפאלען. אזא שטערענדיגע און פראכטפולע. ווען איך בין ארויסגעקראכען פון מיין אויפגעשטעלטער ביידעל איז מיין גאנצער וועזען ארומגעכאפט געווארען פון דעם פאר׳כשופ׳טען ארום. די הויכע קרעפטיגע ביימער האבען מיט זייערע אונטערשטע צווייגען דערלאנגט ביז די שפיצען פון אונזערע לייווענטענע הייזלעך. פון צווישען די אויבערשטע צווייגען האבען בלויאינקע שטערענדלעך ארויסגעפינקעלט. ארויסגעפינקעלט און געבאדען זיך אין דער טיעפער שווארץ־בלויער ווייטקייט. אונטען, ביים ברעג פון אונזער לאגער, האט א שעהנער שטרעמעלע איהם אפגעטיילט פון דעם נעהענטסטען גרויסען בארג. כ׳האב אזוי ליעב געהאט ארומצובלאנדזשען איבער זיינע שטעגעלעך און באהאלטען זיך ווייטער ארוף צו, צווישען די הויכע סאסנע ביימער, וואס שטרעקען אויס זייערע קעפ הויך, הויך, אזוי ווי איינלאדענדיג די רויב־פויגעל צו בויען אויף זיי זייערע נעסטען. אמאל פלעג איך ביז זיין שפיץ ארויפקלעטערען און קוקען א פארגאפטער אויף די בילדער אונטען, וועלכע זיינען אזוי ווי פארגליווערט געווארען אין א שטילער מורא, אז קיין ברעקעל פון זייער שעהנקייט זאל ניט געמינערט ווערען.

מיינע חברים האבען אנגעצונדען א ליכטעלע, געגרייט זיך געהן שלאפען. אבער מיך האט געצויגען אהין. איך האב זיך איינגעקוקט אין דער זייט וואו דער בארג שטעהט, האב ניט געקענט איהם זעהן דורך די געדיכטע ביימער, און ווי פון א מאגנעט געצויגען בין איך שטיל אוועק צום ברעג פון אונזער לאגער. פון די ארומיגע ביידלעך האט זיך שוין געהערט דאס כראפען פון די איינגעשלאפענע סאלדאטען. ווען איך בין צוגעקומען צו דעם שטרעמעלע האב איך קוים, קוים געקאנט דערזעהן דעם געהיימניספולען געשטאלט פון מיין באליעבטען בארג.

„קום!“ האט ער געצויגען. „דו ווייסט דאך, ווי ווילקאמען דו ביזט ביי מיר, ווי גערן איך שפרייט אויס פאר דיר מיינע שטעגעלעך, און מיט׳ן ערשטען שימער פונ׳ם אנקומענדען טאג וועסטו פון מיין הויך זעהן דיינע באליעבטע בילדער, די אויפגעהענדע זון, וועלכע שיקט פונאנדער און צעווארפט איהרע ערשט־געבארענע שטראהלען, וועלכע וועקען אויף מיט זייערע נשמה קושען

פון דעם שמעטערלינג ביז דעם גאָלדען ראָבין, פון דעם גרעזעלע ביז דעם עלטסטען דעמב אין די וואָלקענס אויבען...“

מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פאַרמאַכטע אויגען האָב איך זיך אָנגעהויבען ציהען צו זיין רוף. איך האָב אריבערגעשפאַנט דעם שטרעמעלע, און מיט יעדען ווייטערדיגען טראָט האָט דער גאַרען נאָך איהם אַלץ טיעפער ארומגענומען מיין וועזען. אָבער מיט א מאָל זיינען א רייהע שנעלע קאַלטע שטראָמען דורכגעפלויגען איבער מיין קערפּער.

„הו־הו!“ האָט זיך דערהערט א שאַרפער געשריי פון דעם זייט באַרג, און איידער די עכאָס פון דער נאַכט האָבען זיי איינגאַנצען צוטראָגען און פאַרשטיקט. איז פון אַן אַנדער ריכטונג צוקייקעלט געוואָרען נאָך א שטאַרקערער אויסגעשריי:

„הו־הו־הו!“

ווער שרייט עס? האָט אַן איינציגע פראַגע, אַן איינציגער געדאַנק מיין קאָפּ ארומגעכאַפּט.—ס׳איז „פרענק“—מען ציהט איהם אויפ׳ן בוים. ער וואַרפט זיך, די שטריק ווערגט זיין האַלז — מערדער! לאָזט איהם אָפּ! אָבער מאָמענטאַל האָב איך זיך צוריקגעכאַפּט: אָך נאַר וואָס איך בין. עס זיינען דאָך געשרייען פון די בערג־סאָוועס, וואָס פליהען איצט אַרום אויף זייער נאַכט־געיעג.

דעם מאָל האָבען מיר שנעל אָפּגע׳פּטור׳ט מיט אונזער טאַרגעט פּראַקטים. מ׳האָט געאַרבייט פיעל אינטענסיווער ווי ביי די ערשטע צוויי; גלייך אין דער פריה פלעגט מען שפּאַנען די פערד אין קאַנאָנען און אוועקפאָהרען ווייט אין פעלד, מיטנעהמענדיג מיט זיך די פעלד־קיך, מעדיצינישע אָפּטיילונגען, און אַלע אינסטרומענטען, וואָס זיינען נויטיג צו געפינען און אויסרעכענען די ווייטקייט פון ציעל, וואוהין מען וויל שיסען. די קאַנאָנען פלעגט מען באהאַלטען צווישען די בושעס אָדער אַהינטער א בערגעל, אימיטירענדיג א ריכטיגען צוג אין א שלאַכט־פעלד, און נאָכדעם ווי זיי פלעגען איינגעשטעלט ווערען האָט יעדער אָפיציער געמוזט מאַכען זיינע אויסרעכנונגען און שיסען נאָך דער צאָהל און אָרדנונג וואָס דער קאָלאָנעל האָט הויך אויסגערופען. נאָך יעדען אָרדער האָבען געקראַכט די קאַנאָנען און מיר פלעגען זיך איינקוקען צי עס האָט ריכטיג געטראָפען. ווען דעם קאָירנעל איז עטוואָס ניט געפעלען געוואָרען פלעגט ער אָפּשטעלען די שיסעריי און דער־

קלעהרען די געמאכטע פעהלערען, און אזוי איז עס געגאנגען ביז שפעט אין דער נאכט, ווען מען האט געענדיגט דעם שפיעל, די פערד ווידער איינגעשפאנט און אין א לאנגער שורה האט מען זיך געיאגט צוריק צום לאגער, צו דעם אזוי־געגארטען עסען און רוה.

פיבערהאפט שנעל פלעגט מען זיך איינארדענען, צושטעלען די פערד אויף זייערע פלעצער און גלייך פלעגט דרויסען אויס־וואקסען א לאנגע שורה מיעדע, הונגעריגע סאלדאטען. די פארציע עסען האט מען געקראגען פון דעם פעלד־קיך, וואס איז אויך גע־שטאנען אונטער׳ן בלויזען הימעל. און ווען מען האט גגעסען אויסגעזעצט אויף דער הוילער ערד אונטער די געדיכטע בוימער, האט עס אויסגעזעהן, אזוי ווי עס וואלט געווען א גרויסע באנדע ציגיינער.

דעם פערטען פריהמארגען האבען מיר געקראגען די קאמאנדע צו פאקען זיך אין וועג אריין צוריק צום קעמפ.

מען גרייט זיך אין וועג

(אַ בריעף צו אַ פריינד).

דאַכט זיך, זעהר ווייט זיינען פון אונז די פעלדער, וואו דער גרויסער קאַמף האָט זיך צוקאָכט מיט אַזאַ ווילדען אימפעט. מיר האָבען נאָך אַזאַ ווייטע, שווערע וואַנדערען דורכצומאַכען ביז מיר וועלען קומען אין דעם אונגליקליכען פראַנקרייך, וואו דער גיהנום האָט צוזאַמענגענומען אַלע זיינע שרעקענס און מאַכט צום ציטערען הימעל און ערד. אָבער מיר פיהלען שוין דעם שטורם.

אַנקעל סעם דריקט אַלץ פעסטער צוזאַמען זיינע פויסטען און איז ענטשלאָסען ניט צו דערלאָזען, אַז ווילהעלם זאָל באַהערשען די וועלט. און מיר הערען דאָ זיין שטימע און זעהען זיין ענטשלאָסענעם בליק. און דאָס מיינט, אַז מיר וועלען אינגיכען דאַרפען פון דאַנען אוועקגעהן „אָווער דהער", און אונזער לעבען אין קעמפּ איז געוואָרען אַן אָנגעשטרענגטער ערוואַרטען פון פריה־מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי ווי אַלעס וואָלט געאָטעמט מיט דעם אָנקומען פון אונפאַרמיידליכען.

דער לעצטער רוף פון טרומפּייט, וואָס צוטראָגט זיך איבער'ן קעמפּ שוין שפּעט אין דער נאַכט, ווען כמעט אַלע סאָלדאַטען פלעגען שלאָפען זייער געזונטען שלאָף, האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געאָטעמט מיט אַזאַ באַרוהיגענדען: „שלאָפט, קינדער, זאָרגט ניט!" לעצטענס אָבער הערען דעם לעצטען רוף פון טרומפּייט די מעהרסטע סאָלדאַטען... די ליכט זיינען שוין לאַנג אויסגעלאָשען, אָבער מ'דרעהט זיך נאָך אַלץ פון איין זייט אויף דער צווייטער. און אין די קלאַנגען פון דעם זאָנסט באַרוהיגענדען נאַכט־רוף, הערט זיך ווי די בערג און פעלדער, צו וועלכע מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צוגעוועהנען, וואָלטען דורך די קלאַנגען אונז זייער „זייט געזונט" געזאָגט. און אָט שניידט דורך די שטילקייט פון דער נאַכט אַ שאַרפער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, און פאַר די שלאָפלאָזע אויגען טראָגט זיך דורך דאָס שוין גוט־באַקאַנטע בילד פון לאַנגע רייהען סאָלדאַטען, צו פיער אין אַ רייהע, שוואַרצע אָדער ווייסע סאָלדאַטען, וואָס געהען שטיל צום סטיישאָן מיט

פעקלעך און מיט די ביקסען אויף די פּלייצעס. אַ שאַרפע קאָ־מאַנדע, און דער לאַנגער קאָלום ווערט פאַנאַנדערגעפאַלען אין קליינע גרופּעס, וועלכע פאַרשווינדען אין די וואַגאָנען. נאָך אַ פייף — און זיי פאָהרען שוין ערגעץ.

אַלע וואַרטען אויף זייער צייט אַוועקצופאָהרען „אהין“, און די צייט רוקט זיך אַלץ נעהנטער צו אונז.

ווי פיהלען זיי און ווי פיהלט יעדער פון אונז, שטעהענדיג אויפ׳ן וועג? אויף דעם איז שווער צו ענטפערען. יעדער איז אַ וועלט פאַר זיך.

דאַכט זיך, אַז דערזעלבער דזשאָהן און אייב האָבען נאָך ערשט ניט לאַנג אונטערגעברומט, אַז זיי ווילען ניט געהן שלאָגען זיך. און אויך איצט, נאָכדעם ווי די שרעקען פון דעם ווילדען דייטש ווערען אַלץ גרעסער, פרעגען זיי נאָך אַלץ די גרויסע פראַגע: „אָבער וואָס בין איך שולדיג?“ און די איינציגע וואָס פאַרענט־פערען דזשאָן׳ס און אייב׳ס פראַגען, זיינען טאַקע דזשאָהן און אייב אַליין — זיי געהען...

אַז מען געהט זיך שוין שלאָגען, ווילט זיך אַ זיעג פאַר דעם וואָס מען נעהמט אָן פאַר גערעכט. עס מאַכט ניט קיין אונטער־שייד, צו דורך אייגענער איבערציינגונג, אָדער ווייל אַזוי קלינגט מען און מען שרייט פון אַרום דיר.

אין אָט דעם אַלגעמיינעם אויפרודער פון קעמפּ האָט זיך שטאַרק אַרויסגעזעהן די אידישע וועלטעל פון קעמפּ. דעם אידישען סאָלדאַט איז געווען נאָך שווערער זיך שיידען מיט׳ן קעמפּ, ווייל אויסער די אַלגעמיינע צובונדען, וואָס בילדען זיך אויס אונטער די אומשטענדען, האָט דער אידישער באַי מיט יעדען פרייען שבת און זונטאג, אַלץ מעהר באַהעפט זיך מיט זיין אידישער אַטלאַנטאַ. און ווער ווייסט וויפיעל יונגע הערצער אונטער די יוניפאָרמס זיי־נען מיט פעדים פון ליעבע צוזאַמענגעבונדען מיט די שעהנע אי־דישע טעכטער פון אַטלאַנטאַ. האָבען מיר דאָך שוין געהאַט דאָ אַ חתונה, וואו דער חתן און די מחותנים זיינען געווען פון אונ־זעריגע, און מען איז טאַקע אין די יוניפאָרמס געשטאַנען אונטער דער חופּה.

און מען איז געוואָרען „ביזי“ מיט נאָך אַמאָל באַזוכען די אַטלאַנטער פריינד. אַזוי האָט מען געזעהן ווי אַ בלאַסער יונגער־מאַן בעט זיך רחמים ביים סאַרדזשענט: „גיב מיר אַ פעס נאָך

אטלאנטא, עס געהט מיר אין לעבען!" און ווען דער סארדזשענט ענטזאגט, נעהמט זיך דער בלאסער יונג צום עקסטרעמען מיטעל: ער ציהט ארויס פון בוזים־קעשענע א בילד און צייגט עס דעם סארדזשענט: „זעהסט, איך וויל זיך מיט איהר געזעגענען". דער סארדזשענט שמייכעלט שוין און רעדט ארויס מיט א פולען מויל: „מיר'ן שוין זעהן!" און דאס מיינט, אז נאך א יונג הארץ וועט זיך דארט אין אטלאנטא דערפרעהען ביז די טייערע אייניגע שטונדען וועלען אריבערפליהען צווישען צער און פרייד, ביז מען וועט זיך מוזען צושיידען פאר'ן אנקומען פון דעם אונבאשטימטען מארגען...

פלוצלונג, אהן אנצוזאגען, האט מען די באזונדערע טיילען פון אונזער דיוויזיע אנגעהויבען אפשיקען צו די פארטען, אזוי, אז קיינער האט ניט געוואוסט ווען זיין נעקסט וועט קומען. כמעט אלע אונזערע חברים האבען זיך אנגעהויבען אפטער צוזאמענקומען און איבערגעבען די נייעס. איין נאכט פאר'ן אפפאהרען האט מען דאך געוואוסט אז מען איז אויפ'ן וועג, צוליעב די אונערווארטעטע אינספעקשאנס און אויסטיילען עקסטרא פראוויאנט.

די לעצטע קלוב פארזאמלונג

די קאנפערענץ־רום פון אונזער קלוב איז געפאקט. עס קומען אויך אונזערע אינטימסטע קלוב־פריינד פון אטלאנטא. מען דארף שוין ניט פיעל בעטען זיך ביי די שאך־שפיעלער און דעבאטאנטען, אז זיי זאלען שטיל בלייבען און לאזען פיהרען די פארזאמלונג, ווייל אלע זיינען דורכגענומען מיט דער איינציגער גרויסער פראגע: וואס וועט זיין מיט אונזער קלוב און מיט'ן ביסעלע אידישען לעבען וואס מיר האבען דא געשאפען?

„איך וועל איננגיכען אפפאהרען", זאגט דער סעקרעטער. „און איך אויך" — כאפט אונטער א צווייטער און דערנאך א דריטער. און מיר האבען זיך גענומען זוכען מיטלען ווי אזוי מיר זאלען דאך איבערלאזען אונזערע געווינסען אויף ווייטער. מיר האבען אויסגעקליבען באאמטע פון די, וואס האבען דא א לענגערע צייט צו פארבלייבען.

פארטיג געווארען מיט דער פראקטישער זייט פון דער פראגע, האט מען זיך צורעדט פון הארץ צו הארץ. די וואס אויפ'ן וועג שוין ביים אפפאהרען, האבען געבעטען און פארזאגט די, וואס

בלייבען נאָך איבער, זיי זאָלען למען השם אָפּהיטען די אידעען פון קלוב, הויך האַלטען דעם אידישען נאָמען און האַלטען אַן אויג אויף איין וועלפעיר באָארד פּאַרטרעטער, וועלכער קוקט קרום אויף דער ציוניסטישער טעטיגקייט. און למען השם, קלייבען פאַר אונזערע מלחמה־קרבנות.

נאָך די פיעלע וואַרנונגען צו די איבערגעבליבענע חברים, האָט מען זיך גענומען צו פאַרענדיגען די איבערגעבליבענע „ביזנעס“. איינע פון די „ביזנעס“ איז, צו פּרעזענטירען די אידישע קהלה פון אַטלאַנטאַ מיט אַ זיידענער אַמעריקאַנער און אידישער פאָהנען, אַלס אויסדרוק פון אונזער דאַנקבאַרקייט צו אונזערע טייערע אַט־לאַנטער ברידער פאַר זייער ליעבע צו אונז.

צום סוף האָט זיך אָנגעהויבען דער געזעגענען זיך און יעדער וואָרט און ציטער אין דער שטים איז געווען נאָך אַ האַרציגער אויס־גוס פון חבר׳שען, ברידערליכען געפיהל פון איינעם צום צווייטען, און צום הונדערטסטען מאָל האָט מען זיך ערקלעהרט אין ליעבע צו אונזער פאָלק און אין ענדלאָזען בענקען און גאַרען פאַר זיין ענד־ליכער ערלעזונג און גליק, פאַר דעם פּרייז פון אונזער בלוט וואָס מיר טראָגען מיט צו די שלאַכט־פעלדער.

„זינגט די שבועה, די התקוה!“ שרייען אויס די פאַרזאַמעלטע. און אייניגע פּאַרציהען: „מיר שווערען, מיר שווערען!“ אָבער דער טשערמאַן שטעלט אָפּ. עס איז שוין צו שפּעט, מ׳טאָר ניט זינגען, אָבער מיטנעהמען די שבועה ביי זיך אין טיעפען האַרצען, דאָס מעג מען יאָ.

זיי געזונט, חבר אדעס! זיי געזונד, חבר סאַלאַנט! און עס האָבען זיך ענג צוזאַמענגעדריקט געטרייע הערצער. פון אַ ווינקעלע דערהערט זיך אַ קוש. די קלאַנגען פון דער „שבועה“, פון דער „התקוה“ זיינען דערשטיקט געוואָרען דורכ׳ן לעצטען ביוגל־קלאַנג, דעם אָנזאָג, אַז אַלעס זאָל אין קעמפּ געהן שלאָפען. אָבער יעדער האָט זיי מיטגענומען טיעף אין האַרצען, צוזאַמען מיט די געזיכטער פון די חברים וואָס פאָהרען אָפּ טאָן זייער פליכט מיט׳ן פּולען באַוואוסטזיין און מיט די טרוימען פון אַ שעהנערער וועלט פאַר דער מענשהייט און אַן ענדליכער אויפ־ריכטונג פון אונזער פיעל־געפּרואוווטען פאָלק.

זייט געזונד, חברים! עס וועט ניט לאַנג נעהמען און מיר וועלען אויך זיין מיט אייך דאָרטען.

מיר זיינען זיך צוגאַנגען יעדער איינער אין זיין באַראַק, איבערשלאָפען די נאַכט, ביז דעם אָנקומען פון דעם אונבאַשטימטען מאָרגען.

און ער איז געקומען. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אויך מיין רעגימענט אויפגעהויבען פון שלאָף 2 דעם זייגער אין דער פריה און אַוועקגעפיהרט מיט פולע פּעקלאַך צו דער באַהן.

אין וועג

אויף אונזער וועג פון קעמפּ גאָרדאָן צו דער שיף, פלעגען מיר אָפט אַרונטערשטייגען פון צוג און דורכמאַרשירען דורך די גאַסען פון אַ דערבייאיגער שטאָדט. אין איין שעהנינקען רייניקען שטעדטלע האָבען מיר געהאַט אַן אויסערגעוועהנליך האַרציגע אויפנאַהמע. יונג און אַלט, און איבערהויפּט די יונגע מיידלעך, האָבען מיט יעדען ריהר, מיט יעדען אויסגעשריי און בליק אויסגעדריקט אונז זייער האַרציגסטע ליעבע און גליקוואונש, און מיר האָבען מיט אַלע מעגליכקייטען געזעהן וואָס „כוואַטסקער“, וואָס מיליטערישער צו מאַרשירען. אויף יעדען סאָלדאַטס געזיכט האָט מען געקענט לעזען: זעהט ווי גוט מיר זיינען מושטירט, ווי מיר געהען אין טאַקט, ווי די ערד ציטערט אונטער אונזערע פיס. זיי האָבען עס פאַרשטאַנען און האָבען נאָך מעהר געפּאַטשט מיט די הענט, געשריען און נאָכגעגאַנגען אין אַ געדיכטער מאַסע.

דאַכט זיך, אַזוי פיעל יונגע הערצער וועלען אַזוי לאַנג און אַזוי שטאַרק וועה טאָן ביז דער קריעג וועט אַריבער. מעגליך, אַז „זייערע“ בלוטען שוין דאָרט. אָבער יוגענד וויים דערווייל ניט פון קיין גליקען, און די שעהנע מיידלעך האָבען פאַרשעהמט אָבער מיט דייטליך־ריידענדע אויגען „מיר מיינען עס“ געשיקט אונז קושען אין דער לופטען און געגעבען בלומען.

צווישען אָט דעם ענטוזיאַסטישען עולם האָב איך באַמערקט אַן אַלטיטשקע פרוי מיט אַ צעקנייטשען געזיכט. איהרע ליפּען האָבען זיך געריהרט, אַזוי ווי אין אַ שטילער האַרציגער תפלה, איהרע הענט האָבען געקלאַפּט, אָבער זי פלעגט יעדע ווילע שטיל

בלייבען, צוזאַמענגעפּלעכטען איהרע פינגער און אַזוי אַרונטערלאָזען איהרע פאַרבראָכענע הענט. איהר געזיכט האָט געשיינט מיט אַ מוטערליכען שמייכעל פון אַ מאַמען, וואָס קוועלט פון איהרע שטאַרקע קינדער מיט זייערע רויטע, רונדע געזיכטער, אָבער אין איהרע אויגען ציטערען טרעהרען פון טיעפסטען שמערץ און מורא פאַר זייער שיקזאַל.

ביי אַ צווייטער סטאַנציע, וואו מיר זיינען געשטאַנען פאַר אַ היבשער ווײַלע, אָבער זיינען ניט אַרויס פון די וואַגאָנען, האָבען אונז, אַזוי ווי אימער, אַרומגערינגעלט אַ גרויסע מאַסע מענשען און פיעלע „רויטע קרייץ" שוועסטער, וואָס האָבען אונז געטיילט סיגאַרעטען און נאַשערייען. האַרט ביי די וואַגאָנען, זיך שטאַרק איינקוקענדיג אין אונזערע געזיכטער, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ יונגע פרוי מיט אַ קליין קינד אויף איהרע אָרעמס. איינינגע מאָל איז זי דורכגעגאַנגען הין און צוריק, אַזוי ווי זוכענדיג אימיצען, מיט דער האָפנונג „אפשר וועט זי איהם טרעפען". דאָס קינד האָט צו אונז געשמייכעלט, געבאַלעבאָטשעט מיט זיינע רויטינקע ליפּעלעך, אָבער אין דער יונגער מוטער'ס אויגען האָבען געציטערט צוריקגעהאַלטענע טרעהרען.

זי האָט איהם ניט געפונען — איז געבליבען שטעהן אַן אַ זייט, האָט אויף איינינגע מינוטען אָפּגעקעהרט פון אונז איהר געזיכט און ווידער איינגעקוקט זיך אין אונז. דער „אפשר" איז שוין אינגאַנצען פאַרשוואונדען. דערפאַר האָט זי אָבער איהרע טרעהרען מעהר ניט צוריקגעהאַלטען.

וואָס האָבען מיר געקאָנט טאָן אום זי צו טרייסטען? מיט וואָס? און אַזוי ווי אַלע וואָלטען זיך צוזאַמענגערעדט, האָבען מיר אויסגעמידען צו קוקען אויף איהר. ערשט ווען מיר האָבען באַמערקט, אַז זי איז אַביסעל רוהיגער געוואָרען, האָבען מיר זי צוגערופען, געגעבען איהר די ערשט געקראָגענע בלומען און איהר קינד באַלאָדען מיט די נאַשערייען, וואָס מיר האָבען ערשט אַזוי גערן צוגענומען פון די האַרציגע רויטע־קרייץ־געבער.

און ווידער אַמאָל האָבען מיר געהערט די אַלט־באַקאַנטע געשיכטע: ער האָט געשריבען, אַז ער פאָהרט אַהין, און אַז „מעגליך" ער וועט דאָ דורכפאָהרען קומענדען דינסטאַג.

ווען דער צוג האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען און מיר האָבען

זיך מיט איהר געדאַרפט שיידען, האָט זי שוין פון דערווייטענס, אַן אויסגעצויגענע אין איהר גאַנצער הויך, מיט איהר קינד אויף דער לינקער האַנט, פאָכענדיג מיט אַ צוזאַמענגעדריקטען פויסט אין דער לופטען אויסגעשריען צו אונז: „גיוו וואָן פאַר מי טו דהי קאַיזער!“ — און מיר האָבען מיט אַלע אונזערע כחות צו איהר צוריקגעשריען: „יעס, ווי וויל!“

צווישען די שילדערונגען פון דער גרויסער טראַגעדיע פון וועלט־קריעג, ווען עס וועלען פאַרצייכענט ווערען די גרויסע שמער־צען און פיין פון אַזוי פיעל אונשולדיגע מענשען, וועט איינער פון די פּאַטעטישסטע קאַפּיטלען זיין דער, אין וועלכען דאָס געזעגענען־זיך וועט געשילדערט ווערען. אויב עטוואָס וועט אַמאָל ברענגען די פולע מאָס פון פאַרשטענדניס און שרעק פאַר נאָך אַזאַ טראַגעדיע ווי דער קריעג, וועט עס זיין דער שוידער און פיין פון אַ מוטער, ווייב, אָדער געליעבטע, זייערע וועה־אויסגעשרייען ווען עס קומט די לעצטע שטונדע, די לעצטע מינוט, ווען מען מוז אַרויסלאָזען פון די אָרעמס דעם טייערסטען, דעם ליעבסטען, דעם, אויף וועמען מען האָט געקוקט ווי אויף דער שעהנסטער אויפגעהענדער זון, אויף וועמען מען האָט געלעגט אַזוי פיעל האָפנונגען. און אָפט פּאַסירט, אַז דורך מיליטערישע אורזאַכען ווערט מען אויך פון דעם „פאַרגעניגען“ פון געזעגענען־זיך געראויבט.

איך האָב געזעהן פיעל אַזעלכע סאָלדאַטען. דאָס אָפּפאָהרען פונ׳ם אייגענעם ברעג איז אין אַזאַ פאַל אַ שווערער, אַ פּיינליכער. און אַנשטאָט דער מוטער אָדער דער פרוי, זאָגט מען „זייי־געזונט“ צו די פעלדער און וועלדער, צום איינזאַמען בוים פון דעם אייגענעם לאַנד, וועלכען מען זעהט נאָר פון דערווייטענס פאָהרענדיג נאָך אויפ׳ן טריין צום „עמבאַרקיישאָן פּאָרט“. און ווען מען זעהט אויף די סטאַנציעס ווילד־פרעמדע מענשען אָדער פאַרמער מיט׳ן אַקער־אייזען אין פעלד, וואָס שיקען אונז זייער האַרציגען זייי־געזונד און ברכה, איז עס נאָר אַ גרויסע הילף און טרייסט. אָבער די טיעפע וואונד ווערט ווייט־ווייט ניט פאַרהיילט...

אויפ'ן שייד־וועג

אויפ'ן גאַנצען וועג האָבען אונז באַגעגענט און באַגלייט אַ גלאָקען־קלינגעריי פון די קלויסטערס און דאָס שטאַרקע פייפען פון פעקטאָריס, פון וועלכע עס פלעגען אַרויסקוקען דורך יעדען פענסטער און טיר די אַרבייטער און אַרבייטערינס, פאָכען מיט די הענט, טיכער. די פרויען און מיידלעך פלעגען אונז צו־וואַרפען קושען, און וואָס נעהנטער מיר זיינען צוגעקומען צו ניו יאָרק, אַלץ רוישיגער און הארציגער איז געווען די אויפנאַהמע. אָבער די באַהן לויפט אָהן אָבהאַלט און לאָזט אַלעס הינטער זיך.

„מיין היים!" — האָט איינער אויסגעשריען, ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין דזשוירזי סיטי. ער איז צוגעפאַלען מיט'ן גאַנ־צען קערפּער צום פענסטער, אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ, אַרויסגעלאָ־זען וועןנ־ניט־וועןנ אַ געשריי „הוראַ!" אָבער וואַרפט זיך אַזוי אומ־רוהיג. זיין הוראַ ווערט פאַרשטיקט, פאַרטויבט און אָפּגעהאַקט פון זיין כליפען: „מיין היים, מאַם, אָה, מאַם!" און אַרויסגע־שטרעקט נאָך אַלץ זיינע הענט, ווען מיר זיינען שוין געווען אַ היבשע שטרעקע אַוועק... „האָסטו זי געזעהן?" האָבען מיר איהם געפרעגט. „יא, איך האָב זי געזעהן", אָבער זיינע אויגען האָבען דערצעהלט, אַז ער איז ניט זיכער. דרויסען זיינען דאָ אַזוי פיעל מאַמעס, אַזוי פיעל שוועסטער און טייערע, און זיי דאָרט אין די גאַסען, פענסטער, טירען און דעכער פון די הייזער האָבען זיך אָנגע־שטרענגט אימיצען פון אונז צו דערקאָנען, צו דערזעהן אין מיטען דעם האַסטיגען פאָהרען פון באַהן. באַלד איז אַלץ פאַרשוואונדען פון אונזערע אויגען. מיר זיינען אַריינגעפאָהרען אין דעם טונעל, דורכגעפאָהרען אונטער ניו־יאָרק, „קעמפּ מיללס", דער קעמפּ פון וועלכען מיר האָבען געוואוסט, אַז ער איז דער לעצטער טויער צו דעם אומפאַרמיידליכען „אהין".

וואָס פאַר אַ שמוציגער קעמפּ — בלויז פאַר איינינגע טעג, אָבער דערוויילע איז אַזוי אונאַנגענעהם צו שטעהן אין די האַלב־צעוואָרפענע לייווענטענע ביידלעך, יעדערע פאַר אַכט פּערזאָן, און

איידער מיר זיינען אין זיי אריינגעקראָכען און פּרובירט ווי־ניט־איז אויסגלייכען די ביינער פון דער לאַנגער רייזע, האָבען מיר אין רעגען און פינסטערניש פון דער נאַכט אריבערגעטראָגען אונזערע זאַכען און די פּיעלע קאַסטענס, באַנדעלס און אינסטרומענטען, וואָס האָבען באַלאַנגט צו אונזערע אָפיצירען און רעגימענט. ערשט מיט דעם באַגינען זיינען מיר דערמיט פאַרטיג געוואָרען און אריינגעקראָכען אין אונזערע טענטס. אָבער עס שלאָפט זיך ניט. פּיעלע פון אונז האָבען דאָ אַזוי נאָהענט אונזערע היימען, וועלכע מיר האָבען אַזוי לאַנג ניט געזעהן. מען האָט אונז צוגע־זאָגט, אַז יעדער איינער פון אונז „גאַרטערנערס“ וועט קריגען אַ געלעגענהייט צו זאָגען זיין לעצטען זיי־געזונט. איידער מיר זעצען זיך ארויף אויפ׳ן שיף און ליעגענדיג מיט אָפענע אויגען ביים טונקעלען שיין פון דער איינציגער ליכט, האָבען פאַרבייגעשוועבט טייערע געזיכטער און געשטאַלטען. עס האָט זיך אין יענעם מאָ־מענט אַזוי געוואָלט וויסען, ווי אַזוי דאַרטען זעהט אַלץ אויס —— וויסען זיי אַז איך בין דאָ? —— יאָ, זיי ווייסען. זיי האָבען זיכער ערהאַלטען די בריעף. —— וואָס דענקען, וואָס רעדען זיי, וואָס וועלען זיי טאָן? און אפשר זיינען זיי דאָ ערגעץ אין פעלד, אהינטער דעם פלאַנקען, וואָס איז אַרום דעם קעמפּ?? — און ביי די געדאַנקען בין איך אַרויסגעקראָכען איינהערען זיך אין דרויסען, אָבער עס איז פינכטער און רעגענדיג. די לעצטע פּאָר טריט פון דעם וועכטער האָבען זיך אָפּגעשטעלט: „העי, גיב פאַררויכערען“ — „אַ וועכטער טאָר ניט רויכערען“. אָה, צום טייוועל מיט די אַלע מען טאָר ניט“, האָט ער אויסגערופען פּראָציהענדיג דעם ציגאַ־רעטעל.

„הערסט ווי פון דאַרטען טראָגט זיך אַ גערויש און דער הימעל שלאָגט אָפּ דאָס ליכט פון די נאַכט־לאָמפּען“. אויך ער, אַרומגע־הענדיג אויף זיין פּאָסטען איז געווען ווייט, ווייט אַוועק פון דאַנען, פון דער בלאָטע, פון דעם רעגען, וואָס דרינגט דורך די ביינער.

„ביזטו אַ גאַרטערנער?“ פרעג איך איהם. „בלויז 40 מייל פון דאַנען. באַלד וועט ווערען טאָג און מיר וועלען קריגען אונ־זערע פּעסעס“, האָט ער זיך און מיר געטרייסט.

דער פיעל ערוואַרטעטער פריה־מאָרגען איז געקומען און גלייך נאָך דעם ראָלל־קאָלל איז דער עלטערער סאַרדזשענט באַפאָלען

געוואָרען מיט ביטעם פאַר אַן ערלויבניש צו געהן אַהיים פאַר די צוגעזאָגטע 24 שטונדען. דער געלאַף איז געווען אַזוי גרוים צוליעב דעם קלאַנג, אַז בלויז 33 פּער סענט וועלען קאָנען געהען יעדען טאָג און אַז אונז אַז וועט אויסקומען דאָ שטעהן בלויז אייניגע געצעהלטע טעג. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפען אין מיטען פון די שרייער און געקראָגען מיין נאָמען אַרויפגעשריבען אַלס דער 16־טער, דאָס הייסט, איינער פון די גאָר זיכערע צו געהן, און אַזוי איז דאָס טאַקע אָנגעפאַנגען געוועזן. ענדליך זיינען מיר געווען אין איין שורה און געשפּאַרט זיך צו די אויסגערופענע נעמען. אָבער וואָס איז דאָס? מיין נאָמען ווערט ניט אויסגערופען, און נאָך דער ערשטער שטאַרקער איבערראַשונג האָב איך זיך אַוועקגעלאָזען צום קעמפען צו דערשלאָגען זיך גערעכטיגקייט, אָבער גלייך ווי איך האָב איהם דערזעהן איז אין מיר מיין מוט אָפּגעפאַלען — אַ הויכער, ברייט־פּלייציגער ריעז מיט אַ כמעט קינדערשען אויסדרוק אויף זיין פּנים און אויגען, איז ער אָבער צווישען אונז, סאָלדאַטען, באַריהמט געוואָרען אַלס איינער פון די מערדערליכסטע גאָרילאָס וואָס מען קאָן ווען־עס־איז אָנטרעפען. מיר האָבען גוט געוואוסט, אַז אונזערע ליידען פאַרשאַפען איהם פאַרגעניגען, אַז אויף אונזערע אַפּיעלס צו איהם ענטפערט ער מעהרסטענס, מיט זיין באַריהמט געוואָרענעם אויסדרוק: „שאַפ אַפ, סאַליוט — סאַליוט — ענד געט אוט —“. אָבער פאַסענדיג מוט האָב איך איהם ערקלעהרט וועגען מיין פאַרלעגענהייט: אַזוי און אַזוי, מיין נאָמען איז געווען דער 16־טער, מיינע זאַכען און איך אַליין זיינען עקזאַמינירט געוואָרען. „אַזוי“, האָט ער אויסגעצויגען, „האָסט ניט געקראָגען דעם פּעס?“ — און נאָך אַ ווײַלע נאָכדענקען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען און אַ האַלב רעטזעלהאַפטען און האַלב בייזען שמייכעלע געהייסען דעם קלוירק דורכקוקען די ליסטע פון אַפּליקאַנטען. „יאָ, זיין נאָמען איז געווען צווישען די וואָס האָבען געזאָלט קריגען!“ האָט דער קלוירק געענטפערט.

אין יענעם מאָמענט איז מיר אַלעס קלאָהר געוואָרען. זיכער איז, אַז דער טאָפּ־סאַרדזשענט האָט אָפּגעגעבען מיין פּעס צו איינעם פון זיינע „פלעשעל און גלעזעל“ פריינד, וועמען עס האָט זיך געוואָלט זעהן ניו יאָרק און איבערהויפּט די ניו יאָרקער סאַלונס.

„איך קאָן דיר גאָרניט העלפען“, האָט דער קעפּטען אַרויסגערעדט און געקוקט אויף מיר מיט אויגען פון אַ קאַץ, וועלכער עס

טהוט הנאה צוזעהענדיג ווי די געכאפּטע מויז צאַפּעלט זיך אין איהרע נעגעל.

„אָבער, קעפּטען, מיינע אייגענע האָב איך ניט געזעהן, און איצט פאַהרען מיר אָפּ“, האָב איך גע׳טענה׳ט, ניט וויסענדיג וואָס פאַר אַרגומענטען איהם צו ברענגען.

„איך קאָן דיר גאָרניט העלפען“, האָט ער נאָך שטאַרקער באַטאָנט.

„איך בעט דיך, קעפּטען, פיליכט קענסטו מיר געבען אַן עקסטראַ פּעס?“

„אַן עקסטראַ פּעס ווילסטו? פאַרוואָס קומט דאָס דיר? אָה, יאָ, זאָג אַקאָרשט, האָסטו זיך לעצטענס ניט פאַר עפּעס פאַרשולדיגט?“

„ניין, מיין הער!“ האָב איך געענטפערט. אָבער איך האָב זיך גלייך דערמאָנט, אַז עס איז יאָ עפּעס געוועזן אַ צוזאַמענשטעלונג פון סאָלדאַטען, אויף וועלכער איך האָב אויסגעפעהלט, ווייל עס איז געווען אין אַן אומדערוואַרטעטע און ניט באַרשטימטע שטונדע, און עס האָבען צו איהר אויסגעפעהלט די מעהרסטע סאָלדאַטען. איך האָב גוט געוואוסט, אַז צווישען די אויספעהלענדע זיינען געווען כמעט אַלע פון די, וואָס זיינען אַט ערשט אוועקגעלאָפען צו זייערע היימען, און קלעהרענדיג, אַז זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין, האָב איך זיך ענטשלאָסען דאָס איהם צו זאָגען און האָב פאַרענדיגט מיט אַ פראַגע, וועלכע האָט געקלונגען שטאַרקער פון אַ ביטע: „אויב עס איז גערעכט צו האַנדלען געגען מיר אַנדערש ווי געגען די אַנדערע סאָלדאַטען“.

שטאַרק פאַרצווייפעלט, בין איך געוואָרען צודרינגליך. עס האָט זיך ענטוויקעלט צווישען אונז אַ דיקוססיע וועגען רעכט און אונרעכט, אָבער ער איז אַלץ אונגעדולדיגער געוואָרען און מיט אויגען פון אַ חיה און אַרויסטשירענדע ציינער האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר, אַזוי ווי ער וואָלט זיין גרייט אַרויפצופאַלען אויף מיר מיט זיינע צוזאַמענגעקוועטשטע פויסטען.

[illegible]

רעכט און וואָס עס איז אומגערעכט? נו, אויב אַזוי, וועל איך שוין דיר געבען גערעכטיגקייט. געה צום סאַרדזשענט אין טזשאַרדזש און זאָג איהם, אַז דער קעפּטען גיט דיר 5 פּאַטיגס (ספּעציעלע אַר־

בייט) און ערשט נאָכדעם וועסטו קומען צו מיר און מיר וועלען זעהן צי דו וועסט קריגען א פּעס אָדער ניט.

א שאַרפען קאַלטען בליק און פאַראַכטענדען שמייכעל, — דאָס איז געווען אַלעס וואָס איך האָב איהם געקאָנט ענטפערען, אָבער ווען איך קאָן איהם אין דעם מאָמענט ערמאָרדען, וואָלט איך דאָס געטאָן מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען. ווען איך האָב געוואָלט פון איהם אוועקגעהן, האָט ער אין מיין סאַלוט'ן געפונען א געלעגענ־הייט מיך נאָך א ביסעל צו מאַטערען און האָט מיר געהייסען איי־ניגע מאָל ווידערהאָלען דעם סאַלוט, באַמערקענדיג דערביי: „מאַך דאָס דרייסטער, מאַך דאָס דרייסטער!" און איך האָב עס געטאָן מיט צוזאַמענגעקוועטשטע צייהנער.

„סאַרדזשענט „יואי", וועסט אזוי גוט זיין און מיר געבען 5 פּעטינגס, דאָס איז דעם גאַרילאָ'ס אָרדער", האָב איך געזאָגט, ווען איך בין אריינגעקומען אין זיין טענט.

„וואָס איז דאָס? פאַרוואָס?" — האָט ער מיך געפרעגט אָן איבעררראַשטער.

ער האָט געוואוסט, אַז איך האָב איינעם פון די בעסטע רע־קאָרדס אַלס סאָלדאַט. און ווען איך האָב איהם דערצעהלט וועגען דער פּעס געשיכטע און וועגען דעם, ווי דער קעפּטיין האָט מיך באַהאַנדעלט, האָט ער זיך אַזש אויפגעהויבען פון זיין בעטעל, האַסטיג א וואָרף געטאָן זיין ליולקע אָן דער ערד.

„אַזא פאַרדאַמטער הונט, אַזא... האָט ער זיך ניט געקאָנט באַרוהיגען און געשאָלטען מיט די מיאוס'טע און טויטליכסטע קללות. „מען דאַרף איהם דערשיסען דאַרף מען איהם. וואַרט, לאָמיר אַקאָרשט קומען „אהין" — האָט ער זיך ניט געקאָנט באַ־רוהיגען און האָט צום סוף מיר געזאָגט, אַז איך מעג זיין רוהיג, ער וועט מיר קיין אַרבייט ניט געבען. מיך האָט דאָס אָבער גאַנץ ווייניג געפרעהט. די שווערע פראַגע: „וואָס טהוט מען?" — ווי אזוי קאָן איך געהן אהיים און געזעגענען זיך מיט מיינע חברים און אייגענע — האָט געעגבערט מיין מח.

ווען איך בין אַרויס פון סאַרדזשענט „יואי'ס" טענט, איז מיין הילף געקומען. דאָס איז געווען מיין פעסטער באַשלוס: „געהן!" געהן אונטער אַלע אומשטענדען! און דער באַשלוס איז נאָך פאַר־שטאַרקט געוואָרען, ווען איך האָב באַמערקט, אַז עס ווערט צו־

זאמענגעשטעלט אַ ספּעציעלע וואָך אַרום אונזער רעגימענט און איך האָב זיך געאײַלט אַרויסגעהן אײדער זיי וועלען פאַנדערגע־שטעלט ווערען אויף זייערע פּאָסטענס, מיט דעם אָרדער קיינעם ניט אַרײַן אָדער אַרויסצולאָזען אָהן ערלויבניש.

ווי אַ גנב האָב איך זיך פאַרבײַגעגליטשט זייערע אויגען, האָב זיך פאַר אַ ווײַלע אויסבאַהאַלטען הינטער געדיכטע בושעס, און בין אַוועק איבער'ן פעלד אָהנע אַרומצוקוקען זיך, ביז איך בין ענדליך אַרויס צו אַ ווינקעל וואו עס איז געווען אַ פאַרם. אַריבער־געקראָכען דעם פּלאָנקען און ערשט דאַן צום ערשטען פריי אָפּגע־אָטעמט זיך.

שנעל שפּאַנענדיג איבער דעם ברייטען וועג האָב איך אָנגעטראָפען נאָך אײניגע סאָלדאַטען. אָנפאַנגס האָב איך גע־מיינט, אַז דאָס זיינען מיליטערישע פּאָליס און איך האָב צוריק־געהאַלטען מיינע טריט, אָבער כ'האָב באַלד דערקענט, אַז דאָס זיינען פּונקט אַזוי ווי איך אַנטלאָפענע, און מיר זיינען צוזאַמען געקומען אין ניו יאָרק.

דעם צווייטען אָווענט פון מיין אומלעגאַלען באַזוך בין איך אַרויף אין אַ האָל וואו עס איז דאַן אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון דעם נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישען קאָמיטעט. אין קאָרידאָר ביים אַרײַנגעהן צום פאַרזאַמלונגס־צימער, האָב איך געטראָפען חבר שניצער'ן. אויך ער איז געקומען אָהן אורלויב און גלייך האָבען מיר אָנגעהויבען קלערען און רעדען וועגען דעם וואָס פאַר אַ שטראָף מיר וועלען קריגען; אָבער נאָך מעהר ווי די שטראָף האָט אונז געאַרט, וואָס מיר וועלען ניט קאָנען זיין צוזאַמען מיט די לעגיאָנעזען. ערשט איצט, ווען מיר זיינען, אַזוי צו זאָגען, געווען אָפּגעריסען פון אונזערע קאָמפּאַניס, איז צו אונז געקומען דער געדאַנק, אַז מיר וואָלטען לייכט קענען אויספיהרען אונזער פאַרלאַנג, אַז אויב שוין געהן קעמפען זאָל דאָס זיין אין ארץ־ישראל. און מיר האָבען טאַקע גלייך אָפּגעמאַכט צווישען זיך, אַז מאָרגען פריה וועלען מיר זיך טרעפען איבערגעטאָנענע אין ציווילע קליידער און געהן אין איינעם פון די רעקרוטינג סטאַנציעס פאַר לעגיאָנערען.

די אײניגע גאַסען וואָס איך האָב געדאַרפט דורכגעהן ביז צו מיין הויז זיינען אין דער שפּעטער נאַכט־שטונדע ליידיג,

אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז פון אַהינטער יעדען ווינקעלע לויערען ארוים אויף מיר דער קעפּטיין און אַלע סאַרדזשענטס פון מיין קאָמפּאַני און איך וועל גלייך אַרעסטירט ווערען אַלס אַ דעזערטירער. איינינע מאָל איז דורכגעפלויגען אין די געדאַנקען „וואָס טוט מען, מיין רעגימענט פאָהרט אָפּ?“ אָבער באַלד איז געקומען דער פעסטער באַשלוס: „אין לעגיאָן! אין לעגיאָן!“

צוגעקומען אַהיים, האָב איך זיך שטיל אַריינגעגנב׳עט, קיינעם ניט אויפגעוועקט און גענומען זיך אָפּזוכען מיינע ציווילע קליי־דער. מיין עלטערער פלימעניק האָט אָבער דערהערט דעם גערויש פון אַן אַרונטערגעפאַלענעם בוד, וועלכען איך האָב אומגערן אַראָפּגערוקט זוכענדיג מיט אַ ליכט אין האַנד. דערזעהענדיג איהם מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען האָב איך ניט געפונען קיין אַנדער אויסוועג, ווי דערצעהלען איהם וועגען מיין פּלאַן און גע־בעטען איהם ער זאָל מיר מיטהעלפען און אַז ער קען דאָס אַמ־בעסטען טאָן מיט זיין שווייגען, ביז איך וועל צוריק אַרויסגעהן פון הויז. דער יונגער בחור׳ל איז גלייך צוטומעלט און אַנגעשראָקען געוואָרען פון דער אומגעוויינליכער סצענע, אָבער ער איז באַלד צו זיך געקומען און האָט ציטערענדיג מיט אַלע גלידער אָנגעהויבען אַר־גומענטירען און שרעקען זיך וועגען דעם וואָס מיט מיר וועט פּאַסירען. אויף מיינע שטאַרקע פּאַרזוכען איינצושטילען איהם האָט ער מיך אַרומגענומען און אָנפאַנגס שטיל, אָבער וואָס ווייטער אַלץ העכער אָנגעהויבען שרייען מיט אַ פּאַרשטיקטער שטימע: „איך האָב מורא, איך האָב מורא!“ ביז אַלע אין הויז זיינען אויפ־געשטאַנען און צוזאַמענגעלאָפען זיך אַזוי ווי זיי זיינען געווען און ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, איז געוואָרען אַזאַ מין אויפרודער, ווי מען וואָלט מיך כאַטש שוין געכאַפּט און געפיהרט צום עשאַפּאַט. איינער האָט שנעל פאַר־האַנגען דעם פענסטער, אַ צווייטער האָט אַראָפּגענידערט דעם פייער עס זאָל טונקעלער ווערען, און מיין שוועסטער האָט מיט פאַר׳חלש׳טע הענט איינגעקלאַמערט זיך אין די איבערגעבליבענע טיילען פון ציווילען אַנצוג וועלכען איך האָב געהאַלטען אין אָנטון. „ברודערקע מיינער, וואָס טוסטו, זיי וועלען דיך כאַפּען, ביזטו אַ פאַרלוירענער.“

עס האָט ניט געהאָלפען מיין אַרגומענטירען און שפּעטער צו

אפילו בייזערען זיך. איך האָב געמוזט אויפגעבען מיין פּלאַן און פאַרשפּרעכען צו חבר שניצער׳ן אַז מיר וועלען אַריין אין לעגיאָן. (שניצער איז געפאַלען אַרום נאַראַי, פראַנקרייך, אום יום־כפּור נאַכט, 1918, ער איז געווען איינער פון דעם אָריגינעלען קאָמי־טעט, אין וועלכען מיר האָבען זיך געגרינדעט דעם צווייטען טאָג ראש השנה פאַר דעם צוועק אויפצושטעלען אַ קאָנסערוואַטאָריום פאַר אידישער מוזיק).

איך האָב גלייך גענומען אַן אויטאָמאָביל און אַוועקגעפאָהרען צום לאַגער אין דער באַגלייטונג פון מיינע פּלימעניקעס לואיס און קלמן. די אָרימע יונגען האָבען געפיהלט אויסערגעוועהנליך שלעכט, איבערהויפּט צוליעב זייער שטערען מיין פּלאַן, אָבער וואָס נעהענטער מיר זיינען צוגעקומען צום קעמפּ אַלץ מעהר האָב איך זיך אָנגעהויבען באַדענקען וועגען דעם, וואָס פאַר אַ שלעכטען איינדרוק עס וואָלט געמאַכט אויף מיין קאָמפּאַני, ווי טריאומפיהרענד ביין עס וואָלט געקוקט דער קעפּטיין אויף די איבעריגע אידישע סאָלדאַטען, ווען איך וואָלט אויסגעפעהלט. איך האָב צו זיי איבערגעגעבען מיינע געדאַנקען און דאָס האָט געהאָלפען זיי אַביסעל באַרוהיגען.

ענדליך זיינען מיר אָנגעקומען. ניט וועלענדיג אַרעסטירט ווע־רען ביים אַריינגאַנג, האָב איך פאַרלאָפען דעם וועג און שנעל צוגעלאָפען צו די וועכטער און אָנשטאָט וואַרטען אַז זיי זאָלען מיך פרעגען פאַר אַ פּעס, בין איך צוגעגאַנגען צום ערשטען וועכטער און מיט אימפּעט געבעטען איהם, אַז ער זאָל אום גאָטעס ווילען וואָס שנעלער מיר אָנצייגען וואו עס געפינט זיך די 321 לייכטע אַרטילעריע, ווייל איך בין איינער פון דעם רעגימענט. האָב ערשט געקראָגען אַ טעלעגראַמע אַז מיר ציהען זיך גלייך אַרויס. „אָה, שלעכט, שלעכט, מיר דאַכט זיך אַז דו האָסט שוין פאַרשפּעטיגט“, האָט ער געזאָגט מיט מיטלייד און אַן אויפ־גערודערטער און צייגט גלייך אָן, „זעהסט אָט דאָרט, ביי אַ מייל און אַ האַלב אַהינטער יענע פייערען, וואָס ברענען“.

צופרידען וואָס דער איינפאַל האָט זיך איינגעגעבען בין איך אַוועק צווישען די לאַנגע שורות קאַזאַרמעס און ביידלעך. אויבען אַ קלאָרער אויסגעשטערנטער הימעל און איבעראַל וואו מען האָט געוואָרפען אַ בליק האָבען זיך ביידלעך שפּיצען געצויגען אין גלייכע רייהען,

מאנכע זיינען געווען אויסגעליידיגט, אנדערע פארנומען פון די וואס ווארטען אויף זייער ריי׳הע אוועקצומארשירען אויף זייער שיף, אבער ווי עס צייגט אוים שלאפען ניט אלע. א שטילער גע־שפרעך האבען זיך אפט דערטראגען פון הינטער די ליילעכער, איך האב זיך ניט געדארפט אפשטעלען און צוהערען זיך. איך האב גוט געוואוסט וועגען וואס די עלענדע האבען איצט דורכ־צורעדען זיך אין דער שפעטער שטונדע.

איך האב זיך אנגעשטרענגט ניט צו פארלירען די אנגעצייגטע פייערען ארום וועלכע ס׳איז געווען מיין רעגימענט; מיט עטוואס פאטאלעס, פול שרעקען, האבען אפגעגלאנצט די פלאמען וואס באלויכטען די ארומיגע ביידלעך. וואס נעהענטער איך בין צו־געקומען אלץ א טיעפערע אומרוהיגקייט האט מיך געדריקט, אבער איך מוז געהן אהין, צו מיין אומבאשטימטער שטראף און וואס נאך ערגער פון אלעס, איך וועל מוזען ווידער אמאל שטעהן פאר מיין קעפטיין. דאס מאל וועל איך זיכער ניט אפקומען מיט בלויז סאלוטען איינינע צעהנדליג מאל. איך מוז געהן צו יענע פייערלעך פונקט ווי א שוואכער צווייגעל געצויגען פון א מעכטיגען וואסער־שטראם, קיין לעגיאנער וועל איך שוין ניט זיין, עס האט מיך געשראקען, טאמער איז שוין מיין קאמפאני אויך ארויסגעצויגען, אבער דאנקען גאט, זי איז נאך דא. א באקאנטע שטימע האט מיך אפגערופען, עס איז אונזער וועכטער, ער האט מיך פריינדליך דורכגעלאזען. ווי א גנב האב איך זיך ארייגערוקט אין מיין פאלאטקע. אלע מיינע חברים זיינען געלעגען אין זייערע קליידער מיט די פאר׳ן מארטש פארטיגע פעקלעך צו קאפענם. איינער פון זיי האט אויך מיין פעקעל פארבארייטעט און ניט וועלענדיג זיי באאומרוהיגען האב איך זיך צוגעלעגט אין א ווינקעל און האב נאר וואס אנגעהויבען טראכטען וועגען שניצער׳ן, ווען איינער פון מיינע חברים איז אויפגעשטאנען און דאס ערשטע וואס ער האט ארויסגערעדט איז געווען: „גוד באי כהן, בראוואו! הלואי האב איך דעם זעלבען מוט וואס דו האסט געהאט!" און כאטש נאך איין מאל זעהען און ארומענמען מיין אלטעטשקע מאמען.

אויפ׳ן אַטלאַנטישען אָקעאַן

אויסבאַהאַלטענדיג זיך פון דייטשע שפּיאָנען אונטער שטרענג געהיימע פאַראָרדנונגען זיינען מיר אַרויף אויף אונזער טראַנספּאָרט־שיף און זיינען אַריין אין אונזערע לעכער. און ביז די שיף איז ניט אָפּגעגאַנגען אַ גרויסע שטרעקע, זיינען מיר אַלע געלעגען אונטער די דעקען. בלויז פון אַ פּאָר אָפענע „פּאָרט־האָלס" האָבען מיר אַרויסגעקוקט אויף דער דרויסענדיגער וועלט. דורך דעם געדיכט פאַרפאַרבטען גלאָז איז זעהר שווער צו דערקענען אויב עס איז געווען טאָג אָדער נאַכט. אָבער און ווידער אַמאָל גיט די גרויסע שיף אַ ציטער, דאָס אַרבייטען די שווערע מאַשינען. מיר געהען. און טעמפּ האָט דאָס וואַסער אָנגעהויבען קלאַפּען די זייטען פון אונזער שיף: „איהר געהט" — האָט אונז מיט אַ פּאַרבאַרגענער רציחה דאָס וואַסער געזאָגט, און ווי אַ געהיימער שרעק פאַר דער קומענדער מינוט האָט יעדען אַרומגענומען.

אַ גרופּע אידישע סאָלדאַטען האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען און האָבען דורך אַ געדיכט פאַרפאַרבטען פענסטער אַרויסגעקוקט, און קוים־קוים האָט מען געקאָנט באַמערקען מויערען און הייזער פון אַ שטאָדט. אין איין הויז, ווייט־ווייט אַוועק, האָבען מיר דערזעהן אַ ליכטיג פענסטער. און איינער פון אונז האָט שטיל אַרויסגערעדט: מעגליך, אַז דאָס ברענט אַ ליכט, וואָס איז אָנגעצונדען געוואָרען פון אַ מאַמען פון אַ אידישען לעגיאָנער". מיר האָבען אַלע געוואוסט, וואָס ער מיינט דערמיט, ווייל ערשט האָבען מיר געלעזען, ווי אַזוי אַ מאַמע פון אַ לעגיאָנער האָט אויף זיך אַ נדר גענומען, ניט אויפצוהערען אָנצינדען ליכט, ביז איהר זוהן, וואָס איז אַוועק קעמפּען אין ארץ־ישראל, וועט ניט צוריקקומען. מיר האָבען ניט געוואוסט, אויב דאָס איז די שטאָדט, וואו עס וואוינט די מערקווירדיגע אידישע מאַמע, אָבער ביים געדאַנק אַליין, אַז מעגליך אַז דאָס איז דאָס ליכט וועגען וועלכער מיר האָבען ערשט געלעזען, איז אונז ליכטיגער געוואָרען. און מיר האָבען אין הארצען זיך געוואונשען, אַז אַזעלכע ליכט זאָלען וואָס מעהר אָנגעצונדען ווערען, און זאָלען באַלייכטען דעם אידישען הימעל און ברענגען

אונזער פיעל־געפּלאַגטען פאָלק אַביסעל פון דעם אַזוי פיעל און אַזוי אָרענטליך פאַרשפּראָכענעם גליק זייטענס די עליים און אונזער גרויסען פּרעזידענט.

די געהיימנים פון די מעטאָדען און מיטלען, מיט וועלכע מען באַקעמפּט די סובמאַרינס, זיינען אַזוי גרויס, אַז מען האַלט אָפּט אין געהיים די צאָהל פון געזונקענע סובמאַרינס און אויך דאָס פּלאַץ, וואו זיי ווערען געזונקען. מען האַלט זיך צוריק פון באַריהמעריי און פריהצייטיגען קרעדיט־זוכען, אַבי נאָר צו האַלטען אין אונוויסענהייט און פאַרדינטען שרעק, די וועמען מיר האָבען געדאַרפט פאַרניכטען „אין אָרדער טו קיפּ די וואָירלד סייף פאָר דעמאָקראַסי“.

אַזוי ווי פיעלע אידען פון עסעקס, גרענד און עהנליכע גאַסען פון די גרויסע אידיש־אַמעריקאנער געטאָס, בין איך שוין איינמאָל איבערגעשוואומען דעם אַטלאַנטיק, אָבער וואָס פאַר אַ געוואַלדיגער קאָנטראַסט צווישען די צוויי רייזעס. דאַן האָבען די כוואַליעס אויסגעזעהן אַזוי דראָהענד, דאָס אומענדליכע וואַסער אַרום פלעגט אַזוי שווער מאַכען דאָס האַרץ און איינפּלאַנצען אַ פיינליכען געפיהל פון הילפלאָזיגקייט געגען דעם טיעפען תהום, וואָס ברויזט אונטען און וואַרפט די שיף פון זייט אויף זייט, אַזוי ווי רייצענדיג זיך מיט איהר, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ מערדערליכע אָנצוהערעניש, אַז איינשלינגען וועל איך אייך, אָבער דערווייל וועל איך זיך מיט אייך אַביסעל שפּיעלען.

אויך דאָס מאָל זיינען די וואַהלען געווען שטורמיש. דעם מאָל פאָהרענדיג ערגעץ צו קעמפען און מעגליך פאַלען, איז די שיף געווען אַ שפּיעלכעל, אַ שפּענדעל, וואָס איז געוויעגט און געוואָרפען געוואָרען נאָכ'ן קאַפּריז נאָך פון די וואַסער־בערג. אָבער דער געפיהל פון הילפלאָזיגקייט און שרעק פון דאַן איז ניט געווען — דאַן איז מען געווען אַ צושראָקענער עמיגראַנט, מען איז געפאָהרען אין אַן אונבאַקאַנטער וועלט — אָבער איצט, אַז מען איז אַ באַוואַפענטער גוט־מושטירטער קעמפער פון אַן אַרמעע און פאַר אַ ציעל, וואָס וועט שעהנער און גערעכטער מאַכען אונזער וועלט. איצט, ווען די וואַלען רוישען דראָהענד און פאַרמעסטען זיך פון אַלע זייטען, האָבען זיי שוין מעהר ניט אָנגעוואָרפען אַזאַ מורא. און ווען זיי וואָלטען נאָר קאָנען פאַרשטעהן, וואָלט איך זיי געענטפערט אויף

זייערע דראָהונגען: אומזיסט אייערע באַמיהונגען, אונז וועט ניט איבערשרעקען דאָס ערגסטע.

די פולע הערשאַפט פונ׳ם מענשען איבער׳ן תהום פון ים, איז אַמשעהנסטען דעמאָנסטרירט געוואָרען פון די „דעסטראָיערס״. וואָס האָבען אונז באַגלייט. מיט דער שנעלקייט פון וואַסער־שפּינען דרעהען זיי זיך אַרום אין די וואַסערען אַרום די גרויסע טראַנס־פּאָרט־שיפען. און ווען עס צושפּאַלטען זיך די וועלען אין פּאַראָויס פון אַזאַ „דעסטראָיער״, דאַכט זיך, אַז דער מזיק ווערט אָנגעפילט מיט ווילדער רציחה און טונקט אַריין זיין נאָז טיעף אין די תהומ׳ען, אַזוי ווי ער וואָלט אָט־אָט דערטאַפּט דאָרט דעם באַהאַלטענעם דייטש. ניט געפונען, גיט ער זיך אַ האַסטיגען הויב און זוכט ערגעץ ווייטער. און ווידער אַמאָל צושפּאַלטען זיך די וואָלען אונטער איהם, און ער לאָזט זיך אַריין מיט זיינע טויזענדער אויגען טיעף אין די ברויזענדע וואַסערען אַריין. ווען מען קוקט נאָר צו ווי האַסטיג, מיט וואָס פאַר אַ ברען זיי טוען זייער שוץ־אַרבייט, דערפיהלט מען, אַז ניט היטען, ניט אויסמיידען די סובמאַרינס ווילען זיי, נאָר אַז זיי זוכען אַ קאַמף, און ביי די סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך אַרויפגעקליבען אויף די דעקען האָט זיך אַנטוויקעלט אַ פאַרלאַנג צו זעהן אַ קאַמף צווישען אָט די קליינינקע מזיקים און די סובמאַרינס. זיי האָבען אויף אַזוי ווייט פאַרכאַפּט אונזער אויפמערקזאַמקייט און אונזער ספּאָר־טישען גייסט, אַז מיר האָבען זיך ווייניג וואָס אָפּגעשטעלט אויף די גאָר גרויסע קאַנאָנען, וואָס האָבען זיך אַזוי געלאַסען, מיט דער רוהיגקייט פון ריעזען, אַרויסגעקוקט פון דאָ, דאָרטען און איבעראַל, און האָבען רוהיג געוואַרט אויף זייער שאַנס דורכצו־ריידען זיך מיט׳ן דייטש. גראָד איז אַזאַ שאַנס ניט געקומען פאַר אַ לאַנגער צייט, און אונזער ספּאָרטישער גייסט איז געבליבען אונ־באַפרידיגט, כמעט אָפּגענאַרט. מיר האָבען אָבער דאָך אַ קליינע טרייסט געהאַט אין דעם זין, צוליעב די פּאָר אַלאַרמס וואָס זיינען דורך דער צייט פאָרגעקומען און וואָס האָבען פאַרשאַפט אַ היבש ביסעל אויפרעגונג.

גראָד דאַן, ווען מיר זיינען שוין צוגעוועהנט געוואָרען צו אַלץ אַרום אונז און האָבען זיך רוהיג אַרומגעשפּאַצירט אָדער פאַר־בראַכט אין געמיטליכע געשפּרעכען גרופּענווייז אַרומקלייבענדיג זיך אַרום די „אַלץ־ווייסער״, וואָס ווען אייך דערצעהלען און

דערקלעהרען אַלעס אין דער וועלט, אַפּילו וועגען די טעות'ן פון קייזער און פון די פּרעמיערס פון די פאַרשידענע רעגירונגען און אַזוי ווייטער — גראַד דאַן, ווען אייניגע וואוילע יונגען האָבען שוין געפונען פאַר מעגליך אויסצושרייען: לאַנד! לאַנד! אום אָפּצונאַרען דעם עולם, איז מיט אַמאָל געוואָרען אַן אויסערגעוועהנליכער גערודער מיט אויסגעשרייען: סובמאַרין! סובמאַרין! און אין אַ פּאָר סעקונדען אַרום האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער גיהנום מיט אַלע זיינע שרעקען איז אויף אונז אַרויפגעפאַלען. די שווערע קאַנאָנען האָבען זיך האַסטיג אַ קעהר געטאָן אין דער נויטיגער ריכטונג און האָבען דורך פלאַם און רויך אַרויסגעשיקט זייער טויט־אורטייל. די שיפען האָבען זיך האַסטיג אַ קעהר געטאָן נאָך אַ באַשטימטער קאָמאַנדע און די קליינינקע באַגלייטער אונזערע, די „דעסטראָיערס", האָבען זיך אַזוי ווי פיילען אַ וואָרף געטאָן אין אַ פּאָר באַשטימטע פונקטען. און מיט אַמאָל האָבען זיך די וואַסערען אַרום אונזערע שיפען אַ הויב געטאָן. דאָס האָט מען אייניגע פון די געגען־סובמאַרין באָמבעס אַריינגעוואָרפען. און נאָך דעם שרעקליכען אויפרייס וואָס האָט, ווי עס האָט זיך געדאַכט, אַלעס אַרום פאַרניכטעט, ווי איינגעשלונגען, איז באַלד צוריק שטיל געוואָרען. די טראַנספּאָרטען האָבען זיך ווידער גענומען געהן זייער וועג, אָבער אַלץ גרייט אויף יעדען פאַל, מיט די מענשען אויסגעשטעלט אין דער נויטיגער און בעסטער אָרדנונג אַרום די רעטונגס־שיפלעך. די „דעסטראָיערס" האָבען זיך מיט נאָך מעהר ברען גענומען צו זייער אַרבייט. בלויז אַ פּאָר פון זיי זיינען געבליבען אויפ'ן פּלאַץ פון דער ערשט אָפּגעשפּיעלטער סצענע און האָבען זיך דאָרט אַ לאַנגע צייט אַרומגעדרעהט, ביז זיי זיינען צוריקגעקומען צו זייערע פּלעצער.

אַ לאַנגע צייט האָבען מיר ניט געקאָנט רוהיג בלייבען. יעדער איינער האָט זיך געשפּאַרט און געוואָלט דערוויסען זיך, צי האָט מען די סובמאַרין דערטרונקען. און גלייך האָבען זיך אַרויסגערוקט די אַלטע „אַלץ־ווייטער", וואָס האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען געהערט פון דעם מויל פון דעם און דעם אָפּיציער, אַז מען האָט יאָ דערטרונקען, און ניט איינע, נאָר צוויי, און אַזוי ווייטער. אָבער עס האָבען אויך ניט אויסגעפעהלט קיין לצים וואָס האָבען זיך געוויצעלט איבער זיי און איבער דעם גאַנצען אינצידענט מיט אַזעלכע באַמערקונגען, אַז דאָס האָט מען אַ ליידיגע „קען" פון

„בינס", וואָס האָט זיך רוהיג געשוואומען אויף די וואַלען, אָנגע־נומען פאַר אַ פּעריסקאָפּ פון אַ סובמארין, און מען האָט די אונ־שולדיגע „קען" צעריבען אויף אַש.

אזוי צי אזוי, אָבער מיר האָבען זיך נאָך דעם אביסעל יום־טוב'דיגער געפיהלט. הייסט עס, אז מיר האָבען שוין פארזוכט עטוואָס פונ'ם ריכטיגען קריעג, געשמעקט פולווער, און האָבען געהאַט פיליכט אַ ריכטיגען שאַנס, אזוי ווי איינער פון די אידישע באַיעס האָט געזאָגט: אָפּצוטונקען זיך אין „מים־אחרונים". אָבער פונדעסטוועגען האָבען מיר מיט אביסעל מעהר רעספּעקט געקוקט אויף אונזערע „לייף בעלטס", און וועלכע מיר זיינען ארומגעגאַנ־גען ווי אין פעסלעך, און אויף די רעטונגס־שיף „דרילס", וואָס פלעגען אונז יעדע ווייליע דערגעהן די יאָהרען, און אָפּט ארויסשלע־פּען פון די בעטען אין מיטען נאַכט.

אזוי איז ביי אונז ווידער לעבעדיג געוואָרען, און מען האָט זיך דערצעהלט געשיכטעס וועגען סובמארינס, וועגען ים־טראַגע־דיעס און טאַקע וועגען דער סובמארין, וואָס מיר האָבען געזונקען. אָבער, אז עס פלעגט קומען צום נאָכפרעגען זיך, פון וואַנען ווייסטו דאָס, פלעגט קומען דערזעלבער גוט־באַקאַנטער ענטפער: אימיצער האָט מיר דערצעהלט! און אזוי ווייסען מיר ניט ביז היינטיגען טאָג, וואָס די טאָרפּידאָ־שיפלאַך, וואָס האָבען זיך דאָרט ארומ־געדרעהט אַ ווייליע, האָבען איבערגעגעבען אויף זייער שטום־לשון... דער וואונדערליכער, טיעפער ים איז רייכער געוואָרען מיט נאָך אַ געהיימנים פאַר אַ לאַנגער צייט, און ווער ווייסט — אפשר אויף אייביג.

וואָס נעהענטער מיר זיינען צוגעקומען צום באַשטימטען ברעג, אַלץ געפעהרליכערע וואסערען האָבען מיר געדאַרפט דורכ־געהן. אָבער מיר האָבען זיך אַלץ רוהיגער געפיהלט. מיר האָבען זיך איינגעזעצען ענטוישט אין דער אַלמעכטיגקייט פונ'ם דייטשען אונטער וואסער־גנב. אַ שוצלאָזע האַנדעלס אָדער פּאַסאַזשיר־שיף, אַ האָספּיטאַל־שיף, וואָס איז באַוואָפענט בלויז מיט'ן צייכען פון דעם רויטען־קרייץ, די קאָן ער לייכט זינקען, אָבער ניט אונז, גוט־באַוואָפענטע און וואַכזאַמע.

און אזוי, מיט אַ רוהיגען געמיט און מיט די געדאַנקען שוועבענדיג צווישען דער ווייטער, ווייטער אַמעריקא און דעם ברעג, וועלכען מיר מעגען נאָר באַצייכענען מיט'ן וואָרט „ערגעץ" אין

פראנקרייך, ערגעץ אין ענגלאנד, און אזוי ווייטער, האבען מיר זיך פארזאמעלט א גרופקעלע אידישע באיעס און האבען זיך פארפיהרט א כאראקטעריסטיש אידישען געשפרעך, מיט'ן אידישען דורשט צו דערגרונטעווען די זאך, און טאקע נאך אמאל וועגען די סובמארינס, איינער דעם צווייטען געפרעגט און פארענטפערט. ווי וואלט געווען, ווען אונזער שיף וואלט געזונקען? ווי ברייט און ווי טיעף אין וואסער שלעפט מיט זיך א זינקענדע שיף? „וואס טויגען דיר קונצען”, ענטפערט איינער, „אז מען טונקט זיך אפ איז א מיאוס'קייט. אבער די פראגע־שטעלער בארוהיגען זיך ניט און פרעגען ווייטער: צי קאן מען איבערגעבען א צואה מיט'ן סובמארין, און אויב מען ווערט מיטגעצויגען מיט דער זינקענדיגער שיף, צי שטופט נאכדעם ארויס די לופט מיט דעם ארויפקומענדען וואסער צוריק אויף דער אויבערפלעכע?” „יא, ברודערקע”, ענטפערט אימיצער, „מען ווערט טאקע ארויסגעשפיגען, אבער די לונגען ווערען צופלאצט פון לופט און וואסער־דרוק”. דאס איז שוין א טרויעריגע געשיכטע — און עס דערהערט זיך דער אלטער אידישער איי־איי־איי. און אז איינער טוט א זיפץ, דריקט עס ביי פיעלע אויפ'ן הארצען.

אויפ'ן געדאנק קומט ארויף קעפטען וואטסאן. איך וואלט וועגען איהם מעהר ניט געשריבען ווען ער וואלט מיט זיך ניט פארגעשטעלט א באשטימטען טיפ „אפיציערען”, וואס זיינען געקומען מעהרסטענס פון געוועזענע אפיס־אנגעשטעלטע און פוסטע־ספארטלער, וואס האבען זיך דערפרעהט מיט זייער נייעם פלוצלינגען ארויפשטייגען און אבסאלוטע מאכט איבער זייערע ערשט נעכטען גלייכע מיטבירגער. ביי איינעם פון אונזערע ערשטע רעטונגס־שיפלעך איבונגען, ווען די וואס זיינען געווען באשטימט פאר פארשידענע פליכטען, האבען מאמענטאל אויסגעפיהרט זייער אויפגאבע, האט מען גלייך נאכדעם ווי דער טראמפייט האט גערופען „ריקאל” (צוריקרוף), און מיר האבען אנגעהויבען פונאנדערגעהן פון די רייהען, האט א צווייטער סיגנאל אונז ווידער צוריקגערופען. דאס מאל זיינען אלע סאלדאטען פארטריבען געווארען אויף דער גרויסער פלאטפארמע, אויפ'ן פאדערשטען טייל פון שיף. אנפאנגס האבען מיר ניט געוואוסט וועגען וואס עס האנדעלט זיך. אבער באלד האבען מיר דערזעהן, אז מען וועט פאר אונז ווידער האלטען א קאזיאנע רעדע. און א, טיוועל, דער

רעדנער איז דער הויכער, געזונטער קעפּטען וואַטסאָן. מיט צו דער ערד אַרונטערגעלאָזענע אויגען און אַ קאַלטער פּרעכער שטימע האָט ער פאַר אונז געהאַלטען די פאָלגענדע רעדע: „וועל, מענ־שען, איהר זאָלט וויסען זיין, אַז מיר געהען זיך שלאָגען, דאָס מיינט, הרג׳ענען און גע׳הרג׳עט ווערען. די ברעגען פון אונזערע היימען עקזיסטירען מעהר ניט פאַר אונז. פאַרגעסט, אַז איהר האָט טאַטעס, מאַמעס און קרובים. איהר זייט איצט ניט מעהר ווי אַ נול און אַלעס וואָס איהר האָט צו טאָן, איז אויספאָלגען אָרדערס, און אויספאָלגען זיי אָהן קשיות, אָהן איבעררייידונגען. איהר זאָלט ניט וואַגען אפילו איבערפרעגען איין איינציג וואָרט. אָבער טאָמער וועלען זיך צווישען אייך דאָך געפינען אייניגע וואָס ווען וואַגען זיך נאַריש מאַכען, דאַן — איהר זעהט אָט־אָ־דאָס־אָ? — ער נעהמט אַרויס זיין רעוואָלווער פון שיידעל, פיהרט דערמיט אין דער לופטען איבער אונזערע קעפּ — „איהר זעהט אָט־אָ־דאָס־אָ?“ האָט ער נאָך אַמאָל קאַלט איבערגעפרעגט, קוקענדיג אויף אונז מיט זיינע סאַרע אויגען, „וועל, איך וועל דערשיסען יע־דען איינעם אַזעלכען, אַזוי ווי מען דערשיסט אַ משוגע׳נעם הונט“.

מערקווירדיג איז געווען צו באָאָבאַכטען די פּנים׳ער פון די סאָלדאַטען, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום מיר. איך האָב צווישען זיי געקאָנט אַזוי פיעל שטאַרקע, מיט אַ רעוואָלטירענדען גייסט, אָבער דאָס מאָל, אונטער די אומשטענדען, שטעהענדיג אין אַ קאָמפּאַקטער מאַסע, אויפ׳ן דעק פון דער שיף, און הערענדיג דאָס פּרעכע רעדען פון׳ם קאַפּיטאַן, האָט זיך אַפילו אויף זייערע געזיכטער באַמערקט אָנפאַנגס בלויז אַן איבערראַשונג און שפּעטער־צו — מאַכטלאָזע אָפּהענגיגקייט... ער האָט נאָך אייניגעס גערעדט אין דעם זעלבען גייסט און פאַרענדיגט מיט פאָרלעזען אַ רייהע פון רעגולאַציאָנען, ווי־דער אַמאָל וועגען דיסציפּלין, וועגען דער שטרענגער צענזור פאַר שרייבען בריף, מיט איין וואָרט, וועגען דעם וואָס מען טאָר און וואָס מען טאָר ניט. און עס איז אויסגע־קומען אַז קיין איין מען „מעג“ איז ניט געווען. ווי אַ שווערע מאַסע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אונזערע קעפּ און ריקזיכטלאָז גע־דריקט איין ריעזיגער „מען טאָר ניט“.

פֿאַרבײַ אירלאַנד

דעם 8טען האָבען מיר געוואוסט, אַז באַלד וועלען מיר דער־זעהן ברעגען פֿון לאַנד, ווייל פֿון דערווייטענס האָבען זיך שוין באַוויזען טונקעלע פּאַסען אין דער גאַנצער לענג פֿון האָריזאָנט, באַשפּרינקעלט מיט פֿליהענדע מחנות ים־פֿויגלען. איינינע פֿון זיי האָבען אונז באַגלייט דעם גאַנצען וועג. ווער ווייס פֿון וואַנען זיי האָבען זיך גענומען? מיר האָט זיך גערדאַכט, אַז זיי נעסטען ערגעץ אויפֿ'ן גרונד פֿון ים און קומען אַרויס פֿון דאָרטען אַביסעל אויסצובאָדען זיך אין די שטראַהלען פֿון דער זון און וויגען זיך אויף די בייזע שפּיצען פֿון די וואַלען. מיט באַוואונדערונג וואָס האָט זיך געגרינעצט מיט אַנגסט, פֿלעג איך באַטראַכטען, ווי אַזוי אַ גרויסע שטרעקע פֿון וואַסער פֿלעגט אָנשוועלען, אויפֿהויבען זיך אין אַ ריעזיגען באַוועגליכען באַרג, פֿאַרבייגעהן אונז און אַראָפּני־דערען מיט דערזועלבער קראַפֿט, ווי עס פֿלעגט זיך אויפֿהויבען, איבערלאָזענדיג הינטער זיך אַ טיעפֿען טאַל פֿול מיט שוים. אהאַ, אַ ים־פֿויגעל זיצט זיך, וויגט זיך אינמיטען פֿון דעם ווייסען שוים, און אַזוי ווי ניט איהר מיינט מען, גליטשט זי זיך אונטער אונטער אַ צווייטען, דריטען ווייסען באַרג, און אַזוי אונענדליך.

פֿון דעם ווייטען ברעג האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צו אונז גאַנצע מחנות פֿון די ים־פֿויגלען און האָבען זיך אָנגעהויבען אַרומ־דרעהען אַרום אונזער שיף, האָבען אַריינגעקוקט אין די לעכער דורך וועלכע מען האָט אַרויסגעוואָרפֿען די מיסט פֿון שיף, און האָבען אַזוי ווי בעטענדיג געדרעהט מיט די קעפּלעך, אַזוי ווי זיי וואָלטען גרייט געווען אַרויסצוכאַפּען ברעקלעך פֿון מענשליכע הענט.

אין דער צייט וואָס אַלץ גרעסערע מחנות פֿויגלען האָבען זיך געצויגען פֿון און צו אונזער שיף, אַרומדרעהענדיג זיך איבער אונ־זערע קעפּ און האָבען זיך געשלאָגען פֿאַר אַ ביסען אויפֿ'ן שטילען וואַסער, וואו אונזער שיף האָט נאָכגעלאָזען ברויט און אָראַנזשען־ברעקלעך, האָבען זיך די סאָלדאַטען אָנגעשפּאַרט איינער אויפֿ'ן צווייטען אויף דער זייט שיף, וואו דער ברעג האָט זיך אַלץ דייט־ליכער באַוויזען, פֿון וואַנען עס האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אַזוי ווי

פליהענדע מאַנסטערס אייניגע לופט־שיפען פון דעם ברעג־שויץ, און די סאָלדאַטען האָבען זיך אָנגעהויבען אמפּערען איבער דעם וואָס פאַר אַ ברעג דאָס איז, צו וועלכען פאָלק ער באַלאַנגט.

„דיער, דיער אָלט איירלאַנד!“ — האַלט אין איין שעפּטשען אַ יונגער סענטימענטאַלער אירלענדער, און גיט יעדע ווײַלע צו: „אָך, ווי שעהן! אָך, ווי טייער! אָך, ווי שעהן מיין אָלד אַריי־לאַנד איז!“

„וואָס איז דער מעהר? האָסט דאָרט דערקענט דיין דריי־בלעַ־טעלדיגען שעמראָק?“ האָט איהם געפרעגט אַ דערביישטעהער.

דער וויץ געלינגט ניט. אַלע האָבען געשוויגען און באַטראַכט די וואונדער־שעהנע פאַנטאַסטישע פאָרמען פון ברעג, וועלכע גי־סען זיך צוזאַמען אין מאַנכע פלעצער מיט׳ן וואַסער אַזוי אונדייט־ליך, אַז מען ווייס ניט, וואו עס פאַנגט זיך אָן און וואו עס שיידט זיך אָפּ איינער פון צווייטען.

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבען טיעף אַרונטערלאָזען אין׳ם שעהנסטען קאָליר פון׳ם הערליכסטען זונען־אונטערגאַנג וואָס איך האָב ווען געזעהן. און די אויפגעלעבטע מאַסע איז נאָך אַלץ גע־שטאַנען אין אויפגערודערטע פון׳ם אָנבליק פון לאַנד, אָבער האָט נאָך אַלץ ניט באַשלאָסען ביי זיך, וואָס פאַר אַ ברעג דאָס איז. עס העלפט אפילו ניט צו זיין אַ ווייסער, צו האָבען אַ געאָגראַפישע קאַרטע אָדער אויסהערען וואָס דער קליינינקער „סטוּאַרט“ אָדער פאַרהאַרטעוועטער מאַטראָז האָט וועגען דעם צו זאָגען, ווייל מיר האָבען גוט געוואוסט, אַז מיר טאָרען ניט וויסען אַזעלכע זאַכען, אפילו דאָן, ווען מיר ווייסען יאָ...

מיט די לעצטע שטראַהלען פון דער זון, וואָס האָבען אַזוי סודות׳דיג זיך צוזאַמענגענומען אין דער בלויקייט פון הימעל אַהינ־טער די שפּיצען פון די בערג, זיינען אויך די ים־פויגלען ביסלעכ־ווייז פאַרשוואונדען. אַ לאַנגע צייט בין איך מיט דעם פאַר׳חלומ׳־טען אירלענדער און מיט נאָך אייניגע באַיעס פאַרבליבען אויפ׳ן דעק. דער טומעל פון די סאָלדאַטען, וועלכע זיינען אַריין אין זייערע לעכער, איז אַלץ שטילער געוואָרען. אין דער געדיכטער פינסטערניש האָבען זיך געהערט בלויז דער טרעטען פון׳ם דער־בייאיגען סאָלדאַט אויף דער וואַך, וואָס האָט מיט לאַנגזאַמע

טריט געמאָסטען זיין פּאָסט אויף דער אויבערשטער דעק, און דעם איינגעהאַלטענעם גערויש פונ׳ם שטילען וואַסער.

פון גאָר נאָהענט האָבען די „דעסטראָיערלעך“, וועלכע האָבען אונז נאָך אַלץ באַגלייט, עפּעס צוגעוואונקען צו אימיצען מיט זייערע שאַרפע אויגעלעך. אַ וואונק — און פאַרשוואונדען, אַ וואונק — און ווידער שטאָק פינסטער און שטיל. בלויז פון דער ווייט, העט דאָרט, וואו די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט זיך באַוויזען און פאַרשוואונדען אַ שטערען, דער איינציגער שטערען אויפ׳ן האָריזאָנט.

„זעהסט ? דאָס איז אַן אירלענדישער לייכט־טורעם !“ — זאָגט אַרויס מיט עהרפורכט דער טרוימערישער אירלענדער און בויגט זיך אַריבער נאָך מעהר איבער׳ן צאַם פון דער שיף, אַזוי ווי ער וואָלט אויסער דעם פייערעל נאָך עטוואָס דאָרט וועלען דערזעהן. אָדער, ווער ווייס, אפשר האָט ער געהאָפט דערהערען פון יענעם ברעג אַ ליעד וואָס וועט ריידען צו זיין האַרצען אַזוי וואַרים, אַזוי ליעב !

ווער ווייס ? אפשר איז עס טאַקע זיין ברעג. אָבער וואו איז מיינער ? — האָט ווי אַ שווערע לאַסט געדריקט מיין מח. איין ברעג, וועלכען איך האָב ערשט דערקאָנט מיט אַכט יאָהר צוריק. און וואו איך האָב אַן איינגעבויגענער איבער׳ן ווערקשטאַט זעהר ווענינ צייט געהאַט אַרומצוקוקען זיך, איז אויף יענעם זייט פונ׳ם אַריבערגעשוואומענעם אָקעאַן ; און דער ברעג נאָך וועלכען עס האָט אַזוי שטאַרק געצויגען און געבענקט מיין מוטער׳ס און מיין האַרץ — יענער ברעג, וואוהין עס ווערען געטראָגען אויף אַנדערע שיפען אַזוי פיעל פון מיינע טייערע פאַרבענקטע חברים, גרייט צו קעמפען און פאַלען פאַר זייער פאָלק׳ס פרייהייט ; דער ברעג וואוהין עס ציהען זיך אַזוי פיעל פון אונזערע בעסטע זיהן, די לעגינאָערען, אָט דער אַזוי טייערער, ווען אפילו אונבאַקאַנטער ברעג, איז אַזוי ווייט פון דאַנען !

„גוטע נאַכט, חבר !“ — און איך בין אַרונטער אין מיין ווינקעל. לאַנגע, אונענדליכע שטונדען האָט זיך דער שלאָף געראַנגעלט מיט די אויפגערודערטע געדאַנקען און געפיהלען, ביז עס האָט זיך איהם איינגעגעבען זיי בייצוקומען.



אין דער פריה האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אונטער'ן קייטען־געוויש פון אויסלאָדען די שיף, וואָס איז זיך רוהיג געשטאַנען אַ צוגעפעסטיגטע צו אַ דאָק ערגעץ אין אַ פּאָרט.

מיר זיינען שוין אָנגעקומען אין דעם אַזוי פיעל באַשריבענעם, מיט אַזוי פיעל אויפרעגונג ערוואַרטעטען „דאָרטען“.

„אָפּיסער! זאָגט, פּליעז, וואָס פאַר אַ שטאָדט איז דאָס?“ פרעגט איינער.

„עס איז די און די שטאָדט“, ענטפערט דער אָפיציער. „אָבער טאָרסט פון דעם ניט שרייבען. אַז מיר זיינען אין פראַנקרייך, דאָס מעגסטו יאָ שרייבען“.

און אין אַביסעל צייט אַרום זיינען מיר ניט נאָר געווען אויפ'ן באָדען פון פראַנקרייך, נאָר מיר האָבען זיך זאָגאָר צולעגט מיט אונזערע פעקלעך אין די וואַגאָנען, וואָס פיהרען אונז דער־ווייל ערגיץ אין אַ קעמפּ איבערצוכאַפּען דעם אָטעם און מאַכען די נויטיגע פאָרבאַרייטונגען צו געהן אין קאַמף.

„אָט דאָס זיינען עס די פראַנצויזען! האָבען די באָיעס אָנ־געצייגט און נייגעריג איינגעקוקט זיך אין די געזיכטער, קליידער און מינעס פון די באַהן־אַרבייטער און איינִיגע ציווילע מענשען,

וועלכע האבען אבער אויף אונז געקוקט מיט וועניגער נייגעריגקייט. הפנים, אז זיי האבען אזעלכע ווי מיר שוין פיעל געזעהן. — יא, דאס זיינען פראנצויזען. דיזעלבע נעז, דיזעלבע אויגען, דיזעלבע געזיכטער ווי ביי אנדערע פעלקער. מעהר ניט, אויף זיי ליגט דער צייכען פונ'ם לאנגען פיער־יאהריגען קאמף. עס ליגט אזא רוהיג טרויעריגע ערנסטקייט פון מענשען, וואס האבען זיך אזוי לאנג געפונען אין שכנות מיט'ן גינהום.

מיר האבען געפרואווט צו זיי ריידען עפעס — בע... מע... עס געהט ניט! ביז איינער איז געפאלען אויף א פלאן און האט פריהער אנגעצייגט אויף די מאסען אמעריקאנער און נאכדעם אויף דעם דארען פראנצויז, און אויף אן אין שווארצען געקליידעטער מיטעל־יעהריגער פראנצויזקע, ארויסגערעדט כלומר'שט אין פראנצויזיש: „אמעריקען, פרענטשמען, אליעם... אליעסען" — האט ער שנעל פארבעסערט זיין טעות, און מיר האבען אלע זיך הארציג צולאכט איבער דעם יענקישען איינפאל. דער תמ'עוואטער פראנצויז האט געמיינט, אז מיר לאכען אפ פון איהם, האט ער זיך אנגעהויבען אפרוקען.

אבער ווי איבערראשט זיינען מיר געווארען, ווען א יונגע פראנצויזקע, וועלכע מיר האבען פריהער ניט באמערקט, האט קאקעטיש ארויסגערעדט: „אולא־לא". זי האבען מיר אויך פארשטאנען, ווייל אין איינעם פון אונזערע סאלדאטסקע ליעדער ווערט געזאגט: „אולא־לא, סוויט פאפא, וועלען מיר זינגען צו די פראנצויזען". און גלייך האבען זיך חברה ארום איהר ארומגעקליבען מיט א פרעהליכען געפילדער.

דער צוג האט ארויסגעצויגען, און מיר האבען זיך מיט זשעדנע אויגען צוגעווארפען צו די פענסטער זעהען פראנקרייך. אונזערע אפיצירען האבען אונז נאך פריהער דערצעהלט, אז פראנקרייך איז מעהרסטענס א בארגיג, וואונדער־שעהן לאנד. מיר זיינען אין דעם זין ניט אנטוישט געווארען. און אויב די גרויס פון א פאלק'ס פאטריאטיזם הענגט אפ אין א געוויסער מאס פון די שעהנקייט פון זיין לאנד, דאן האב איך זיך שוין מעהר ניט געוואונדערט איבער דער גרויסער ליעבע פון די פראנצויזען צו זייער לאנ־. יא, אזא וואונדערשעהנעם ווינקעל פון אונזער ערד קאן מען ליע־

בען. איבער אזעלכע בערג און טאָלען קאָן מען אומענדליך, ביז פאַרגעסענהייט, טרוימען.

„ביסקעט! ביסקעט!" — האָט זיך דערהערט אַ קינדערשע שטימע הינטער'ן פענסטער פון וואַגאָן. איך האָב אַרויסגעקוקט און דערזעהן אַ פּאָר קליינע קינדערלעך, אין ברייטע, שוואַרצע פאַרטוכלעך, נאָכלויפענדיג אונזער צוג מיט אַלע זייערע כחות. זיי שטרעקען אויס זייערע הענט, פאַררייסען צו אונז זייערע פּנימלעך און שרייען צו אונז דאָס איינציגע וואָרט, וואָס איך האָב אַזוי דייטליך און מיט מיין גאַנצער נשמה פאַרשטאַנען: „ביסקעט! ביסקעט!" ניט פיעל געקלערט האָב איך צו זיי אַרויסגעוואָרפען מיינע ביסקוויטס. אַך, טייוועל! דאָס קעסטעל האָט זיך אַנגעקלאַפּט אַן אַ דערבייאיגען שטיין און איז צופאַלען געוואָרען. דער אינגערער האָט זיך אָפּגעשטעלט זיי אויפצוהויבען, אָבער דער עלטערער לויפט נאָך אַלץ נאָך מיט די אויסגעשרייען: „ביסקעט! ביסקעט!" און מיר האָט זיך אָפּגעדאַכט, אַז דאָס שרייט אַ יונגינקע, הונגעריגע שעפּסעלע.

מערקווירדיג, ווי שנעל מען געוואוינט זיך צו צו אַלע אומשטענדען און געדאַנקען, ווען מען ווייס, אַז אַזוי איז עס — און פאַרפאַלען, אַז עס איז דאָס אונפאַרמיידליכסטע. — די ריכטיגקייט פון דעם האָב איך דערפיהלט אויף זיך און דערזעהן אויף אַנדערע, ווען מיר זיינען שוין געווען אָפּגעפאָהרען טיעף אין פראַנקרייך און האָבען, מיעדע, ניט געפונען קיין פּלאַץ וואו דעם קאָפּ צוצולעגען אין די ענגע וואַגאָנען. און רוהען, צולעגען דעם קאָפּ ערגעץ האָט זיך געוואָלט אַזוי שטאַרק נאָך אַזאַ לאַנגען אַנגעשטרענגטען וועג.

מערקווירדיג, ווי מיר האָבען אויף דעם מאָמענט גאָר פאַרגעסען וועגען אַלע געפאַהרען צו וועלכע דער רעדער־געררויש ברענגט אונז אַלץ נעהנטער. מיר האָבען זאָגאַר ווייניג אויפמערקזאַמקייט געשענקט די אַנגעלאָדענע רויטער־קרייץ באַהנען, וואָס זיינען פון צייט צו צייט פאַרבייגעלאָפען אונזער צוג צו און פון „דאָרטען". אמת, עס האָט זיך אַמאָל געוואָלט זעהן וואָס עס טוט זיך אין יענע גערעמע וואַגאָנען, אָבער אומזיסט. בלויז אין דער ערשטער קאַר זיינען דאָ ליכטיגע פענסטער, דורך וועלכע מען

קאָן זעהן אייניגע מענער און פרויען אין ווייסע, מיט׳ן רויטען־קרייץ אויפ׳ן רעכטען אָרים. די איבעריגע וואַגאָנען זיינען מיט פאַרהאַנגענע פענסטער. און ווען אַמאָל הויבט זיך אויף אַ ווינקעל פון אַזאַ פאָרהאַנגעל, און אַ פּאָר אויגען מיט אַ בלאַסען געזיכט טוען אַ קוק אַרויס פון דאָרטען, פליהען זיי צו־שנעל אַוועק, זיי פליהען אַוועק, איידער זיי האָבען נאָך צייט אפילו אַ הונדערטעל פון זייער געשיכטע צו דערצעהלען; זיי פאַרשווינדען מאָמענטאַל, אַוועקגעצויגענע פונ׳ם רעדער־גערויש און לאָזען בלויז איבער אַ קוים אויפגעכאַפּטען פונק פונ׳ם אָפּגעשפּיגעלטען גיהנום־פלאַם...

„דאָס מוז מען פיהרען פאַרוואונדעטע“, האָב איך געזאָגט צו איינעם פון מיינע אַכט חברים אין דער וואַגאָן־אָפּטיילונג.

„יאַ, יאַ!“ האָט ער געענטפערט לאַנגזאַם, אַזוי ווי ער וואָלט אַזעלכע זאַכען געזעהן זינט יאָהרען און יאָהרען.

מיך האָט אַביסעל פאַרדראָסען זיין גלייכגילטיגקייט און האָב בייזוויליג ווייטער געזאָגט:

„עס קאָן זיין, אַז אייניגע שטאַרבען דאָרט אויפ׳ן וועג צום האָספּיטאַל און זייערע נשמות פליהען אַרויס דורך די פענסטער.“

„זאָלען זיי פליהען! און ווען זיי האָבען נאָר אַביסעל שכל, קאָנען זיי לייכט אַריינפאַלען אין איינעם פון די פראַנצויזישע וויין־קעלערען“, האָט ער זיך גלייכגילטיג אָפּגעענטפערט און פאַר־דרעהט זיין מיעדען קאָפּ צוזאַמענלעגענדיג זיינע הענט אויף דער ברוסט און האָט זיך געמאַטערט איינדרעמלען אונטער׳ן וויגען און קלאַפּען פונ׳ם וואַגאָן.

מעהר האָב איך איהם שוין ניט באַאומרוהיגט. איך האָב אין איהם דערזעהן דעם זעלבען ענטשלאָסענעם אַמעריקאַנער סאָל־דאַט, ווי די פיעלע אַנדערע הונדערטער טויזענדער, מיט דער אָפּ־וועזענהייט פון ווייטערע צווייפלען און פראַגען וועגען דער מלחמה און איהרע שרעקען.

ווען ער האָט געזעהן פאַרוואונדעטע און געהערט זייערע קרעכ־צען, האָט ער זיך קוים אַרומגעקוקט אויף דעם.

„אָבער אַ ביסעל קאָרנד־ביעף וועסטו עסען?“ האָב איך גע־זאָגט, אַרויסנעהמענדיג אַ באַקסעל פון אונזער זאַפּאַס“.

„יעס!“

ער האָט פויל אַ קוק געטאָן אויף דעם. מיר האָבען ביידע געקייט און אפילו ניט געפיהלט וואָס מיר האָבען אין מויל...

אַזאַ ווילד־פרעמד לאַנד, וועגען וועלכער איך האָב אפילו אין מיינע ווייטסטע חלומות ניט געטרוימט, אָבער מערקווירדיג, ווי נאָהענט און ווי ענג צוזאַמענגעבונדען האָב איך זיך דערפיהלט מיט אַט די דאָרט פאָרמירטע בערג און טאָלען, וואָס זיינען אַזוי ווי פון אַן אַרטיסט־ישער האַנט אויסגעלעגט געוואָרען.

פיליכט האָבען עס פון מיר די שטאָלצע, בראַווע פראַנצויזען ניט געוואָלט; פיליכט וואָלטען זיי זיך באַליידיגט אויף מיין אַנבאָטען זיי מיין מיטגעפיהל. און איך האָב טאַקע איינמאָל באַמערקט, אַז דאָס געזיכט פון אַ יונגער פרוי איז נאָך בלייכער געוואָרען, ווען זי האָט געזעהן ווי איהר יונג אינגעלע לויפט אַרום אונזערע וואַגאָנען, אַריינקוקענדיג מיט זשעדנע אויגעלעך אין אונזערע הענט און שרייענדיג צו אונז „און סוה“, „ביסקעט“, „און סוה“. פיליכט האָבען עס פון מיר אויך אָט די שטאָלצע, גרינע בערג ניט געוואָלט. אָבער ווען איך האָב געזעהן ווי אַזוי עס האָבען זיך צו זיי צוגעטולעיט שעהנינקע דערפעלעך, צעוואָרפען איבער זייערע רוקענס, און אין פיעלע פאַלען טיעף אַריינגראָבענדיג זיך אין זייערע מעכטיגע זייטען מיט די קליינינקע פיער־פענסטער־הייזלעך; ווען איך האָב דערזעהן אין יעדען ווינקעלע וואוהין דער צוג האָט זיך נאָר אַריינגעקעהרט, גענוג פלאַץ פאַר געזאַנג און גליק — האָט זיך מיין האַרץ צוזאַמענגעדריקט ביז טרעהרען פאַר דער בלוטענדער וועלט, פאַר דער אונגליקליכער פראַנקרייך. און צי מען מעג עס אַרויסזאָגען פאַר'ן צענזאָר צי ניט, אָבער עס האָט אין מיר אויסגעשריען דאָס פאַרפייניגטע מענשליכע האַרץ און די אייביג־געפלאָגטע אידישע נשמה: „גענוג בלוט! גענוג טרעהרען! גענוג שפּיעלען זיך אין סאָלדאַטען, קרוינען און בלוטיגע, פון טייוועל געשיקטע און אין נאָמען פון גאָט ריידענדע, קייזערס און קייזערלעך!“

ווידער האָב איך זיך צוגעטוליעט צו מיין פענסטער און האָב זיך געקוויקט מיט די הערליכע פאַנאָראַמעס, וואָס האָבען זיך פונאַנדערגעוויקעלט פאַר אונזערע אויגען. און מיר האָט זיך פיעלע מאָל געדאַכט, אַז איך האָב ערגעץ געזעהן אַזעלכע טייכלעך און לאָנקעס, ווי אָט די, אויף וועלכע עס פיטערען זיך סטאַדעס שעפּסען און בהמות. פון פיעלע ווינקלעך, האָט זיך אויסגעדאַכט, ריידען צו מיר אַלטע באַקאַנטע שטימען. אָט דער בוים מיט'ן ווייסען שטאַם איז עפּעס אַ גאָר נאָהענטער מחותן. און נאָך אַ

לאנגען נאָכדענקען האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז די גע־קרייזעלטע בעריאָזע, וואָס באַציערט די ברייטע רוסלאַנד פון ברעג צו ברעג. דאָס איז דיזעלבע בעריאָזע מיט די האַרץ־פאַרמיגע בלעטלעך אויף דינינקע ריטעלעך, וואָס רוישען אַזוי ווייך און העלפען־מיט אַזוי האַרציג צו טרוימען, ווען מען ליגט אונטער איהר שאָטען אין אַ וואַרימען, זוניגען טאָג ווי דער איז. פון קינדוויז אָן האָב איך זיך פאַרליעבט אין דעם איידעלען בוים, און אפילו איצט, פאַהרענדיג „אַהין", פון וואַנען אַזוי פיעל קעהרען זיך שוין מעהר ניט אום, האָבען זיך געוויקעלט אין מיין קאָפּ פּלענער, ווי אַזוי איך וועל אין דער צוקונפט, ווען איך וועל זיך נאָר אומקעהרען בשלום, באַצירען מיין געפּלאַנטע היים ערגעץ אין ארץ־ישראל מיט אָט די בעריאָזעס, — אין דער גאַנצער ברייט פון מיין הויז צום גאַס צו, וועלען זיי וואַקסען אַלץ העכער און ברייטער, און וועלען מיט זייער ווייכער שפּראַך דערצעהלען גע־שיכטעלעך וואָס זיינען אַזוי נאָהענט צו מיין האַרץ.

„זעהט נאָר, באָיעס, אָט איז שוין אונזער קעמפּ!" האָט עמי־צער אויסגעשריען פון אַ צווייטען וואַגאָן. מיר האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אין יענער זייט, וואו ער האָט אָנגעצייגט, און האָבען דערזעהן אונזער צייטווייליגע נייע היים, וואו מיר וועלען זיך אויסרוהען אַ ווײַלע און פאַרבאַרייטען זיך פאַר'ן גרויסען קאַמף צווישען דער „ברוטאַלער און בעסערער וועלט".

די סאָלדאַטען האָבען זיך דערפיהלט גליקליך מיט דער ענדע פון דעם לאַנגען וועג וואָס מיר האָבען געדאַרפט דורכמאַ־כען. און מיט דעם אַנגענעהמען אויסזעהן פון אונזערע נייע וואָוין־פּלעצער, מיט'ן לאַשטשענדען גרינס אַרום איהם אַזוי ברייט און ווייט ווי דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט זעהן, האָט מיט נאָך מעהר וואַרימקייט געצויגען און גערעדט צו אונז די ווייטע, מיעדע וואַנדערער.

איך האָב זיך אודאי דערפרעהט מיט'ן נייעם ערשטען פּלאַץ ערגעץ אין פראַנקרייך, ווייל ס'האָבען צוגעוואונקען און געצויגען זיך צו מיר דינע צווייגעלאַך מיט מיליאָנען האַרץ־פאָרמיגע בלעט־לאַך פון אַ גרופּע דערבייאיגע דיאָזעס.

ליכט און שאָטן אין פראַנקרייך

אויפן שילד פון דער סטאַנציע האָב איך דורכגעלייענט „לאַ־קאַרטין“, אָט דאָס וועט זיין אונזער לעצטער קעמפּ וואו מיר וועלן מאַכן די לעצטע פּאַרבאַרייטונגען און באַוואָפענען זיך מיט אַלע מאַטעריאַלן און געווער און פון דאַנען וועלן מיר אריין אין די שלאַכט־ליניעס.

דער ערשטער איינדרוק איז געווען זעהר אַן אנגענעהמער: אַרום און אַרום היבשע בערג, איבער וועלכע עס האָבן זיך געצויגן פעסט־געבויטע אַלטע קאַזאַרמעס, גרויסע, צוויי שטאָקיגע געביידעס, פון אַן אַלטן פראַנצויזישן אַרטילעריע־קעמפּ. די בערג האָבן געבילדעט אַ רונדן קרייז, וועלכער האָט אין זיך אַריינגענומען אַ שעהנעם גרינעם טאָל מיט אַ ברייטן שטראָמעלע, וועלכער האָט זיך אַריינגעגאָסן אין אַן אַזערע אויפן צווייטן זייט האָט זיך לאַנגזאַם געדרעהט אַ ראָד פון אַן אַלטער מיהל און ווייטער־צו האָט זיך געשלענגעלט אַ טיעף־איינגעזונקענער וועג, וואָס האָט געפיהרט צו די גרויסע מאַסיווע געביידעס פון דעם דערפעל, וועלכער איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַלטע גוט־געפלעגטע וויינגערטנער.

אַליין אַ געבאָרענער ישוב׳ניק, האָב איך זיך זעהר דערפרעהט, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אינ׳ם קליין שטעדטעל פון מעהרסטענס פּאַרמער, וואָס האָבן געהאַט אַ חוש פאַר ביזנעס, און האָבן צו־ליעב דעם צייטווייליגען קעמפּ זיך אויך פאַרנומען מיט האַנדעל, פעדלען מיט נאַשערייען, פּרוכט, ניס, און הויפּטזעכליך מיט וויין. דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטאָן איז געווען דורכצושפּאַצירען דעם דערפעל, נאָכדעם ווי איך האָב פאַנאַדערגענומען מיין פּאַק און האָב זיך איינגעאָרדענט מיט מיין בעל־הבית׳קייט אין איינער פון די פיעלע גוט־געבויטע קאַזאַרמעס. פאַרכאַפּען אַן אָרט אין קאַזאַרמע איז איינע פון די ערשטע זאָרגען פון יעדען סאָלדאַט. ווען מען איז ניט געשיקט גענוג, מוז מען שלאָפען דרויסען אין קליינע טענטס, וואו בלויז צוויי מענשען קענען זיך אָוועקלעגען האַרט איינער נעבען צווייטען. און גוט איז דעם, וואָס איז קורץ־

געוויקסיג. ווען ניט — ליעגען זיינע פיס אונטער דעם בלויען צודעק פון הימעל.

א צופרידענער מיט מיין ערפאלג בין איך צו אבענד־צו ארויס פון מיין נייער היים. צום דערפעל איז גאנץ ווייט, אבער וואס באטרעפט ביי א סאלדאט א מייל צוויי? און איך בין מיר זיך אוועק אויף מיין באליעבטען שטייגער — איבער די פעלדער, אין די זייטען בערג, וואס זיינען פון געניטע הענט פארפלאנצט געווארען און זיינען געוועזן אין פולען בליהען פון דעם יונגען זומער. דער ערשטער געדאנק מיינער איז געווען: „וואס פאר א פעהיג און ארבייטסזאם פאלק די פראנצויזען זיינען!" — בלויז די רונדעסטע טיילען פון די בערג, וואס האבען זיך ארומגעשטעלט ארום דעם דערפעל אין א הויכען רינג, זיינען פארוואקסען מיט ווילדע בושעס, מעהרסטענס איינגעטונקט אין גאלד־פארביגע בליטען; אבער וואו נאר עס איז דא פלאץ אדער מעגליכקייטען פאר די פערד אדער אקסען דורכצוגעהן, האט דארט דורכגעשפאצירט דער אקער־אייזען. די מיט־תבואה־פארזעעטע פעלדער און גערטנער דערצעהלען זייער געשיכטע פון ארבייט און פון א גליקליכער רייכער היים.

ווען איך בין אוועק צום דערפעל איז שוין דער אבענד צוגעפאלען.

א קליינינקער פראנצויזישער פויער'ל האט זיך לאנגזאם געטריבען זיין סטאדע בהמות, וועלכע האבען געשאנקען גאנץ ווייניג אויפמערקזאמקייט צום בילען פון דעם אומגעדולדיגען הונט, וואס האט זיי געאיילט מיט זיין בילען צו קומען וואס שנעלער אהיים, צו זיין ווינקעל אין הויף. זיי האבען זיך גאנץ רוהיג צוזאמענגעקליבען דארט, אונטער'ן בארג, ארום די דינע צווייגעלעך פון די יונגע בערעזע־בוימער און נידריגע קוסטעס, וואס האבען אזוי גערדיכט און מיט אזא חשק זיך ארומגעקליבען הארט ביי די ברעגען פון דעם שנעלען בארג־שטראמעלע, וואס האט זיך געבאלעבאטעוועט אין דער גאנצער לענג פון דעם טאל, ביז ער איז אריינגעפאלען און פארשוואנדען געווארען אין א היבשען טייך, וואס טרייבט דעם אלט־פרענקישען וואסער־מיהל.

פון א צווייטען בארג, העט ווייט נאך אהינטער א גרופע שיטער־צעווארפענע בוימער, באווייזט זיך א סטאדע שעפסען; אויך

דאָרט זעהט זיך קוים אַרויס אַ הונט פון צווישען די קוסטעס, וואָס האַלט צוזאַמען די שרעקענדיגע שעפּסען, וועלכע גיבען אהים לייכט נאָך און אַנטלויפען פון איהם. אָבער די פּאַסטושקע געהט זיך שטיל נאָך פון דערווייטענס, טאַפּט זיך רוהיג דעם וועג מיט׳ן לאַנגען שטעקען. דער ווינט און די קוסטעס פּאַרטשעפּען איהר ברייטען שווארצען פאַרטוך, צופּען און פּליקען עס אין אַלע זייטען, אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלען, דאָס זייער ליעבלינג זאָל נאָך פאַרבלייבען מיט זיי און זיך צוהערען צום פויגעל־געזאַנג פון די לעצטע אָבענד־שטונדען.

וואו קריעג? וואָס קריעג? — עס האָט אויפגעקווועלט אין הארצען אַ פרייד׳ענס־געפיהל, ווען איך האָב זיך דערנעהנטערט צום דערפעל, וואָס האָט אַזוי רוהיג אַראָפּגעקוקט מיט זיינע ווייסע ליימענע הייזער און ברייטע פענסטער פון אהינטער ווייסע דיקע ווענט, וועלכע זיינען אַרומגערינגעלט מיט גרינס און זיינען אַליין טיילווייז באַוואַקסען מיט מאָך, פון עלטער.

איך האָב זיך גענומען מיט׳ן שמאָלען וועג, וועלכער איז באַהאַלטען צווישען געדיכטע רייהען העדזש, און איך בין אריין אין דאָרף. ניין, עס איז אַ שטעדטעל. די ווענט, וואָס האָבען אַרומגעצאַמט די הייזער, זיינען דורכגעבראָכען געוואָרען. קאָונטערס מיט פאַרשיעדענע סחורות זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען. מעהר פון אַלעם זעהט זיך אָן דער שילד „קאַפּיאַר" און „סאַלאָן די ווין". עס מאַכט ניט אויס, צי איהר דאַרפט אַריינגעהן אין דעם „סאַלאָן" דורך אַ שמאָלער טיר, אָדער איהר דאַרפט פריהער דורכגעהן אַ ברייטען הויף, וואָס איז פאַרוואָרפען מיט פאַרמערשע אַלטע צובראָכענע אינסטרומענטען, — ער הייסט „סאַלאָן" און פאַרטיג. און אַז דאָס זיינען וויין־סאַלאָנען, האָבען אויך דערצעהלט די פרעהליכע שטימען, אויסגעשרייען און געלעכטער, וואָס דערטראָגען זיך צו אייך פון אַלע ווינקעלעך.

דורכגעגאַנגען דעם רוישיגען טייל פּונ׳ם דערפעל, האָב איך זיך פאַרקעהרט אין אַ שטילער געסעל.

בלויז איינינגע סאָלדאַטען האָבען אַהער פאַרבלאָנדזשעט און האָבען מיט ניכטערע אויגען באַטראַכט דעם ניכטערען טייל פון דעם דערפעל.

איינינגע פרויען, אין שווארצען, האָבען אַרויסגעקוקט פון די

פענסטער. אין זייער באַטראַכטען אונז איז געלעגען אַ מאָדנע גלייכגילטיגקייט, ווי פון מענשען, וואָס האָבען שוין דורכגעלעבט יאָהרהונדערטע, און באַנוגענען זיך ניט מיט דעם אויסערען אויס־זעהן, מיט דער קוריאָזיטעט פון דער זאַך, נאָר וואָס ווילען זעהען דעם תוך פון דער זאַך. און זייערע אויגען האָבען ווי גערעדט צו אונז: „נאָמיר אָקאָרשט פריהער זעהן, וואָס איהר וועט אויפ־טאָן: איהר יונגע, געזונטע בחורים׳לעך“.

איבער׳ן שמאָלען טראָטואַר האָט זיך קוים געשלעפּט אַ קראַנ־קער, פאַרוואונדעטער פראַנצויזישער סאָלדאַט, מיט אָפּגעלאָזענע גלידער, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף זיין שטעקען. אויף זיין ברוסט האָבען זיך געבאָמבעלט אַ פּאָר מעדאַלען. קוקענדיג אויף אונז האָט זיך ביי איהם אויף די ליפּען אויסגעקרימט אַ האַלב־ברידער־ליכער, האַלב־שפּאָסהאַפטער שמייכעל, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: „וואַרט, וואַרט, איהר רויט־געזיכטיגע סאָלדאַטלעך!“ —

ביים ווייטסטען ווינקעל פון דער גאַס האָב איך דערזעהן אַן אַלטע קירכע, וועלכע איז קוים געשטאַנען אונטער דער לאַסט פון יאָהרען. איך בין אריין אין דער נידריגער האַלב־רונדער טיר און עס האָבען מיך גלייך פאַרבלענדעט די קאָלירטע באַפּוצונגען און די פאַרשידענע סטאַטועס. אין יעדער ווינקעלע האָט זיך געפיהלט אַ פּרעטענזיע אויף שעהנקייט, אַרכיטעקטור און קונסט. די סטאַ־טועס און די בלומען, די ענגלייכטער און .דער בעלעמער מיט׳ן אַלטאַר זיינען געווען קוים באַלויכטען פון דער שוואַכער ליכט, וואָס האָט אַראָפּגעשטראָמט פון דעם דאַך און פון איינציגע אָנגע־צונדענע ליכט. איך האָב זיך דערפרעהט מיט דער רוה, וואָס האָט געהערשט אין יעזוס׳עס הויז. ענדליך האָב איך אָנגעטראָפען אַ ווינקעלע, וואוהין עס דערגרייכט ניט דער אָנבליק און קלאַנג פון דער גרויסער וועלט־טראַגעדיע. איך האָב זיך נאָר־וואָס גע־כומען צוזאַמענקלייבען מיט מיינע געדאַנקען און געפיהלען, ווען איך האָב דערהערט אַ שטילען, צוריקגעהאַלטענעם קרעכץ אין איי־נעם פון די פינסטערע ווינקלען. איך האָב זיך דערנעהנטערט צו יענעם ווינקעל, און האָב אין דער שוואַכער ליכט דערזעהן צוויי איינגעבויגענע געשטאַלטען. דאָס זיינען געווען צוויי פרויען, אָנ־געטאָן אין שוואַרצען טרויער, איינע פון זיי נאָך גאָר אַ יונגע. איהר צו־דער־ערד־געווענדעטען פנים האָט זי פאַרדעקט מיטביידע הענט, אָבער דורך די פינגער האָבען זיך דורכגענעצט טרעהרען.

איהר גאַנצער קערפּער און געבויגענע שולטערן האָבן נאָכאַנאַנד געציטערט. נעבן איהר האָט געקניהט אַן אַלטעטשקע פרוי. איהרע דינע אויסגעדאַרטע גליעדער זיינען געווען רוהיגער, אָבער איהר צוקנייטשטער געזיכט, וואָס איז אַזוי ווי געהאַנגען איבער דער יונגער׳ס נידריג־געבויגענעם קאָפּ, איז געווען פאַרקרימט פון ליידען און רחמנות.

ענג האָב איך זיך דערפיהלט אין גאָט׳ס הויז און איך בין גלייך אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט מיט שטילע. שנעלע טריט — צוריק צו דער קאַזאַרמע.

אויפגעטרייסעלט ביז׳ן טיעפסטען גרונד פון הארצען פון דעם לעצטען בילד, האָב איך זיך געפּרואווט פאַרגעסען אָן דער גאַנצער וועלט, און איך האָב זיך אָוועקגעזעצט אויף די טרעפּ פון אונזער אַריינגאַנג

אַזוי ווי אַ ריעזיגע טיעף־בלויע חופּה האָט דער הימעל אַרומ־גענומען די גאַנצע געגענד. העט־ווייט, אין דער רונדקייט פון דעם גאַנצען האָריזאָנט, האָט זיך די הערליכע חופּה אָנגעשפּאַרט אָן די שפּיצען פון די בערג. די פולע לבנה האָט זיך געשפּיעלט מיט איינציגע צופליקטע וואָלקענדלעך, וואָס האָבען שטיפעריש זיך גע־גליטשט ערגעץ. איך האָב ערשט אָנגעהויבען צו קלעהרען: וואו האָב איך געזעהן אַן עהנליכען הימעל? אַזאַ עהנליך בילד? — ווען איך האָב פּלוצלונג דערפיהלט אימיצענס אָרעם אַרום מיין האַלז. עס האָט אַ הויך געטאָן מיט וויין, און האַרט נעבען מיין געזיכט האָב איך דערזעהן די שכור׳ע אויגען און געזיכט פון אונזער „טראָמבאָן״־שפּיעלער.

„כהן, כהן!״ האָט ער געשטאַמעלט. „ווייסט, וואָס איך האָב ערשט געהערט דאָרט, אין שטעטעל? איינער האָט דערצעהלט, אַז פון אַ גאַנצען „בענד״ זיינען בלויז פינף איבערגעבליבען. בלויז פינף!״ — האָט ער געשטאַמעלט אַרויפשלעפּענדיג זיך אויף די טרעפּ.

אין און אַרום „לאַ-קורטין“

נאָך אַ וואָך איז דורכגעגאַנגען און אַלץ נעהנטער איז געקומען צום טאַנץ. די ערשטע איינִיגע וואָכען פון מיין זיין אין פראַנקרייך האָב איך געקאָנט באַטראַכטען פאַר אַ גוטען וואַקיישאָן. עסען איז געווען גענוג. אמת, מען האָט אַביסעל געקנעלט מיט אונז אין די פאַרשידענע איבונגען, אָבער עס איז דאָך גענוג צייט געווען צו געהן אין שטעדטעל, אָדער צו זעהן אַ „מואַווי“ אין דער „יאָנג מענס קריסטשען אַסאָסיאיישאָן“ געביידע. און ווען די סאָלדאַטען פלעגען זיך צונויפקומען אַזייגער 9 צוריק אין די באַראַקען, פלעגט דער געפילדער און געלעכטער פון די זאַטע, צופרידענע און אַביסעל, ווי מ׳זאָגט עס, בגילופינ׳דיגע חברה־לייט אָנפילען דאָס האַרץ מיט פרייד פאַר די פיעלע טויזענדער אַמעריקאַנער קינדער.

איז ניט גאָר פרומע, צניעות׳דיגע וויצען, אָבער אַבי געלאַכט און לוסטיג געמאַכט זיך,— אָט דאָס איז דער פאַרלאַנג פון דעם אַמעריקאַנער סאָלדאַט. און ווען אפילו ער האָט שוין פאַרשווענדט זיין לעצטען פראַנק און איז אַרומגעגאַנגען איבער׳ן שטעדטעל בלויז זעהן ווי אַנדערע טרינקען וויין, איז ער דאָך געקומען אין די באַראַקען מיט אַ געפילדער און געשאָקעלט זיך אַזוי ווי אַ שכור׳ער, אַבי מען זאָל מיינען אַז ער האָט געהאַט אַ „גוד טיים“. און צולעגענדיג זיך אויפ׳ן בעטעל דערצעהלט מען זיך געשיכטעלעך און מען וויצעלט זיך אויף וואָס די וועלט שטעהט. קיינעם לאָזט מען ניט דורך. מען פאַנגט אָן פון דעם אָפיציער און אויבער־סאַרדזשענט, וועגען וועלכען מען זינגט זיך אפילו אַ ליעדעל:

„איך וועל בעסער זיין אַ הונט אין „בעק יאַרד“,
אַבי ניט צו זיין אַ סאַרדזשענט און „טו וואָרק האַרד“.“

נאָך איינער האָט דערצעהלט וועגען אַ וויין־פאַרקויפערין, אַז זי האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלע רעפוטאַציע, ווייל זי האָט אַלס „פריינד“ אַן אירלענדער, אַן אַמעריקאַנער, אַ אידען, אַ נעגער און אַזוי ווייטער.

אַ שכור׳ער איירישמען וואָס איז געלעגען אויף דער באַנק, האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַמאָל געווען אין דער נייוווי, וואו ער

האָט געהאַט אַ פריינד מיט׳ן נאָמען „באַרני“. און אָט רעדט ער צו איהם צערטליך, און אָט קריגט ער זיך מיט דעם באַרני... און אָט זאָגט ער ווידער, אַז זיין פריינד באַרני איז געווען דער בעסטער מאַטראָז אין דער וועלט. ער האָט געקאָנט און קאָן אוועקלעגען יעדען „פייטער“ אין דער וועלט. „באַרני, באַרני!“ — שרייט ער אויס מיט אַלע כחות — „דו וועסט זיין דער ערשטער פּרעזידענט פון איירלאַנד!“ — און חברה ווערט צופלאַצט פון געלעכטער, ציהען אָן דעם שכור, אַז ער זאָל וואָס מעהר ריידען, כדי מען זאָל קאָנען וואָס מעהר לאַכען.

און אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען די ליכט זיינען שוין אויסגעלאָשען. און עס פאַרענדיגט זיך מיט ווייטערע פּיקאַנטע געשיכטעלעך וועגען פראַנצויזקעס, אָדער ווי דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט פלעגט זיי רופען: „פּרענטש דעימז“.

די מעשה׳לאך, פול עקעל און שאַנדע, וועגען דער צופוילענדער פראַנצויזישער פרויענשאַפט, האָבען אַרויפגעבראַכט טרויעריגע געדאַנקען. עס איז ניט נאָך מיינע כחות ארומצונעהמען די גאַנצע טראַגעדיע פון דער פאַרנצויזישער פרוי, וועלכע האָט געטראָגען אַזאַ גרויסען טייל פון דער לאַסט פון דעם גרויסען קריעג און דעם מאָראַלישען פאַלען אויף שריט און טריט, אַרום די פאַרשידענע וויין־הייזער, סטאַרקעס און סטענדס, אַרום די צאָהללאָזע לאַגערען איבער גאַנץ פראַנקרייך, ביז צו די גרויסע שטעדט, וואו די רייהען פון געפאַלענקייט זיינען פאַרמעהרט געוואָרען מיט אַ מערדערלי־כער אונפאַרמיידליכקייט. און ווען איניגע וואוילע יונגען האָבען זיך באַריהמט, אַז ווען זיי זיינען געווען אויף וואַקיישאָן, אָדער אויף אַ מיסיע אין אַ גרויסער שטאָדט ווי באָרדאָ, פּאַריז אָדער מאַרסייל, האָבען זיי דאָרט געזעהן גאַנצע אַרמעען פרויען אין די גאַסען, האָבען זיי געזאָגט דעם ריינעם אמת.

פיעל בעסער, אָבער, איז געווען אויפ׳ן לאַנד, אין די קליינע דערפלעך און פאַרמס. איך האָב עס לייכט געקאָנט באַאָבאַכטען, ווייל אַלס אַ ביוגלער האָב איך געהאַט פיעל מעהר צייט און פריי־הייט ארומצוגעהן וואוהין איך האָב געוואָלט. און דער באַקוועמס־טער פּלאַץ אונטער אַלע אונשטענדען, איז געווען וואָס ווייטער פון קעמפּ. אמת מאַקע, אַלס ביוגלער קריגט מען ניט קיין „פּאַ־טינגס“, אָבער וואָס ווייטער מען איז פון אָפיסערס און סאַרד־זשענט אויגען, אַלץ געזינטער, אַלץ וועניגער אַרבייט קריגט מען. און

אוועק פלעג איך פון קעמפ וואס ווייטער, ווייל די נאטור איז אם שעהנסטען און אם ליעבסטען דארט, וואו דער מענש קומט אם וועניגסטען. דארט זעהט מען און מען הערט אם בעסטען די פויגלען און אלע לעבעדיגע באשעפענישען, וואס שוויבלען און גריבלען אין די הייסע זומער־מאנאטען צווישען די בוימער, קוסטעס און אויף די לאנקעס. דארט איז אויך געמיטליכער אנצושרייבען א בריוועל אהיים, אדער צו „איהר“. און אפילו פוילענצען, אויסציהען זיך, איז אויך בעסער, באקוועמער און ליעבער אויפ'ן שמעקענדיגען גראז, וואו עס בליהען די ווייסינקע ראמאשקעס אין בלוינקע גלעקעלאך, ווי אויף דער „באנק“ אין קאזארמע.

איינמאל, יאגענדיג זיך נאך א שלאנג, בין איך ארויס אויף א לאנקע און האב דערזעהן א פרוי שניידענדיג היי מיט א קאסע, און צוויי אנדערע זיינען איהר נאכגעגאנגען און האבען צעווארפען דאס היי, עס זאל זיך וואס שנעלער אויסטריקענען.

ווען איך בין גאר נאהענט צוגעקומען צו די פרויען, האבען זיי געווארפען אויף מיר דיזעלבע פארדעכטיגע בליקען, ווי אויף אנדערע סאלדאטען, און האבען פארטגעזעצט זייער ארבייט, אויסמיידענדיג מיך צו באמערקען. עס האט אבער לאנג ניט גענומען און איך האב געוואונען זייער צוטרויען. און ווען איך האב ארויסגענומען די קאסע פון די הענט פון דער יונגער און שעהנער פארמערקע און אנגעהויבען אונגעשיקט שניידען דעם הויכען גראז, האב איך איינגאנצען זייער צוטרויען געוואונען און זיי האבען מיט א הארציגען געלעכטער אנגעהויבען מיך לערנען ווי אזוי צו האלטען א קאסע אין האנד.

מיר האבען אזוי געארבייט פאר א היבשער צייט, ריידענדיג איינע צו די אנדערע, זי אויף איהר שפראך און איך אויף מיינער, — אפילו אידיש האב איך צו איהר גערעדט. אבער מיר האבען זיך וועניג וואס פארשטאנען, סיידען ווען מיר פלעגען באגלייטען יעדעסווארט מיט א טוץ האנד־באוועגונגען. אזוי האבען מיר אפגעארבייט ביז מיטאג־צייט און זיי האבען מיך איינגעלאדען אנטיילצונעהמען אין זייער מאהלצייט. איך האב צוגעשטימט, באשליסענדיג ביי זיך צוריקצוהאלטען מיין סאלדאטסקען אפעטיט, און זיי האבען ארויסגענומען זייער איינפאכען מאלצייט פון קאשיקלעך, וואו עס האט זיך אויך געפונען א פלעשעל מילך און א פלעשעל וויין. ערשט ביים עסען האט זיך די איינגערע פרוי גע־

נומען ריידען צו מיר. עס איז געווען איינע פון די הונדערטער און טויזענדער געשיכטעס, וואָס זיינען דערצעהלט געוואָרען איבער גאַנץ פראנקרייך.

איהר מאַן איז אוועק צום גרויסען קאַמף און איז מעהר ניט צוריקגעקומען. די „פּאַבּאַן באָש" (שלעכטע דייטשען) האָבען איהם ערמאָרדעט. „באָ שפּאַבּאַן, באָש פּאַבּאַן" — האָט זי צוזאַמענגעדריקט איהרע פויסטען. כ׳האָב צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, און צוגעשטימט. אָבער זי האָט זיך אַלץ ניט בארוהיגט און האָט ווייטער געריידט מיט ביטערקייט, וואָס איך האָב, אויסער די ווערטער, זעהר גוט פארשטאַנען. אין די ווערטער האָב איך אויך דערקאַנט איהר ענטריסטונג קעגען „לאַ גער" (די מלחמה). ערשט דאָ ביים עסען האָב איך גוט דערזעהן, ווי בלייך עס זיינען זייערע געזיכטער, ווי צוזאַמענגעבראָכען עס זיינען זייערע קערפּערס אונטער דער גרויסער לאַסט, וואָס זיי האָבען זיי געטראָגען אויף זיך. אין זייערע העל־בלויע אויגען, אונטער געדיכטע שווארצע ברעמען, האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אַזאַ טיעפער ליידען, אַזאַ מורא׳דיגער פּראָטעסט געגען די וועלט־מערדער און דער מערדעריי.

מיט וואָס האָב איך זיי געקאָנט טרייסטען, ווען איך וואָלט אפילו באַזעסען זייער שפּראַך און געקאָנט ריידען מיט זיי? נאָך אַ קורצען נאָכדענקען האָב איך זיך אויפגעהויבען פון אָרט, האָב צוגעטראָגען צו זיי די ערשט פון מיר געהרג׳עטע שלאַנג און האָב זיי מיט צייכענס און ווערטער ערקלעהרט, אז דאָס האָב איך דער׳הרג׳עט די שלאַנג, און אז אינגיכען וועל איך געהן שלאָגען זיך מיט דעם „פּאַבּאַן באָש". זי האָט מיין טרייסט אָנגענומען מיט גרויס ענטציקונג, און האָט מיך שוין אָנגעהויבען צוזעהן ווי אַ העלד: טרינק נאָך מילך, טרינק נאָך ווייןǃ — האָט זי מיר אונטערגעטראָגען די פלעשלעך און געבעטען מיט איהרע העל־בלויע אויגען. אָבער אַן אינערליכע שטימע האָט אין מיר געשריען און געפרעגט: פארוואָס זאָל מען פארגיטיגען מאָרד דורך מאָרד? איז דאָס דער פארלאַנג פון אונזערע נביאים? וועט דאָס פאַרהיילען די צאָהללאָזע אומזיסטע טיעפע וואונדען פון אַזוי פיעל ליידענדע און געקריוודעטע באַשעפענישען, ווי זי איז? קאָן מען דען ריינוואַשען דעם געוויסען פון דער וועלט דורך דעם, וואָס נאָך אַזוי פיעל הענט און געוויסענס וועלען באַפלעקט ווערען מיט היים מענשליך בלוט?

שפורען פון רוסישע סאלדאטען

אונזער קעמפ האט מיט זיך פארגעשטעלט כמעט א שלאכט־פעלד אין מיניאטור. טאג און נאכט האט מען איבער די פיין־ברוקירטע גאסען געפיהרט אלערליי קאנאנען און געפאקטע וועגענער מיט זאפאס. פארשידענע מיליטערישע ארגאניזאציעס האבען זיך דא אפגעשטעלט און איבער נאכט פארשוואונדען. אונזער אפטיילונג האט שוין געקראגען די קאנאנען, רעוואלווערען, גאז־מאסקעס און אויך פערד און אייזלען צו שלעפען די קאנאנען. דא האט יעדער פון אונז געקראגען א באשטימטע ארבייט, אייניגע ארום די קאנאנען, אנדערע — ארום די זאפאסען; נאך אן אפטיילונג פאר דער הויפט־קווארטיר און פאר די באטאליאן־קאמאנדעס. מיך האט מען באשטימט צו זיין מיט'ן צווייטען באטאליאן פון מיין רעגימענט אלס אן איידזשענט. מיין ארבייט אויף די שלאכט־פעלדער וועט זיין ארומצוטראגען מעסעדזשעס פון דער הויפט־קווארטיר צום צווייטען באטאליאן־קאמאנדיר.

די איבונגען זיינען געווארען אזוי שווער, אז מען איז געפאלען פון די פיס צוליעב מיעדקייט, און ערשט נאכ'ן אנגעשטרענגטען טאג ארבייט, פלעגט מען אונז צונויפזאמלען ביינאכט אויף א בארג, וואו דער אידישער קעפטען „אדלער", פון 319 פעלד־ארטילעריע, פלעגט פאר אונז לעקטשורען וועגען דעם, ווי אזוי אויסצומיידען די גאז־אטאקעס, ווי צו דערקאנען די דייטשע ליניעס און אזוי ווייטער.

די וואס זיינען באשטימט געווארען צו זיין „ראנערס", האבען געקראגען פערד צום רייטען און גלייך האט מען אונז אנגעהויבען לערנען די קונסט מיט אזא זארג ווי מען וואלט פון אונז וועלען מאכען עכטע קאזאקען. ניט איינמאל האט מיך דער פערד אראפגעווארפען פון זיך איידער איך האב זיך אויסגעלערנט די קונסט פון רייטען. פון יענער צייט אן האב איך צוגעקראגען נאך א פליכט: צו פארזארגען מיין פערד און האלטען איהם ריין. ניט איין מאל האט מיך מיין סוס א שטויס געטאן, אדער טאקע היבש צוקלאפט, ביז ער האט פארשטאנען, אז איך האב צו איהם די פריינדליכסטע געפיהלען און אביזיכטען.

איינמאָל, פּיטערענדיג אונזערע פערד צווישען א גרופּע אַלטע בוימער נעבען שטרעמעלע, האָב איך באמערקט אויף איינעם פון די בוימער אַ טיעף איינגעשניטענעם צלם און אויפ־שריפטען, כ'האָב זיך אין זיי איינגעקוקט און האָב צו מיין ער־שטוינונג געלעזען: „טימאָך פּאַטיופּא", יולי, 1916. „יעגאַר איוואַנאָוו" און נאָך נעמען — רוסישע נעמען. ווי קומען אהער רוסען? איך האָב צוגערופען די חברים. אויך זיי האָבען זיך געוואונדערט, ביז עס איז געקומען קאַרפּאַראַל אויגוסט. ער האָט אונז אַלץ אויפגעדעקט, נעמליך, אַז דאָ אין קעמפ זיינען געוועזען סאַלדאַטען פון דער רוסישער עקספּעדיציע, וועלכע דער צאַר האָט געשיקט אויסהעלפען די פראַנצויזען, נאָר אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבען זיי זיך צובונטעוועט. אַ טייל איז געבליבען לאָיאַל צו די עליים, אָבער די מעהרסטע האָבען גע־זאָגט, אַז זיי ווילען מעהר ניט געהן אין קריעג. צווישען זיי איז ענטשטאַנען אַ גרויסע שיסעריי, אין וועלכער עס זיינען געפאַלען הונדערטער פון ביידע זייטען.

„וואו האָט מען זיי באַגראָבען?" האָט לעטשקאָוו געפרעגט.

„ערגעץ אַרום די בוימער", האָט אויגוסט געענטפערט מיט אַ געהיימניספולער שטימע, און מיר האָבען געטראַכט, אַז וואַר־שיינליך האָבען די פראַנצויזען זיי צוזאַמענגעוואָרפען אין איין גרויסער גרוב און פאַרבאַהאַלטען.

וואַנדערענדיג איבער די פעלדער האָבען מיר נאָך איינינע מאָל געמאַכט פאַרזוכען צו געפינען די קברים, אָבער אומזיסט. עס איז פאַר אונז געבליבען אַ געהיימניס און עס האָט אַזוי פאַר־דראָסען...

די בוימער אַרום האָבען געשוויגען. סיידען זיי זיינען באַ־גראָבען אונטער יענע בערגלעך ערד, וואָס שניידען זיך אַרויס פון דעם גרינעם אַרום מיט זייערע געלע זאַמדען. דאָרט האָט מען באַגראָבען פערד, וועלכע מען האָט געבראַכט פאַרוואונדעטע פון די שלאַכט־פעלדער צום אויסהיילען פון די גאַזען און קאַנאָנען־וואונדען דאָ אין פעלד האָבען זיך אויך אַרומגעדרעהט איינינע פּראָסטיטוטקעס, וואָס האָבען געטריבען זייערע געשעפטען אין דעם דערבייאיגען דערפעל. זיי פלעגען נאָכלויפען די סאַלדאַטען אין פעלד, ווייל אין קעמפּ אָדער דערפעל האָט מען זיי שטרענג געהיט און אַרויסגעטריבען. און עס האָט געקעלט ביים אַנבליק

פון די געפאַלענע, ווי אַזוי זיי פלעגען זיך אַרויסרוקען פון צווי־שען די קוסטעס און מיט אַ פאַרשייטע מינע רופען די סאָלדאַטען, זאָגענדיג דערבײַ אין אַ צובראָכען ענגליש: „יו קאַם אָן, יו געט קילעד דזשאַסט סעים, דו פראַנק אָנלי", און זייערע אַרגומענטען האָבען געווירקט. מיט אַ ציניזישען לאַכען און באַמערקונגען, האָ־בען סאָלדאַטען געענטפערט: „איך קום צו דיר, פּראָסטיטוטקע, און וועל דיר אָנשפּייען אַ פולען פּנים".

שפּעטער־צו זיינען געקומען שטרענגערע מעדיצינישע און אַנ־דערע אינספּעקשאָנס, אָבער עס איז געווען ניט מעהר ווי אַ קאָ־מעדיע, ווייל סיי־ווי האָט מען קיינעם ניט אויסבראַקירט... אָבער דאָס האָט געמיינט, אַז אָט־אָט פאָהרען מיר אָפּ צום פראָנט. די פּנימ׳ער ביי די סאָלדאַטען זיינען געוואָרען ערנסטער, מען איז אָפטער געלאָפען צום דערפעל אָנ׳שכור׳ן זיך און אין די הויכע גראָז צו די פּראָסטיטוטקעס...

אַ טראַגישע אידישע „קאָזאַצקע"

איין אָבענד, ווען איך בין געקומען צו מיין באַראַק, האָב איך דאָרט דערוואוסט אַ שטיקעל טומעל. די גוים זיינען געווען אויפגערעגט און האָבען געמאַכט בייזע באַמערקונגען צו אונז.

„וואָס זאָגסטו צו דיין דזשאָזעף פעלעץ? האָט מיך אָפּגע־שטעלט קאָרפּאָראַל קראָולי.

„וואָס איז? וואָס האָט געטראָפען?" האָב איך איהם גע־פרעגט.

„ער טאַנצט אַ אידישע קאָזאַצקע אין דול־הויז!" האָט ער מיר געענטפערט מיט דעמזעלבען בייזען שמייכעלע, מיט וועלכען ער פלעגט מאַכען זיינע אַנטיסעמיטישע באַמערקונגען.

אויף מיינע נאָכפראַגען האָב איך זיך דערוואוסט, אַז פּעלעץ איז אַראָפּ פון זינען. פאַר מיר איז באַלד קלאָר געוואָרען אַ שטיק אידישע טראַגעדיע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּיעלט ביי אונז אין באַראַק.

פּעלעץ, אַ אידישער יונגערמאַן פון 18 יאָהר, האָט טראָץ דעם פּראָטעסט פון זיינע עלטערן וואָלונטירט אין דער אַרמעע,

ווייל ער איז באגייסטערט געווארען פון דער באלפור־דעקלאראציע. אז אמעריקאנער געבוירענער, איז ער אבער געוועזן פון א ראמאנ־טישער נאטור און פלעגט זאגען, אז די מלחמה איז אויך א אי־דישע. אויף אזוי ווייט וואלט געווען גוט. האט ער אבער געהאט זיין שוואכקייט צו שטופען זיך צווישען די קריסטליכע סאלדאטען און זיין מיט זיי א גאר־נאהענטער גוטער ברודער. און גראדע האבען זיי איהם וועניגער געדולדעט פון אירגענד וועלכען אנדער אידען פון דער קאמפאני, צוליעב זיין אויסערגעוועהנליך אידישען אויסזעהען, זשעסטיקולירען און וואס מעהר ער האט זיך צו זיי געדרוקט, אלץ שטארקער האבען זיי איהם פון זיך אפגעשטויסען ביז עס האט איהם געטריבען צו משוגעת. די קריסטליכע סאל־דאטען האבען אבער בייזוויליג געזאגט צו אונז, אז דאס האט ער זיך דערשראקען, ווען ער האט דערהערט, אז באלד פאהרען מיר אפ צום פראנט.

און פעלעז, ווי נאר ער פלעגט אימיצען זעהן פארבייגעהן, פלעגט דורך זיין געפענגניס פענסטער אויסשרייען: „זאגט סארדזשענט באנער, אז איך וויל איהם זעהן!" „זאגט דעם קעפ־טען, אז ער זאל מאכען ארענזשמענט'ען פאר א סארדזשענט, ער איז א גוטער פייטער!" און נאך עהנליכע רעקאמענדאציעס און אנ־צוהערעניסען, ווי אזוי צו פארבעסערן די ארמעע אום צו שלאגען די דייטשען...

דער אנטיסעמיטישער טשאפלין

אייניגע אידישע סאלדאטען האבען געוואלט ארגאנזשירען א שטיקעל אידישע גאטעס־דיענסט פאר פרייטאג אבענד, ווייל אין א פאר טעג ארום פאהרען מיר אפ. קיין אידישען טשעפליין האבען מיר דאן ניט געהאט און איך בין אוועק צום קריסטליכען טשאפליין פון מיין רעגימענט. מען האט מיר דערצעהלט וועגען איהם, אז ער איז א שטיקעל אנטיסעמיט און נאך א גרעסערער נאר. ווען איך בין צו איהם אריין האב איך באמערקט, אז ער איז אויפגעלעגט צו ריידען מיט מיר, און ער האט זיך צופלאפעלט אויף זיין צושוואומענעם שטייגער.

„איך וועל אייך העלפען האבען אייער גאטעס־דיענסט", האט ער מיט א געמאכטער פרייגעביקייט געזאגט, ווען ער האט געהערט

אונזער פאַרלאַנג: „אָבער צו וואָס דאַרפט איהר עס? די מעהר־סטע פון אייך וועלען דאָך סיי־ווי־סיי ניט געהן אין די טרענטשעס!"

„וואָס מיינט איהר?" האָב איך געפרעגט א פאַרוואונדערטער.

„אָט!" האָט ער אָנגעהויבען שטאַמלען. „איהר דאַרפט עס ניט נעהמען פאַר אומגוט, אָבער ווייסט איהר דען ניט, אַז די מעהרסטע אידישע סאָלדאַטען זיינען שניידערלעך און זיינען מים די „אָרדענאַנס" מיט די זאַפּאַסען?"

„ניט ריכטיג!" האָב איך איהם איבערגעשלאָגען. „זעהט איהר דען ניט, אַז אין אונזער דיוויזיע אַליין זיינען דאָ אַרום 2500 אידישע סאָלדאַטען און פון זיי זיינען פיליכט צעהן, וועלכע באַשעפטיגען זיך מיט שניידעריי. און זיי טוען עס דאָך, ווייל די קאָמאַנדירען פאַרלאַנגען אַזוי, ווייל זיי און אויך איהר דאַרפט האָבען א געפרעסטען יוניפאָרם אום צו געהן פרעדיגען קריסטליכע ליעבע צו אייערע קריסטליכע סאָלדאַטען".

ער האָט זיך געפּרואווט אַרויסדרעהען פון מיין באַשולדיגונג. אָבער איך האָב איהם פאַרלאָזען מיט א שטומען סאַליוט.

ווען איך האָב מיינע חברים דערצעהלט וועגען דעם אינצי־דענט, האָבען מיר באַשלאָסען זיך ניט צו באַנוצען מיט זיין הילף צו קריגען דעם גרויסען פּאַוויליאָן פאַר'ן דאַווענען, נאָר מיר האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין א לעדיגען באַראַק, וואו סאַרדזשענט רובין האָט געדאַווענט ביים עמוד און מיר האָבען נאָכגעזאָגט. וויפיעל עס האָט זיך געדענקט אויף אויסענווענינג, ווייל בלויז ביי אייניגע פון אונז האָבען זיך געפונען סדורים וועלכע מיר האָבען מיטגענומען פון דער היים, ווייל די וואָס די וועלפעיר באָארד האָט געזאָלט געבען, זיינען געבליבען שטעקען ערגעץ אין אַמעריקאַ...

נאָכ'ן דאַווענען האָט מען געפּרואווט אָנגעהן אַביסעל ווי אין קעמפּ גאָרדאָן, נאָר דאָס מאָל איז עס ניט געגאַנגען. צו פריש איז נאָך געווען ביי יעדען איינעם פון אונז די גרויסע אונפאַרדיענטע באַליידיגונג, כאָטש זי איז געקומען פון א נאַרישען פאַרשוין.

דאָס הארץ האָט אַזוי פיינליך צוזאַמענגעדריקט. געהענדיג קעמפען אין א מלחמה פאַר גערעכטיגקייט און אידעאַלען, האָט זיך דאָ אין דער אַרמעע ניט געוואָלט זוכען די אידישע פּראָבלעם, אָבער זי איז געשפּרונגען אין די אויגען אַריין...

בריעף וועגען אידישע ליידען און פריידען

יולי 3, 1918.

אַז די אידישע סאָלדאַטען האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דינסט, וועגען דעם וועל איך נאָך שרייבען. ווען עס וועט קומען די צייט פון צוזאַמענרעכענען און קלאַסיפיצירען די פאַרשידענע דיענסט־רעקאָרדס. ערשט דעמאָלט וועט זיך אַרויסצייגען די פולע מאָס און די גוטע קוואַליטעט פון די פאַרדיענסטען פון די אידישע סאָלדאַטען אין דער אַמעריקאַנער אַרמעע. עס מאַכט ניט אויס וואָס פאַר געפיהלען אָדער מיינונגען דער אַמעריקאַנער קריסט, סאָלדאַט אַזוי גוט ווי אָפיציער, זאָל ניט האָבען וועגען די אידען פון זיין אָפּטיילונג, אָדער וועגען אידען בכלל, איין זאַך גיט ער צו און ביי איין מיינונג האַלט ער זיך, און דאָס איז, אַז דער איד איז אַ פעהיגער מענש און מען קאָן זיך אויף איהם פאַרלאָזען.

אמת, עס ליעגט אין דעם מענשענ׳ס נאַטור ניט צוצוגעבען, אַז יענער איז אויך „סמאַרט“ און פעהיג, און ווען עס קומט צו אידען ווערט דער פאַקט נאָך שטאַרקער, נאָך שאַרפער, אָבער דאָ, אין דעם אַקטיווען קאַמף, וואו דער סאָוטהערנער ווערט אָפט אַ גוטער ברודער מיט׳ן נעגער; וואו אַ היימישער, וואָס מען רופט „קנאַ־קער“, ציינט זיך אָפט אַרויס פאַר אַ גאַנץ שוואַכען מענשען, וואָס ציטערט ווי אַ בלאַט פאַר זיין הויט, מוז ער און די אַנדערע ווילענ־דיג־ניט־ווילענדיג צוגעבען, אַז הערי גאָלדשטיין, דער איד, אָדער וואַשינגטאָן, דער נעגער, זיינען „גוד־באָיס“; ווייל דאָס, צו וואָס מען האָט איהם געניוט און וואָס ער האָט געטאָן מיט דער צושראָקענקייט און צוטומעלטקייט פון אַ פייג־לינג, האָט הערי און וואַשינגטאָן דורכגעפיהרט ווי בראַווע קעמ־פער. און ווייטער מוז מען טאַקע האָבען הערי׳ס און וואַשינג־טאָנ׳ס בעסטע דיענסטען, און די בעסטע דיענסטען פון מענשען קאָן מען נאָר דעמאָלט קריגען, ווען מען אַנערקענט זיי. און אָט אַזוי, ווילענדיג־ניט־ווילענדיג מוז מען זיי אויפהויבען צו די פלע־צער, וועלכע זיי קומט.

נאָך אין די ערשטע קעמפּס, ווען מען האָט זיך ערשט געגור־מען פאַרמירען די אמעריקאַנער אַרמעען, האָבען די אידישע באָים, אויסער די אַרבייטען פון אַלגעמיינעם דיענסט אויך געקראָגען אַזעלכע אַרבייטען, צו וועלכע איינער האָט געהאַט באַזונדערע פעּ־היגקייטען און ערפאַהרונג, אַזוי ווי שניידעריי ,האַנדעל, פאַרוואַל־טונג מיט אַרמעע־סופּליים, אין וואָס עס פאָדערט זיך פאַרוואַל־טונגס־פעהיגקייט. נאָך דאָרט, אין די קעמפּס, פלעגט יעדער רע־גימענט האָבען אַן אידישען שניידער. פעהלט אוים געלד אָראָפּ־צובּרענגען זיין מאַשין פון דער היים, הייסט דער קאַפּיטאַן, אָדער טאַקע דער מיידזשאָר אליין, אַז מען זאָל די נויטיגע געלד אַרויס־געבען פון דער קאָמפּאַני׳ס פאָנד, און די אָפיציערען מיט די מעהר פאַרמעגליכע סאָלדאַטען פלעגען אָפּלעבען ווען זיי האָבען ענדליך געקאָנט, מיט דער הילף פון אייבּ׳ין, אַרויסגעהן אין גע־פּרעסטע און פאַרריכטע אוניפאָרמס און היטלען. האָט דער רע־גימענט געהאַט אַ „קענטין״ און מען האָט צו דעם געדאַרפט האָבען געשיקטע „סיילסלייט״, האָט מען זיך ווידער געוועגדעט צו די אידישע באָים. און אַזוי אין אַלע איבעריגע ווינקלען פון סאָל־דאַטסקען לעבען, וואו עס האָט זיך געפאָדערט אַ פעהיגקייט צו פאַרוואַלטען. און עס איז אַ פאַקט, וואָס וועט פון יעדען מיט וועמען עס האָט געהאַט צו טאָן באַשטעטיגט ווערען, אַז דאָרט וואו דער „מעס״־סאַרדזשענט איז אַ איד, קריגט מען בעסערע שפּייז און בעסער געקאָכט.

און דאָסזעלבע וואָס איז געווען אין די קעמפּס, ווערט ווידער־האָלט אויך דאָ אין די „ליינס״. אויך דאָ האָבען די אידען זייערע ספּעציעלע זייטיגע באַשעפטיגונגען, אַלס צוגאָב צו זייער אַלגע־מיינעם דיענסט, און קיין אַנדערער קאָן עס ניט טאָן אַזוי גוט ווי דער איד.

אַלס ביישפּיעל וועל איך דאָ ברענגען די געשיכטע פון אַ אידישען קוכער, מיט דעם נאָמען ע ש. אַלס איד האָט איהם די קאָמפּאַני דערקאָנט ניט נאָר נאָך זיין נאָמען דזש. עש, נאָר נאָך זיין אויסזעהן, ווייל די נאַטור האָט איהם באַשאָנקען מיט אַלע פּיטשעווקעס און מיט אַ פולער מאָס דערצו, פון אַן עכט אידישער פיזיאָנאָמיע.

דרילען האָט ער ניט געקאָנט. ער איז געווען צו דיק פאַר

זיין הויך; די פיס זיינען צו גראָב און קורץ פאַר „האיקס", און פאַר ציעלען מיט אַ ביקס זיינען זיינע אויגען אַביסעל צו שוואַך. שפּעטער־צו האָט מען איהם אַריבערגעפיהרט אין אונזער קאָמפּאַני, וואו מען געברויכט ניט קיין ביקסען. און ווען מען האָט איהם ענדליך באַשטימט פאַר אַן אַרבייט וואו מען דאַרף ניט אַזוי פיעל דרילען, נאָר מען דאַרף אַביסעל פאַרשטאַנד געברויכען און ער האָט זיך אַרויסגעצייגט ערפאָלגרייך, האָבען די קאָמאַנדירען מיט אַמאָל אין איהם ענטדעקט אַזעלכע טאַלאַנטען, וואָס זיינען פאַר זיי געווען אַם נויטיגסטען. ער איז אַ גוטער שניידער, קומען צו איהם די אָפּיציערען און בעטען זיך ביי איהם, אַז ער זאָל זיי דאָ און דאָ צופּיקסען. „עש" מאַכט אַ גוטען דזשאַב, און זיי טאַנצען אַזש פאַר שמחה און פאַרשפּרעכען איהם אַלע גליקען, אפילו פאַר אַ גענעראַל זיינען זיי גרייט איהם צו מאַכען. און ווען איינער פון די וייטערס, וואָס האָבען סערווירט פאַר די אָפּיסערס, נאָך אין די גוטע צייטען פון קעמפּ־לעבען, האָט אָפּגעגאָסען אַ פּאָר אָפּיסערס מיט אַ טעלער זופּ און זיי האָבען אָנגעהויבען קלערען וועגען אַ גוטען „וויטער", איז מען ווידער געקומען צו עש׳ן. און ער האָט זיך אַרויסגעצייגט פאַר אַ גרויס ערפאָלג. נאָך מעהר, ער האָט זיך אָנגעהויבען מישען אין די טעפּלעך, רעקאָמענדירען און צוטראַכטען פאַרשידענע געריכטען פאַר די אָפּיציערען, און עס איז זיי זעהר געפעלען געוואָרען, ביז זיי האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ קוכער פאַר אייניגע הויכע קאָמאַנדירען. און מיט די היימישע עסענס וואָס ער דערלאַנגט זיי, ווי זויער־פליישׁ, פאַר־שידענע קוגלען, וועלכע ער רופט „פּודינגס", און פון צייט צו צייט „אידישע", ווי די אָפּיציערען רופען עס, געפילטע פיש, האָט ער זיי באַלד פאַראידישט.

און עש דערצעהלט טאַקע אונזערע אידישע באָיס, אַז איינ־מאָל האָט איינער פון די אָפּיציערען, דער גאָר העכסטער בעאַמטער אונזערער, מיט׳ן סיגאַר אין מויל, נאָך אַ גוטען אָנבייסען, גע־לויבט די אידישע סאָלדאַטען און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. און אַ גליקליכער דערצעהלט ער אונז מיט אַלע איינצעלהייטען דעם געשפּרעך, וואָס דער בעאַמטער האָט מיט איהם געפיהרט. „נאָר — פאַרענדיגט „עש"—עס וואונדערט מיך, וואָס ער האָט מיך געפרעגט פון וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט איך בין... דאַכט זיך ער האָט גוטע אויגען און זעהט מיין נאָז, און ער רופט מיך דזשייקאָב, אַ

ריכטיגער אידישער נאָמען". און ווען מיר האָבען איהם געזאָגט, צי האָט ניט דער בעאַמטער געמאַכט שפּאַס פון איהם, ווען ער האָט געפרעגט זיין נאַציאָנאַליטעט, האָט ער אונז פאַרזיכערט, אַז אַזעלכעס קאָן קיינמאָל ניט פּאַסירען, ווייל זיי זיינען מיט איהם אויפריכטיג און האַלטען פון איהם זעהר שטאַרק.

איך ווייס ניט, אויב זיי גלייבען איהם טאַקע אַזוי שטאַרק, ווי ער זאָגט; נאָך ווענינגער האָב איך אויסגעפונען, ווי ווַיט זיי שיינען צו זיין פאַרליעבט אין זיין נאַציאָנאַליטעט, אָבער אַז זיי געפעלט די פּודינגס, וואָס ער מאַכט פאַר זיי, — אין דעם בין איך זיכער. פון וואַנען אָבער קאָן ער די קונסט פון מאַכען אַזעלכע גוטע געריכטען, אַז ער איז גאָר אַ דאַמסקער שניידער נאָך פון דער היים, — אויף דעם קאָן מען ענטפערען מיט נאָך אייניגע פראַגען; למשל: פון וואַנען איז נאָך אַ אידישער באַי, אַן אָפּערייטאָר, געוואָרען אַ טשיף־מעכאַניק, און אַ דריטער, וואָס איז געוועזן אַ פייפער־הענגער ערגעץ אין בראָנזוויל, איז געוואָרען אַ פעלד־קלוירקט? און זיי אָריענטירען זיך אין דעם אַלעמען זעהר שנעל?

עס איז אינטערעסאַנט ווי אַזוי אַזאַ יונגערמאַן רעדט זיך צו־זאַמען מיט דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג: די שפּראַך קאָן מען ניט, געברויכט מען צייכענס און מימיק. אַזוי, צום ביי־שפּיעל, ווען ער דאַרף קריגען פרישע אייער פאַר זיינע אָפּיציערען אויף פריהשטיק, טראָגט ער אַרום ביי זיך אין קעשענע אַ שטיקעל שאָלעכץ פון אַן איי און ציינט עס ווען ער דאַרף אייער. ווען ער דאַרף מילך, ציינט ער אָן דער מיסעם מיט צייכענס, ווי אַזוי מען מעלקט אַ קוה. אַם שווערסטען איז אָבער צו ערקלעהרען דער מיסעם, אַז ער וויל קויפען אַ הוהן; אָבער אויך דאָ פאַרלירט ער זיך ניט: ער נעהמט דער מיסעם פאַר דער האַנט, פיהרט זי אַרום אין גרויסען הויף און ציינט אָן אויף די שפּאַצירענדע היהנער, ווידערהאָלענדיג נאָכאַנאַנד דעם וואָרט „טשיקען", „באַי"", „טשיקען", „אָפּיסער", ביז זי פאַרשטעהט איהם.

יולי, 12, 1918.

אום צו זיין זיכער אז מען באגעגענט א אידען, ווארפט מען אריין אזא ווערטעל, ווי: „שלום־עליכם!" „א יהודי?" אדער גאר איינפאך: „העי, יאנקעל!" און אויב עס איז ווירקליך א איד, וועט ער גלייך ענטפערען זיין „עליכם שלום", און עס באגעגענען זיך צוויי אידען אין קהאקי, אבער מעהרסטענס מיט'ן זעלבען ארט ריידען און זשעסטיקולירען, מיט די זעלבע מינעס ווי דארט אין דער ווייטער היים, און דער געשפרעך דרעהט זיך ארום אזוי ווי אין א פאר'כשופ'טען קרייז, ארום אזעלכע פראגען, ווי:

„ווי געהט עס א אידען אין פראנקרייך?"

„אזא יאהר אויף..." — אויב ניט אויף קאלאמבוס'ען איז אויף עמיצען אנדערש.

„וואס שרייבט מען אייך פון דערהיים?"

„אט דיזעלבע זאכען ווי אלע מאל. מען ווארט, אז איך זאל וואס שנעלער צוריקקומען".

„קריגט איהר אידישע צייטונגען, אידישע נייעס?"

„וואו צייטונגען, וואו נייעס? ניט איך האב געהערט, ניט איך האב געזעהן אזעלכעס".

און עס ציינגט זיך ארום, אז די אידישע סאלדאטען האבען זיך שוין אזוי ווי איינגעלעבט מיט'ן געדאנק, אז די אידישע וועלט ענדיגט זיך מיט פראנקרייך. ס'איז געוועזן א לעגענדע, אז עס איז דא ערגעץ א אידישער טשעפליין — נאר וועמען איך האב נאר געפרעגט, אויב ער האט איהם טאקע געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגען דא אין די ליינס, האט געענטפערט, אז ניט, נאר ער האט א צווייטען געזעהן, וואס האט דעם טשעפליין געזעהן, און אזוי ווייטער.

איך האב געהערט דעם נאמען פון דעם טשעפליין, און אויך אז ער איז א גוטער און עהרענהאפטער מענש, וועלכען מען קאן ניט באשולדיגען אין אונאקטיוויטעט. — ער קאן זיך ניט צוררייסען. — אבער איך מוז דאך זאגען, אז עטוואס האט געמוזט געטאן ווערען פאר די אידישע באים אין קריעג און ניט איבערלאזען זיי אינגאנצען אפגעריסען פון דער אידישער וועלט. און אום צו צייגען

ווי ווייט מיר זיינען אָפּגעריסען פון דער אידישער וועלט, וועל איך מיט פולער זיכערקייט מאַכען די באַהויפּטונג, אַז אין זעקס רעגימענטען, פון וועלכע איך האָב געקאַנט יעדע קאָמפּאַני, האָבען מיר פון קיין אידישע צייטונגען, פון קיין אידישען פּאַרטרעטער, ניט געהערט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען קומט אויס, אַז דאָס איינציגע וואָס קאָן זיי צוזאַמענבינדען מיט דער אידישער וועלט, זיינען די בריעף, וועלכע קומען אָן פון זייערע היימען. אָבער עס איז אַ שוואַכער מיטעל אָנצוהאַלטען דעם אידישען סענטימענט צווישען אונזערע באָיס, ווייל, ערשטענס, שרייבט מען צו זיי בלויז אין די ראַמען פון פאַמיליען־אַנגעלעגענהייטען. און צווייטער זיינען דאָ ניט פיעלע היימען, וואָס זיינען אַזוי ווייטזיכטיג אריינצושטעלען אַ פּאָר שורות וועגען אידישע נייעס און אינטערעסען. דערווייל אָבער בלייבט איבער דער איינציגער אידישער פּאַרטרעטער דערזעלבער קריסטליכער „רעדזשימענטאַל טשעפּליין“ נאָך פון די אַלטע קעמפּפס. און פיעלע פון אונזערע באָיס לויבען זיי, און נאָך מעהר — ליעבען זיי.

ווען אידישע באָיס טרעפען זיך צוזאַמען, רעדט מען זיך אויס דאָס הארץ וועגען די קליינינקע און גרויסינקע צרות. און די לאַגע צייגט זיך ארויס צו זיין אַזאַ:

דער אַמעריקאַנער איז טאַקע אַ געבילדעטער און זעהר טאָלעראַנטער מענש, מיט אַ פאַרשטענדניס פאַר די הויכע אידעאַלען, פאַר וועלכע ער קעמפּפט, און מיט אַ מענשען וואָס באַזיצט אַזעלכע מעלות איז זעהר לייכט זיך צוזאַמענצולעבען. אָבער אין דער אַרמעע זיינען דאָ זעהר פיעל עלעמענטען וואָס זיינען ווייט פון צו האָבען אַזעלכע טוגענדען. דאָס זיינען די דריי־פערטעל און די האַלבע אַמעריקאַנער, אַזוי ווי די מעהרסטע איירישע, פּאָליאַקען, איטאַליענער און די איבעריגע אימיגראַנטען־בירגער, זיינען. מיט זיי איז שוין צרות. זיי האַלטען אָן דיזעלבע געוואוינהייט אָפּצוטאַכען פון דעם אידען מיט זיינע מאַניערען און שפּראַך, פּונקט אַזוי ווי אין געוועהנליכע צייטען. אַליין זיינען זיי מעהרסטענס פון דעם ניט־געהויבענעם טיפּ מענשען, מיט אַ קליינער פאַרשטענדניס פאַר אַמעריקאַנער טראַדיציעס, אידעען און שפּראַך, אָבער, אַזוי ווי אַלע פון דעם מין, פאַרפּעהלען זיי צו באַמערקען די עולות אויף זיך. אָבער אויפ'ן אידען זיינען זיי גרייט צו יעדער צייט אָנצו־

ווענדען זייערע ביליגע וויצען און שמוציגע צייהנער. און פיעלע אידישע באיעס האבען צו דערצעהלען ניט איינע נאר פיעל געשיכטעלעך וועגען צוזאמענשטויסען מיט אזעלכע עלעמענטען, צוזאמענשטויסען, וואס ענדיגען זיך אין א גרויסער מאס מיט פויסט־ארגומענטען. דערווייל אבער בילדעט זיך אויס א וואנט צווישען איד און ניט־איד — א וואנט, וואס איז אין מאנכע פלעצער ברייטער, אין אנדערע שמעלער, אבער זי ציהט זיך פונ׳ם קעמפ ביז אין די טראנשעען אריין....

אויגוסט 10, 1918.

די אידישע סאלדאטען האבען אויך ליבגעזאנגען פאר אונזערע קאמאנדירען און פאר דעם העכסט־גערעכטען און ליבענסווערטען אופן, ווי זיי באציהען זיך צו אזעלכע זאכען. „קיינע ראסען און רעליגיעזע פאראורטיילען וועלען ניט געדולדעט ווערען“ — דאס איז זייער מאטא, און זיי פיהרען זי דורך מיט אלע זייערע קרעפטען און מיט ענטשלאסענהייט.

אמת, איינער האט מיר דערצעהלט וועגען זיין אפיציער, אז ער האט ביי א געוויסער מיליטערישער איבונג, ווען מען האט געדארפט פאנאנדערנעהמען און צוזאמענדריקען די פינגער, אויסגעשריען אויף א אידישען באי: „העי, דו! מאך עס שטארקער, שטארקער, אזוי ווי דו וואלטסט געקוועטשט ווען דו וואלסט געקראגען מאני, מאני, מאני!“ — נאך איינער, ווען עס איז ניט געפעלען געווארען ווי א אידישער באי מארשירט, האט זיך אויסגעדריקט, אז דער אידישער באי זאל ניט מיינען, אז ער געהט דאס צו א „דזשו פיקניק“. אבער דאס זיינען שוין גרויסע אויסנאהמען. דער פאקט איז, אז אזעלכע אפיציערען וואלטען שווער באשטראפט געווארען, אויב די העכערע בעאמטע וואלטען דערפון געוואוסט.

זיינען די אידישע באיס דערשלאגען? ארט עס זיי שטארק? נעהמען זיי זיך צום הארצען אזעלכע זאכען?

ענטפערען אויף דעם איז זעהר שווער. אזוי ווייט ווי איך האב געזעהן, זיינען זיי ניט אזוי שטארק באריהרט געווארען פון דעם צושטאנד. אמת, אביסעל טוט עס וועה. עס איז אויך אונ־

אנגענעהם צו געפינען זיך אזוי ווי אין א ניט־אפיציעלער אויסנאהם־לאגע, און דער אידישער באי ווארפט זיך צו איינעם פון די צוויי עקסטרעמען: אדער ער ווארפט זיך אריין מיט א פארשטארקטען ברען אין דעם שטודיום פון סאלדאטשינא און ווענדעט אן אלע זיינע קרעפטען ארויפצוארבייטען זיך, אדער ער לאזט עס אין גאנצען געהן ווי עס געהט.

סעפטעמבער 5, 1918.

דער אויסערער אויסזעהן פון אונזערע אידישע באים איז איינער פון די בעסטע וואס מען קאן זיך פארשטעלען. ער געהט ארום מעהרסטענס נעט געקליידעט און איז דער ערשטער „ארייינצופאלען אין פעשאן“. און אזוי ווי דער אידישער באי איז א קנאפער„ קרעפ־שוטער“, האט ער טאקע צו יעדער צייט א פאר פראנק אין קעשענע און קאן ליכט דערוויזען צו קויפען זיך א פראנצויזישע קהאקי העטקע און „פוטים“, און אזוי ווי די אמעריקאנער ספארטישע סאלדאטען האבען איבערגענומען די מאדע פון די פראנצויזישע ארומגעהן מיט א שטעקעלע אין האנט, אין דער פרייער צייט, ווען מען איז אין א „רעסט־קעמפ“ אדער שטעדטעל, האבען זיך אונזערע אידישע באים אויך פארשאפט אזעלכע שטעקעלעך, מיט וועלכע זיי שפאצירען ארום אין די אבענדען און פרייע שטונדען, און ווען איהר פרעגט אזא אויסגעפוצטען יונג פון וואנען ער קומט, צייגט זיך אפט ארויס, אז ער איז ערשט מיט א פאר טעג צוריק געקומען פון די פאדערשטע טראנשעען זיך אפרוהען. און אזוי ווי עס זיינען דא פיעלע לעבעיונגען, איבערהויפט נאך צווישען די אמעריקאניזירטע אידישע באיעם וואס קאנען פארשידענע „קעטשי“ לידעלעך און קופלעטלעך, און קאנען אויך אויסקלאפען מיט די פיס א געלונגענעם „דזשיג“, קלייבען זיי טאקע ארום זיך א קרייז פון פראנצויזישע און אמעריקאנער סאלדאטען. מיט איין ווארט — זיי ווערען ארומגערינגעלט פון אלע די, וואס זוכען צו כאפען א וויצעל, א לאך צו טאן און זעהן ווי איינער מאכט זיך לוסטיג. און אונזערע „דייווס“, „דזשעקס“ און „היימים“ לאזען זיך פיעל ניט בעטען, און אמוזירען זיך און דעם עולם. אט אזעלכע יונגען האבען זייער דיענסט

לייכט און גוט. אויף זיי וועט שוין קיינער ניט אָנפאַלען און רייצען זיך וועגען זייער אידישער אָפּשטאַמונג, ווייל, ערשטענס, וועט דער אָנפאַלער שלעכט אָפּשניידען פון אזא יונג, ווייל ער וועט זיי, די אָנפאַלער, גלייך מאַכען פאַר א געגענשטאַנד פון אַלעמענס שפּאַט מיט א פּאָר באַמערקונגען. און צווייטענס, האָבען אזעלכע „דזשעקס" און „היימיס" א גרויסע צאָהל פּאַטריאָטען, ממש פאַרעהרער, וואָס וועלען ניט לאָזען קיין שפּרינקעלע פאַלען אויף זיי און וועלען צו יעדער צייט שטעהן אויף דער זייט פון זייער ליעבלינג. און אונזערע באָים פיהלען טאַקע דעם ווערט פון זייער טאַלאַנט און מאַכען פון דעם אַן אָפּטען און גוטען געברויך. אפילו אונזערע ניט־טאַלענטירטע אידען געניסען אויך אביסעל צוליעב דעם וואָס זיי פריינדלען זיך מיט זייערע אידישע „דזשעקס" און „היימיס".

„וואָס זאָגסטו צו דעם חברה־מאַן?" האָב איך איינמאָל אריינגעוואָרפען צו איינעם פון א „קראוד", וואָס האָט ארומגערינגעלט „דזשעקי'ן" מיט נאָך א פּאָר יונגען, וואָס האָבען זיך ארומגענומען אין א קרייז, געזונגען און זיך נאַריש געמאַכט.

„וואהאי!" האָט ער א צופרידענער, א פרעהליכער געענטפערט. „דער דזשו איז פּונקט אזוי ווי דו זעהסט איהם, אויך אין די טרענטשעס. באַי גאַד! דער דזשו קאָן אפילו די „באָשעס" אמוזירען.

סעפּט. 17, 1918.

עס קומט דער הערבסט. די אויגוסט־בלעטלאַך פון מיינע פאַרצייכענונגען האָב איך אָנגעפּאַנגען מיט די ווערטער — שווער, שווער! — און ס'איז ניט בלויז אויפ'ן הארצען, נאָר אין דעם וויסטען ארום.

לעצטענס האָב איך געהאַט אביסעל מעהר שוועריגקייטען דורכצוגעהן, ווייל עס האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען דער הערבסט מיט די פאַרשטאַרקטע מיליטערישע צוגען, וועלכע קומען מיט'ן פאַרבייגעהן פון די לעצטע זומער־טעג.

עס וועלען זיין ווייטערע זיגען. דער דייטש וועט ווייטער צוריקגעשטויסען ווערען. מיר צווייפלען ניט פאַר איין מינוט

אַז דאָס איינציגע וואָס איהם בלייבט־איבער צו טאָן, איז צו לויפען. און לויפען ביז דער קייזער וועט זיין קרוין פאַרלירען; ביז עס וועלען זיך ניט געפינען מעהר קיין נאַרישע דייטשען וואָס וועלען ווייטער גרייט זיין צו באַצאָהלען מיט זייערע לעבענס פאַר דעם קייזער'ס אַמביציעס. דערווייל אָבער באַטראַכטען מיר דעם קייזער און זיינע דייטשען פאַר איינס, און ווען מיר דערזעהען פאַרביימאַרשירענדע סאָלדאַטען, וועלכע געהען „אָן דהי דזשאַב", אָדער ווען זיי זעהען אונז מיט די „באַרקערס" (ביעלער — קאַנאָנען), האָבען מיר נאָר איינס צו זאָגען איינער צום צווייטען: „באָיס, ווערט פאַרטיג מיט זיי און מיר'ן געהן אַהיים!" און ווען זיי אָדער מיר ענטפערען קורץ, אָבער אָהן אַ שאָטען פון צווייפעל: „מיר'ן פאַרטיג ווערען!" — זיינען עס ניט קיין פוסטע ווערטער.

אַ אידען איז שווער צו זיין אַ סאָלדאַט, אַפילו אונטער די בעסטע אומשטענדען; אַפילו אין די בראַווע רייהען פון דעם גוטען און רייכען אַנקעל סעם. ווען מען שלאָגט זיך אָדער מען רוהט, דריקט די ביקס, און מען פיהלט זיך ענג אין דעם אוניפאָרם. עס איז שווער פאַר אַ פרייען און פריידליכען מענשען צו ווערען אַן אידעאַלער פריינד פון ביקס, אַריינצוטאָן זיך מיט לייב און זעלע, אָדער אַפילו ליעב האָבען די מאָרד־אינדוסטריע, אַזוי ווי דער קייזער מיט זיינע יונקערס האָבען עס ליעב. און דאַרום מאַקע זוכען מיר עטוואָס, אויף וואָס אונזער געדאַנק און אונזער בליק אָפצעווענדען, אַזוי צו זאָגען, אויסרוהען. און דער ליעבער זומער האָט מיט זיין אויסערגעוועהנליך גרויסען רייכטום צוגעשטעלט אַזוי פיעל שעהנע, אַזוי פיעל ליעבע ווינקעלעך, אַזוי פיעל טייערע געגענשטאַנדען, געפיהלען און געדאַנקען!

אויך אַ זומער־נאַכט פלעגט אָפט זיין אַ שלאָפלאָזע און אומרוהיגע, אויך אין אַ זומער־נאַכט פלעגען פאַר די צוגעמאַכטע אָדער וואַכע אויגען אויפשטעהן עראינערונגען, בילדער, וואָס ברענגען אַ שווערען אומעט, אָדער דורכ'ן אַריינגאַנג פון „פאַפ טענט" פלעגען זיך דורכרייסען אַמאָל אַ נאַכט־פויגעל'ס געזאַנג, אַמאָל אַ קראַקען פון זשאַבעס, און דאָס שטענדיגע גרילען פון די גראָזשפרינגערלעך און דאָס רוהיגע זשומען פון די בוימער איבער די קעפ — פלעגט אַזוי ווי צוזעגען און ביסלעכווייז צוטרייבען שווערע געדאַנקען. אויך אין אַ זומער טאָג פלעגט מען פאַרלירען די כחות

פון די לאַנגע „האַיקס“ מיט די שווערע פּעק און ביקס, אַלץ שווער־רער. אָבער ווען מען פלעגט זיך דאָן צוזעצן אָפּרוען, ווען מען האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און אָפּגעווישט דעם שווייס, פלעגט קיינמאָל ניט פעהלען עטוואָס, וואָס פלעגט אויף איין ווײַלע מאַכן פאַרגעסן אָן אַלץ, אָן דער גאַנצער וועלט. עס איז געווען אַ נאָך ניט באַקאַנט גרעזעל, אָדער אַ בלימעלע ביי דער זייט פון דעם שטויביגן וועג, אַמאָל איז עס געווען אָן אימער טעטיגע מוראַשקע, וואָס האָט אַזוי קאָמיש זיך געמאַטערט אויפצוהייבן אַ צו־שווער שטיקעל ברויט, וואָס האָט זיך ערשט אָפּגעברעקעלט און אַרומ־געקייקעלט פון די הענט, און חברה קלייבן זיך אַרום, לאַכן און וועטן זיך אַפילו: צי זי וועט, אָדער וועט ניט אַוועקטראָגן איהר געווינס.

אויך דער זומער האָט געצופּט ביים האַרצן, ווען אַ פויער אין אוניפאָרם פלעגט פון דער ווייטענס זעהן איינעם נאָכגעהן דעם פערד און אַקער־אייזן אין פעלד, ווען די ברייטע פעלדער פלעגן רופן מיט אַזאַ פיינליכער צודרינגליכקייט: קום! — אָבער מען קאָן ניט... נאָר די פריידן פון דעם זומער זיינען געווען פיעל מעהר, פיעל איבערוועגנד. און ווען איך זעה, ווי אַזוי ער קלייבט צוזאַמען זיינע רייכטימער, גרייט אַוועק־צוגעהן, ווען די פאַרוועלקטע בלעטער פאַלן און מישען זיך אויס אין בלאָטע, וואַלגערן זיך איבער אָפּגעשטאַרבענע פעלדער, ווען דער פויגעל־געזאַנג שטאַרבט אָפּ מיט יעדן טאָג, — ווערט זעהר טרויעריג. דאָן פיהלט זיך, אַזוי ווי אַ מחנה ליעבע, טייערע פריינד געהען אַוועק, פאַרלאָזען אונז; און איך וועל זיך ערלויבן אַרויס־צוזאָגן, ווען אַפילו ניט קיין ערלויבטען געפיהל, אַז אַפילו אונזערע פאַרשטאַרקטע זיעגען קאָנען ניט פאַרנעהמען זייער פּלאַץ אין אונזער טאָג־טעגליכען לעבען. מיט'ן זיעג זיינען מיר זיכער, עס איז ביי אונז אַ פאַקט; אָבער גאָט ווייסט, אויב נאָך איין זומער וועט קומען פאַר פיעלע פון אונז...

אויף די שלאכטפעלדער פון סעינט-מיהיעל

א גאַנצען טאָג האָבען מיר זיך פאַרבאַרייט צו פאַרלאָזען דעם קעמפּ „לאַ קאַרטין“. עס האָט אונז אויך אַביסעל פאַרדראָסען צו שיידען זיך מיט דעם וואונדערשעהנעם פּלאַץ און אויך איז געוואָרען אומעטיג ביים געדאַנק, אַז מען געהט אין פייער אריין.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבען מיר אָנגעלאָדען די וואַגאָנען מיט די געוועהר, פערד און אייזלען, און נאָך האַלבע נאַכט האָט זיך דער צוג געריהרט אין וועג אריין.

א פינסטערער צוג פון פיעלע וואַגאָנען. קיין ברעקעל ליכט אויסער סיגאַרעטלאך וואָס האָבען זיך דאָס דאָ דאָס דאָרט אַרויס־געוויזען פון דער פינסטערניש.

אין מיין וואַגאָן זיינען געווען 55 סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געווען איינגעשפּאַרט אַזוי ווי הערינג. מען איז מיעד, עס ווילט זיך אויסציהען די פיס, אָבער גראַד ליעגט דאָרט אימיצענס קאָפּ אָדער ברוסט און מען וואַרפט זיי אָפּ מיט קללות און די מעהרסטע איז אויסגעקומען זיצען אָדער אָנשפּאַרען זיך אויף זייערע פּעקלעך. פון דעם שטרוי אין וואַגאָן האָט געשמעקט, דערשטיקט צו ווערען. מען האָט אין וואַגאָן, אויף דיזעלבע שטרוי, ניט איינמאָל געפיהרט

אייזלען, פערד און סאָלדאַטען און יעדע באַזונדערע פּאַרטיע האָט נאָך זיך איבערגעלאָזען אַ באַזונדער בינטעל שמוץ.

„אַי, עס בייסט!" שרייט אימיצער אויס.

„בייסט? קראַץ זיך!" — ענטפערט אַ שפּאַסהאַפטע בייזע שטימע.

„אויפ'ן גענעראַל געזאָגט געוואָרען אַזאַ פּאַהרען!"

„אויפ'ן פּרעזידענט!"

„אויפ'ן קייזער!"

„אָה, כאַפּט אַן אָנשטומענעס!" בייזערט זיך אימיצער קרעכ־צענדיג.

אַזוי זיינען מיר געפאָהרען טעג און נעכט ביז מיר זיינען גע־קומען צום „טול־סעקטאָר", דאָרט האָט מען אַ טייל אָפּגעשטעלט צו העלפען אין די שלאַכטען וואָס זיינען דאַן אָנגעגאַנגען און מיין צווייטען באַטאַליאָן האָט מען ווייטער געשיקט, שוין דאָס מאָל אין אַ פוס־מאַרטש צום עקסטרים רעכטען פלאַנק פון סענט מיהעל סעקטאָר אין לאָריין, צווישען די שטעדט מעץ און נאַנסי.

וואָס ווייטער מיר זיינען געגאַנגען אַלץ מעהר האָבען מיר דערשפּירט די נאָהענטקייט פון די שלאַכט־פעלדער. אָפּטער האָ־בען פאַרביימאַרשירט מיליטערישע אָפּטיילונגען פון די אַמע־ריקאַנער און פראַנצויזישע אַרמעען. די באַפעלקערונג איז געוואָ־רען שיטערער. און אויף דער גאַנצער לענג פון דעם וועג האָבען מיר באַגעגענט גרופּעס ציווילע פראַנצויזען מיט זייערע פרויען און קינדער אַרויפגעפּאַקט אויף זייערע „פאַרגאָנס" געשלעפּט פון אייזלען. זיי האָבען זיך געצויגען טיפער אין לאַנד אַוועק, לוי־פענדיג פון אַ מעגליכער אַטאַקע פון די דייטשען. צו אונז האָבען זיי אַפילו קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. זייערע פּנימ'ער זיינען געווען אויסגעמאַטערטע, פאַרצאָרענטע און זייערע אויגען האָבען געקוקט בייז, אַזוי ווי מיר וואָלטען אויך געווען מיטשולדיגע אין זייערע אונגליקען.

„אָן איז דער פראָנט!" האָט אַ רייטער, וואָס איז געפאָהרען זייט ביי זייט מיט מיר אַרויסגערעדט. איך האָב אַ קוק געטאָן אין דער אָנגעצייגטער ריכטונג און האָב דערזעהן פון אַהינטער אַ הויכען בארג אַרויפשטייגען אייניגע בלויאינקע שטערענדלאַך, פאַרשווינדען, און ווייטער קומען נייע. עס איז געוואָרען קאַלט.

מיט אמאל האבען מיר באגריפען די באדייטונג פון דער שטילקייט וואס האט געהערשט אויף די פעלדער און בערג ארום, ערגעץ האט געזשומעט אן עראפלאן, די טריט פון אונזערע פערד זיינען לאנג־זאמער געווארען און מיר האבען זיך אינסטינקטיוו צוגענייגט צו דעם זייט וועג אויף וועלכען עס זיינען געדיכטער געפאלען די שאטענס פון די בוימער אפגעשלאגען פון דער רונדער פולער לבנה.

„האלד!“ האט דער קאמאנדיר אונז אפגעשטעלט.

„אז ס׳וועט קומען אן עראפלאן, פאלט צו דער ערד“.

מיר זיינען געבליבען שטעהן פאר א האלבער שטונדע. דאן איז דער קאמאנדיר צוגעקומען צו אונזער גרופע און געזאגט, אז סארדזשענט מיידזשאר „האטשינס“ וועט געהן מיט דעם „גייד“. עס איז צוגעקומען א פראנצויזישער סאלדאט און מיר זיינען נאך איהם ווייטער אוועק ארויף צו יענעם בארג פון אהינטער וועלכען האבען זיך געצויגען סיגנאל־פייערלעך.

מיט די אויגען איינגעשפארט אין די פייערלעך האבען מיר גע־ריטען ארויף. דער עראפלאן איז געקומען נעהענטער. מ׳האט איהם געזעהן אויף דעם קלאהר באלויכטענעם הימל. „דאס איז אונ־זערער“, האט דער אנפיהרער באַרוהיגט, און אין א האלבער שטונ־דע ארום זיינען מיר צוגעקומען צו א דערפעל נאהענט פונ׳ם שפיץ בארג. באלד איז געקומען ליוטענאנט מידלטאן, האט אונז אנגע־צייגט איינציגע שטאלען און לײדיגע הייזער, וואו מיר האבען צו־שטעלט אונזערע פערד, און אליין ארויפגעקראכען אויף די ווישקעס מיט היי.

„איז דאס אלץ וואס איז דא אויף א פראנט וואו מען שלאגט זיך?“ האט איינער געפרעגט אין א שפאסיגען טאן. אבער ער און מיר אלע האבען געוואוסט, אז דאס איז ווייט־ווייט ניט אלץ.

אין דער פריה האבען מיר דערזעהן, אז אין פארלאזענעם, טיילווייז צובראכענעם דערפעל, וועלכער הייסט לאנדרימאנט, זיי־נען דא, אויסער די סאלדאטען פון אונזער דיוויזיע, נאך איינציגע פון איהרע איינוואוינער, וועלכע האבען ניט געוואלט פארלאזען זייערע פלעצער, זיי פלעגען אין געפעהרליכע מאמענטען זיך באהאלטען אין די אויסגעגראבענע גריבער („דאג־אוטס“). די בערג ארום זיינען געווען פול מיט טרענטשעס און נעצען פון שטעכיגע

דראַטען. באַלד איבער אונז זיינען געהאַנגען ווי ריעזיגע מאַנס־טערס אונזערע אויסקוק־באַלונען. דאָס איז געווען אַ שטילער געגענט, וואו מען האָט זיך ערשט פאַרבאַרייטעט צו אַ שווערען קאַמף און אַז דאָס דערפעל איז געווען ווייט פון די ערשטע ליניעס, וואוהין מען האָט געשיקט די אינפאַנטעריע און אונזערע באַטע־רעיען מיט די קאַנאָנען. אונזער אָפּטיילונג פון דער הויפּט־קוואַר־טיר איז דאָ געבליבען פאַר אַ קורצער צייט. און איך האָב ווידער אַמאָל געקראָגען מיינע ארבייטען. אַזוי ווי מיר זיינען געווען ווייט פון די ערשטע ליניעס וואו די דייטשען קאָנען אונז הערען, בין איך נאָך אַלץ געווען ביוגלער.

אָבער אויסער דער באַשעפטיגונג האָב איך דאַן נאָך איינע צוגעקראָגען — אַלס „מעסענדזשער". — ווען אויף אונזער סעקטאָר וואָלט געווען „ביזי", וואָלט עס געווען אַ זעהר ריזיקאַלישע אַרבייט, אָבער דערהוייל איז געווען רוהיג.

אמת, איך האָב טאַקע צוגעקראָגען צו מיין דיענסט אַ פערדעל מיט אַ זאָטעל און די איבעריגע קלאַפּער־געצייג פון אַ רייטער, שפּאָרען אריינגערעכענט, אָבער איך האָב אויף איהם מעהר רחמנות געהאַט ווי פאַרגעניגען און נחת פון רייטען אויף איהם, ווייל גראַד איז אויף מיין מזל אויסגעפאַלען אַ נעבעכדיג פערד מיט אַלע מעלות פון מענדעלע׳ס קליאַטשע. און ווען ער פלעגט קוקען אויף מיר מיט זיינע האַלב־הונגעריגע אויגען; ווען איך האָב געזעהן זיינע ביינער אַלץ מעהר ארויסשטאַרטשען פון אונטער זיין פעל, האָב איך געפיהלט אַזוי ווי פאַרשולדיגט געגען איהם. כ׳האָב פּרובירט איהם ערקלעהרען, אַז עס איז ניט מיין שולד וואָס ער קריגט אַ קליינע פּאַרציע האָבער; כ׳האָב פּרובירט איהם ערקלע־רען, אַז מיר לעבען דאָ אויף „ריישאָנס", און אַז איך מוז אויך צו־פרידען זיין מיט דעם וואָס איך קריג — אָבער דאָס אָרימע פערד פאַרשטעהט ניט אַזעלכע זאַכען און בעט מיט זיינע אויגען און זוכט מיט זיין מויל. דאָס בעסטע וואָס איך האָב געקאָנט טאָן פאַר איהם איז, אַוועקצושטעלען איהם צוזאַמען מיט פרידליכע פערד, וועלכע האָבען איהם ניט געבריקעט און געביסען אַזוי שטאַרק. טיילווייז פלעגט עס מיר זיך איינגעבען, אָבער מיין סוס איז געווען אַזאַ שלומיאַל, אַז אפילו צווישען גאַנץ פריעדליכע און שטילע פערד פלעג איך איהם געפינען יעדען פריהמאָרגען אַ צו־

קיילטען און צוביילטען און איך האָב געהאַלטען אין איין וואַשען און שמירען זיינע וואונדען און אויסריידען זיך פונ׳ם האַרצען.

אָרים פערד! וואָס איז דיין שולד וואָס מענשען קעמפען פאַר דעמאָקראַטיע אָדער פאַר א קייזער, פאַר א טייוועל? פאַר־וואָס זאָלסטו ליידען, הונגערען און שרעקען זיך פאַר׳ן בילען פון די קאַנאָנען און פאַר׳ן קוויטשען און קראַכען פון שראַפּנעלען, וואָס קלויבען ניט אויס צווישען פערד אזוי גוט ווי צווישען מענשען? אָבער פאַרפאַלען, ברודערקע! איך בין א מעסענדזשער און מען האָט דיך אָפּגעגעבען אין מיין רשות אַרומצורייטען אויף דיר ווען איך דאַרף געהן אין שליחות אויף א גרויסער שטרעקע, און איך קאָן דיר העלפען בלויז מיט א אידישען, שווערען זיפץ.

אמת, איך פלעג זעהן, אַז ער זאָל זיך ניט איבעראַרבייטען, און ווען מ׳האָט געדאַרפט „דעליווערען א מעסעדזש" פאַר א פלאַץ פון א האַלבער אָדער דריי פערטעל שטונדע גאַנג, פלעג איך מיין פערד צורוה לאָזען און אַרויסנעהמען איהם נאָר דאַן, ווען דער פלאַץ איז אַריבער פינף קילאָמעטער. אויך דאַן פלעגט ער זיך ביי מיר ניט איבעראַרבייטען, ווייל דערווייל איז אויף אונזער סעקטאָר געווען גאַנץ שטיל און עס איז ניט געווען וואָס צו איילען זיך, זאָל ער זיך געהן אזוי ווי ער וויל נאָר אַליין. מעהר ניט, ווען מיר פלעגען אַריין אין דערפעל האָב איך געהאַלטען זיין קאָפּ אַבי־סעל העכער, אום אויפצוהאַלטען זיין און מיין רעפּוטאַציע, ווייל אין גאַנצען אַראָפּפאַלען ביי זיך לוינט זיך ניט.

אויב איך האָב וועניג נחת געהאַט פון מיין נייער אויפגאַבע, אַלס מעסענדזשער, און פון מיין אָרימען פערד, האָט מיך אָבער די נאַטור קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט. זי רעדט צו מיין האַרצען אזוי ליעב, אזוי טייער, ווען נאָר איך ווענד זיך צו איהר; און איך האָב געדאַנקט דעם צופאַל, וואָס האָט מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט איהר אַזוי אָפט.

איין זוניגען טאָג בין איך אַרויסגעפאָהרען גלייך נאָכמיטאָג. איך האָב געדאַרפט צושטעלען א באַפעהל פאַר „סופּליים", און דער אָפיציער, וואָס האָט מיר געגעבען דעם באַ־פעהל און די דירעקטיוועז, וואוהין צו פאָהרען און וועלכע וועגען צו נעהמען, האָט אויך געזאָגט דעם גוט־באַקאַנטען און העכסט־געווינשטען „קענסט זיך נעהמען צייט", — דאָס מיינט, אַז איך קאָן דאָרט פאַרברענגען ביז שפּעט אין אָבענד. און ווען איך האָב

מיין שליחות אויסגעפיהרט און האָב זיך גענומען אויף מיין וועג צוריק, האָט שוין אָנגעהויבען צו ווערען פינסטער. דער טאָג האָט אָנגעהויבען פארביטען ווערען אויף איינער פון יענע וואונדער־באַרע נעכט, וואס טראָגען אונז אוועק פון דער וועלט, מיט איהרע מעלות און חסרונות. לאנגזאם איז מיין פערד געגאַנגען ארויף־בארג און האָט געזוכט פון ביידע זייטען פון דעם שמאָלען שטעג א ביסעל גראָז א פליק צו טאָן, אָבער איך האָב איהם צוריקגעהאַל־טען, ביז מיר ווען צוקומען צו א וועלדעל, ווייל פון ביידע זייטען האָבען געוואַקסען וויינשטאָקען, וואָס קרייזלען זיך און ציהען זיך פון דער ערד איבער שטעקלעך, און האָבען זיך אזוי ווי באריהמט מיט די שעהן־פאָרמירטע הויפענס יונגע וויינטרויבען, וואָס האָבען אזוי ווי בינטלעך פערל, ארויסגעקוקט פון אונטער די געדיכטע ברייטע בלעטער, אונטער שטראַהלען פון דער פולער נאכט־פרינ־צעסין.

איך האָב זיך אָפגעשטעלט אויף א פלאַכען פלאַץ אונטער׳ן שאָטען פון א גרופּקע בוימער און האָב אָפגעלאָזען די לייצעס. ס׳האָט מיין פערד ניט לאנג גענומען צו פארשטעהן, וואָס כ׳האָב געמיינט און ער האָט זיך אָפּעטיטליך גענומען פליקען דאָס הויכע גראָז, און איך האָב זיך איינגעזאַפּט די שעהנקייט פון דער נאַכט, פון דעם קלאָרען הימעל ,וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט שטערען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אז אַלץ ארום האָט זיך פארטראַכט איבער די גרויסע געהיימניסען פון לעבען, פון דעם אונרוהיגען טאָג מיט זיינע קאמפען און מערדערייען. עס האָט זיך געדאַכט, אז די ארומיגע מיט טראַנשעען און גריבער צושניטענע בערג האָ־בען ארויסגעקוקט פון אונטער די שטראַהלען פון דער לבנה מיט א מילדער, שטילער פראַגע: פארוואָס ניט טרוימען, ניט פאַר־געסען זיך אין אַן אייביגען, רוהיגען גליק? אָבער איך האָב שוין פון דער ערפאַהרונג געוואוסט, אז די שטילע פראַגעס פון די בערג וועלען ווידער אמאָל פארענטפערט ווערען פון קאַנאָנען און באָמבען־קראַכען, אז הינטער דעם פאַרהאַנג פון דעם שאָטען, וואָס גרענעצט זיך און בייט זיך מיט׳ן ליכט, קריכען ארום און לויערען איינער אויפ׳ן צווייטען מענשען, וואָס מיידען זיך אויס און באהאַלטען זיך איינער פון צווייטען ווי חיות, וואָס זיינען אָבער גרייט פון הינטען־ארום ארויפצוואַרפען זיך איינער אויפ׳ן

צווייטען און אַרײַנפֿאָהרען אײנער אין דעם אַנדערענ׳ס האַלז מיט אַ מעסער און אַפֿילו מיט די צייהנער, ווען דאָס מעסער איז ערגעץ פֿאַרלאָרען געוואָרען אויפֿ׳ן וועג צו דעם צווייטענ׳ס באַהעלטעניש, בעת ער האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אָן אַ צווייגעל, אָדער דערנער וואָס וואַקסען אַזוי פֿיעל אויף די זייטען בערג. אָפֿט פֿאַלט אַרויס דאָס מעסער אַפֿילו פֿון צווישען די צייהנער, אין וועלכע מען דריקט עס צוזאַמען ווען מען קריכט אויף אַלע פֿיער, ווייל אַפֿילו די אַזוי־אָנגערופֿענע בראַווסטע צייהנער, אונערשראָקענסטע צייהנער, ציטערען דאָך ביים געדאַנק, אַז זיי קאָנען באַלד אַליין אַרויסגעשלאָגען ווערען, אָנשטאָט אין יענעמ׳ס האַלז אַרײַנצופֿאָהרען. אָט דאָס ווערט אָנגערופֿען „אינטעליגענס״ אַרבייט, פּאַטרול־אַרבייט. די אויפֿגאַבע איז כאַפּען יענעם לעבעדיגערהייט, ווען מען קאָן, אָבער ווען ניט — שיס, שטעך און אַנטלויף.

דערווייל איז אָבער שטיל און רוהיג אַרום. קיין איין שאָס, קיין איין קלאַנג פֿון די דערבייאיגע בערג. מעהר ניט, וואָס פֿון צייט צו צייט הויבט זיך אויף, ווינקט און פֿאַרשווינדט אַ סיגנאַל־ליכט.

אָנגעבויגען איבער דעם פֿאָדערשטען טייל פֿון זאָטעל, האָב איך זיך צוגעהערט צום שטילען אַרום, און צו מיינע געדאַנקען און נאָהענטער פֿאַרגאַנגענהייט. איך האָב זיך גאָר־וואָס געווען פֿאַרגעסען אין טרוימען, ווען איך בין צוריק אויפֿגעוועקט געוואָרען פֿון אונדייטליכע קלאַנגען. פֿון הינטער דעם שפּיץ פֿון יענעם באַרג, וואו עס האָבען זיך געפֿונען אונזערע טראַנשעען, האָבען זיך געטראָגען קלאַנגען פֿון דער ווייטקייט, אויפֿגעשטיגען און פֿאַרשוואונדען, אַזוי ווי געריכטעט פֿון אַ שוואַכען ווינט. אָבער זיי האָבען אַזוי ליעב, אַזוי האַרציג גערעדט צום האַרצען. איז עס מעגליך, אַז דאָס זאָל זיין אַ „קאָרנעט״? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מעלאָדיע? מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ׳האָב עס ערגעץ געהערט. ניין, איך האָב אַליין פֿיעלע מאָל, אין הייליגער פֿאַרגעסענהייט, זי געזונגען, אונטערגעברומט דאָס ליעד, נאָר צו וואָס דאַרף איך דעם נאָמען פֿון דעם זאָנדערבאַרען ליעד אונטער די שווערע אומשטענדען? די קלאַנגען צווינגען מיין האַרץ וואַרימער צו קלאַפּען, אויך אָהן אַ נאָמען; זיי באַצויבערען די גאַנצע געגענד

ארום, און עס דאַכט זיך, אַז אַלץ ארום איז נאָך שטילער געוואָרען, הערט זיך איין און לעבט דורך אין פאַר׳כשופ׳טער פאַרגעסענהייט, יעדען פון די קלאַנגען.

און בילד נאָך בילד האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען צו מיר פון די אין געהיימען ליכט איינגעהילטע בערג; אָנגעהויבען אַרומצושוועבען אַלץ דייטליכער צווישען די נאָהענטסטע בוימער — בילדער פון דער האַלב־צופאַלענער מוטער׳ס הויז אין אַן אָרימען דערפעל ערגעץ אין רוסלאַנד, ביז דער רוישענדער אַמעריקאַ, וואו איך האָב אַזוי לאַנג געזוכט גליק און ניט געפונען, ביז איך בין אַריינגעפאַלען אין די רייהען פון דער אַרמעע, וואָס קעמפט פאַר אַלעם בעסטען און שעהנסטען.

גאָט איז מיין עדות, ווי ווייט איך האָב געגלויבט אין די אידעאַלען פון מיין אַרמעע, ווי ווייט איך האָב פאַרגעטערט דעם גרויסען מאַן פון וואַשינגטאָן, דורך וועמעס מויל עס האָט גערעדט דאָס אויפגעוואַכטע געוויסען פון אַמעריקאַ, פון דער גאַנצער וועלט. אָבער ניט בלויז אויס ליעבע צום ריינעם אמת און צו פולער גערעכטיגקייט האָב איך זיך אָנגעכאַפּט, אָן דעם גרויסען בונד פון די פרייהייטס־ליעבענדע פעלקער, נאָר אויך אויס ליעבע צו מיין פאָלק, וועמען זיי האָבען פאַרשפּראָכען פולע פרייהייט, און אויס ליעבע צו זיך, ווייל איך וועל מיין היים, אויב איך וועל האָבען אַ היים, אויסבויען צוזאַמען מיט מיין באַפרייטען פאָלק, אין אונזער באַפרייטער לאַנד.

אָבער, מוז דאָס אַלעם קומען דורך בלוט און טרעהרען? מוז מען נאָך דעם קריכען אויף אַלע פיער מיט אַ מעסער צווישען די ציינער? אָבער בלויז טרעהרען פון טיעפען פאַרדרוס, וואָס האָבען איינגעשפּאַרט, זיך אַרויסגעריסען, זיינען געוועזען דער איינציגער ענטפער.

וואָס איז, איך וויין גאָר? איך, דער איבערצייגטער סאָלדאַט, וואָס איז גרייט צו קעמפען און דאָס לעבען אַוועקגעבען פאַר מיין פאָלק, פאַר די אידעאַלען פון דער אויפוואַכענדער בעסערער וועלט? אָה, פלוך! אָה, שאַנדע! איך האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט איבער מיין שוואַכקייט.

איך האָב שטאַרק אַ ציה געטאָן די לייצעס, אַפּרייסענדיג מיין פערד פון זיין אַפּעטיטליכען פליקען דאָס פייכטע הויכע גראָז,

און האָב זיך פאַרנומען מיט׳ן וועג, וואָס פיהרט צו דעם דערפעל פון מיין „בילעט“ און צו זיין שטאַל. די וואונדערבאַרע קלאַנגען, וואָס האָבען אזוי שטאַרק באַוועגט מיין האַרץ, זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדען. איך בין נאַר־וואָס אַריינגעפאָהרען אין דער איינ־ציגער גאַס פון דעם דערפעל, וואָס איז טיילווייז פאַרשטעלט גע־וואָרען פון די שאָטענס פון די אָרימע, מעהרסטענס האַלב־צו־בראָכענע הייזער, איינינע אָהן דעכער, אַנדערע אָהן ווענט צום גאַס אָדער פון די זייטען, ווען דער שטענדיגער נאַכט־באַזוכער איז ווי־דער געקומען. — ווי דאָס זשומען פון אַ ריעזיגער ביהן האָט זיך פון אויבען דערטראָגען דער קלאַנג פון דעם אָנגעקומענעם דייטשען עראָפּלאַן. פון דער ערשטער מינוט האָב איך איהם דערקאָנט, צוליעב זיין זשזשו—זשזשו, וואָס קלינגט אָפּ מיט אַ פאַרשטאַרקטען אַקצענט צום סוף. איך האָב אויפגעהויבען מיין קאָפּ און האָב גלייך דערזעהן אין דער ווייטער הויכקייט פון הימעל, אזוי ווי אַ ווייסע גרויסע זומער־פליג, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי פון זילבער, אונטער די שטראַהלען פון דער לבנה.

עט! איך האָב קיין מורא ניט פאַר דיר, דו פאַרדאַמטער „באָש“! — און איך האָב זיך אַבזיכטליך געהאַלטען אויף דער באַלויכטענער זייט וועג; אָבער דער נאַכט־וועכטער האָט מיר גלייך געהייסען אַרונטערגעהן אונטער אַ צודעק.

פאַרפאַלען: הייסט מען, מוז מען פאָלגען. און נאָכדעם, ווי איך האָב צוגעזעהן מיין פערד און — צווישען אונז זאָל עס בלייבען — געגנב׳עט פאַר איהם עטליכע עקסטראַ הויפענס „האַ־בער“ בין איך אַוועק צו מיין „בילעט“.

„וויפיעל „באָשעס“ דרעהען זיך דאָ אַרום?“ האָבען געפרעגט איינינע קאַמעראַדען, וואָס האָבען זיך צוגעהערט צום קאַמף אין דער לופטען.

„אַ דאגה וויפיעל. זיי וועלען שוין דעם קייזער מעהר ניט קאָנען העלפען! מעהר ניט, וואָס זיי רויבען אַ פּאָר שטונדען פון אונזער שלאָף“.

„און אַמאָל שיקען זיי אַרונטער אַ פּאָר פילען.“

„מיינסט סי סי פילען?“

„אָ שאַט אָפּ!“ דרעהט זיך איינער אוים מיט כעס און באַלד דערהערט זיך אַ געזונטער כראָפּען.

צווי שטורעמס

איין פריהמארגען איז א פראנצויזישער סאלדאט דורכגעגאנ־גען דאס דערפעלע און שטארק געקלאפט מיט די שטעקעלאך איבער דעם. די אייניגע איינוואוינער פון דערפעל און די סאלדאטען האבען איהם ארומגערינגעלט. ער האט פארגעלעזען פון א צעטעל א וויכטיגע ווארנונג אז די איינוואוינער זאלען זיך ארויס־ציהען פון זיכערקייט וועגען.

געבענדיג אונז דעם דינער עסען האט מילענטאל, א צוטרא־גענער, אבער פרובירענדיג שמייכלען געזאגט: „וועל, חברה, עסט וואס מעהר. עס קאן זיין אז דאס איז אייער לעצטער מאלצייט פאר דער לויה". און צווישען זיך האבען מיר גערעדט, אז דער קאמפיין פאנגט זיך אן. ביינאכט וועט אויך אונזער קאמפאני אריבערציהען זיך אין א פאזיציע, אין די דאג־אוטס וואס נעבען וועלדעל. מען האט געגעסען, אבער די ביסען זיינען אזוי ווי גע־בליבען שטעקען אין האלז און געווארגען.

דעם גאנצען נאכמיטאג איז מען געווען באשעפטיגט מיט די לעצטע פארבאריייטונגען, און כמעט יעדער האט אין איילעניש אנגעשריבען א פאר ווערטער אהיים.

„וואס זאל איך שרייבען?" האט מיך געפרעגט א קריסט־ליכער חבר, א פארמער־שייגעץ מיט׳ן נאמען דאן. אויך פאר מיר איז געשטאנען דיזעלבע פראגע: „וואס שרייבט מען אין דעם מאמענט?" און ווען מיר האבען שפעטער געצייגט איינער דעם צווייטען די בריעף, האבען מיר זיך פארוואונדערט איבער זייער עהנליכקייט. עס האט זיך געלעזען: „מיינע ליעבע, בין דאנקען גאט געזונט און גאנץ. מיר ציהען זיך איצט ערגעץ אריבער, וועל איך פון דארטען שרייבען אויב די אומשטענדען וועלען ערלויבען.

דער פויער וואו מיין באטאליאן־אפטיילונג איז געשטאנען, איז ארומגעלאפען ווי א פאר׳סמ׳טער, די קינדערלאך האבען גע־וויינט, אבער ער איז דאך געבליבען אין דערפעל. אנדערע צווי פאמיליעס האבען זיך שנעל איינגעפאקט און מיט פול אנגעלא־

דענע וועגענער אוועקגעצויגען זיך איבער׳ן געשלענגעלטען וועג צום צווייטען נעץ בערג. מיר האָבען קיינעם פון די איינוואוינער אין דערפעל איבעריגנס ניט ליעב געהאַט, אָבער ווען מיר האָבען זיי דערזעהן אַרויספאָהרען, דערווייטערען זיך און פאַרשווינדען, האָט אַזוי שווער גענאַגט אין האַרצען.

עס איז געקומען דער אַרדער אַריבערציהען זיך.

יענעם אָבענד וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען. צוויי שטורעמס האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען. דער שטאַרקער ווינט האָט געוואָרפען פון די פיס און דער דריבנער רעגען וואָס איז צושאָטען געוואָרען אין אַ שטויב האָט נאָך גערדיכטער געמאַכט די פינסטערניש. און ווען מען האָט געעפענט די אויגען אויף אַ ווײַלע אַנטקעגען דעם שמייסענדען וואַסער־שטויב, האָט מען קיין זאַך ניט געזעהן: ניט אין הימעל און ניט אויף דער ערד. דער איינציגער מיטעל ווי אַזוי מען האָט געקענט געהן אין אַ באַשטימטען פלאַץ און ניט אַראָפּ פון וועג, איז דורך אַ גרינדליכער באַקאַנטשאַפט מיט׳ן אַרומיגען פלאַץ און דורך דעם צוהערען זיך צום פּלעשקען פון דער גערדיכטער בלאָטע אונטער די פיס. די וואָס האָבען געוואוסט דעם וועג זיינען געגאַנגען פאָראויס פון אַ קאָמפּאַני, אָדער אַ טראַנספּאָרט וועגען, וועלכע פלעגען ווערען פון צייט צו צייט איינגעזונקען אין דער קאַנאַווע ביים ברעג וועג. דאַן פלעגט זיך אָפּשטעלען דער גאַנצער צוג און אומזעהבאַרע פיגורען שלעפּען, שטופּען דעם וואָגען, פאַלען אין בלאָטע, הויבען זיך ווידער אויף, שלאָגען די פערד, וואָס אָטעמען שווער. די פערד ווערען אַזש דערוואָרגען מיט זייער שטאַרקען און שווערען אָטעמען, וואָס האַקט זיך אַזוי רחמנות׳דיג איבער, אַז עס ווילט זיך אַזש ווײַנען אויף די אָרימע אונשולדיגע באַשעפענישען. „שלאָגט ניט די פערד!“ שרייען אוים איינינגע שטימען, און וואַרפען זיך מיט אַלע כחות צו העלפען אַרויסשלעפען דעם וואָגען. „אָה, געה צום טייפעל!“ ענטפערט אימיצער צו די בעלי־רחמים, און עס דערהערען זיך שטאַרקע שמיץ, אַ קרעכצען און אַ טופּען פון די פערד און פון די מענשען. פון הינטען שרייט עפּעס אימיצער: עס זיינען אָנגעקומען נאָך און וועגען.

אָט, אָט קומט אָן די שטונדע. איצט ווייסען שוין אַלע, אַז זי איז נאָהענט, אַז עס בלייבען בלויז געצעהלטע מינוטען. די

לעצטע גרופּע פיגורען האָבען אין אַ גרעסערער איילעניש פאַרבייגעגליטשט זיך און ניט געוואָרען. גיהנום אָדער שטורם, זיי מוזען דאָרט זיין צו דער צייט. בלויז איינינגע פון אונזערע מענשען און וועגען זיינען נאָך ביי אַ קילאָמעטער פון דעם באַשטימטען פּלאַץ. אָבער דאַנקען גאָט, אַלע וועגען אַרויסגעשלעפּט, און זיי באַוועגען זיך פאָראויס. בלויז איינינגע הענגען זיך אָן אָן די וועגען, אָבער די מעהרסטע שטופּען זיי אונטער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מען האָט די אייגענע פּעקלעך צו שלעפּען; און מען שווייגט. בלויז דער אָנטרייבער נו׳קעט און שלאָגט די פערד. אָבער וואָס ווענינגער עס ווערען די געצעהלטע מינוטען, אַלץ מעהר פאַרגעסט מען אָן רחמנות און אָן דער גאַנצער וועלט. מען וואַרט מיט אָנשטרענגונג.

בום! — האָט זיך פון ערגעץ אַרויסגעריסען אַ שווערער קאַנאָנען־שאָס, אַזוי ווי אַ סיגנאַל. און אין איינינגע סעקונדען אַרום איז אַלץ אויפגעטרייסעלט געוואָרען אַזוי ווי גרייט אומצופאַלען. פון יעדען ווינקעל האָבען זיך דערזעהן אַזוי ווי פאַרשטיקטע פלעמעלעך, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען און אַ שפּרונג געטאָן אַהין דורך דער נאַסער גערינכטער פינסטערניש. די נעהענטערע קאַנאָנען האָבען פאַרטויבט מיט די אָפּטע, איינער נאָכ׳ן צווייטען נאָכפאָלגענדע אויפרייסען. און אין דער גאַנצער ברייט און לענג פון דער געגענד האָבען אַזוי ווי הונדערטער פויקען געקלאַפּט מיט אַ פיבערהאַפטער שנעלקייט, מיט אָן עהנליכקייט צו די קלאַנגען, וואָס ווערען געמאַכט פון הונדערטער פוסטע וועגען, וואָס ווערען ווילד־שנעל געטראָגען איבער מיט ווילדע שטיינער ברוקירטע גאַסען. און אָט דאָס פויקען מיט׳ן קלאַפּען האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין אונאויפהערליכען ווילדען פאַרטויבענדען הוזשען, וואָס איז דורכגעשניטען געוואָרען פון דעם „ווהיזזזז“, פון די „שעלס“, וואָס זיינען הויפענווייז געפלויגען איבער אונזערע קעפּ.

מיר האָבען זיך אַזוי ווי צוזאַמענגעקאָרטשעט. ניין, מיר האָבען זיך ניט דערשראָקען. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר זיינען געוועזען דורכגעווייקט ביז די ביינער, האָבען מיר דאָך אָן דעם פאַרגעסען. די מוסקולען פון די הענט און פיס, פון דעם גאַנצען קערפּער, זיינען אַזוי ווי פאַרשטייפט געוואָרען; אַזוי ווי עטוואָס האָט זיי פאַנאַנדערגעצויגען. און מיט יעדער שעל, אָדער שראַפּנעל, וואָס האָבען אַזוי ווי פונקען אויפגעפלאַמט און

פאַרשוואונדען מיט אַ קראַך אַלץ נעהנטער און אָפטער, זיינען די מוסקולען פון קערפּער אַלץ שטייפער געוואָרען, און עס האָט זיך געדראַכט, אַז מיר געהען צו לאַנגזאַם, אַז מיר גליטשען זיך אויס צו אָפט, אַז דער באַרג אויף וועלכען מיר ציהען זיך אַרויף, איז צו הויך, און מיר וועלען דעריאָגט ווערען פון די עקספּלאָדירענדע שטערען, וואָס קומען צו אַלץ נעהנטער. אָט איז איין שעל אַריבערגעפלויגען איבער אונזערע קעפּ און איז אויפגעריסען געוואָרען צו רעכטס פון אונז. עס איז שוין גאָרניט קיין פונק; עס איז אַ ריעזיגער קנויל שטאָל, וואָס האָט אַרויפגעשליידערט מאַסען ערד און בלאָטע; און ביים שיין פון דעם מאָמענטאַלען ליכט האָב איך דערזעהן, אַז קיינער הענגט שוין ניט מעהר אויפ׳ן טירעל פון וואָגען, נאָר אַלע שטופּען איהם מיט זייערע גאַנצע כחות.

„האַלט!“ — אימיצער איז צו אונז צוגעקומען פון דער זייט וועג, האָט אַ וואונק געטאָן מיט אַ „פּלעשלאַיט“. מיר זיינען אָנגעקומען. שנעל האָבען מיר צושטעלט די וועגען מיט די פערד אין זייערע עטוואָס באַשיצטע און פאַרשטעלטע פּלעצער און מיר זיינען אַריין אין אונזערע „דאָג־האוסעס“ (דאָג אָוטס). אימיצער האָט אָנגעצונדען אַ ליכטעל. אינסטינקטייו האָבען מיר אַלע אַ קוק געטאָן אויף די ווענט פון אונזער שוץ־פּלאַץ און זיינען געבליבען צופרידען פון זיי. דער צוקנייטשטער מיט צעמענט פאַרגאָסענער אייזערנער דאַך און די ווענט, וואָס האָבען אויסגעזעהן אַזוי ווי אַ ריעזיגע האַלבע רעהר, האָט אונז דאַן אויסגעקוקט פיעל ליעבער, ווי די שעהנסטע מאַרמאָרנע ווענט. אַ פּאָר אַלטע פיער־פיסיגע איינוואוינער האָבען זיך דערשראָקען פאַר אונזער פּלוצלינגען אַריינקומען, אָבער ווער וויל עס זיי שלעכטס טאָן?

מיר האָבען זיך צוזעצט אויף אונזערע פּעקלעך ביים שיין פון דעם איינציגען ליכטעל און זיך צוגעהערט צום גיהנום, וואָס האָט מיט אַלץ אַ גרעסערער קראַפט געבושעוועט איבער אונזערע קעפּ און ווייט אַרום, אַריינשיקענדיג אָפטע בליצען דורך דעם אַריינגאַנג צו אונזער „דאָג־אָוט“. עס איז געווען שווער צו אונטערשיידען, צי דאָס איז דער אויפרייס פון אונזערע קאַנאָנען, אָדער פון דעם „באָש׳ס“ שעלס און שראַפּנעלען.

ביסלעכווייז האָט אונזער פיבער, וואָס האָט דורכגעטרייסעלט יעדענס גלידער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מען האָט זיך

געפּרובט מיט אַלע כּחות צוריקהאַלטען, אַזוי ווי נאָכגעלאָזען. איי־ניגע פון אונז האָבען שוין געוואַגט אַרויסצוגעהן און צוקוקען זיך צום טייפעלים טאַנץ. און אינוועניג, ביים שיין פון דעם איינ־ציגען ליכטעל, האָבען מיר דערזעהן, אַז מיט אונז איז געווען דער פראַנצויזישער איבערזעצער, און מיר האָבען איהם אויף די העכ־סטע טענער פון אונזער שטימע אַרומגעשאָטען מיט פראַגען.

— „וואָס דענקט איך וועגען דער „דאָג־אָוט“? עס איז גוט געגנוג צו באַשיצען אונז געגען די „פלעשלאַיטס!“ — האָט ער זיך געוויצעלט.

און ער האָט אונז דערצעהלט, אַז ער איז שוין אַמאָל געלעגען אין אַזא „דאָג־אָוט“ אַזוי פאַרשאָטען, דאָס ער האָט בלויז דעם קאָפּ געקאָנט עטוואָס אַ קעהר טאָן; און נאָך עהנליכע אינצי־דענטען. אונטער דעם פּאַרטויבענדען ברומען און קראַכען פון דרויסען, האָבען מיר אַלץ געגלויבט, און האָבען איהם אַלץ מעהר און מעהר באַוואונדערט, כמעט פאַרגעטערט, און האָבען צוליעב איהם אָנגעהויבען צו פיהלען טיילווייז, אַז מיר אַליין זיינען שטיק־לעך העלדען.

ווען ער איז אַביסעל מיעד געוואָרען דערצעהלענדיג זיינע ערפאַהרונגען און אַלע זיינען אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבען, האָט איינער מיט אַמאָל פון דעם ווייטסטען ווינקעל אויסגעשריען צו מיר:

„העי, קאָהען! דאָס פּאַסט מען זיך פאַר אייך, דזשוס, צוריק־צוגעבען אייך פּאַלעסטינאַ!

איך האָב נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו ענטפערען, ווען דער פראַנצויזישער איבערזעצער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פּלאַץ, איז צוגעלאָפען צו מיר מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און האָט הויך אויסגעשריען:

„אַ איד? אַ איד?!“

„יאָ, אַ איד, און נאָך פון קישינעוו אַליין!“ האָב איך גע־ענטפערט.

ווי אַזוי עס קומט אַ רוסישער איד אין דער פראַנצויזישער אַרמעע און אַלס אַן איבערזעצער ביי די אַמעריקאַנער, — איז גאָר־ניט אַזא וואונדערליכע פּאַסירונג אין אונזערע צייטען.

דערווייל איז מיר געוואָרען פיעל היימליכער, און איך האָב זיך צוגעמאַסטשעט נעבען איהם און מיר האָבען אַ לאַנגע צייט

גערעדט וועגען פארשידענעס, און הויפטזעכליך וועגען דעם קריעג, און איך האב איהם דערצעהלט וועגען אונזערע לעגיאנערען, וועגען אונזער פאלק און וועגען אונזער ווידער־אויפלעבען אין אונזער לאנד. און מיר וואלט גארניט געארט פאר די שעלס און שראפּ־נעלען, וואס האבען געפּלאצט איבער אונזערע קעפּ, ווען ניט דער געדאנק, אז צו יעדער צייט קאן אריינקומען דער סארדזשענט און איינלאדען מיך ארויסצופאהרען, אדער אריבערגעהן מיט א „מע־סעדזש" אין דעם העכערען אפיס, אדער צו די באטערייען פאר היבשע עטליכע קילאמעטערס.

דעם קומענדען פריהמארגען האט מען אונז געבראכט פאר־גרעסערטע זאפּאסען צום עסען און אויך אייניגע בריעף, צווישען וועלכע איינער איז געווען פון מיין חבר אדעס, וועלכער האט זיך דאן געפונען אין די ליניעס ארום נאראי, וועלכע מען האט זיך געקליבען אבצונעהמען פון די דייטשען.

אין דעם בריעף האט אדעס אריינגעלעגט אייניגע בלומען, וועלכע ער האט אויפגעקליבען אויסווארטענדיג פאר א נאכט־אטאקע, און עס האט מיך דאן אזוי געפרעהט צו לעזען אדעס׳עס מוטיגען בריעף, וועל־כען איך גיב דא איבער.

ערגעץ אין פראנקרייך, 26טער יולי, 1918.

טייערער חבר כהן : —

איך פיהל זיך זעהר גוט. נעכטען פריה זיינען מיר געקומען פון די טרענטשעס. דאס איז שוין דאס צווייטע מאל און איך לעב נאך דאנקען גאט. איך בין געווען ניט נאר אין די טרענ־טשעס, נאר אויך אין פּאטרול, און אונזער ארבייט איז געווען צו מאכען א באזוך אין די טרענטשעס פון וועלט־שונא און איהם דארט אויפזוכען. ליידער אבער האבען מיר קיין אקטיוועז קאמף ניט דורכגעמאכט אין די אלע 7 טעג, וואס מיר האבען זיך גע־פונען אין פראנט ליין. אלע נעכט פלעגען מיר געהן אויף פאטרול. ווי עס ווייזט אויס, שרעקען זיי זיך פאר אונז און זיי באהאלטען זיך ווי מייז פאר א קאץ. זיי לאכען שוין ניט מעהר פון דעם אמעריקאנער סאלדאט; זיי וויינען שוין, ניט זיי לאכען. מיר

וועלן זיי נאָך קריגן. אויב ניט דאָס מאָל, וועט עס זיין אַ צווייטן מאָל. אויב זיי האָבן מורא צו אונז צו קומען, וועלן מיר גיין צו זיי און זיי לאָזן שמעקן אונזער פּולווער.

די גאַנצע וואָך איז געווען שטיל, אויסער איין נאַכט. מיר האָבן געהאַט אַ אָרדער זייערע דראָטן איבערצושניידן און זען ברענגען אַ געפאַנגענעם מיט זיך. ליידער אָבער האָט עס זיך אונז ניט איינגעגעבן, ווייל זייערע דראָטן זיינען פיל דיקער פון אונזערע. זיי האָבן דערהערט נאָך איידער מיר האָבן אונזער אַרבייט אָפּגעטאָן. פייער מאַשין־ביקסן האָבן געעפענט זייערע מיילער אויף אונז. ס׳האָט זיך זיי אָבער אויך ניט איינגעגעבן. מיר זיינען אַלע געקומען צוריק געזונט און פריילעך.

ווייטער גייט דאָס לעבן ווי געוויינלעך. מיר פּלעגן אָפּהיטן די נעכט און שלאָפן בייטאָג, נאָר איך קאָן זיך ניט באַקלאָגן. מיר פילן זיך אַלע זייער גוט. איצט געפינען מיר זיך שוין אַביסל ווייטער פון די ליינס. מיר רוען זיך אָפּ.

מיך פרייט זייער די ידיעה וועגן דער זאַמלונג פאַר די ציון־לעגיאָנערן. איך האָב שוין לאַנג געדענקט וועגן דעם. נאָר ליידער האָב איך גאָר ניט געקאָנט טאָן, ווייל יעדע וואָך געפינען מיר זיך אויף אַ אַנדער פּלאַץ. און איך האָב נאָך ניט געהאַט די מעגליכקייט צו זען די חברים פון מיין רעגימענט. דו געפינסט זיך לענגער אויף איין פּלאַץ ווי איך, טאָ טו דו שוין פאַר מיר אויך און איך וועל גערן אַלע מאָל מיין חלק שיקן.

דו שרייבסט מיר איך זאָל טרייסטן די וואָס נויטיגן זיך אין דעם. אונזערע סאָלדאַטן, דאַנקען גאָט, באַנויטיגן זיך ניט אין דעם. זיי זיינען פריילעך און מוטיג און זאָרגן זיך וועגן קיין זאַך ניט. און מיר האָפן, אַז גאָר אין גיכן וועלן מיר זיך אַלע טרעפן אין די סטייטס אַלס זיעגרייכע.

פאַרבלייב געזונט און לאָמיר האָפן, אַז אונזער חלום וועט פאַרווירקליכט ווערן און מיר וועלן נאָך דערלעבן צו זען די ארץ־ישראל בערג. איך שיק דיר דאָ איינינגע בלומען פון „קיין מאַנ׳ס לאַנד“.

דיין אייביגער חבר,

ש. אַ ד ע ס.

אין דערפעל נאָכ'ן זיעג

עס זיינען ווידער פאַרבייגעגאַנגען אייניגע טעג פון שווערע קאַמפען. מיר האָבען בלויז פון דער ווייטען געהערט דעם שווערען קראַכען פון דער שיסעריי, אָבער אונזער אינפאַנטעריע האָט שוין היבש געליטען.

מיר האָבען געזיעגט! נאַראַי איז איינגענומען געוואָרען! דאָס האָב איך דערפיהלט ווען איך האָב דערזעהן די אויסגעמאַטערטע בלאָטיגע אינפאַנטעריע סאָלדאַטען צוריקקומען פון די ליניעס און אריינמאַרשירען אין דערפעל.

די סאַרדזשענטס האָבען אין נידעריגע שטימען אויסגערופען די נעמען און גלייך זיינען זיי זיך צוגאַנגען אין זייערע בילעטס און נאָכדעם צו די קיכען נאָך דעם וואַרימען עסען. עס האָט זיך אָבער געמערקט דער פרייערער געמיט, די כמעט יום־טובדיגע שטימונג פון די איינוואוינער און סאָלדאַטען, וואָס האָבען אין גרעסערע צאָהלען זיך פאַרזאַמעלט אין די גאַסען. דאָס גאַנצע דערפעל האָט אַזוי ווי פרייער אָפגעאָטעמט, ווייל די דייטשען, וואָס האָבען ערשט מיט אייניגע טעג צוריק געהאַמערט אפילו מיט זייערע לייכטע קאַנאָנען זיינען אָפגעשטויסען געוואָרען אין דעם פונקט אַזוי ווייט, אַז זיי קאָנען שוין מעהר דאָס דערפעל ניט דערגרייכען, און זיי לויפען נאָך אַלץ ווייטער. מיר לעזען וועגען אונזערע לעצטע געווינסען אין די געשריבענע ביולעטינס, וואָס ווערען יעדע אייניגע שטונדען ארויסגעהאַנגען נעבען דעם „קאַנטין“. מיר לייענען, אַז מיר האָבען פאַרנומען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל ערד, קאַנאָנען און געפאַנגענע. מען לעזט די נייעס און מען פאַרבייסט געשמאַק מיט שאָקאָלאַד, ביסקוויטס און גוטע סיגאַרעטלעך, וואָס זיינען גראַד אָנגעקומען אין אַ גרויסער צאָהל, און וועלכע מען האָט, צוליעב דער געהויבענער שטימונג, פאַרקויפט וויפיעל מען האָט נאָר אַליין געוואָלט.

איבערגעלעזען די פרעהליכע נייעס, פאַרביסען מיט שאָקאָלאַד און מיט אַ סיגאַרעטעל, מיט וועלכע מען איז, אגב, מכבד די אייניגע פראַנצויזישע סאָלדאַטען און קינדער, פאַרזאַמעלט מען זיך אין רעדלעך אין מיטען גאַס און איינער דעם צווייטען דערצעהלט

ווענן די איבערלעבונגען און ערפאהרונגען פון דעם גרויסען, ערשט־איבערלעבטען קאמף, און די „דאָה־באָיס" (אינפאנטעריע) ציינען זייערע סאָוועניררס: א וואסער־פלעשעל, מעסערעל, זייגערעל און עהנליכע ארטיקלען, וואס זיי האָבען אויפגעקליבען און ארונטערגענומען פון די גע'הרג'עטע און. געפאנגענע דייטשען, און יעדער ארטיקעלע ווערט באטראכט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט; אָבער מיט נאָך מעהר נייגיעריגקייט ווערען אויסגעהערט די געשיכטעלעך, וואס ווערען דערצעהלט וועגען דעם, ווי אזוי מען האט זיי באקומען.

צו איין רעדעל צוהערער בין איך אויך צוגעשטאנען און האב דערזעהן אין די הענט פון א געזונטען „דאָה־באָי" א קורצען דייטשען פיסטאָל.

דער סאָלדאט האט דערצעהלט:

— ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין דער פראָנט־ליין טרענטשעס איז ערשט די נאכט צוגעפאלען, אָבער איך האב וועגען שלאָפען פאר קיין מינוט ניט געטראכט, כאָטש איך בין געווען אין א סופּאָרט „דאָג־אוט". מיר האָבען געוואוסט, וואס דאָ וועט באלד פּאַרקומען. און ווען אונזער ארטילעריע האט אנגעהויבען צו האמערען דעם גרויסען בארזש, איז איבער מיין לייב דורכגעגאנגען א פרעסטעל... אָבער עס קומט ניט צו דעם, וואס איך האב איבערגעלעבט אין די לעצטע מינוטען, ווען מען האט געדארפט געהן „אָווער דהי טאָפּ". אמת, מיר האָבען טאקע געזעהן די אָנגעשטרענגטע ארבייט פון אונזער ארטילעריע, וואס האט געהאמערט פאר שטונדען נאָכאנאנד; און וואס ליכטיגער עס איז געווארען דער הימעל פון עקספּלאָדירענדע שעלס און ראקעטען איבער די דייטשע טרענטשעס, אלץ מעהר האָפנונג האב איך געזעהן פאר זיך, אז מיין פעל וועט בלייבען גאנץ. אָבער ווען מיר זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען אין דער לעצטער „פּאַרמיישאָן", האָבען מיינע צייהנער אנגעהויבען אויסצוקלאפּען „מאי קאָונטרי דהיס אָף דהי", און ווען איך בין שוין געווען ביים ווענטעל פון דעם טרענטש, וועלכען איך האב געדארפט אריבערקריכען און ארויסגעהן פון דעם שוץ אין גיהנום אריין, האב איך זיך דערפיהלט אזוי שווער, אז מיר האט זיך געדאכט, אז איך וועל קיינמאָל ניט קאָנען אריבערקריכען אָהן אימיצענ'ס הילף.

„ווענען וואָס האָט איהר געקלעהרט אין דעם לעצטען מאָמענט פאַר'ן אַרויסגעהן ?" — האָב איך איהם געפרעגט.

„צו זאָגען דיר דעם אמת", האָט ער געענטפערט, „האָב איך ווענען קיין באַשטימטעס ניט געקלעהרט. יאָ, מיט איינינע מי־נוטען צוריק האָבען פאַר מיינע אויגען אַזוי ווי פאַרבייגעשוועבט מיין גאַס, מיין הויז, וואו איך וואוין אין די סטייטס", די געזיכטער פון מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער; אפילו ווענען מיין באָס און די אַרבייטער, מיט וועמען איך בין געווען אין איין שאָפּ, האָב איך זיך דערמאָנט".

„יעדער איינער פון אונז" האָט ער ווייטער דערצעהלט, „האָט אַרויסגענומען אָט דאָס בילדעל, אָדער אַ צלם, און האָט געקניעט און געבעטען צו גאָט. אָבער — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט — איך האָב זיך ניט געמאַכט נאַריש אַזוי ווי איינער, וואָס איז געשטאַ־נען נעבען מיר. יענער האָט געציטערט מיט זיין גאַנצען קערפּער, האָט געוויינט און געקניעט די מערהסטע צייט פון דעם אָבענד. אַ, יאָ, איך האָב געבעטען גאָט; אָבער אַרויסגעקוקט האָב איך, אַז אונזער אַרטילעריע זאָל וואָס מעהר פייערן אויף זיי. ווען אָבער מיר זיינען שוין אַרויסגעקראָכען פון דעם טרענטש און האָ־בען דערזעהן, אַז דאָס גאַנצע פעלד איז העל באַלויכטען און די שעלס, שנאַפּרעלען און ראַקעטען זיינען געפלויגען ווי אַן אונאויפהערליכער האָגעל פון פייער און שטאָל האָב איך אַן אַלץ פאַרגעסען. דאָס איינציגע, וואָס האָט אַרומגענומען מיין גאַנץ וועזען, איז געווען אַ ברענענדער פאַרלאַנג, וואָס שנעלער, וואָס נעהענטער צוקומען צו די דייטשע ליניעס און פאַרטיג ווערען מיט זיי. און ווי נאָר עס פלעגט קומען דער סיגנאַל, אַז אונזער באַראַזש איז אויפגעהויבען געוואָרען אַביסעל ווייטער, און מיר האָבען זיך געקאָנט דערנעהנטערען נאָך איינינע יאַרד, פלעג איך פיהלען עט־וואָס ערלייכטערט, און ווידער דורכלויפען און ווידער אַנידערפאַ־לען ביז דעם נעקסטען סיגנאַל.

— ווען מיר זיינען צוגעקומען גאָר נאָהענט צו די ערשטע דייטשע טראַנשעען, האָבען מיר, צווישען דעם געוואַלדיגען ליאַרעם, דערהערט פייערען די מאַשין־ביקסען. אָבער דאָ האָט זיך אונזער באַראַזש אַריבערגעטראָגען איבער די ערשטע דייטשע טראַנשעען; און מיר האָבען זיך מיט אַ ווילדען געשריי אַהין אַריינגעוואָרפען.

איך האָב גלייך באַמערקט, אַז די דייטשען זיינען צוטומעלט און צושראָקען, אָבער איך האָב זיי קיין פיעל צייט ניט געגעבען אויף צו באַטראַכטען זיך און האָב אין איינעם אַריינגעשטאָכען מיין באַיאָנעט. איך האָב ניט געקאָנט הערען, אויב ער האָט עטוואָס אויסגעשריען, אָדער ניט; אָבער זיין מויל און זיינע אויגען האָבען זיך אַזוי ברייט פונאַנדערגעעפענט, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אויפגעשניטען געוואָרען, אַז אָט אָט וועט מיין באַיאָנעט אַרויסקריכען פון זיין מויל. זיינע הענט האָבען אָנגעפאַנגען זיך אַ וואָרף געטאָן אַרויף־צו און זיינען באַלד צוריק אַראָפּגעפאַלען, האָבען אָנגעכאַפּט מיין ביקס, ווי, ער וואָלט זיך וועלען אָנהאַלטען אָן איהר. אום לויז צו מאַכען מיין באַיאָנעט פון זיין קערפּער, האָב איך אויסגעשאָסען. דאָס ווירקט אַם בעסטען אין אַזאַ פאַל. איך האָב נאָר־וואָס געוואָלט געהן ווייטער, ווען איך האָב באַמערקט דעם פּיסטאָל נעבען איהם, און האָב איהם צוגענומען אַלס אָנדענקונג פון דעם ערשטען דייטש, וואָס איך האָב ערמאָרדעט.

„וויפיעל ווילסטו פאַר דעם פּיסטאָל?“ האָב איך איהם געפרעגט.

„וויפיעל איך וויל?“ האָט ער שטאָלץ איבערגעפרעגט נאָך אַ ווײַלע נאָכדענקען, „מיט טויזענד פראַנק קענסטו איהם אָפּקויפען“.

„עט, נאַרישקייטען!“ האָט זיך אימיצער אָפּגערופען. „אין אַ ווײַלע אַרום וועלען מיר האָבען בערג פון אַזעלכע סאָווענירס.

יאַ, אין דעם צווייפעל איך ניט. אָבער איך מוז מודה זיין, אַז איך בין נאָך ניט סאָלדאַט גענוג אום צו פאַרזעהען די שרעקליכע טראַגעדיע, וואָס ליעגט הינטער די סאָווענירס, — אָט די שרעקליך אויסגעשטאַרטשטע אויגען. די הענט, וואָס כאַפּען זיך אָן אָן דעם ביקס, וועלכער האָט איהם ערשט דורכגעשטאָכען. אַזוי ווי ער וואָלט אין איהר געזעהן זיין לעצטע רעטונג. עס פרעהען מיך ניט די סאָוועניר, ווען אפילו זיי קומען פון די מיט רעכט באַשולדיגטע און פאַראורטיילטע דייטשען; און ווען איך האָב פון איין סאָלדאַט אָפּגעקויפט אַ בלעכעל פון אַ דייטשען „בעלט“, איז עס בלויז אין דעם ערשטען מאָמענט געוועזן אַ געגענשטאַנד פאַר מיין נייגעריגקייט; וואָס ווייטער, אַלץ מעהר ברענט עס מיך, און די פראַגע, צי וואָלט ניט מעגליך געוועזן דערוועקען אין

יעדען מענשען אַן עקעל פֿאַר אַזעלכע סאָוועניִרס, עגבערט מיין מח און עסט זיך איין אַלץ טיעפֿער אין מיין נשמה.

אוועקגעטריבען די דייטשען, האָט זיך דער בענד פֿון דער אינפאַנטעריע ווידער פֿאַרזאַמעלט אויף זיין אַלטען פּלאַץ, אויף דער זאַגענאַנטער „פּלאַזאַ״ פֿון דעם דערפֿעל, און מיר האָבען איהם גלייך אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זייטען. דער כריפּען און סאָפּען פֿון די אינסטרומענטען, וואָס האָבען זיך געמאַטערט אַרויסצו־ברענגען אייניגע שטיקער פֿון דער בעסערער מוזיק, איז אונז אין דעם מאָמענט געווען נאָך אַנגענעהמער, ווי געוועהנליך; און דעם אָבענד האָט דער אָרקעסטער אויסגעקליבען דורכאויס ערנסטע און פּאַטעטישע שטיקער.

יעדער סאָלדאַט פֿון דעם רעגימענט אין דערפֿעל האָט געקאָנט די געזיכטער פֿון יעדען פֿון די מוזיקאַנטען. יעדער האָט צו זיי געפֿיהלט אַכטונג, ווייל זיי העלפֿען דאָך אַזוי פֿיעל דורך זייער שפּיעלען, צו פֿאַרגעסען זיך און צושטרייען די געדאַנקען, און דאַ־רום טאַקע האָט מען גלייך באַמערקט, אַז אַ פּאָר פֿון זיי פֿעהלען. צוויי אינסטרומענטען זיינען שטיל געבליבען...

חברה לאַכען, זיינען צופֿרידען, וואָס „בעק״ איז דאָ; אָבער מען וואַרט שוין ניט מיט אַזאַ נייגעריגקייט אויף זיינע ווייטער־דיגע וויצען און מינעס. מען הערט זיך צו צו דער מיוזיק. מען שלעפּט נאָך אַרויס פֿון קעשענע צו שטיקלעך שאָקאָלאַד, און דער בענד פּרובירט אַריינוואַרפֿען אייניגע לוסטיגע „קעטשי״ ליעדלעך. אָבער דאָס קאָן דאָך ניט פֿאַרטומלען די געדאַנקען, וואָס דריקען דעם מח און וואָס שטעמפּלען זיך אָפּ אַזוי דייטליך אויף די גע־זיכטער. דעם שרעק, וועלכען מען האָט דורכגעלעבט פֿאַר אייניגע טעג, און וועלכער איז נאָך ווייט, ווייט ניט צו ענדע, און די געזיכ־טער פֿון די, מיט וועלכע מען האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געלעבט, געקעמפּט און אָפֿט אַזוי גוט באַפֿריינדעט זיך, וואָס פֿעהלען אָבער איצט, — זיי לאָזען ניט רוהען. ניט פֿון איינעם האָב איך געהערט די ווי מיט פֿאַרוואונדערונג־געמאַכטע באַמערקונג: עס גלויבט זיך ניט, אַז דזשאָהן, אַז דיק, אַז דזשייקאָב, זיינען שוין מעהר ניט מיט אונז, אַז זיי זיינען „פֿאַרזייהט״ געוואָרען דאָ אין פֿראַנקרייך! און מען פֿאַרענדיגט מיט דעם אַלטען: „אָה, גאָט־פֿאַרדאַמטער „באָש״! מיר וועלען דיך שוין אָנלערנען!״...

ראש השנה

ווען ראש השנה איז געקומען האָבען מיר געקראָגען ערלויבנים צוזאַמענצוקלייבען זיך אויף איינִיגע פּונקטען. פון מיין רעגימענט און פון דעם 325־טער אינפאַנטעריע איז מען געגאַנגען צו אַ דער־פעל מיט'ן נאָמען „לואיזא". דאָרט האָבען מיר זיך אין אַן אַלטער שטאַל פאַרזאַמעלט, צוזאַמענגעשלעפּט איינִיגע קעסטלעך און ברעטער, פון וועלכע מיר האָבען געמאַכט בענקלעך. אַנשטאָט אַן „אָרון קודש" האָבען מיר אין ווינקעל שטאַל אַ גרעסערען קאַסטען אַוועקגעשטעלט, אַריבערגעדעקט עס מיט אַ „סאָלדאַטסקע" געלער קאָלדרע און אויף אַ פּאָר שטיינער אַנגעקלעפּט צוויי ליכטעלעך — פון וואַנען האָבען מיר גענומען די ליכטעלעך? — אַ אידישער סאָלדאַט האָט פון דעם ערגעץ אין זיין טרענטש געטראַכט, זיי געקראָגען און עס אהער געבראַכט.

מחזורים האָבען אויסגעפעהלט. האָבען איינִיגע מיט זיך גע־האַט סדורים׳לעך, און אַלע האָבען דאָרטען גענישטערט, פּילייכט אַ ראש־השנה׳דיגע תפילה געפינען.

עס ווערט פינסטער, און איינִיגע חברים האָבען געזאָגט, אַז מיר מוזען די צובראָכענע וואַנט פאַרהענגען, אונזערע ליכטעלעך זאָלען זיך ניט אַרויסזעהן צו די פיינדליכע עראָפּלאַנען, אַ ווײַלע האָט מען זיך געאַמפּערט, אָבער כ׳האָב באַמערקט, אַז דער אידי־שער אָפיציר און די סאַרדזשענטס האָבען זיך גראָדע ניט אַריינ־געמישט, עפּעס האָבען זיי זיך געוואָלט אַזוי ווי באַהאַלטען מיט זייער מיליטערישער אויטאָריטעט...

מען האָט אָנגעהויבען פאַרהענגען די אָפענע וואַנט. די בוי־מעלאַך דרויסען מיט'ן גלימער פון דער אונטערגעהענדער זון זיי־נען אָפּגעשניטען געוואָרען. עס האָט פאַרדראָסען. עס פּאַסען אַריין צום אומעט וואָס דריקט אויפ׳ן האַרצען די דרויסענדיגע, הויל־ווערענדע צווייגעלעך, די אָראָפּגעפאַלענע פאַרוועלקטע בלע־טער און דער טונקעל־רויט פון דעם האָריזאָנט, וואו די זון איז אַוועקגעגאַנגען, — זאָל אַלץ ווײַנען, ווײַנען מיט׳ן בלוט פּונ׳ם

הארצעו פון די געפלאגטע מענשעו, פון די אידעו אין מלחמה...

טשאפלין טאנענבוים איז געקומען. פאר׳ן דאווענען האט ער אלעמענס נעמען פארשריבען, וועט שיקען א „לשנה טובה" צו יע־דענס היים פון די אנוועזענדע. נאכדעם האט מען די ליכטעלעך אנגעצונדען און גענומען זיך צום דאווגען. דער טשאפליין זאגט פאר — מיר נאך איהם, ווארט ביי ווארט, יעדעס ווארט ווערט איינגעוויקט ביי איינעם אין א באהאלטענער, ביי א צווייטען אן אפענע טרעהר, וועלכע ציטערט־אפ ווי א דימענט אויפ׳ן ליכט פון די גלימערענדע און ציטערענדע ליכטעלעך.

„און איצט וועלען מיר זאגען קדיש נאך די געפאלענע חברים."

אויף א מאמענט זיינען אלע פארשטיינערט געווארען. טא־נענבוים האט אנגעפאנגען:

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא..."

ווי א שווערער איינהייטליכער קרעכץ האבען די צעהנדליגע ציטערענדע שטימען נאכגעזאגט:

— יתגדל ויתקדש..

אין דער פינסטערניש פון דער שטאל, וואו די מענשען אין פולען באוואפנונג זיינען געווען ווי קוים מערקבארע שאטענס, פון וועלכע בלויז די בלייכקייט פון די געזיכטער האבען זיך ארויסגע־זעהן, האט זיך געדאכט, אז דאס זאגען קדיש מארגענדיגע, אדער נאך היינטיגע מתים.

דער טשאפליין איז אוועקגעפאהרען. מיר האבען געהאט נאך א האלבע שטונדע צו פארברענגען צוזאמען, און שוין דרויסען, אין דער פינסטער האבען מיר זיך צוזאמענגערעדט צו טהאן עפעס א שעהנע הארציגע אקציע פאר אונזער פאלק. געבליבען זיינען מיר ביי דעם פלאן צו אויפבויען א טעמפעל פאר דער אידישער מוזיק אין ארץ־ישראל, אין נאמען פון די אידישע סאלדאטען וואס קעמפען אויף די שלאכט־פעלדער פון פראנקרייך און גלייך געגע־בען אונזער געלט פאר דעם.

מאַמע, טו מיר אָן מײנע שיך

מײן האַרץ האָט אין מיר געוויינט ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט שניצער׳ן. אַ שווערער פאַרגעפיהל האָט מיך פאַרפאָלגט דעם גאַנצען איינזאַמען וועג ביז „לאַנדרימאָנט“, ביז מײן „בילעט“, און דאָס מאָל האָט מיך מײן פאַרגעפיהל ניט אָפּגענאַרט.

נאָך דער רייהע שווערע טעג איז יום כפור געקומען. מיר האָבען זיך שוין מעהר ניט פאַרזאַמעלט. פיעלע האָבען אפילו ניט געוואוסט, אַז דער הייליגער טאָג איז דאָ. די לעצטע טעג פאַר יום־כפור איז טאָג ווי נאַכט אַ קאַלטער רעגען געגאַנגען, אַזוי ווי הימעל און ערד וואָלטען ביטער געוויינט מיט די טויזענדער פאַראורטיילטע, פאַרשאָלטענע מענשען.

נאַכט און רעגען — ווי שרעקליך זיי זיינען. די טעג באַמערקען זיך ניט אַזוי שטאַרק. אין די טעג ווילט זיך אַמאָל שלאָפען — שלאָפט מען טאַקע צו ביסלעך. קומט אוים צו קעמפפען אינ׳ם טאָג־ליכט, איז עס ניט אַזוי שרעקליך ווי ביינאַכט; אין דער פינסטער איז אַזוי דריקענד ווען מען ליעגט אליין מיט די אייגענע געדאַנקען, וועלכע ווערען צוזאַמענגעפלאָכטען מיט דעם געזאַנג פון טויט. מיט אַט דעם אומאויפהערליכען, נאָגענדען „סיפען“ פון די טויטליכע קוילען, וואָס באַגעגנען און צושיידען זיך אין די פינסטערע הימלען, איינע יאָמערענדיג ווי אַ שווערער הערבסט־ווינד, אַ צווייטע וויינענדיג ווי אַ פאַרלאָזען, עלענד קינד.

אָט די טויטען־מיוזיק בייסט און רייסט דעם שלאָף, טרייבט איהם ווידער און אָבער אוועק פון די צום טויט־פאַרמוטשעטע מענשען, וועלכע בלייבען הענגען ווי איבער אַ תהום צווישען דעם אָנגעיאָגטען אומעט און שרעק פון איין זייט און דעם נאָגענדען דראַנג כאָטש אויף אַ מינוט די ביינער אויסגלייכען, אויסרוהען, אָנוואַרימען.

טיעף איינגעוויקעלט אין די מאַנטלען טוליעט מען זיך צו דער ערד אין אַ גאַרען צו דערוואַרימען זי מיט דער וואַרימקייט פון דעם אייגענעם קערפּער, אום איהר פייכטקייט און קעלט זאָל

עטוואָס מילדער ווערען. צו צוויי, צו דריי סאָלדאַטען קריכען צוזאַמען, שפּאַרען זיך איינער צום צווייטען וואָס נעהענטער, און אין אַזעלכע מאָמענטען שטייגען אויף זייערע הערצער אין אַ דאַנקבאַרקייט און אויפריכטיגען ברידערליכען רחמנות איינער אויף דעם אנדערען, מען בייט זיך אום מיט פּאַרלאַנגען, באַמער־קונגען, קרעכצען.

„ברודער, איך בין הונגעריג!“ — זאָגט איינער.

„מיר דאַכט, אַז איך האָב נאָך אַ שטיקעל ברויט!“ — זוכט אַ צווייטער.

„לאָמיר פּאַררויכערען. איך האָב טאַבאַק“.

„גיב אַהער“.

„ווען וועט שוין נעהמען אַ סוף?“

„דער דייטש איז נאָך שטאַרק“.

אויבען זינגט, אונטען קראַכט דער טויט און די ברידערליכע קערפּערס אין די ערד־גריבער רוקען זיך צוזאַמען אַלץ נעהענטער, טוליען זיך צו דער ערד.

* * *

שניצער איז יום כפור נאַכט געווען מיט זיין מעדיצינישער אַפּטיילונג, וועלכער האָט פאַרנומען אַ גרויסען, טיעפען קעלער. מען האָט געוואוסט, אַז עס קומט אַן אַטאַקע און דערפאַר יאָמע־רען די קוילען אַפּטער און בייזער. אויף די פּנים׳ער פון די וואָס אין קעלער האָט זיך איינגעקריצט דער פּאַרלאַנג ניט אַרויסגעהן אין דרויסען. בלויז שניצער׳ס פּנים איז געווען אַזוי רוהיג, פאַר־טראַכט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער עפענונג פון קעלער, געקוקט פּאָר איינִיגע מינוטען אין דער געדיכטער פינסטערנים און זאָ־גענדיג צו זיינע חברים: „איך געה צו קאָמפּאַני „סי“ — איז ער אַרויס אין דרויסען. דורכ׳ן אינסטינקט האָט ער דערפיהלט וואו די קאָמפּאַני ליגט, איז צוגעקומען צו איינעם, אַ צווייטען, אַ דריי־טען, געזוכט, ביז ער האָט פון ערגעץ אַ שטימע דערהערט.

„קינגסטיין“, האָט ער שטיל אַ רוף געטאָן.

„שניצער“, האָט די שטימע זיך אָפּגערופען. ער איז אַהין צוגעקראָכען. מיט קינגסטיינ׳ען זיינען נאָך צוויי אידישע סאָל־דאַטען געווען. פּאַראַנדערשאַרענדיג די קוסטעס איז ער צו זיי צוגעקומען, זיי האָבען איהם איינגעפּלאַכטען אין זייערע מאַנטלען. מען האָט זיך צוזאַמען געוואַרימט און געציטערט פון קעלט.

„איז עס ניט מערקווירדיג, שניצער, שוין אַ פּאָר מאָל אַז מיר האָבען געהערט אַ זינגענדע שטימע פון יענער זייט", האָט קינגסטיין איהם אין געזיכט אריינגערוימט.

„פון וואַנען? וואָס פאַר אַ זינגען? — האָט שניצער גע־פרעגט.

„אָט פון דאָרטען, פון אַנטקעגען אונז. די מעלאָדיע איז ווי פון דעם ליעד: „געפלויגען איז געפלויגען אַ פייגעלע אין אַלע פיער זייטען".

„שאַ!" — האָט איינער געצוואונגען אַלעמען זיך איינצוהערען. אַלעמענס הערצער זיינען ווי פאַרשטאַרבען געוואָרען אויף אַ מאָ־מענט און ווידער אויפגעהויבען זיך מיט אַ האַסטיגען קלאַפּען, אַזוי שווער, ווי אַראָפּטריפענדיג בלוט טראָפּענס מיט יעדער באַ־וועגונג.

באַגלייט פון דעם יאָמערענדען געזאַנג אויבען, האָט זיך די שטימע ווידער דערהערט, אַזאַ שיינבאַר רוהיגע. דאָס מאָל איז עס געווען אַ חסיד'יש געזאַנג. אַ איך האָט זיך דערמאָנט אַן זיין הארציגען ליעד און איהם געשפּונען אין זיין איינזאַמקייט, אין זיין פאַרצווייפלונג. דער געזאַנג האָט זיך צושפּרייט איבער די טויטען־פעלדער און ליכטיגע בילדער באַשאַפען, בילדער וואָס האָבען גע־לאַסטשעט ווי דער טייערער מאַמע'ס האַנט, אָבער עפּעס קומט צו צום האַלז, דריקט און ברענט, ווערגט ווי אין ספּאַזמען.

„לאָב איך איהם ענטפערען", האָט קינגסטיין געשעפּטשעט צו די איבעריגע.

„מעגליך אַז דאָס זינגט אַ דייטש־אידישער סאָלדאַט", זאָגט איינער.

„חברים, היינט איז דאָך „יום כפור"!" האָט שניצער כמעט אויסגעשריען. און ווי אַליין פון זיך האָט פון אַלעמענס העלזער אַרויסגעריסען זיך אַ געזאַנג. דער געזאַנג פון דעם נאָגענדען ווייַ־נענדען „כל נדרי".

אויף אַ מאָמענט איז יענע שטימע פאַרשטאַרבען, און באַלד אונטערגעכאַפּט די הייליגע טענער, זיי זיינען געשטיגען אַלץ העכער און העכער, ביז זיי האָבען אַלץ אַרום פאַרדעקט, איינגע־שלונגען.

אַ מורא'דיגער קוויטש און קראַך האָט דעם זינגען איבערגע־האַקט. און גלייך איז שטיל געוואָרען. נאָכ'ן מאָמענטאַלען פאַר־

שטאַרבען האָבען די מענשליכע שאָטענס אויף דער ערד ווידער געגומען באַוועגען זיך, אין די אויערען האָט נאָך מוראדיג גע־קלונגען דער רים פון געפּלאַצטען שווערען קויל.

מען האָט זיך אָנגעהויבען ארומטאַפּען — גאַנץ! „גאַנץ!“ איז געקומען אַ פריידיגער געדאַנק מיט יעדען גליעד פון קערפּער וואָס האָט זיך באַוועגט.

די שטימע וואָס פון דערווייטענס האָט זיך אויך אַזוי ווי איינ־געהערט. אַ צוטומעלטער האָט קינגסטיין ווידער אָנגעפאַנגען זינ־גען דעם איבערגעריסענעם „כל־נדרי“. די אנדערע האָבען אָנגע־הויבען מיטהעלפען, אָבער שניצער איז שטיל געבליבען.

„שניצער! שניצער!“ — האָבען איהם די חברים געוועקט.

קינגסטיין האָט אָנגעהויבען טאַפּען איהם. נאַס, וואַרים „בלוט“ האָט אַ זעץ געטאָן אין מח.

„ער איז געטראָפען!“ האָט קינגסטיין ארויסגעקרעכצט און איהם אָנגעכאַפּט, און זיי האָבען איהם שנעל אַוועקגעטראָגען צו דעם גרויסען קעלער.

דאָרט, ביים צאַנקענדען ליכטעל האָבען זיי דערזעהן זיין בלאַסען פּנים מיט שטייף צוזאַמענגעדריקטע ציינער. ער האָט זיי אויפגעעפענט, שטאַר אַ קוק געטאָן ארום זיך, האָט דערקאַנט קינג־סטיינ׳ס פּנים, וועלכער איז געווען נאָהענט אריבערגעבויגען אי־בער זיינעם. אין זיינע אויגען האָט זיך אַ וואַרימער פלעמעלע פון לעבען אָנגעצונדען.

„קינגסטיין“, האָט ער ארויסגערעדט. „נעהם מיין זאַמעל־ליסעט פאַר אונזער טעמפּעל אין ארץ־ישראל, — מיינע געלד פון פּאַקעט“.

דער דאָקטאָר מיט אַלע איבעריגע זיינען צוגעלאָפען איהם העלפען. אָבער זייערע געזיכטער זיינען פאַרפינסטערט געוואָרען: פון די אָפּגעריסענע פיס האָבען קוים ארויסגעשטראָמט די לעצטע טראָפּענס בלוט.

ער האָט ווידער געעפענט די אויגען און קוים ארויסגעשעפּ־טשעט:

„מאַמע, טו מיר אָן מיינע שיך!“

מתנה פון אידישע סאָלדאַטען אין פראַנקרייך צו „לעגיאָנערען“ אין ארץ ישראל

די צוויי נאָכפאָלגענדע בריעף וועלען דערקלערען פון וואָס פאַר אַ באַדייטונג די מתנה איז געווען, אויסער איהר מאַטעריעלער זייט.

איך גיב איבער די בריעף אין דער זעלבער פאָרם ווי זיי זיינען ערשיענען אין „טאָג“, און זיי וועלען געטריי איר לוסטרירען די שטימונגען פון אַ גרויסען טייל אידישע סאָל־דאַטען און, ווי ווייט ערענסט זיי האָבען גענומען די צוזאַ־גען פון די עליים.

טייערער פריינד עדלין! —

עס וועט זיכער פרעהען דער אידישער גאס צו הערען אַ גרוס פון אונזערע „באָים“, וואָס זיינען מיט דער אמעריקאנער ארמעע אין פראַנקרייך; און דאסמאָל קאָנען מיר שיקען אַ באַזונדערס גוטען גרוס, וואָס וועט דערפרעהען און אָנפילען מיט שטאָלץ אַלע אונזערע הײמען.

עס וואָלט געווען נאַריש איינצורעדען זיך, אָדער אַנדערע, אַז עס איז אַ לייכטער ביסען צו שטעהן אין אַזאַ קאַמף, ווי דער, וואָס מיר פיהרען אָן געגען דעם דייטש, ווען דער מלאך־המות האָט צו זיין דיענסט די גרעסטע וויסענשאַפטס־מיטלען. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז פון דערוויטענס זעהט אַלעס אויס פיעל שרעקליכער, ווי עס איז אין דער אמת׳ען.

עס וואָלט, נאַטירליך, פאַרנומען צופיעל פּלאַץ אַלעס צו שיל־דערען, און מיר זיינען ניט אימשטאַנד אַלעס צו דערצעהלען, אָבער אַזוי ווייט קאָנען מיר זאָגען, אַז די אידישע באָים פון דער אמע־ריקאנער ארמעע וועלען דעם אידישען נאָמען אויפהויבען הויך צוליעב זייער בראַוו־קייט און ריכטזיכטסלאָזען קעמפען. פון יעדען איינעם, וואָס איז געווען זייט ביי זייט מיט אַ אידען אין דעם גרעסטען ברען פון קאַמף, הערט מען נאָר לויב־געזאַנגען.

אבער אפילו אין דעם גרעסטען ברען פון די שלאכטען, און־טער אלע אומשטענדען, פארגעסט ניט דער איד זיין אידישקייט, זיין אידישע גאס מיט איהרע אידעאלען; און אויב עס איז דא שווער איינצופיהרען אידישע „סוירוויסעס" (און מערסטענס איז עס טאקע אונמעגליך), זוכט מען אויף אן אנדער וועג אויסצודריקען די אידישע נשמה, וואס שלאגט אלץ שטארקער אין אקארד מיט דער וייטער אידישער גאס.

אליין סאלדאטען, זעהענדיג אויפ'ן פלאץ וואס עס מיינט אויסצוקעמפען פרייהייט און א בעסערע וועלט, **האבען מיר ערשט דא פארשטאנען דעם פולען זין און די מאטיווען, וואס האבען באוואויגען אונזערע לעגיאנערען צו געהן קעמפען אין ארץ־ישראל.** מיר האבען אפגעשאצט דעם גרויסען קרבן וואס זיי ברענגען; און דארום זיינען זיי טאקע א באליעבטע טעמא פאר אונזערע געשפרעכען.

פון דער אויסערער אידישער וועלט זיינען מיר אפגעריסען; מיר הערען ניט קיין אידישע נייעס, סיידען עס פארבלאנדזשעט אמאל א אידישע צייטונג פון א פאר מאנאטען צוריק. אבער דער־מאנט צו א גרופע אידישע „באיס" די „לעגיאנערען", ווערט עס לעבעדיג אויפ'ן הארצען. און ווען איינער דערצעהלט נאך, אז ער האט ערגעץ געלעזען, דאס די אידישע לעגיאנערען זיינען גע־גאנגען „אווער דהי טאפ" און האבען געגעבען פעפער צו שמעקען דעם טערק, פיהלט מען זיך נאך מעהר שטאלץ, ווי מיט די איי־גענע העלדען דא, אויף דעם גרויסען וועסטערן פעלד.

מיר זיינען אבער ניט געבליבען בלויז ביים רעדען, נאר מיר האבען אין איין שעהנעם טאג באשלאסען אויסצודריקען אונזערע געפיהלען צו די אידישע קעמפער דורך א בריעף, וועלכען מיר שיקען דורך אייער צייטונג, און א ביסעל געלד אויף סיגארעטס און טאבאק, צו פארטיילען צווישען אונזערע לעגיאנערען, וואו נאר זיי זאלען זיך ניט געפינען.

זיכער איז, אז די סומע איז א קליינע, און מעגליך, אז עס וועט אנקומען זעהר ווייניג אויף יעדען איינעם פון זיי, אבער מיר גלויבען, אז אלס א ברידערליכע מתנה וועט עס אויפגענומען ווע־רען מיט פרייד, און אז אונזערע געפיהלען, וואס באגלייטען עס,

װעלען פֿאַרשטאַנען װערען ניט נאָר פֿון אונזערע לעגיאָנערען, נאָר פֿון דער גאַנצער אידישער און אױסערער װעלט.

אמת, עס איז זעהר שװער געװען דורכצופֿיהרען די זאַמלונג, אונטער דעם שטענדיגען פּאַכען פֿון טױיזענדער געפֿאַהרען. עס איז שװער געװען אױסצוגעפֿינען און זעהען זיך מיט די אידישע „באָים“, װאָס זיינען צעװאָרפֿען איבער פֿאַרשידענע װינקלען פֿון דיענסט, אָבער אַ איד איז אַן עקשן, און די טשעמפּיאָנען פֿון די עקשנים, װאָס האָבען דורכגעפֿיהרט אונזער זאַמלונג און האָבען זיך ניט געװאָלט באַרוהיגען ביז די סומע װעט ניט דערגרייכען ביז טױיזענד פֿראַנק, זיינען: קאָרפּאָראַל הערי אױגוסט, פֿון פֿי־לאַדעלפֿיא; סאַרדזשענט סעם רובין, פֿון קליװלאַנד; קאָרפּאָראַל ב. ראָזענפֿעלד, פֿון פֿילאַדעלפֿיא און סאַרדזשענט ב. הײמאַן, פֿון ניו יאָרק. און אַלע זעהר גוטע מיטהעלפֿער מוזען דערמאָנט װע־רען: י. אַש, פֿון ברוקלין; מיוזישען מאָרים שניצער, פֿון ברוק־לין; ס. ראָם, קאַרל קײזער און סאַרדזשענט אָרלאָװ, און א. גאַרדאָן, װעלכע באַלאַנגען צו אײניגע פֿעלד־אַרטילעריע־אָרגאַניזאַציעס.

עס איז אָבער אונמעגליך צו מאַכען אירגענד װעלכען אונ־טערשייד, אין דער מאָס באַגײסטערונג און ליעבע צו אונזערע לעגיאָנערען, װאָס די „באָים“ האָבען אַרױסגעצײגט. און מיר זיי־נען איבעראַשט געװאָרען פֿון דעם, װי װייט פּאָפּולער און מיט װאָס פֿאַר אַן אינערליכען שטאָלץ דער אידישער סאָלדאַט רעדט און דענקט װעגען אונזערע גרױסע נאַציאָנאַלע קעמפֿער.

די פֿאָלגענדע שיקען מיט זײערע אונטערשריפֿטען אױף דעם בריעף צו די לעגיאָנערען און זײערע ביישטײערונגען אין פֿראַנקען:

1טער ליוטענאַנט סעם אַדלער 50
1טער ליוט. װיליאַם ענגעל 40
1טער ליוט. אירװינג ענגעל 5
2טער ליוט. סאָל. אַבעלאָװ — 10
2טער ליוט. ס. ס. װײסמאַן 10
2טער ליוט. הערי לעגאָן — 10
סאַרדזשענט א. אָרלאָװ — — 10
קאָרפּאָראַל הערי אױגוסט 50
סאַרדזשענט סעם רובין — — 30
סאַרדזשענט א. גאָרדאָן — — 10
סאַרדזשענט ב. הײמאַן — — 10
סאַרדזשענט סעם מאַרדער — 5
סאַרדזשענט זעליג מאַרקוס — 10
קאָרפּאָראַל ב. ראָזענפֿעלד — 50
קאָרפּאָראַל פֿיליפּ שװאָם — 10
קאָרפּאָראַל גאָס. פֿולד — — 10
קאָרפּאָראַל מאַקס ראָזענפֿעלד 10
קאָרפּאָראַל א. סאַלק — — 10
קאָרפּאָראַל א. שעהנבערג — 5
קאָרפּאָראַל ב. פּאָרמאַן — — 5
קאָרפּאָראַל א. אַראָנסאָן — — 2
קאָרפּאָראַל ס. ברונאָף — — 2
דענטיסט דזש. װײס — — 10
2טער מיוזישען מאָר. שניצער 100
2טער מיוזישען ה. לישינסקי 10
1טער ביוגלער ס. כהן — — 100

1טער ביוגלער אל. עלים — 1
2טער ביוגלער ל. פרידמאַן — 15
2טער ביוגלער קאַרל קייזער 10
שעף דזש. אַש — — — — 50
שעף מאָר. מילענטאַר — — 10

1טער קלאַס פּרייוועטס:

סעם ראָם — — — — — — — 50
מאיר ראָם — — — — — 25
ס. קעצענאָף — — — — 25
ל. גאָרבאַרסקי — — — — 20
דזש. לעיזער — — — — 15
איזב ריטשמאָנדס — — — 15
ס. בלענדער — — — — — 15
מאַקס ראָזענבלאַט — — — 15
איזב גאָלוב — — — — 5
ס. גאָלדשטיין — — — — 2

פּרייוועטס:

קאַרל וועבער — — — — — 10
א. ראָזענס — — — — — — 10
סעם לעווין — — — — — — 10

העררי געלדשער — — — — — 10
סאָל. קאָלבאַק — — — — 10
י. בערנשטיין — — — — — 10
ס. סקאַבוּוערסקי — — — 5
ה. קליין — — — — — — 5
סעם מאַרקאָוויץ — — — — 5
דזש. טראַיאַנסקי — — — 5
ס. לעווענשטיין — — — — 5
ס. גרייצער — — — — — 5
ע. אָשטי — — — — — 5
מ. דערסאָן — — — — — 5
מ. בראַון — — — — — — 5
העררי קויפמאַן — — — 5
טהאָמאַס זיגמונד — — — 5
אב. ווערביצקי — — — — 5
א. יודעלסאָן — — — — 5
נ. קאַנעווסקי — — — — 5
ס. שאָפער — — — — — 5
מ. סיימאָן — — — — — 5
ה. קאָהען — — — — — 5
ד. אַשקעיטס — — — — — 2

צוזאַמען שיקען מיר 994 פראַנק, אין צוויי מאָני־אָרדערס — 100 דאָלאַר און 66.10 דאָלאַר. נאָך איניגע פראַנק, וואָס וועלען אין גיכען איינגעקאָלעקטעט ווערען, וועלען גלייך צוגעשיקט ווערען.

מיר בעטען אייך, ווערטער פריינד עדלין, איבערצוגעבען דאָס געלד אין די ריכטיגע הענט, אום עס זאָל וואָס שנעלער אָנקומען צו אונזערע לעגיאָנערען, פאַר די צוועקען, וואָס זיינען אָנגעדייטעט אין אונזער בריעף צו זיי.

מיר שיקען אונזער בריעף מיט גליקוואונש צום גאַנצען אידישען פאָלק, אין די שטונדען פון אונזער נאַציאָנאַלען אויפלעבען.

מיר ווינשען, אַז געבענשט זאָלען ווערען די הענט, וואָס העלען מיטהעלפען אין דער אויפבויאונג פון אונזער לאַנד, נאָכפאָלגענדיג אונזערע זיעגרייכע לעגיאָנערען, מיט פריעדליכער אַרבייט, ווען דער אויסגעקעמפטער וועלט־פרידען וועט ענדליך קומען נאָכ׳ן פאַלען פון דעם בלוטיגען קייזעריזם.

מיט הארציגען גרוס פון אַלע באָים,

סעפּטעמבער 28, 1918.

דער בריעף צו די לעגיאָנערען.

טייערע ברידער לעגיאָנערען!

שטעהענדיג אינ׳ם גרויסען קאמף געגען דעם אַלוועלטליכען שונא, בּאַרייט יעדע ווייַלע צו פאַלען זייט־בּיי־זייט מיט אונזערע חברים פון די אַמעריקאַנער פרייהייטס־מחנות, וואָס האָבען זיך אַריינגעוואָרפען אין דעם גרויסען קריעג, אום צו ראַטעווען די ערָאָבערונגען פון אַזוי פיעל דורות פון די נאָבּעלסטע זיהן פון דער וועלט־געשיכטע, האָבען מיר אַן אייך, אונזערע טייערע ברידער לעגיאָנערען, אויף איין רגע ניט פאַרגעסען.

אין אונזערע געשפּרעכען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם, מיט בּלוט־דורכגעווייקטען, ווינקעל פון׳ם איבּערפאַלענעם בּעלגיען אָדער פראַנקרייך. אין אונזער חבר׳שען איבּערשרייבּען זיך צווישען איין־און־צוואַנציגסטען שלאַכטפעלד, און נאָך מעהר פון אַלעס, טיעף אין אונזערע געדאַנקען און הערצער, פאַרנעהמט איהר דעם ליבּטיגסטען, דעם הייליגסטען ווינקעל.

שווער איז צו זיין אַ קעמפער, ווען אפילו פאַר׳ן הייליגסטען צוועק — אָבּער ווען מיר בּאַגעגענען אָדער טראָגען אויפ׳ן שפּיץ פון בּאַיאָנעט דעם טויט, ווען מיר פאַלען אונטער דער ריעזיגער לאַסט פון דעם אונפאַרגלייכליכען קאמף, ווען עס פאַרשווינדט פאַר אונז די ליכט פון דער וועלט, וועלכע מיר ווילען זעהן גליקליך און פריי — אין די אַלע שווערע מינוטען שטעהט איהר פאַר אונז ווי אַן ערלייכטערונג און בּאַלוינונג פאַר דאָס ערגסטע, ווייל איהר שטעהט פאַר אונזערע אויגען אַלס אַ גאַראַנטיע, אַז אונזער פאָלק, וועלכען מיר ליעבּען אַזוי שטאַרק, וועט לעבּען זיין אייבּיגען לעבּען, אָבּער שוין ניט מעהר אין גלות.

מיר קוקען אויף אייך ווי אויף אונזער פאָלק׳ס דירעקטע קעמפער.

איהר האָט זיך ניט בּאַנוגענט דערמיט, וואָס די, צום געוויסען און בּאַוואוסטזיין ערוואַכטע פעלקער האָבּען, דורך דעם מויל פון דער גרויסער בּריטאַניע, פּראָקלאַמירט אונזער רעכט אויף זעלבּסטשטענדיגקייט, אויף אונזער לאַנד, — דעם אַזוי פיעל בּאַ־

ווײנטע און דורך אזוי פיעל דורות געגארטען היימלאנד — ארץ־ישראל, דעם וויעג פון אונזער פאלקס־געבורט, די טריבונע פון אונזערע נביאים; אונזער אייביגען טרוים־לאנד, נאך וועלכען אונזער בענקשאפט האט ניט געקאנט אויסגעמעקט ווערען פון צאהללאזע דורות אינ׳ם שווערען גלות.

איהר האט זיך ניט באנוגענט מיט דעם בראווא־געשריי און הארציגען מיטפיהלען, מיט וועלכען דער גערעכטיגקייטס־ליעבענדער טייל פון דער מענשהייט האט באגעגענט די ענגלישע פאלעסטינא־דעקלאראציע; איהר האט זיך ניט באנוגענט מיט דעם פאקט, וואס אזוי פיעל הונדערטער טויזענדער אידען זיינען געפאלען, האבען געקעמפט און קעמפען אין אלע ארמעען פון די גרויסע, מענשליכע עליים, נאר איהר זיינט אוועק אלס אידען, אין נאמען פון אידען און פאר אידען קעמפען, און אייער מאטא, אז אויסער א געשאנקענע, ווילט איהר האבען אז אין אייגענעם נאמען אויסגעקעמפטע ארץ־ישראל פאר אונזער פאלק, איז פון דער גאנצער וועלט פארשטאנען און געשעצט געווארען.

די וועלט האט געטאן איהר גערעכטע פליכט צו דעם אידישען פאלק. אבער איהר האט נאך מעהר געטאן — איהר האט אויפגעהויבען דעם אלטען ישראל׳ס עהרען־ווירדע. און די אידישע סאלדאטען פון יעדער ארמעע פונ׳ם שלאכטפעלד האבען אייך דאפעלט פארשטאנען, מיט׳ן קאפ און מיט׳ן הארצען.

אונזערע הערצער זיינען מיט אייך, טייערע ברידער, און יעדער טראט אייערער, מיט וועלכען איהר געווינט נאך א שפאן פון אונזער הייליגען באדען, יעדער קרבן וואס איהר ברענגט, דורך וועלכען עס ווערט באפעסטיגט און העכער געהויבען אונזער באנייטע וויים־בלויע פאהן, פילט אז אונזערע הערצער מיט גליק, פרייד און אונענדליכע ליעבע צו אייך — א ליעבע, וועלכע מיר קאנען נאר אויסדריקען מיט׳ן אויסגעשריי: „א, גאט, באשיץ און העלף זיי!“

טייערע ברידער, ווען איהר קוקט ענטציקט אויף די באפרייטע בערג און טאלען פון יהודה, ווען איהר פליקט ארונטער אין א רוהיגער שטונדע א בלימעל פון אונזערע באפרייטע פעלדער, ווען אייערע דמיונות שוועבען אום אין די שעהנע, פון אונזער פאלק׳ס בעסטע זיהן, באזונגענע הימלען, איבער אונזער לאנד, דערמאנט אונז און נעהמט אונז מיט.

ווען איהר באַגעגענט דאָרטען אונזערע איבערגעבליבענע פּיאָ־נערען קאָלאָניסטען, זאָגט זיי, אַז פיעלע פון אונז, וואָס ווען גאַנץ בלייבען, וועלען אַהין קומען און אַרבייטען זייט־ביי־זייט מיט זיי, און וועלען צוזאַמען פאָרטזעצען די אַרבייט פאַר אייביגען גליק און פרידען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַזוי ווי אונזערע נביאים האָבען עס אָנגעפאַנגען און ווי די עליים און דער גרויסער נאָבעלער ריעז „אָנקעל סעם" זעצען עס פאָר און וועלען עס צושטאַנד ברענגען.

צוזאַמען מיט דעם בריעף שיקען מיר אייך אַ קליינע מתנה — בלויז אַ הייפעל פון אונז האָבען גענאַט דאָס גליק און די צייט אַנטייל צו נעהמען אין דעם האַרציגען טאַט — אָבער אונזער אַלע־מענס ברכה געהט מיט דעם מיט.

אַליין סאָלדאַטען, שיקען מיר אייך אַ סאָלדאַטסקען פּרעזענט: אַביסעל קליינגעלד אויף טאַבאַק און סיגאַרעטס, אום איהר זאָלט לייכטער קאָנען פאַרטרייבען די שטונדען פון אומעט, וואָס זיינען אונפאַרמיידליך אין אַזאַ לאַנגען און ריעזיגען קאַמף, וועלכען מיר מוזען געווינען.

פון דער קליינער סומע בעטען מיר אייך אָרונטערנעהמען איי־ניגע פּראַנק, און ווען און וואו איהר וועט נאָר קאָנען, איינפּלאַנ־צען פאַר דעם אַ יונגען „צעדער־בוים" אויף אונזער הייליגען באָ־דען, ווען מעגליך, זאָל עס זיין אין הערצל־וואַלד, און זאָל ער דיע־נען אַלס צייכען פון דער נייער וואַנדערונג, וואָס דאָס אידישע לעבען וועט איצט אָננעהמען.

ביז איצט האָבען מיר געהערט און געטרוימט פון די אַלטע צעדער־בוימער, וואָס האָבען אונז געהאַט צו דערצעהלען פון אונ־זער פאָלקס אַלטען שטאַלץ און מוטה; זאָל אָבער דער יונגער צעדער, וואָס וועט דורך אייערע הענט איינגעפּלאַנצט ווערען און אונבאַזיעגבאַר פאַרטיידיגט ווערען פון אייערע רייהען, דיענען אַלס אַן אייביגער צייכען, אַז איהר, מיר, און אַלע יונגע אידען פון די קומענדע דורות וועלען געדענקען דעם אונטערשיעד פון „גלות" ביז „חירות".

גריסט פון אונזערטוועגען אייערע ענגלישע חברים־מיטקעמ־פער און זאָגט זיי, אַז ווי לאַנג נאָך דאָס אידישע פאָלק וועט לעבען, וועלען מיר מיט אַ ברכה אויף די ליפען דערמאָנען דאָס וואָרט

„בריטאַניע״; אַז אין אונזער גליק װעלען מיר געדענקען װעמען מיר האָבען צו פֿאַרדאַנקען אַ גרױסען טײל פֿון דעם.

פֿאַרבלײבט געזונט, און מיט׳ן זעלבען מוט און גלױבען, מיט װעלכען איהר און מיר האָבען זיך אַרײנגעװאָרפֿען אין קאַמף, הינטער אײך שטעהט, די צום געװיסען און מענשליכען באַװאוסט־זײן, אױפֿװאַכענדע װעלט — די עליים, אַמעריקאַ, אונזער אַזױ פֿיעל געפּרואװט פֿאָלק און מיר, אײערע ברידער סאָלדאַטען, אױף װעלכען קאַמף־פּלאַץ מיר זאָלען זיך ניט געפֿינען.

אַ גרופּע אידישע „באַיעס״ אין פֿראַנקרײך.

שבת, דעם 5טען אקטאבער, 1918, האבען מיר, צום לעצטען מאל געבראכען אונזער פעלד־לאגער, צוזאמענגענומען אונזערע געצעלטען און געלאזט זיך צו א נייעם קאמף־פלאץ. אונזערער א הויכער קאמאנדיר האט אונז געווארענט, אז ערשט דאס מאל וועלען מיר זעהן, וואס עס מיינט ריכטיגער קריעג מיט אלע זיינע קליפערלעך. און ווי עס האט זיך באלד ארויסגעציינט, האט ער אונז ניט אפגענארט.

שווער און לאנגזאם האבען מיר זיך געצויגען פארווערטס. מיר האבען געדארפט געהן צום שרעקליכען ארגאן וואלד, וואו עס זיינען פארגעקומען די גרעסטע קעמפען פון דעם קריעג פאר יאהרען נאכאנאנד.

„זייט זיכער, אז איהר האט מיט זיך אייערע „עמוירדזשענסי רעישאנס״ — האט מען אונז פיעל מאל געווארענט, אז מיר זאלען מיטנעהמען די פאר הארטע קעסטלעך „ביסקוויטס״ און א קען קאנסערווירטע „קארנד־ביף״. אבער דאס ווארענען איז ניט נויטיג געווען, ווייל יעדער איינער האט דערפיהלט, אז די גרעסטע זארג וואס ער האט, איז וועגען זיך, וועגען זיין גאנצקייט, וועגען זיינע מעגליכע באקוועמליכקייטען.

א געהיימען שרעק האט ארויפגעווארפען דער וואלד פון דעם

ערשטען מאָמענט ווי נאָר מיר האָבען זיך אין איהם אריינגעצוי־
גען און געלאָזען זיך געהן אהין, צום נייעם, פאר אונז אונבאַ־
קאָנטען אָבער וועלט באַריהמטען פּראָנט. דאַכט זיך, אין אַזוי
פיעל וועלדער אויסגעוואָלגערט זיך, אָבער קיינער פון זיי האָט
ניט אראָפּגעקוקט אויף אונז אַזוי מערדערליך, מיט אזא בייזקייט.
עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז די היים פון דעם טויט אליין.
וואָס טיעפער , אַלץ מעהר איז באַרעכטיגט געוואָרען אָט דער שווע־
רער איינדרוק. וואָס ווייטער, אַלץ גרעסערע סמנים פון שרעק־
ליכען קאַמף זיינען אונז אַנטקעגען געקומען. עס זיינען געוועזן
די צאָהללאָזע אַלטע און נייע טראַנשעען און „דאָג אַוט" קאָלאָניעס,
און ענדלאָזע „באַרב ווייער ענטענגלמענטס", וואָס האָבען זיך
געצויגען אין אַלע ריכטונגען, אין דער לענג פונ'ם וועג און אין
דער פינסטערער געהיימער טיפענים פון די בוימער.

אָט ליעגט אַ צובראָכענער ביקס, שפּיצען פון צובראָכענע רע־
דער, אַ דייטשער און אַמעריקאַנער העלמעט... ווייטער אַביסעל
וואַלגערען זיך אין גריבען אין דער לענג פונ'ם וועג שמאַטעס,
וואָס זיינען אַמאָל געוועזן טיילען פון סאָלדאַטסקען בעל־הבית'יש־
קייט: אונטערוועש, אַ גאַרטעל מיט אַ באַיאָנעט, אַ צוריסענע
בלוזע און ווידער אַ ביקס און ווידער העלמעטס פון אַמעריקאַ־
נער, פראַנצויזישער און דייטשער אַרביית. מיר מאַרשירען ווײַ־
טער, און ווידער העלמעטס, אָבער דאָס מאָל אַ פּאָר צעהנדליג און
אין איין גלייכער רייהע אויסגעלעגט. איך קום צו נעהנטער און
דערזעה, אַז זיי ליגען ניט אומזיסט, נאָר אַז זיי דעקען צו דעם
צוקאָפּענס פון אַ פּאָר צעהנדליג אַמעריקאַנער סאָלדאַטען. איך
לעז דורך די נעמען און די דאַטען. ערשט מיט אַ וואָך צוריק
געפאַלען. און גלייך נאָך זיי, אויף דעם זעלבען זייט וועג, איז אַן
אָפּגעצאַמטער בית־הקברות. איך לויף אריין אהין, שפּרינג אַרי־
בער דעם צאַם און דערזעה, אַז דאָרט ליגען האַנסעם און פּריצס,
איינינע ערשט ניט לאַנג אין איילעניש באַגראָבען, און קוים וואָס
מען קאָן דורכלעזען די נעמען, אויפגעשריבען מיט אַ בליישטיפט.
אָבער די מעהרסטע זיינען שוין איינגעבירגערטע. און זייערע
מוטערס פון דער היים האָבען צוגעשיקט אַוועקצולעגען אויף זיי־
ערע קברים איינינע קראַנצען פון קינסטליכע בלומען מיט פּאַטרי־
אָטישע און מוטערליכע אויפשריפטען:

„האָסט אַ מעסערל? איך וויל אָפּשניידען אַ בלימעל צום אָנדענקען“ — זאָגט צו מיר איינער פון אונזערע, וואָס האָט זיך איבערגעבויגען איבער אַ שעהנעם קראַנץ.

„ניין, ברודער“, ענטפער איך איהם. „ווערסט פון דאַנען ניט וואַגען צו נעהמען קיינע סאָוועגירס. דאָס וואָס בלייבט צו זייער לעצטער אויסריכטונג, ווערט בלייבען מיט זיי“. און ער האָט ניט גענומען קיין בלימעל.

מיר ציהען זיך ווייטער מיט אונזער אונענדליכען צוג פון וועגען, רייטער און קאַנאָנען. און אַלץ מעהר און אָפטער באַגעגנען מיר גרופּקעס בערגלער מיט העלמעטס צוקאָפּענס און מיט אויפשריפטען: „היער רוהט“.

שוין צום צוואַנציגסטען מאָל, אַז מיין פריינד פרעגט מיך, אויב איך וויל צוריק מיין פערד, וועלכען איך האָב אוועקגעגעבען אַ מיעדען פוסגעהער. אָבער, ניין, איך וויל ניט פאָהרען, איך וועל דורכגעהן יעדען שפּאַן פון דעם אַלטען בארימטען שלאַכטפעלד, וועלכען מיר דאַרפען דורכקרייצען איידער מיר ווערען צוקומען צו אונזער באַשטימטען קאַמף־פּלאַץ. און וואָס ווייטער מיר געהען, אַלץ מעהר זעהט זיך די שוידערליכקייט פון די קאַמפען, וואָס זיינען דאָ פאַר יאָהרען געפאָכטען געוואָרען.

עס ליגען מאַסען אַרונטערגעשאָסענע בוימער. אָנפאַנגס בלויז אַרונטערגעשאָסענע שפּיצען און צווייגען, נאָכהער שוין אין האַלב אַרונטערגעשאָסען. אַזוי ווי איבערגעבראָכען אין מיטען אָדער ביים וואָרצעל. און אַזוי אין פאַרשידענע פּלעצער, אין פאַרשידענע פאָזען ליגען די בוימער, ווי אַ מחנה ניט אויפגעקליבענע ערמאָרדעטע ריעזען. נאָך אַ שטיק וועג דורכגעגאַנגען, און עס ליגען שוין ניט מעהר בוימער־קערפּערס, נאָר צוקריפּעלטע צווייגען, ריעזיגע שפּענער. און מיט אַ קורצער שטרעקע ווייטער זיינען זיי אַזוי ווי איינגאַנצען אויסגעראָטען געוואָרען. אייניגע וואָרצלען סטאַרטשען אַרויס מיט ווייערע שפּיצען, אַזוי ווי עס וואָלטען געווען אויסעגשטרעקטע, פאַרצווייפעלטע הענט. און ווייטער ציהט זיך אַן ענטבלויזט, צעאַקערט פעלד, וואָס מען האָט פאַר אַ לאַנגער צייט אָנגערופען „נאָ מענ׳ס לענד“ — ציהט זיך אַזוי ווי אַ לאַנגע, לאַנגע געלע וואונד איבער׳ן וואַלד, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג קאָן נאָר כאַפּען.

טרענטש איבער טרענטש, אַ „דאָג־אַוט“, „מיינס“, און „טרעפּס“ זיינען דאָ אַמאָל געווען, אָבער מען האָט דאָ אַזוי לאַנג געקעמפט און אויפגעאַקערט די ערד מיט קאַנאָנען, ביז פון דעם אַלעמען איז געוואָרען אַ פאָרמלאָזע מאַסע פון ליים און קלעי. וואו־ניט־וואו סטאַרטשען אַרויס אַביסעל דראָט און שטאַנגען פון די „באַרב־וויער אינטענגלמענטס“, אָבער אויך זיי זיינען פאַרשאָטען, פאַר־גראָבען אין קלעי, דאַכט זיך, אַז אין וואַלד און אַרום אין דעם גאַנצען געגענד איז די ערד אַ שוואַרצע, פרוכטבאַרע, אָבער דאָ, אין דער אונענדליכער לענג און ברייט פון דעם וואַלד׳ס גרויסער וואונד, וואו מען האָט ערשט ניט לאַנג גערופען „נאָ מענ׳ס לענד“, איז דאָ בלויז געלע זאַמד און ליים מיט פאָרמלאָזע גריבער, שטאַנ־גען און ווידער אַמאָל הויפענס צובראָכענע און גאַנצע געוועהר. מיר וואָלטען קיינמאָל ניט קאָנען דורכפאָהרען די ברייט פון די פאָר מייל, ווען ניט די קלעצער, שטיינער און ווידער אַמאָל ליים, מיט וועלכע מען האָט אויסגעלעגט דעם וועג.

אַריבער געמאַרשירט דעם אַלטען „נאָ מענ׳ס לענד“ האָבען מיר, אַזוי ווי אויף דער ערשטער זייט, אָנגעהויבען זעהן סימנים פון ביימער, און אַזוי אַלץ מעהר און מעהר ביז מיר זיינען ווידער אַריין אין וואַלד, און אין אַ פּאָר שטונדען אַרום זיינען מיר ווידער געווען אין פעלד. פון דערווייטענס האָבען זיך שוין געזעהן העכערע און נידעריגערע בערג. מיר האָבען געדאַרפט זיך אַרויפציהען נאָך איינִיגע מייל און איבערכאַפּען דעם אָטעם איידער מיר ציהען זיך אַריין אין די פּאָזיציעס. פון דערווייטענס דערהערען זיך אַלץ דייטליכער קאַנאָנען־שיסערייען. מיר זיינען געקומען נעהענטער צו זיי און פאַרשטאַנען אַלץ דייטליכער זייער שפּראַך; וואָס פּאָר אַ מאַסען מיליטער, וועגען, אַמוניציע און פאַרשידענע לאַגערען עס האָבען זיך דאָ געצויגען אין פאַרשידענע ריכטונגען!

צוגעקומען אַזוי נאָהענט ווי נאָר מעגליך, האָבען מיר זיך אָפּ־געשטעלט און ווידער אויסגעלעגט אונזער לאַגער.

אין גראָבען די גריבער איז מען שוין געניט גענוג צו מאַכען זיי מעגליכסט זיכערער, און אַם זיכערסטען איז אויסצוגראָבען זיי אויף אַ צווייטען זייט בערגעל, וואָס אַנטקעגען די דייטשען. מען גראָבט זיי אויס טיעף גענוג, אַזוי אַז מען קאָן דאָרט אויסלעגען די דריי דעקען, דעם רעגען־מאַנטעל און ראָק אין אַזאַ אָרדנונג,

אַז אַ טייל דערפֿון ליגט אונטער דער זייט און מיט דעם איבעריגען דעקט מען זיך צו. דאָס אויסגעגראָבענע ערד, און ווען מ׳קאָן נאָך געפֿינען איניקע אמוניציע־קאַסטענס, געברויכט מען אַלס אַ באַריער צו דער אָפֿענער זייט, און אַריבער דעם ציהט מען אַריבער דעם האַלבען געצעהלט לייווענט, וואָס יעדער טראָגט מיט זיך מיט. פֿריינד נעהמען זיך צוזאַמען זאַלבע צווייט, אָדער זאַלבע־דריט און מאַכען איין גרויסע גרוב, גענוג פֿאַר זיי אַלעמען. אויך האָבען זיי אַ בעסערען געברויך פֿון זייערע קאָלדרעס און איבעריגע זאַכען.

אַזעלכע געלעגערס מאַכט מען זיך אין מיטען פֿעלד, ווען די „וויז בענגס“ (שעלס) הויבען אָן אַרומפֿליהען איבער די קעפּ, און ווען מען שטעהט אויף אין דער פֿריה, זעהט אויס אַזאַ פֿעלד ווי פֿול מיט מייז־נעסטען.

שלאָפֿט זיך געשמאַק אין אַזעלכע נעסטען? ווענען דעם ווייסט דער הערבסט־רעגען, ווינט, און רויהקייט פֿון דער ערד, און זיי קאָנען דערצעהלען דאָס איבעריגע. דערווייל אָבער האָב איך מיט מיין פֿריינד אויסגעגראָבען אונזער געלעגער און האָבען זיך גענומען פֿאַר אונזערע „מעסקיטס“ און אַוועק צו דער קיך, אַמאָל פּאַסירט, אַז זי קומט פֿאַר אונז און איידער מיר שטעלען זיך אָפּ, איז אונזער עסען שוין פֿאַרטיג, ווייל מ׳קאָכט עס אויפ׳ן וועג. אַלץ וואָס מען דאַרף איז נאָר אַרויסציהען די לאַנגע טיעפֿע קאַנען און גלייך פֿאָרמירט זיך אַ לאַנגע רייהע פֿון אונזערע באָיס מיט די זעלבע וויצען און אָפּלאַכען פֿון דעם „קוק“ און די „קאָרן ווילי“ (קאָרנד־ביעף), וועלכע דער קוכער פּרובירט „פֿאַרקאַמאָפֿלאַזשען“ אויף פֿאַרשידענע אופֿנים פֿון דער קאָך־קונסט, און אויך מיט דעם אויסבייטען פֿון דעם נאָמען. ווי, למשל, „מאָנקי־מיט“, „דאָג־מיט“. אָדער ווען ניט, דערצעהלט אונז דער קוכער, אין דער צייט ווען ער גיט אַרויס די גרויסע פּאָרציע געדעמפּטע קאָרנד־ביעף, אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרען פֿון דעם ערשט־נעכטען געפֿאַלענעם מויל־עזעל.

אָפּגעגעסען אונזער מאָהלצייט, האָב איך זיך מיט מיין פֿריינד איינגעגראָבען אין אונזערע קאָלדרעס און האָבען זיך געוואָלט אַלץ טיעפֿער איינגנורען אין אונזער גרוב, ווייל אָפֿטער האָבען אָנגעהויבען פֿאַרביי־קווויטשען די שלוחים פֿון דער בעסערער וועלט,

אין דעם נייעם גיהנום

שפּעט נאָכמיטאָג האָבּען מיר זיך ווידער געגומען אין וועג אריין. אז מיר ציהען זיך ארויף אויף די נאָהענטסטע פּאָזיציעס צום שונא, האָבּען מיר דערקאָנט נאָך ביי די ערשטע פּאָר טויזענד יאַרד פון אונזער מאַרטש; וועגען דעם האָבּען אונז דערצעהלט די פּאַרקאַמאָפלאַדזשטע שווערע קאַנאָנען, וועלכע מיר האָבּען געזעהן פון אלע זייטען און ווינקלען באַלייכטענדיג גרויסע שטרע־קען, איידער עס דערהערט זיך דער קראַך פון שיסען. מיר האָבּען זיי שוין געהאַט איבּערגעלאָזט ווייט הינטער זיך, אָבּער אונזער וועג איז נאָך אלץ ניט געווען צו ענד.

מיר האָבּען זיך געצויגען ווייטער ארויף, און ארום אונז איז געוואָרען פרעהליכער, מעהר קאַנאָנען לייכטען אויף יעדען מאָמענט און מעהר שעלס קומען אָן פון אנטקעגען. און גראַד דעם מאָל האָבּען מיר ניט געקאָנט באַוועגען זיך שנעל, ווייל די נאַכט איז געווען א דורכאויס פינסטערע און דער גאַנצער וועג איז פול געווען מיט וועגענער און מיליטער, וואָס האָבּען זיך געצויגען איןביידע ריכ־טונגען. יעדע ווייַלע פּאַסירט עפּעס אין פאַראויס פון אונזער צוג, און מיר שטעלען זיך אָפּ, ביז מיר קאָנען ווידער אמאָל מאַכען עטליכע טריט. אַך, ווי ס׳האָט זיך געוואָלט געהן שנעל, און דאָ מוז מען גאָר וואַרטען ביז מען וועט אָפּראַמען פון וועג א פּאָר געפאַלענע פערד, און אָפּט א מענשען, פאַרוואונדעט אָדער גע׳הרג׳עט פון פריצ׳ס „דזשאַר קענס” (שעלס).

ביי אזא לאַנגזאַמער באַוועגונג האָב איך באַשלאָסען אראָפּ־צוגעהן פון מיין פערד און פיהרען איהם, צוזאַמען מיט די אי־בעריגע חברים, וואָס האָבּען דאָסזעלבּע געטאָן. פאַראויס פון אונז פאַלט א שעל. עס ווערט ווידער א טומעל מיט געשרייען. מיר שטעלען זיך אָפּ. אין הארצען פאַר׳גנב׳עט זיך אַן אומרוהיג געפיהל. עס ווילט זיך וויסען, וואָס ס׳האָט ווייטער פּאַסירט. אָבּער די נייגעריגקייט וועגט ניט איבּער דעם אינסטינקט צו זוכען וואָס מעהר זיכערקייט. אלע פרעגען: וואָס האָט פּאַ־סירט? אָבּער קיינער רוקט זיך ניט פאַראויס אויסצוגעפינען,

סיידען עס איז זיין פּליכט. און עס דוכט זיך, אז דער זיכערסטער פּלאַץ איז דאָרט, וואו מען איז, מיט דעם אייגענעם פערד, מיט די עטליכע סאָלדאַטען פון דרעזעלבער קאָמפּאַני, און ווען מען קאָן, זעצט מען זיך צו האַרט ביים זייט פון וועג, וואָס טיעפער אין דער קאַנאַווע.

סאַרדזשענט „יואי" האָט מיר געזאָגט, אז ס'איז גוטע גראָז פאַר'ן פערד: זאָל זיין גוט גראָז! איך נעהם אָן זיין ענט־שולדיגונג, גיב צו, אז דאָס גראָז איז אויסגעצייכענט און זעץ זיך אויך צו נעבען איהם, וואָס טיעפער אַרונטער, — דאָך מעהר שאַנס צו בלייבען לעבען.

אונזער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר א היבשער ווייל'ע, ביז דער וועג וועט ווידער פריי ווערען. אָבער די אינפאַנטעריע סאָלדאַטען, וועלכע ציהען זיך אין איין לאַנגער ענדלאָזער שורה, מוזען וויימער געהן אָהן אָפּהאַלט. זיי געהען אין איין איינציער שורה. דער באַפעהל איז, אז זיי זאָלען זיין אביסעל אָפּגערוקט איינער הינטער דעם אַנדערען, אָבער אין זייערע באַוועגונגען פיהלט זיך א פאַרלאַנג צו זיין נעהענטער איינער צום צווייטען, אזוי ווי זיי וואָלטען אין דעם געזעהן מעהר זיכערקייט. און ווען א שעל סווישטשעט פאַרביי איבער'ן וועג און פאַלט פאַר, אָדער אַריבער דעם ציעל, בויגען זיי זיך איין, שטעלען זיך אָפּ אויף א מאָמענט, הויבען אויף די עלענבויגענס איבער'ן קאָפּ, אונטער'ן העלמעט, ווי זיי וואָלטען ערוואַרט א מאָמענטאַלען קלאַפּ — אָט־אָט קומט ער — די שעל פּלאַצט מיט א קראַך. שטיקער פון דער שעל און בלאָטע פליהען אַרויף מיט א שאַרפען פייף. גאָרנישט ניט פאַסירט. אָבער די וואָס קומען ווייטער, לויפען דורך דעם פּלאַץ, אזוי ווי זיי וואָלטען געוועזן זיכער, אז דאָ וועט באַלד קומען א צווייטע און א דריטע.

אין זייער פאַרביילויפען, מיט די שווערע פעקלעך אויף די פּלייצעס, באַלאָדען מיט'ן ביקס און אַמוניציע מיט'ן העלמעט טיעף אַריבערגערוקט איבער'ן שטערען, אין זייערע איינגעבויגענע קערפּערס און דעם שנעלען טרעטען אין דער טיעפער בלאָטע, האָט זיך געפיהלט א פאַרלאַנג, וואָס קלענער, אונבאַדייטענדער צו זיין, ווי זיי וואָלטען זיך דאָ געפיהלט איבעריג און צופיעל

אויף דער גאנצער גרויסער וועלט. אין א שטונדע ארום, און אפשר נאך פריהער, וועלען טאקע פיעלע פון זיי זיין פון די איבעריגע.

אונזער צוג האט זיך ווייטער גריהרט פון ארט. צווישען דעם געוואלדיגען ליארם פון די קאנאנען און דעם פלאצען פון שעלס, הערען זיך אלץ דייטליכער די קראכערייען פון די מאשין־ביקסען; רעכטס פון אונז הערען זיי זיך אם נאהנטסטען. די ראקעטען און עקספלאזיאנען באלייכטען אלע מאל אויף א מאמענט דעם הימעל, און אין זייער ליכט זעהט זיך א לאנגער, ניט גאר הויכער בארג. צוגעקומען צום בארג האבען מיר זיך אפגעשטעלט.

דא ערגעץ וועלען זיין די פאזיציעס פון אונזערע באטרעען. א קליינער גרופע אונזערע איז אויסגעקומען צו זיין אין פאראויס פון דעם לאנגען צוג, וויל אלס „הערקוואטערס דיטייל“ האבען מיר געהאט די אויפגאבע צו געפינען א באשטימטען פלאץ פאר יעדער באטרעע. מיר האבען זיך אפגעשטעלט ארום א צולעבערטער האלב־צעווארפענער שטאל. אלע זיינען ארונטער פון די פערד. א ווילע האט מען ניט געוואוסט, וואס וועט ווייטער זיין. מען האט אין דער פינסטער, אונטער דעם ליארם און טומעל, גערופען נעמען פון אפיציערען, סארדזשענטס און קארפאראלס. ניט אלע, וואהרשיינליך, האבען זיך אפגערופען. ערשט, איך הער, מען רופט מיין נאמען. וואס האט מען צו מיר? איך בין דאך ניט מעהר ווי א פרייוועט, און דערצו נאך א „ביוגלער“. אבער איך בין דא, און גלייך זיך געמאלדען. אין דעם מאמענט איז אנגעלאפען א שעל און האט צוריסען צוויי פערד און אן אנטרייבער. אבער מען פארלירט ניט קיין צייט אויף אזעלכע זאכען אין אזא צייט. דערזעלבער אפיציער וואס האט מיין נאמען אויסגערופען, רופט אויס נאך פיער נעמען, מען זאל גלייך קומען צו איהם און געזאגט אונז, אז מיר וועלען דארפען געהן מיט איהם „לאקייטען“ די פאזיציעס, און אז מיר זאלען מיטנעהמען געלאדענע פיסטאלעטען. פון זיין לעצטען באפעהל איז מיר אזש היים געווארען איבער'ן גאנצען קערפער: הייסט עס, אז מיר זיינען אזוי נאהענט צו די „באשעס“, אז מיר קאנען זיי אפשר אנטרעפען. און ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעצייגט, איז דאן פאר דעם געווען א זיכערע מעגליכקייט, וויל ערשט האבען זיך די דייטשען ארויסגעצויגען פון דאנען, געטריבען פון אונזער אינפאנטריע,

און מיר האָבען אויף זיכער ניט געקאָנט וויסען יעדען פונקט, וואו אונזער אינפאַנטעריע איז דאָ, אָדער וואו עס איז נאָך געבליבען אַן אָפענער „געפּ", אַ נאָך ניט־גענומענער פּלאַץ.

צוויי פון די גרופּענע און איך האָבען גלייך געמאַכט אַן אינספּעקציע איבער אונזערע וואָפען, און האָבען זיך באַזאָרגט אַזוי, אַז מיר זאָלען קאָנען זיי גרייכען צו יעדען מאָמענט. די איבעריגע צוויי גרופּענע זיינען ערגעץ פאַרשוואונדען אָדער פאַרבלאָנדזשעט געוואָרען.

„קומט!" און מיר זיינען אַוועק נאָך דעם אָפיציער נאָך אין דער פינסטער. בלויז ער האָט געהאַט די אינסטרוקציעס און די סימנים, ווי אַזוי אויסצוגעפינען די נויטיגע פּלעצער פאַר אונזער גאַנצען באַטאַליאָן. און אַלס ביי־סימן איז געווען נאָך אַן אַרטילעריע אָרגאַניזאַציע נעבען אונזערער. מיר זיינען קוים דורכגעגאַנגען אַ טויזענד יאַרד, ווען אַ שראַפּנעל האָט געפּלאַצט אין דער לופטען עטוואָס רעכטס פון אונז און דאַן אַ צווייטע און אַ דריטע, אומטאַנצענדיג איבער אונזערע קעפּ. דער אָפיציער האָט אונז געהייסען אריינשפּרינגען אין אַ דערבייאיגען גראָבען און האָט זיך גלייך געלאָזט אַהין. און אַז לויפען, טאָ זאָל זיין געלאָפען! אין אַ מאָמענט בין איך געווען ביי דער זייט פון אָפיציער, און האָב זיך צוגעזעצט נעבען איהם. אין דעם נעכסטען מאָמענט זיינען די איבעריגע אָנגעקומען. איינער איז ארויפגעפאַלען אויפ'ן אָפיציער און אויף מיר, אַזוי, אַז מיר האָבען זיך אַלע דריי אָנגעהויבען ארונטערקייקלען טיעפער אין גרוב. דער אָפיציער איז פון איהם גלייך לויז געוואָרען, אָבער אויף מיר איז ער ארויפגעפאַלען מיט זיין גאַנצען געוויכט און דערצו נאָך אין אַזאַ פּאָזיציע, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטען. איך האָב דערפיהלט מיט מיינע אויסגעשטרעקטע הענט, אַז אַביסעל טיעפער איז דאָ אַ לויפענד וואַסער, און דאָ שטופּט ער מיך ווייטער.

„העי, דו! האַלט זיך צוריק!" — האָב איך געשריען צו איהם. אָבער ער איז געראַדע געפאַלען אויפ'ן רוקען, קרעכצט נעבאַך, אָבער קאָן זיך ניט העלפען. איך האָב זיך מיט אַלע כחות אָנגעשפּאַרט ביים ברעג וואַסער און געלאָזט איהם אריבערגליטשען זיך איבער מיר. „פּליוך!" האָט זיך דערהערט ווי ער איז אריינ־

געפאלען, און מיר האבען זיך אלע צולאכט פון דער קאמישער סצענע, וועלכע מיר האבען ווייניג וואס געזעהן, אבער אזוי דייט־ליך געוואוסט און מיטגעמאכט.

„האסט עפעס געפונען א גוטע פאזיציע?“ — האט דער אפי־ציער נאך אלץ לאכענד געפרעגט, ווען ער האט אנגעהויבען ארומטרייסלען זיך פונ׳ם וואסער. „יעס, סער! עס איז א פיינע פאזיציע, נאר א נאסע!“

די שראפנעלען האבען זיך אביסעל אפעגערוקט אן א זייט און מיר האבען זיך געלאזען אנפאנגס לויפען און נאכהער געהן אויספיהרען אונזער מיסיע. איינעגע שטונדען זיינען מיר אזוי ארומגעגאנגען אין דער פינסטער, מעהרסטענס ארומגעדרעהט זיך אויף איין פלאץ, גערופען דעם נומער פון א באשטימטער ארטי־לעריע־ארגאניזאציע. פיעלע מאל זיינען מיר אריינגעפאלען אין שעל־גריבער, אמאל דער, אמאל יענער, און אפט אלע צוזאמען, איינער אויפ׳ן אנדערען, ביז מיר האבען ענדליך געפונען די גע־ווינשטע פלעצער.

עס האט שוין אנגעהויבען עטוואס ליכטיגער ווערען. מיר קאנען קיין סך צייט ניט פארלירען. באלד קומט די שטונדע, ווען מיר מוזען עפענען א „באראזש“ אויף א באשטימטען פונקט, און אויב מיר פארלירען נאך אביסעל צייט, וועט אונז דער דייטש באמערקען מיט׳ן אנקומען פון ליכט.

אויסגעמאטערטע פונ׳ם לאנגען אומוואנדערען און פון דער אונאויפהערליכער געפאהר, האבען מיר זיך דאך מיט שנעלע טריט געלאזט צו אונזערע באטערעען, וואס האבען געווארט מיר זאלען זיי אנצייגען זייערע פלעצער. פארטראגען און קוקענדיג פאראויס צו דעם פלאץ וואו זיי געפינען זיך, בין איך געגאנגען נעבען דעם אפיציער, ווען איך האב זיך אן עטוואס פארטשעפעט און בין געפאלען. ביי יעדען מאל פאלען פלעגען מיר ווידערהאלען אונ־זער לאכען, ניט אזוי אוים לוסטיגקייט, ווי צוליעב היימליכקייט וועגען. זיי האבען ווידער געלאכט, אבער ניט איך. מיינע הענט האבען דערפיהלט א מענשליך געזיכט. בליץ־שנעל האב איך זיך אויפגעהויבען און זיך איינגעקוקט. יא, איינער ליגט די הענט צו־שפרייט. דער פאק לאזט איהם ניט ליעגען פלאך אויף זיין רוקען, איין פוס צוזאמענגעבויגען, די קניע ארויף, דאס געזיכט צום הי־

מעל געוועגדט, זיינע האלב־אפענע אויגען האבען געקוקט אויף מיר קאלירלאז און זינלאז.

א מורא׳דיגער שרעק האט מיך דורכגענומען. איך האב שוין פיעלע פון זיי געזעהן אין זייערע לעצטע פאזען, אבער דער געדאנק, אז איך האב איהם באריהרט מיט מיינע הענט, האט אויפגעשטעלט די האר אויף מיין קאפ און מיין גאנצער קערפער איז נאס געווארען. כ׳האב דערפיהלט דעם גאנצען שוידער פון מארד. אט ליעגט נאך איינער און א צווייטער און אזוי וואוהין מען ווארפט נאר א בליק, ווי ווייט מען קאן נאר זעהן אין דער אנקומענדער ליכט. ערשט מיט א פאר טעג צוריק האט מען פון דאנען צוריקגעטריבען דעם דייטש, אבער אויך פיעלע פון אונזערע זיינען פארהאלטען געווארען. זיי וועלען שוין מעהר קיינעם ניט טרייבען, מיט קיינעם ניט קעמפען. פאר זיי איז שוין אלץ דערגרייכט און אלץ פארלארען. באוועגלאז ווארטען זיי אויף די שטילע, אימערפארנומענע באגרעבער...

עס איז אבער קיין צייט ניטא פיעל צו בלייבען שטעהן איבער זיי. מיר האבען ערפילט אונזער מיסיע.

„ליוטענאנט, וואוהין זאלען מיר איצט געהן?“—האבען מיר איהם געפרעגט נאכדעם ווי די באטרעען זיינען צושטעלט געווארען און אנגעהויבען פייערען מיט דער העכסטער שנעלקייט.

ער איז ערגעץ פארשוואונדען געווארען און מיר האבען זיך געלאזען אין דעם רואינירטען שטאהל אריין.

מיט די פארוואונדעטע בעת א שלאכט

א מיעדער,ערשעפט פון די ערפאהרונגען פון דער לעצטער נאכט, האב איך גאנץ וועניג אויפמערקזאמקייט געשענקט די שעלס, וואס האבען יעדע פאר סעקונדען פארבייגעקווייטשעט און געפלאצט דא און דארטען. דאס איבערגעלעבטע און די ערשטפארגאנגענע דריי־פיער שטונדען האבען מיך באלד געמאכט פאר א וועטעראן, און קוים שלעפענדיג די פיס בין איך לאנגזאם, טריט ביי טריט, געגאנגען און האב געהאפט צו געפינען א פלאץ זיך אביסעל אפצורוהען,—ווען עס פליהט פארביי א שעל מיט א געוויין, אזוי ווי זי וואלט אליין ניט געווען צופרידען פון איהר

מיסיע, טוט טאקע א ציטער און א בויג זיך ארונטער דער גאנצער קערפער, אבער — עט, נארישקייטען! ניט מיך מיינט מען! איך וויל זיך בלויז צולעגן כאטש אויף איין שטונדע, אויף א האלבער שטונדע.

אבער ניט אויף לאנג בין איך געבליבען אין אזא צושטאנד. ניט ווייט פון דער שטאהל האב איך דערזעהן א צווייטע געביידע, עטוואס קלענער און נידעריגער, געבויט פון דיקערע שטיינער; און צוליעב דעם וואס זי איז געווען טיילווייז פארשטעלט, איז זי ניט אזוי שטארק צושאסען געווארען. נעבען דעם אריינגאנג, וואס איז פארהאנגען מיט דיקע שווארצע טיכער, האבען זיך ארומגעשטויסען א היבש ביסעל מענשען און וואגענס, אמבולאנסען זיינען צוגעפאהרען און צוריקגעגאנגען און די, וואס זיינען גע־ווען ארום זיי, האבען זיך אויסערגעוועהנליך געאיילט מיט זייער ארבייט: טראג־בעטלעך ארויסגעצויגען און צוריק אריינגע־שטעלט.

דאס איז א „דרעסינג־סטיישאן" פאר פארוואונדעטע, — איז מיר גלייך קלאהר געווארען.

איינער האט זיך אביסעל ארויסגערוקט פון דעם עולם, האט געמאכט צו מיר מיט די הענט און געשריען עפעס. ער וויל, אז איך זאל זיך אביסעל שנעלער באוועגען. איך בין צוגעלאפען צו איהם און ער שרייט נאך אלץ אויף מיר: „געט אוט אוו סאיט!" „ווייסטו דען ניט, אז די דייטשען האבען איבער א טוץ „אבזער־ווישאן־פאסטס" אויף יענעם בארג?"

„אהין אדער אהער!" — האט א קאמאנדעווע געטאן צו מיר דער מאן, און איך האב זיך שנעל אריינגעקוועטשט אין דעם „אהער", אין דעם „דרעסינג סטיישאן".

הארט ביים וואנט נעבען אריינגאנג זיינען געלעגען אייניגע אויפגעקליבענע, אדער אזעלכע וואס זיינען אויסגעגאנגען פון שווערע וואונדען. צוגעדעקטע מיט דיזעלבע קאלדרעס, מיט וועלכע מיר דעקען זיך צו, זיינען זיי באוועגלאז געלעגען אויף די טראג־בעטלעך. בלויז אייניגע פיס און שווערע שיך און שמוציגע „לעגינס" האבען ארויסגעשטעקט. זיי האט ניט געארט דער דרוי־סענדיגער ליארעם.

ווען איך האב זיך אריינגעשטופט אינעווניג, בין איך שיער

ניט דערשטיקט געוואָרען אין דעם גרויסען געדראַנג, אין די וועניגע איבערפילטע צימערען. פאַרוואונדעטע, פאַרבלאָנדזשעטע, רויטער־קרייץ אַרבייטער, דאָקטוירים און גלאַט אַזעלכע, וואָס זוכען שוץ ביז דער הויפּט־קאַמף, דער הויפּט־שטורם וועט פאָריבער, האָבען זיך צוזאַמענגעדריקט אין אַ פּאָר ענגע צימערען, האָבען זיך געפּלאָנטערט אין קאָלדרעס, טראָג־בעטלעך, קליידער, שיך און בלאָטע, וואָס האָבען זיך צוזאַמענגעמישט אויפ'ן דיל.

און עס שטראָמען אַלץ מעהר פאַרוואונדעטע, אַרומגעוויקעלטע מיט די ערשטע דערווייליגע באַנדאַזשען; דאָס בלוט רינט דורך, פאַרבט מיט עקעלהאַפטע פּאַסען זייערע קליידער, הענט, געזיכטער. מידע, פאַרקרימטע געזיכטער פון שמערצען און אָנשטרענגונג, שמוציג פון קאָפּ ביז די פיס, אין די אויגען שפּיגעלט זיך אָפּ דער שמערץ, אָבער אויך פינקעלט דורך אַ מין געדולדיגער ערוואַרטען, אַז אָט־אָט נעהמט אַן ענדע צו זייערע ליידען, אַז פון דאַנען וועלען זיי צוגענומען ווערען ערגעץ ווייט פון דעם גיהנום; דאָרט וועלען זיי ווידער אויסגעהיילט ווערען, דאָרט וועלען זיי זיך אויסרוהען און זיין אויסער געפאַהר. איז נאָך אַביסעל צייט, איז נאָך אַ האַלבע שטונדע — יעדענ'ס נעקסט וועט קומען. דער דאָקטאָר וועט איהם באַטראַכטען, פרעגען לפנים „וואָס איז דיר באַדרי?“, וועט עפּעס באַפעהלען דעם „מעדיקאַל סארדזשענט“ און זיין הילף און רעטונג וועט קומען.

די לייכט־פאַרוואונדעטע צייגען אַרויס די גרעסטע געדולד און האַלטען זיך צוריק אויף וויפיעל מעגליך, אַבי ניט צו „באַדערען“ דעם נערוועזען, אימער באַשעפטיגטען דאָקטאָר, ווייל פריהער קומען די, וואָס מען טראָגט אַריין שטיל־קרעכצענדע און אָפט אַזעלכע, וואָס האָבען שוין אויפגעהערט צו קרעכצען. און ווען די לייכט־פאַרוואונדעטע קוקען זיך איין ווי אַזוי דער דאָקטאָר איז באַשעפטיגט אַרום די „בעדלי קאַט אָפּ באָיס“, פיהלען זיי זיך אַזוי ווי פאַרשולדיגט, וואָס ביי זיי איז אָנשטאָט אַ דורכגעשאָסענעם בויך, ברוסט, אָדער צושמעטערטען שאַרבען, בלויז אַ דורכגעשאָסענע האַנד אָדער פוס. די וואָס האָבען אַביסעל גאַז אין זייערע לונגען און קרעץ פון מאָסטאַרד־גאַז אויף זייער לייב, זעהען אויס ווי צו זיין אונרוהיג און ניט זיכער, אויב מען וועט זיי ענדליך אַריינזעצען אין וואַגען. מיט אונרוהיגע אויגען קוקען זיי

אויף יעדען וואגען, וואס ווערט שנעל אנגעפילט מיט מעהר ערנסט פארוואונדעטע, אבער אומזיסט זייער שרעק. אט באלד באלד און אויך זייער רייהע קומט, און דער „מעדיקאל סארד־זשענט" טוט איינעם נאך דעם אנדערען א רוף צו: „ארײן אין וואגען!"

אימיצער האט אויסגערופען, אז אלע פארוואונדעטע, וואס ווי־לען קאקאו זאלען ארײן אין דריטען און לעצטען צימער. איך בין מיטגעגאנגען, ניט קיין פארוואונדעטער, אבער — אך, אביסעלע קאקאו! און נאך איינינע פון מיין גלייכען שפארען זיך אין דעם געבענשטען צימער.

אין קיך איז אזוי שמוציג און ארדנונגסלאז, ווי אין די ערשטע צוויי צימערען, אבער דא פארנעהמען שוין א גאר גרויסען פלאץ גרויסע קאסטענס מיט סיגארעטס, שאקאלאד, גוטע ביס־קוויטס, און צוויי גרויסע טעפ מיט קאקאו, ארום וועלכע עס שווי־צען פון גרוים באשעפטיגונג און שלאגענדען־דאמף צוויי יונגע־געזונטע י. מ. ק. א. ארבייטער, געשטופט און געדריקט פון אלע זייטען. און עס דאכט זיך, אז ניט זיי ארבייטען, נאר קעמפען מיט זייערע הענט, שטימע, מיט'ן גאנצען קערפער.

„וואס ווילסטו, קאקאו? א טאסע, א קענדעל האסטו? ביזט א פארוואונדעטער? — יעס — אלרייט, „באדדי".

„ביזט א פארוואונדעטער? — פרעגט ער נאך איינעם — ניין? קריגסטו ניט קיין קאקאו. מיר האבען פאר דעם גענוג פארוואונ־דעטע. נא דיר א פאר סיגארעטלעך און געה!

איינינע נעהמען צו די פאר סיגארעטלעך און געהען אוועק אהן קאקאו, אבער אנדערע זיינען צודרינגליכער. דערצעהלען, אז זיי זיינען הונגעריג, גארנישט אין מויל געהאט זינט דאן און דאן. צי דער אויסטיילער גלויבט זיי ניט אדער ער גלויבט זיי יא, ער וויל איהם אבער ניט העלפען. איך האב דערזעהן, אז עס האלט שמאל מיט מיר, אבער פונדעסטוועגען האב איך דאך באשלאסען אויסצופראבירען מיין גליק. און אלס א טייל פון מיין טאקטיק ארויסצוקריגען אביסעל קאקאו, האב איך איהם געזאגט, אז איך בין פון דעם ערשט־אנגעקומענעם „אוטפיט" (מיליטער).

„אזוי, ביזט פון דעם ערשט־אנגעקומענעם „אוטפיט"? הייסט עס, אז דו וועסט ערשט דארפען דורכגעהן א היבשע ביסעל שלעק?

אויב אזוי, דערלאַנג מיר דיין טאַסע און נאַ דיר אַ פּאָר סיגאַרעט־לעך אויך".

כ'האָב מיט דאַנק צוגענומען דאָס געגעבענע און אָנגעהויבן דורכשפּאַרען זיך צו דער טיר, ווען איך האָב דערזעהן איינעם פון מיינע אָפיציערען מיט אַ טאַס אין דער האַנט. אויך ער זוכט אַביסעל דערקוויקעניש. אויף מיין פראַגע וואו איך קאָן געפינען מיין „באַטאַליאָן העדקוואַטערס דיטייל", האָט ער ערקלעהרט, אַז דער קאָמאַנדיר מיט די טעלעפאָן און ווייערלעס סעקשאָנס זיינען אַ צוויי מייל צוריק אין אַ „דאָג אוט" אין דער און דער געגענד. וועגען די איבעריגע ווייסט ער ניט וואו זיי זיינען, און ער ראַט מיר אַ זוך טאָן זיי אַרום דעם „דרעסינג סטיישאָן".

ווען איך בין אַרוים דרויסען, האָט זיך דייטליך געמערקט, אַז דער ברען פון קאַמף איז שוין אַריבער, אָבער ער איז נאָך געווען היים גענוג.

דערזעלבער מאָן, וואָס האָט געשריען צו מיר אין דער פריה, איז אויך דאָס מאָל געווען אויף זיין פּאָסטען און האָט געוואָרענט, אַז מען זאָל זיין אונטער צודעק וויפיעל נאָר מעגליך, ווייל דער פּלאַץ איז אונטער הונדערטער דייטשע אויגען. אום אויסצופּאָל־גען זיין באַפעהל, בין איך געגאַנגען אונטער'ן צודעק פון קאַמאָ־פלאַזש וואָגענס. אַנטקעגען, איבער'ן וועג וואָס פיהרט פון אונ־זערע אינפאַנטעריע ליניען, וועלכע זיינען אָגב געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, זיינען אַלץ גרעסערע גרופּען פאַרוואונדעטע אָנגעקומען, קוים געשלעפּט די פיס אין דער טיעפער בלאָטע. די עטוואָס שטאַרקערע האָבען אונטערגעהאַלטען די שוואַכערע, אונ־טערגעהאַלטען זיי אונטער די אָרעמס, געפיהרט פאַר די הענט, אַזוי ווי עלטערע ברידער פיהרען זייערע אינגערע, וואָס האָבען זיך ערשט אויסגעלערענט געהן. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז פאַר זיי עקזיסטירען גאָר קיין שעלס ניט. זייערע אויגען זוכען מיט אַזאַ פיינליכקייט דעם פּאָר זיי איצט העכסטען גליק, די פּאָר ווערטער און רויטע קרייץ צייכען — „רעד קראָס דרעסינג סטיישאָן".

„וואָס הערט זיך דאָרטען, ברודער?" — האָב איך באַשלאָסען צו פרעגען אַ לייכט־פאַרוואונדעטען, וואָס איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגען.

„ס׳איז העל, אָבער מיר טרייבען זיי אָהן אַפּהאַלט“.

ווען איך בין צוגעגאַנגען צום שטאַל, האָב איך גלייך דער־זעהן איינעם פון אונזערע מענשען אַרויסקוקען פון דער גרויסער לאָך, וואָס איז אַמאָל געווען אַ קליינער פענסטער.

„קריך אַריין, כהן, ווייל פון דער זייט וועג וואו די טיר איז זעהען אונז די „באַשעס“.

איך פאָלג נאָך זיין וואַרנונג און לאָז זיך צום פענסטער. ערשט, האַרט ביים וואַנט ליעגט איינער אויסגעצויגען אין זיין פולער לענג מיט׳ן געזיכט אַרויף. די דרייוועד־גלאָוס פאַנאַנדער־געוואָרפען. אַ רוהיגער געזיכט מיט פאַרמאַכטע אויגען, אַזוי ווי ער וואָלט געלעגען אין אַ געשמאַקען טיעפען שלאָף.

ווי אַזוי איז ער דער׳הרג׳עט געוואָרען? וואוהין האָט איהם געטראָפען? — האָבען מיינע אויגען געפרעגט. אַ בליק אויף זיין העלמעט און אַלץ איז קלאָהר געוואָרען. עטוואָס העכער פון שטערען האָט אַרויסגעשטאַרטשעט אַ העסליכע לאָך. פעסט האָט דער רימען צוגעהאַלטען דעם שטאָלענעם העלמעט אויף זיין קאָפּ, און אפילו זיין פאַלען האָט איהם ניט אַראָפּגערוקט, און דורכ׳ן לאָך פון העלמעט זעהט זיך אַרויס די טיעפע וואונד אין זיין שאַר־בען און מאַרך. אַביסעל בלוט איז נאָך פאַרבליבען אונטער זיין קאָפּ, אָבער די איבעריגע איז שוין פאַרטראָטען פון די צאָהללאָזע טריט, וואָס געהען דאָ פאַרביי, וואָס קריכען אין שטאַהל, און עס איז צוזאַמענגעמישט מיט בלאָטע אַזוי, אַז מען קאָן ניט אונ־טערשיידען איינע פון דער צווייטער. ער ליעגט צו האַרט נעבען וואַנט און אויך איך האָב געמוזט טרעטען אויף זיין בלוט...

„זיינען דאָ די איבעריגע פון אונזער באַטאַליאָן דיטייל?“ האָב איך געפרעגט דזשאַהנסאָנ׳ען.

„יעס, זיי זיינען דאָ“, און כ׳האָב זיך אַזוי דערפרעהט, ווען איך האָב דערזעהן מיינע חברים.

אָפּגעשניטענע פון דער גאַנצער וועלט

„דהי לאַסט קריו" — דאָס איז געווען מיין ערשטער איינדרוק, ווען איך האָב דערזעהן די פּאָר צעהנדליג סאָלדאַטען פון מיין אָפּטיילונג, וועלכע איך האָב געפונען אין דער חורבה, וואָס האָט געהאַט איינינע אָפּטיילונען פאַר היי, פּיה, פערד, א. ד. גל. — א גוטער ציעל־פּונקט פאַר די דייטשען; דאָך האָבען זיך די ווענט אזוי לייכט ניט אונטערגעגעבען און זיינען געווען גרייט אויפצונעהמען נאָך גוטע פופציג שעלס, ביז זיי וועלען אינגאַנצען צוזאַמענפאַלען ביז׳ן פונדאַמענט. אָבער די קלעפּ האָבען שוין געמאַכט אזוי פיעל לעכער אין דאָך און אין די ווענט, אז מען האָט געקאָנט ארויסקוקען אין אַלע זייטען; און עס איז געווען אונמעגליך אויסצובאַהאַלטען זיך פון דעם רעגען, וואָס האָט גאָר־ניט געוואָלט אויפהערען און כסדר געגאָסען פון אויבען.

וואו געפינט מען א פּלאַץ פאַר זיך? מיינע זאַכען, וועלכע איינער פון מיינע פריינד האָט פאַר מיר אראָפּגענומען פון פערד און אהער געבראַכט, זיינען אינגאַנצען דורכגענעצט געוואָרען. איך האָב אָפּגעקליבען די עטוואָס טרוקענערע דעקעס און האָב זיך גענומען זוכען א ווינקעל צוצולייגען זיך. דער גרעסטער טייל פון דער חורבה איז פאַרנומען פון פערד, און האַרט ביי די פיס פון די פערד זיינען אויף די אָפּגעבראָכענע שטיינער פון די ווענט און אויף די נאַסע שמאַטעס געזעסען און געלעגען פיעלע צוריקגעבליבענע אינפאַנטעריע־„באָים", אזעלכע, וואָס האָבען אין דער פינסטער פאַרבלאָנדזשעט פון זייערע קאָמפּאַניעס. דאַרף מען ווידער פּרובירען אין דער מיטעלסטער אָפּטיילונג, וואו עס געפינען זיך מיינע מענשען.

„וועל, באָים! עס וועט אייך גאָרניט העלפען; איהר וועט זיך מוזען אביסעל מעהר צוזאַמענרוקען און מאַכען פּלאַץ פאַר מיר אויך."

חברה האָבען זיך אָנגעהויבען ארומשאַרען און אריבעררוקען זייערע שמאַטעס, אויף וועלכע זיי זיינען געלעגען אויף דער ערד אָבער פון א טרוקענערען פּלאַץ רוקט מען זיך ניט אָפּ; און פּאָר

מיר איז אויסגעקומען א גאנץ פיינער ווינקעל, נאָר פון אויבען האָט זיך געזעהן א שטיק גרויער הימעל, און א טיפערע בלאָטע אונטען מיט דעם אלץ מעהר צוקומענדען וואסער; אָנלעגענדיג גרויסע שטיינער, ציעגעל און ברעטער, און ציטערענדיג מיט אלע גליעדער פון נאסקייט און קעלט האָב איך זיך אוועקגעלאָזט אין דער וועלט פון חלומות. זאָל זיך זיין וואס עס וועט זיין, איך בין מיעד און ערשעפּט.

ווען איך האָב זיך אין איינינגע שטונדען ארום אויפגעכאפּט ציטערענדיג מיט מיין גאנצען קערפּער, און האָב ווידער באטראכט, וואו מיר זיינען אויף דער וועלט, האָב איך צו קיין בעסערען שלום ניט געקאָנט קומען, אז עס איז מיזעראבּל ביז'ן העכסטען גראד.

די אינפאנטעריע האָט זיך אויף א ווײלע אָפּגעשטעלט, אָבער דאָס ארטילעריע־פייער האָט אָנגעהאלטען מיט'ן זעלבען ברען, און עס ציהען זיך די זעלבע גרופּקעס פארוואנדעטע.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין מיין ווינקעל און האָב באטראכט מיין גרופּע, מיט וועלכער איך בין דאָ געבליבען שטעקען, האָט זיך ווייטער פארשטארקט מיין ערשטער איינדרוק, אז עס איז א „לאָסט קריו“.

אמת, דאָ איז טאקע געווען דער „סארדזשענט־מיידזשאָר“ פון אונזער באטאליאָן, — א טיפּישער געזונטער סלאוו, מיט קליינע כיטרע אויגעלעך, וועמעס איינציגער פארדיענסט איז געווען, וואָס ער האָט געדיענט אין דער פלאָטע; דאָ איז אויך געווען דער סארדזשענט, וועלכען איך האָב אָם מעהרסטען ניט געגליכען צוליעב זיין פּראָסטקייט, זיין גראָבען באנעהמען־זיך, און זיין ניט קאָנען געפינען קיין פּלאץ אויפ'ן קאָפּ פאר זיין היטעל, אזוי דאָס פאר איהם איז זאָגאר געווען צופיעל דער רעכטער אויער, וואָס האָט ניט געלאָזען זיין היטעל נאָך מעהר ארונטעררוקען זיך אויף רעכטס; דאָ זיינען געווען די סימפּאטישע צוויי קוקס; דער שטערבליך־פארליעבטער, וועלכער פלעגט מיר ציינגען זיין גאנצע קאָרעספּאָנדענץ; א פּאָר קאָרפּאָראלס, און נאָך איינינגע מיטגליעדער פון מיין קאָמפּאני,—אָבער קיין איינציגער פון אונזערע אָפּיציערען. זיי זיינען ווארשיינליך פארנומען געווען ערגעץ מיט זייערע ארבייטען.

דערווייל אָבער האָבען מיר זיך פאר איינינגע טעג געפיהלט

ווי פאַרלאָרענע, צוגעהערט זיך צום דרויסענדיגען ליאַרם, און יעדע ווײַלע געוואַרט פאַר דער „שעל", וואָס וועט דורכברעכען דאָס שטיקעל איבערגעבליבענע דאַך איבער אונזערע קעפּ און אונז פאַרניכטען. אַם ערגסטען איז אָבער געווען די מורא פאַר'ן הונ־גער, וואָס האָט אונז שוין געקוקט גלייך אין פּנים אַריין. עס זיינען שוין אויסגעגאַנגען די „עמוירדזשענסי ריישאַנס", וואָס יעדער האָט געהאַט מיט זיך. אויך איז מען שוין געכאַפּט געוואָ־רען גנב׳ענענדיג אַ פּאָר לאַבענס ברויט פון דער גרופּע פראַנצוי־זישע סאָלדאַטען, די „אַנטי־עיר־קראַפט" באַאַבאַכטער, און עס האָט אַלעמען באַשעפטיגט די פראַגע: וואָס וועט זיין ווייטער? ביז מען וועט ווידער אַ שטופּ טאָן די דייטשען דאַרף נאָך גענהמען אַ גאַנץ היבשע צייט. דעם פּראָוויאַנט פאַר אונז האָט אונטער די אומשטענדען געדאַרפט ברענגען דער „סופּלאַי"־סאַרדזשענט — „מעים". אַט דער זייַדענער יענקי, וואָס איז אַ פּרינסטאָן־קאַלעדזש סטודענט און אַ „טענים"־שפּיעלער, מיט פיעלע „קאַפּס" פאַר משעמפּיאָנשיפּ, אָבער דאָ איז ער ניט געווען קיין גרויסער בעלן צו ריזיקירען מיט זיך, כדי אונז אָנצוהאָדעווען.

„איך האָב זיך טאַקע אָנגעשלאָסען אין דער ניישאַנאַל־גאַרד, איך בין אַ גוטער פּאַטריאָט און אַלץ, וואָס איהר ווילט, אָבער איך וויל צוריקברענגען אַהיים צו מיין יונגער פרוי אָט דעם סאָוועניר — האָט ער אָנגעצייגט אויף זיך — און איך וועל איהם אָפּהיטען ווי־פיעל איך וועל נאָר קענען.

מיר האָבען גאָרניט אויסגעזעצט געגען זיין פאַרענטפערען זיך, איבערהויפּט נאָך דאָן, ווען מיר האָבען יעדע ווײַלע געזעהן, ווי פערד און מענשען ווערען צעריסען אויף שטיקער; אָבער אונזער הונגער האָט עס אויך ווייניג געהאָלפען, און עס איז געבליבען ביי דעם שטילען אַרומקריגען זיך צווישען די פּרייוועטס און סאַרד־זשענטס. די ערשטע האָבען גע׳טענה׳ט, אַז די סאַרדזשענטס דאַרפען אין אַזאַ פאַל טאָן עטוואָס, און די לעצטע האָבען געזאָגט פאַרקעהרט.

„קום אַהער, איך וועל דיר עפּעס זאָגען", רופט מיך „דער פאַר־ליעבטער", און פאַרטרויט מיר, אַז אין דעם „דרעסינג־סטיישאָן" קאָן מען עפּעס קריגען, און אַז מיר זאָלען צוזאַמען זיך דורכגעהן אַהין; און דערביי ציטערט ער ווי אַ בלאַט ביי יעדען נייעם פייף

פון א פארבייפליהענדער שעל. אבער נאך מיין לעצטער ערפאהרונג האב איך זיך באצויגען גאנץ סקעפטיש צו זיין פלאן און איך האב ניט צוגעשטימט.

ער האט זיך צוזאמענגערעדט מיט נאך אייניגע „באס“, צווישען זיי אויך דער „סופלאי־סארדזשענט“, און מען איז איינער נאכ׳ן צווייטען ארויסגעקראכען דורכ׳ן פענסטער און זיך אוועקגעלאזען צום „דרעסינג־סטיישאן“. זיי זיינען נאך ניט אפגעגאנגען קיין הונדערט פוס, ווען א שווערער „שעל“ איז אנגעקומען מיט א האסטיגען קוויטש און האט געפלאצט מיט א פארטויבענדען קראך גלייך אין פאראויס פון זיי. אבער נאך איידער זי האט געפלאצט, זיינען זיי אלע, ווי אונטערגעהאקטע, אנידערגעפאלען אין בלאטע, מיט די הענט און מיט די געזיכטער, ניט קלערענדיג אפילו איין רגע וואו און ווי אזוי צו פאלען. און אין דעם נעקסטען אויגענבליק האבען זיי זיך צוריק אויפגעהויבען און — הענדום־פענדום צוריק אין שטאהל אריין.

„אט האסטו דיר עסען און סיגארעטס!“ האט שווער געסאפעט דער שטארק־פארליעבטער, ווען ער האט זיך אריינגעקאטשעט אינוועניג, אריינגליטשענדיג זיך אויפ׳ן בויך מיט אין בלאטע פארשמירטע הענט און קליידער. די איבעריגע זיינען געווען אין ניט קיין בעסערען צושטאנד. בלייכע, אויף טויט צושראקענע, האבען זיי קוים א ווארט געקאנט אויסריידען.

„וואו איז מאיק?“ האבען זיך אלע ארומגעקוקט, ווען זיי האבען באמערקט, אז איינער פון דער שפייז־עקספעדיציע פעהלט.

„ער איז אריינגעלאפען אין דעם פראנצויזישען „דאג־אוט“, בארוהיגט אונז אימיצער.

און ווען מיר האבען זיך ארומגעזעהן, אז אלץ האט זיך אויסגעלאזען כשורה, האבען מיר זיך הארציג צולאכט איבער די קאמישע פאזעס, אין וועלכע זיי זיינען געבליבען ליעגען אין דער בלאטע, און איבער דער גאנצער פאסירונג.

גראד אין דעם מאמענט האב איך דערפיהלט א פארלאנג צו צייגען מיין דרייסטקייט, און איך בין אוועק פרובירען מיין מזל און קריגען עטוואס צום עסען. און גראד האט זיך גאנץ גוט אויסגעלאזען. דער אויסטיילער האט מיר געגעבען א שטיקעל ברויט, אויף וועלכען ער האט נאך ארויפגעלעגט א לעפעל פא־

סאַליעס, און נאָך מיטגעגעבן איינציגע ביסקוויטס און סיגאַרעטן. אַ צופרידענער פון מיין ערפאָלג און נאָך מעהר פון דעם געקראַגע־נעם, בין איך טריאומפירענד צוריקגעקומען צו מיינע חברים; און ווען זיי האָבן מיך דערזעהן מיט די זעלטענע אַרטיקלען אין מיינע הענט האָבן זיי זיך איינער נאָכ׳ן אַנדערן געלאָזט פּרו־בירען זייער גליק און קריגען דאָסזעלבע.

„אַה, בינס!" האָט דער ערשט־פאַרשוואונדענער מאַיק אַרויסגערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג; און אַפילו ער, דער גרעסטער פייגלינג פון דער חברה, האָט זיך מיט שנעלע טריט, אַזוי ווי גנב׳ענענדיג זיך פון די שעלס, אַז זיי זאָלען איהם ניט באַמערקען, אַוועקגעלאָזט צו דער איינציגער רעטונג פון הונגער — צום „דרעסינג־סטיישאָן". און אויך זייערע באַמיהונגען זיינען געקרוינט געוואָרען מיט דעם זעלבען ערפאָלג.

אַביסעל געקרעפטיגט און ערמונטערט פון דעם אָרימען אי־בערביים, האָבן מיר זיך פאַרזאַמעלט אַרום אַ לאַנגער לאָך אין וואַנט, אַנטקעגען דעם פאַרביילויפענדען וועג, און האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם ווילדען טאַנץ פון „שעלס" און טויט, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט פאַר אונזערע אויגען.

אויף אַ באַרג, אַ ביסעל אָפּגערוקט צו רעכטס, געגענאיבער אונז האָט זיך צושפּרייט דאָס שטעדטעל „קאַרנעי". עס האָט אויסגעזייגט, אַז זי איז פון אַ היבשער גרויס. אַלץ העכער האָבן געקלעטערט די פאַרשיידען־פאַרמיגע הייזער, פאַרשטעלענדיג און איבערשטייגענדיג איינע די אַנדערע מיט זייער הויך; און אויפ׳ן רוקען פון באַרג האָבן, העכער און שטאָלצער פון אַלע, אַזוי ווי ענטבלויזטע ביינער, אַרויסגעסטאַרטשעט ווענט און שטיקלעך אי־בערגעבליבענע ווינקלען פון אַ גרויסער געביידע, וואַרשיינליך אַן אַלטע „טשאַטאָ"; ווינקלען, וואָס האָבן אויסגעזעהן אַזוי ווי פאַנטאַסטישע קאָלאָנען פון אַן אַלטען איינגעפאַלענעם טעמפּעל.

עס האָט אָנגעהויבען ווערען עטוואָס קלעהרער אין דער זייט פון דער רואינירטער שטאָדט. ווען עס וואָלט געווען אינגאַנצען קלאָהר, וואָלטען מיר געזעהן אַ שעהנעם זונען־אונטערגאַנג, איינ־געפאַסט אין אַ וואונדערבאַרער פּאַנאָראַמע, אָבער צווישען די ניט־אין־גאַנצען־פאַנאַנדערגעטריבענע כמאַרעס האָט זיך די זון ניט אַרויסגעזעהן; דאָרט, וואו זי האָט געזאָלט הערליך אַרויסקו־

קען מיט איהר „זיי־געזונט"־בליק, האָט זיך פאַרמירט אַן אונקלאָ־רער בלוט־רויטער קנויל, און אַרום האָבען זיך אין אַ פאַרלעגענהייט צושפּרייט און צוריקגעהאַלטען איהרע רייכע, אָבער איצט פאַר־שטיקטע פאַרבען. זיי זיינען אָבער געווען גענוג שטאַרק און פיעל, אום צו געבען אַ בלוטיג־רויטען אָפּגלאַנץ צו די רואינען, וואָס האָבען זיך, אַזוי ווי הענט, געצויגען צום הימעל, מיט אַ שטומער פאַרצווייפעלטער פראַגע: פאַרוואָס און ווי לאַנג נאָך וועט טרי־אומפירען מערדעריי און רואינע איבער אַ וועלט, וואָס האָט געזאָלט זיין און קאָן זיין פול מיט פריידען און גליק? — אָבער אַלס ענטפער קומען נאָך שעלס, פלאַצען איבער די הייזער, איבער די חורבות, און דער רויך פון פולווער ציהט זיך אַרויף, קומט צו צום קרייז פון די שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדער זון און בלייבט היינ־גען אַזוי ווי אַ רויטער קנויל, ווי אַ נייער בלוטיגער פלעק... אונ־טען — טויט, פאַרניכטונג און בלוט, און אויבען — בלוט.

„האָסטו שוין געזעהן דעם דייטש, וואָס ליעגט נעבען וועג?" פרעגט מיך איינער.

איך טו אַ קוק, וואו ער האָט מיר אָנגעצייגט, און האָב דערזעהן אַן אונדייטליכע פאָרמע פון אַ מענשען, וואָס איז גע־לעגען אַזוי הארט ביים וועג, אַז די רעדער פון די פאַרביילוי־פענדע וועגען און טראַקס האָבען אַ טייל פון איהם אַלץ מעהר און מעהר איינגעקנאַטען אין דער טיעפער בלאָטע. דערווייל ליעגט ער נאָך דאָ ניט קיין אויפגעקליבענער, ווייל זיין נעקסט איז נאָך ניט געקומען. און עס זיינען נאָך דאָ אַזוי פיעל אַמעריקאַנער און דייטשען, וואָס דאַרפען ערשט אויפגעקליבען ווערען, וואָס וואַרטען באַוועגלאָז פאַר זייערע באַגרעבער.

צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע דייטשע געפאַנגענע איז ער געפיהרט געוואָרען פון אַ קליינעם קאַנוואָי, ווען אַ שעל האָט פאַרוואונדעט איינעם פון זיינע קאַמעראַדען. ער מיט נאָך אַ פּאָר געפאַנגענע האָבען געקראָגען דעם באַפעהל צוצוטראָגען זייער קאַ־מעראַד צום „דרעסינג־סטיישאָן", און אויף דעם פּלאַץ, וואו ער ליעגט איצט, איז ער געטראָפען געוואָרען פון אַ שטיק שעל; דעם פאַרוואונדעטען און די איבעריגע האָט עס ניט באַריהרט. — אַזוי איז שוין דער בלינדער שיקזאַל מיט זיין רעטזעלהאַפטען שפּיעל! אויך אין דעם דייטשס אויגען און אין זיין אויס־געמאַטערטען געזיכט האָט זיך, וואַרשיינליך, אָפּגעשפּילט אַ באַ־

האַלטענע אינערליכע צופרידענהייט, וואָס ער איז געפאַנגען, וואָס פאַר איהם איז דער קריעג פאַראיבער, אַזוי ווי עס באַמערקט זיך אויף אַלע געפאַנגענע; אָבער ניט לאַנג האָט זיין צופרידענהייט געדויערט, — עס איז פארענדיגט געוואָרען נאָך איידער ער האָט געוואוסט דערפון.

די לעצטע פערשטיקטע פארבען פון דער זון זיינען געוואָרען אַלץ אונדייטליכער און זיינען ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבען. זייער פּלאַץ האָבען איצט פארנומען די מאָמענטאַלע אויפפלאַמען פון פּול־ווער, וואָס רייסט זיך ארויס פון די מיילער פון די קאַנאָנען נאָך יעדען שאָס. דעם אָוונט וועט אונזער אינפאַנטעריע ווידער אַטאַקירען און וועט נעהמען דעם הויכען בּארג, פון וואַנען די דייטשען קאָנען אונז אַזוי גוט באָאַבאַכטען.

עס קומט אָן אַ שווערע, ביטערע נאַכט, — אַך, ווי לאַנג זיי ציהען זיך אונטער׳ן קאָנצערט פון דעם דרויסענדיגען גיהנום.

אונטער אַ האָגעל פון קאַנאָנען־קוילען

אַ לאַנגע נאַכט פון שרעק און קעלט, מיט אַ מאָרגען פול מיט דיזעלבע געפאַהרען און אַ פּאָרטזעצונג פון הונגער — מיט אָט די גלענצענדע פערספעקטיווען האָט יעדער איינער פון אונזער קליי־נער מיליטער־אָפּטיילונג פארנומען זיין ווינקעל אין דער חורבה, האָט זיך אין דער פינסטער ווי־ניט־איז איינגעגראָבען אין די שמאַטעס און צום צעהנטען מאָל געפרעגט זיך און איינער ביי דעם צווייטען: צו וואָס זיינען מיר דאָ איבערגעלאָזען געוואָרען אונ־טער דעם דירעקטען פייער פון די דייטשע קאַנאָנען? און איינער פון די „באָיס", נעש דער מעקעניק, האָט צום וויפיעלטען מאָל הויך ערקלעהרט, אַז ער וועט אַליין אַוועקגעהן צו די אינפאַנטעריע כאַלדאַטען, וועלכע זיינען בלויז איינציגע שפּאַן פון דאַנען, און וועט קעמפען זייט ביי זייט מיט זיי; דאַן וועט ער וויסען, אַז ער וועט פאַלען ווי אַ סאָלדאַט, אָבער ניט צוריסען ווערען אָהן אירגענד־וועלכע נוצען צו ברענגען. און נאָך אַ ווייליע שטילשווייגען האָט ער מיט אַ פעסטען באַשלוס ערקלעהרט, אַז מאָרגען פריה, אויב ער וועט נאָך דערלעבען, וועט ער געהן צו איינעם פון די באַטערעע קאָמאַנדירען און וועט זיך אָנבאָטען צו ארבייטען ארום די קאַ־

נאָנעו ; זאָל זיך זיין בלויז צוצוטראָגען אמוניציע, אבי נאָר טאָן עטוואָס.

איינגעגנורעט אונטער מיינע שמאַטעס האָב איך זיך דערמאָנט אָן די אייניגע פאַרוואונדעטע באָים פון אונזערע באַטאַרעען, וועלכע זיינען געקומען אין „דרעסינג־סטיישאָן". זיי האָבען דערצעהלט וועגען די שווערע מאָמענטען וואָס זיי האָבען דורכגעלעבט דורך דער צייט וואָס זיי האָבען געעפענט דעם פייער. אויך אויפ'ן ערשטען פראָנט האָבען זיי פיעל מיטגעמאכט. אָבער עס איז גאָר קיין פאַרגלייך ניט צו דעם וואָס דאָ קומט פאָר. עס זיינען דאָ געווען אַזעלכע שווערע מאָמענטען, אַז אייניגע שוואַכערע האָבען אַזש געוויינט און געשאָלטען די גאַנצע וועלט.

אין אַ קריטישען מאָמענט האָט דער קאָמאַנדיר פון אַ באַטערעע געגעבען דעם באַפעהל, אַז אַלע זאָלען זיך צושפּרייטען נאָהענט אַרום און זוכען זייער אייגענעם שוץ, ביז ער וועט באַשליסען וואָס ווייטער צו טאָן און געבען דעם נעקסטען באַפעהל. אָבער ניט אויף לאַנג צולויפען זיך אַמעריקאַנער. עס איז אין אַ פּאָר מינוט אַרום געקומען דעם קאַפּיטאַנ'ס באַפעהל: „טו דהי גאַנס!" און פון די אַרומיגע בושעס, פון אונטער אַ בערגעל און אַ בוים, פון די „שעל־האָלס" זיינען אַלע ווי איינער אַרויס און אַרומגעשטעלט זיך אַרום די קאַנאָנען. אונטער דעם שטענדיג אָנהאַלטענדען פייער האָבען זיי אַביסעל איבערגערוקט די באַטערעע און אָנגעהויבען ווייטער פייערען מיט אַזאַ ברען און ענטריסטונג, אַז מען האָט גאַנץ וועניג באַמערקט, אַז אויך זייער נייער פּלאַץ איז אונטער אַן עהנליכען מערדערליכען פייער ווי דער ערשטער. מען האָט שוין ניט געוואַרט אויף דעם סאַרדזשענט'ס באַפעהל צו ציהען דאָס שטריקעל. נאָך איידער דער קאַנאָן קומט צוריק צו זיין פּלאַץ פון דעם צוריקשטויס וואָס עס קומט נאָכ'ן אויסשיסען, איז ער שוין געלאָדען, און דאָס שטריקעל ווערט ווידער געצויגען. אָבער אַפילו די בעסטע שטאָל האָט זיך איהר גרענעץ ביז וואַנען עס קאָן אויסהאַלטען, און פון איין קאַנאָן איז די גאַנצע האַלז אָפּגעשפּרונגען. אַ צווייטער קאַנאָן פון אַן אַנדער באַטערעע האָט אויך אויפגעריסען פון צו גרויסער אָנשטרענגונג און האָט צוריסען אייניגע פון זיינע אַרבייטער.

„דער סאַרדזשענט־מיידזשאָר דענקט, אַז זיי וועלען איינוואַר־

פען די שטאָל היינט ביינאַכט" — ראַמט מיר איין אַ סוד „דער פאַרליעבטער", וועלכער איז געלעגען האַרט ביי מיין זייט.

איך האָב איהם אויך געהערט אויסדריקען דעמזעלבען געדאַנק, אָבער עס איז פאַר מיר ניט קלאָהר געווען, וואָרום מיר דאַרפען גראַד היינט ביינאַכט מעהר מורא האָבען ווי דורך דער גאַנצער צייט, וויל אַזוי ווייט האָבען זיי דאָס פּרובירט, בּרעקלען טאַקע אָפּ אַ שטיקעל נאָך אַ שטיקעל פון דער חורבה, וואו מיר געפינען זיך, און עס ווענדט זיך ניט אַזוי פיעל אָן זייער ווילען, נאָר אָן זייער בעסערען ציעלען זיך. אָט די לעצטע איינציגע אַרגומענטען גיב איך איבער צו „דעם פאַרליעבטען", אָבער אַליין הויב איך אָן פיהלען פיעל אונרוהיגער און פאַרזאָרגטער.

זששש. בענג! איז איינע מיט אַ האַסטיגען סאַפּען, אָהן אַ וואָרנונג, אַרונטערגעפאַלען האַרט ביים פונדאַמענט פונ'ם שטיקעל בּרייטען וואַנט נעבען דער גרויסער לאָך צום וועג־צו, און צוזאַמען מיט'ן קראַך זיינען אַ מאַסע שטיינער און בּלאָטע אַריינגעפלויגען און אונז פאַרשאָטען. מיט אַ האַסטיגען מאָמענטאַלען קוויטש זיינען איינציגע שטיקער פון אָט דער שעל און אויך אַ פּאָר שטיינער אַרויפגעשליידערט געוואָרען איבער אונז, צום דאַך־צו, און זיינען צוריק אָפּגעשפּרונגען.

„אי עס האָרט!" (כ'בין געטראָגען) האָט אימיצער אויסגעשריען.

„איך אויך!" רופט זיך אָפּ נאָך איינער.

עס ווערט אַ געררודער צווישען אונז: וואו? ווער? ווי אַזוי? — פליהען־אום שנעלע פראַגען.

„ציגד־אָן אַ ליכט!"... „בּינד־אַרום מיט'ן ערשטע־הילף פּעקעדזש!" — הערען זיך שטימען.

אָבער קיין ליכט טאָר מען ניט אָנצינדען. און די פאַרוואונדעטע, וועלכע זיינען טאַקע גאַנץ היבש צוקלאַפּט געוואָרען, זיינען שנעל אַוועקגעלאָפען צום „דרעסינג־סטיישאָן".

נאָך אַ שעל איז גלייך אָנגעקומען, האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם ווייטסטען טייל פון דעם שטאָל, וואו עס האָבען זיך געפונען פערד און איינציגע אינפאַנטעריע סאָלדאַטען. עס ווערט דאָרטען אַ ליאַרם פון פאַלענדע שטיינער און האַלץ, עס הערען זיך שטימען און פאַרשווינדען גלייך אין דעם טומעל פון די ווייטערדיגע שעלס וואָס פאַלען אַרום און אַרום.

אינסטינקטיוו האָב איך זיך צוזאַמענגעדרעט אין אַ שטייפערען קנויל. פאַר'ן קאָפּ און געזיכט, וועלכע איך האָב איינגעשפּאַרט אין ווינקעל פון די צוויי ווענט און צוגעדעקט מיט'ן העלמעט, בין איך געווען מעהר זיכער ווי פאַר'ן קערפּער, וואָס קומט אויס אַנט־קעגען דעם אָפּענעם פלאַץ אין וואַנט. „דער פאַרליעבטער" רוקט זיך צו נאָך נעהנטער צו מיר, טוליעט זיך צו צו מיר מיט'ן גאַנצען קערפּער. דורך זיין איינגעהאַלטענעם שווערען אָטעם הער איך ווי זיינע צייהנער קלאַפּען נאָך שטאַרקער, ווען ער מאַטערט זיך אַרויס־צורייידען עטוואָס. אָבער ענדליך האָט ער אַזוי ווי אַרויסגע־קוועטשט אַ וואָרט, און נאָך אַ רייהע פאַרשטאַרקטע צייהן־קלאַ־פּערייי האָט ער אַרויסגעקוועטשט נאָך עטליכע ווערטער:

„כהן, דענקסטו, אַז מיר וועלען גאַנץ בלייבען? וועלען מיר?... וועלען מיר איבערלעבען די נאַכט? אַ, גאָט, הער, הער, נאָך איינע קומט"...

ווי ניט גוט מיר איז אַליין געווען, האָט זיך דאָך מיין רחמנות געלעגט אויף דעם ציטערענדען, אויף טויט־צושראָקענעם חבר, און צו דערזעלבער צייט האָט מיך געשטיקט צום לאַכען, און איך האָב טאַקע ניט צוריקגעהאַלטען מיין געלעכטער. אַליין אַ צושראָקענער האָב איך אָבער איינגעזעהן די נוצלאָזיגקייט פון צו זיין אַזוי נערוועז ווי מיין חבר, און האָב דערפיהלט אַ פאַר־לאַנג צו שפּאַסען און לאַכען.

„סאָורס, האָסט נאָך ניט דערצעהלט וועגען דעם, ווי אַזוי דו האָסט זיך באַקאַנט מיט דיין געליעבטער", שטויס איך איהם אין דער זייט.

„וואָס עפּעס איינמיטען דערינען? גאָר וועגען געליעבטע ליעגט דיר אין זינען?" האָט ער מיט פאַרוואונדערונג געענטפערט, נאָך אַלץ מיט צייהן־קלאַפּערייי.

אָבער איך בין באַשטאַנען אויף מיינס. עס האָט איהם ניט געהאָלפען זיין פאַרזיכערען, אַז ער האָט אַמאָל מיר שוין דער־צעהלט וועגען דעם, און נאָך אַ קורצען דינגען זיך, האָט ער אָנגע־הויבען די שוין באַקאַנטע געשיכטע:

ער איז אַ קאַרפּענטער, געאַרבייט צוזאַמען מיט זיין ברודער ערגעץ אין פּענסילוויניא, און איינמאָל, ווען ער און די איבעריגע אַרבייטער זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צו „סעלעברייטען" די

אויפשטעלונג פון אַ „באַנגאַלאַ" פאַר אַ רייכען פאַרמער, האָט ער „זי" ביים טיש דערזעהן. און ווי נאָר ער האָט זי דערזעהן, האָט ער זיך פאַרגעסען אָן דעם ביער, וויסקי, געבראָטענע היהנער און חזרים׳לעך, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר איהם אויף דעם רייך־געדעקטען טיש. „איך קוק אויף איהר, זי קוקט אויף מיר"...

אָבער דאָ איז סאָורס שטיל געבליבען און האָט זיך איינגעהערט מיט פאַרשפּיצטע אויערען. איך בין אויך אויפמערקזאַם געוואָרען. און מיר האָבען דערהערט, ווי איינינע פון אונזער „באַנטש" האָבען זיך אויפגעהויבען, אָנגעטאָן זייערע העלמעטס און זיך שטיל געשאַרט אַרויסצוגעהן.

„וואוהין ווילסטו געהן, סאַרדזשענט?" פרעגט אימיצער.

„איך וועל געהן אין דעם „דאָג־אָוט", צום טייפעל מיט אַט דער פאַרדאַמטער שטאַהל!" ענטפערט דער סאַרדזשענט מייד־זשאַר מיט זיין באַמסקער ניט געפאַלישטער שטים, און ער מיט נאָך איינינע שווייגענדיגע סילועטען האָבען זיך אַרויסגעגליטשט און זיינען פאַרשוואונדען.

איינינע שעלס זיינען גלייך נאָכדעם אַראָפּגעפאַלען פון אַלע זייטען שטאַהל. עס ווערט ווייטער אונהיימליך, מיין שכן טוליעט זיך צו מיר, ציטערט, און פרובירט מיך איינריידען, אַז מיר זאָלען אויך פאַרלאָזען די חורבה. „לאָמיר בעסער אַרויס פון דאַנען איידער עס איז צו שפּעט" — שעפּטשעט ער מיר אין געזיכט אַריין.

„פון וואַנען ווייסטו, אַז עס וועט זיין צו שפּעט? און אגב, ווער קאָן פאַראויסזאָגען וואו מען קאָן געטראָפען ווערען", פרובּיר איך איהם בּארוהיגען און נעהם זיך ווידער צום ערשטען מיטעל, בעט איהם ער זאָל פאַרטזעצען זיין ליעבעס־געשיכטע. אָבער אַלס ענטפער הער איך נאָר זיין „לאָמיר געהן", קאָהען, לאָמיר געהן". אָבער דאָ האָבען מיר דערהערט האַסטיגע טריט פון דער זייט, וואו דער דאָג־אָוט איז.

אימיצער איז אַריינגעלאָפען אין שטאַהל און האָט אויסגעשריען מיט אַן אומרוהיגער שטימע: „שלאָפט דאָ אימיצער? איז דאָ אימיצער אין דעם שטאַהל?"

אַ ווײלע איז געוועזן שטיל. קיינער האָט ניט געענטפערט.

„שלאָפט דאָ אימיצער?" האָט יענער נאָך העכער אויסגעשריען, אַזוי ווי אין פאַרצווייפלונג.

„יעס“, האָט איינער געענטפערט. „וואָס איז? וואָס ווילסטו?“

„שנעלער קומט העלפען די פאַרוואונדעטע אין דער אַמעריקאַנער דאַג־אוט“.

„אַלרייט, מיר קומען“.

„באָים, ווער געהט?“

„איך געה, איך געה!“ ענטפערען איינינע צושראָקענע שטימען.

ווען מיר זיינען אַרויס אין פינסטערען דרויסען האָט זיך מיר געדוכט, אַז די חורבה, וואו מיר זיינען ערשט געלעגען, איז דער זיכערסטער פּלאַץ אין דער וועלט. מיט האַסטיגע טריט זיינען מיר צוגעלאָפען צום „דאַג־אוט“.

„העלפּט, העלפּט!“ — האָבען זיך געהערט קרעכצען. — „מיין פוס, ער דערשטיקט מיך, ער שטאַרבט, נעהמט איהם אַראָפּ פון מיר!“ — שרייט אַ פאַרוואונדעטער — „ברידערלעך, ראַטעוועט!“

אין דער פינסטער, אַליין אויפגערעגט און דערשראָקען אויף טויט, האָבען מיר געטאַפּט און געזוכט מיט די הענט אין דעם קנויל מענשען. וואוהין מען טוט זיך אַ קעהר, טרעט מען אַרויף אויף אימיצען, און עס דערהערט זיך אַ שרעקליכער יאָמערען.

איך האָב אָנגעכאַפּט איינעם פאַר׳ן אָרעם און רוף קאָרפּאָראַל ווילס, ער זאָל אָננעהמען פאַר דעם צווייטען אָרעם. קאָרפּאָראַל ווילס זוכט און טאַפּט אין דער פינסטער. „וואו, וואו, ווען?“ — אָטעמט ער שווער. איך האָב איהם אָנגעכאַפּט פאַר׳ן האַנט און איהם געלאָזט אָנטאַפּען דעם פאַרוואונדעטען, וואָס איך האָב געהאַלטען. אָבער דער פאַרוואונדעטער איז געווען צו שווער פאַר אונז. סאַרדזשענט „מעיס“ און מעקעניק „נעש“ זיינען געקומען אונז צו הילף, און זאַלבעפערט האָבען מיר איהם אוועקגעשלעפּט צום „דרעסינג־סטיישאָן“.

ז־ז־ז... בענג!... איז איינע געפאַלען פאַר אונז אַזוי נאָהענט, אַז דער רויך פון פּולווער האָט אונז אַ זעץ געטאָן אין די געזיכטער. מיר האָבען זיך מאָמענטאַל אַרונטערגעזעצט צו דער ערד, אַראָפּלאָזענדיג אויף אַ ווייַלע דעם פאַרוואונדעטען, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו קרעכצען און בעטען זיין מאַמען, אַז זי זאָל איהם לענען שלאָפען... ער פאַרלירט זיין באַוואוסטזיין.

„אָ, גאָט, העלף אונז!“ הערט ניט אויף צו בעטען קאָרפּאָראַל „ווילס“. „באָיס, פאַרלירט ניט קיין צייט, הויבט איהם אויף און מיר ווּעלען איהם צוברענגען. עס איז שוין ניט ווייט“.

מיר הויבן איהם אויף, און פארמאטערטע, אפגיסענדיג זיך מיט שוויס ווי מיר וואלטן געטראגן א טויזנטער־פונטיגע מאסע, האבן מיר איהם אריינגעשלעפט דורך די געוואנט־טיכער אין דעם דרעסינג־סטיישאן. נאך איינעם האט מען גלייך אריינגעטראגן און אנדערע צוויי מיט׳ן סארדזשענט־מיידזשאר זיינען אליין אריין האלטענדיג זיך פאר זייערע צובלוטיגטע גליעדער.

אפגעטאן אונזער פליכט, זיינען מיר צוריק אוועק צו אונזערע געלעגערס, וועלכע האבן אונז איצט אויסגעזעהן פיעל סימפא־טישער ווי פריהער.

„סאורס, איך בין ווידער דא״, האב איך געלאזט וויסען מיין שכן, ווען איך בין צוריקגעקומען צו מיין ווינקעל, „און אויב דו ווילסט, קאנסטו פארטזעצען דיין געשיכטע וועגען דיין ליעבע.״

סאורס טוליעט זיך צו צו מיר, פארענטפערט זיך פארוואס ער האט ניט געהאלפען אריינטראגען די פארוואונדעטע. ווער וויל עס איהם גאר פארווארפען? יעדער איינער האנדעלט אין אזעלכע פעלע נאך זיין אייגענעם אימפולס נאך.

ווען מיר האבן ענדליך דערלעבט דעם אזוי־לאנג ערווארטע־טען פריהמארגען, איז צו אונז געקומען איינער פון אונזערע אפי־ציערען און האט אונז געאורדערט אריבערצומופען אין דער הע־בערער קווארטיר און מיד, מיט נאך פיער, האט ער געהייסען אנ־זאגען אונזערע פערד, מיר וועלען זיין „איידזשענטס״ ארומ־צוטראגען ארדערס ביז דעם פלאץ פון די נייע פאזיציעס, ווייל אונזערע באטערעען ציהען זיך ארויף א גרויסע שטרעקע. „אט דעם וויכטיגען בארג האבן מיר לעצטע נאכט אפגענומען״, האט ער פארענדיגט מיט א טריאומפיהרענדען געזיכט.

ניט־קוקענדיג אויף דעם, וואס איך האב זיך באטראכט פאר א שטיקעל ערפאהרענעם, וואס אנבאלאנגט ליידען. האב איך דאך ניט פארפעהלט א טראכט צו טאן פון די גרויסע געפאהרען, וואס אן איידזשענט דארף דורכגעהן, אבער פארפאלען מען מוז טאן דאס בעסטע וואס מען קאן, און צוזאמען מיט די איבעריגע פיער באים האב איך זיך אוועקגעלאזט אין דער אנגעצייגטער ריכטונג.

מיט׳ן ערשטען מעסעדזש

ווי נאָר איך בין מיט די אַנדערע „מעסענדזשערס“ צוגעפאָהרען צום קאָמאַנדיר האָט מען אונז אָנגעצייגט דעם פּלאַץ וואו מיר וועלען זיך אַזוי צו זאָגען „מאַכען באַקוועם“.

„אָט דאָ איז עס“, האָט אונז דער סארדזשענט-מיידזשאָר באַשטימט א גרענעץ אַרום דעם קאָירנעל׳ס „דאָג-אוט“. איהר קאָנט זיך דאָ אויסלעגען דרויסען, אָדער מאַכען פאַר זיך אַ גרוב, טוט ווי איהר ווילט נאָר אַליין, אַבּי עס זאָל ניט זיין ווייטער פון 25 יאַרד אַוועק פון דעם „דאָג-אָוט“, אום איך זאָל אייך קאָנען צורופען צו יעדער צייט“, אַזוי האָט ער פאַרענדיגט זיין כמעט אויפנאַמס-רעדע, מיט וועלכער ער האָט אונז באַגעגענט.

דאָס ווייטערדיגע בּלייבען אונטער׳ן בּלויזען הימעל, נאָכדעם ווי איך בין פאַר די לעצטע איינינגע טעג דורכגענעצט געוואָרען ביז די ביינער און געציטערט פון דער זיך איינעסענדער קעלט, איז מיר גאָרניט געווען צום הארצען. אָבער וואָס קאָן מען זיך העלפען? און איך האָב צוגלייך מיט די אַלע איבעריגע אָפּגעזוכט א גראָב-אַייזען און פיקע און גענומען גראָבען פאַר זיך אַ שוץ-גרוב.

לאַנג און איינגעשפּאַרט האָב איך געאַרבּייט אויף מיין ערדישען צימער. פון אָנפאַנג בין איך געווען צופרידען, וואָס די ערד איז נאַס און גיט זיך לייכט אונטער צו די קלעפּ פון דעם בּרייטען גראָב-אייזען, אָבער ווען איך בין באַלד פאַרטיג געווען, דערגרייכענדיג א טיעף בּיז איבּער די קניע, און אָנגעהויבּען אויסלעגען מיין „שעלטער-העף“, קאָלדרעס און עקסטרא-קליידער, האָב איך דערזעהן, אַז איך בין גוט אויף צרות. ניט נאָר איז די ערד פייכט, נאָר עס זאַמלען זיך שטרעמעלעך וואַסער און רינען אריין צו מיר אין גרוב אריין, „לאַנגזאַם אָבער דייטליך“... אַזוי, אַז באַלד האָט עס געקאָנט איינגאַנצען פאַרטרונקען ווערען. און דערצו פאַרשפּרעכען נאָך די הימלען פון אויבען מיט אַ פאָרטזעצונג פון די בּיז איצט אונאויפהערליכע אָקטאָבער רעגענס.

אָבער ניט אונטערגעבען זיך! און איך האָב בּיז שפּעט אין

אבענד געזוכט און געשנאָרט וואו נאָר אַ ברעט, אַ קאַסטען, אַ צובראָכענעם ביקס, וואָס־ניט־איז, אַבי אַרומצאַמען די ברעגעס פון מיין נייער היים.

„ווארט נאָר, איך וועל באַלד צושלעפּען אַט יענעם דייטש", האָט איינער פון מיינע חברים־מעסענדזשערס סאַרקאַסטיש אָנגעצייגט אויף אַ קערפּער פון אַ טויטען, וואָס איז דערביי געלעגען, אָבער ער האָט עס ניט געטאָן און האָט זיך באַגנוגענט מיט'ן זעלבען מאַטעריאַל...

צו דער צייט וואָס מיר זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט דער אַרבייט האָבען מיר געדאַרפט אַ צווייטען מאָל קאָרמענען אונזערע פערד, וועלכע מיר האָבען די גאַנצע צייט געדאַרפט האַלטען אָנגעזאָטעלט, צוגעבונדען צו אַן אָנגעצויגענעם שטריק אונטער דעם בלויזען הימעל, און ערשט נאָכדעם זיינען מיר אַריין אין אונזערע לעכער מיט דער האָפנונג, אַז מיר וועלען זיך דאָך קאָנען עפּוואָס אויסרוהען.

קאַלט, נאַס און קאַלט! ווי איינפאַך עס ווערען אַרויסגערעדט אָדער געשריבען די ווערטער, אָבער וועה, ווי מיאוס, ווי שלעכט דאָס איז אין דער ווירקליכקייט!...

דער אָפענער הימעל?... איך האָב נאָך אַזאַ קאַלטען, קאַליר־לאָזען הימעל ניט געזעהן, און אָנשטאָט קוקען אַרויף, ווילט זיך באַהאַלטען פון דעם שרעקליכען אויבען...

שווערע געדאַנקען קומען אַרויף און דריקען אָהן רחמנות — מערקווירדיג! עס נעהמט מיך גאָר קיין קרענק ניט, בלויז אַ לייכטע ענגשאַפט אין ברוסט און ווייטער גאָרנישט...

אָ, וויפיעל עס בעטען אויף זיך דאָ אַ קראַנקהייט אָדער אַ לייכטע וואונד, אַבי אַרויסצורייסען זיך פון דאַנען, און מאָמענטענווייז ווער איך אויך אונטערוואָרפען צו דעמזעלבען געפיהל: אַבי נאָר אַרויסצורייסען זיך.

„סעקאָנד באַטאַליאָן!" — האָט דער סאַרדזשענט איסגערופען. דאָס מיינט מען איינעם פון אונזערע צווייטע באַטאַליאָן־פאָראויס־לויפערס אוועקצושיקען, אָבער קיינער פון מיינע גרוב־שכנים ענטפערט ניט און איך — שוויינ אויך.

„סעקאָנד באַטאַליאָן!" רופט ער צודרינגליכער, בייזער. מיר שווייגען ווייטער.

„וואָס איז מיט אייך, זייט איהר אַלע אויסגעפּאַלען, גע־פּגר׳ט?" גערט ער צו אַ בייזער צו אונזער „קאָלאָניע".

„מיינסטו מיך?" האָבען זיך איינינע פון אונז אויפגעהויבען.

„ניין, דיין נעקסט וועט זיין נאָכדעם!" פּטר׳ט ער מיך אָפּ און האָט ארויסגערופען „קענדלער׳ן" און „וויליאַמס׳ן".

ערשט האָב איך געהאַט אַזוינע טרויעריגע געדאַנקען, וועלכע האָבען מיך אָט־אָט געוועזן אַרויפגעפיהרט צום בעטען אויף זיך דעם טויט, אָבער ווען איך האָב דערזעהן, אַז דערווייל געהען מיט׳ן „מעסעדזש" אַנדערע, האָב איך זיך דערפיהלט מעהר ווי צו־פרידען... אין דעם דאָזיגען מאָמענט האָט זיך מיר אפילו אויסגע־דאַכט, אַז די גרוב וואו איך ליעג איז אַ גאַנץ באַקוועמע און אַ זיכערע, סיידען עס וועט קומען אַ דירעקטער גרוס פון די דייטשען, אַזוי ווי מיר ווילען זיך: „אַ קויל מיט דיין נאָמען און אַדרעס אויף דעם אויפגעשריבען".

איך האָב זיך איינגעוויקעלט און איינגענורעט איבער׳ן קאָפּ מיט אַ טיעפען פאַרלאַנג און האָפען, אַז היינטיגע נאַכט וועלען מעהר קיין „מעסענדזשערס" ניט אַרויסגעשיקט ווערען, אַז מיין נעקסט וועט זיין מאָרגען פריה ביים טאָג־ליכט. און נאָך שטאַר־קער איז געוואָרען דער פאַרלאַנג, ווען איך האָב דערהערט דעם האַסטיגען טרעטען פון די פערד מיט די ערשטע אַרויסגעשיקטע.

מיט אַ טיעפען רחמנות צו זיך, צו דעם אייגענעם בימערען שיקזאַל און עלענד האָב איך אָנגעהויבען ביסלעכווייז בייצוקומען דאָס ציטערען פון קעלט, און איינדרעמלען, אַפּווייטערען זיך פון דער שלעכטער ווירקליכקייט.

אָבער באַלד בין איך ווידער וואַך געוואָרען צוליעב דער פאַר־שטאַרקטער קאַנאָנאַדע פון דער דייטשער זייט. איך האָב זיך עטוואָס אויפגעהויבען און זיך איינגעהערט אין וואָס פאַר אַ ריכ־טונג די פייערען ענטוויקלען זיך און דערזעהן: ווי הורך דער שטאָק־פינסטערניש רייסען זיך דורך פלעמלאַך איינער נאָך דעם אַנדערען, קומען אַלץ נעהנטער און עס ווערט אונאַנגענעהם, אונ־היימליך.

וואָרום שווייגט אונזער אַרטילעריע? — זיינען אונזערע קאַ־נאָנען געטראָפען געוואָרען? — מעגליך.

ווען אונזער אַרטילעריע רעדט, פיהלט מען אַזוי ווי זיי וואַל־

טען זיך אָנגענומען אונזער קריוודע... ווען זיי שווייגען אָבער ווערט מען ביי זיך ארונטערגעפאַלען.

היינט ווערען די דייטשען אַלץ מעהר אקטיוו, זייער פון וויי־טען געהיימער און פון דער נאָהענטען שאַרפער — „בורו־בום" „בורו־בום" — ווערט אַלץ אָפטער און אָפטער!...

שאַ, וואָס איז דאָס, אימיצער רופט: „שעלדאָן פאַרם, שעל־דאָן פאַרם!" — „גלייך דאָ!" האָבען מיר געענטפערט און אויפ־געהויבען זיך אויף די פיס. נאָך די וויטערדיגע אויסגעשרייען אין דער פינסטער האָבען מיר דערקאַנט, אַז דאָס זיינען געשרייען פון קענדלער און וויליאמס.

„מיר קאָנען ניט דורכפאָהרען", האָבען זיי קוים ארויסגער־רעדט מיט ציטערדיגע שטימען און זיינען צוגעפאָהרען צום קאָיר־נעלס „דאָג־אוט".

די אָפיצערען און סארדזשענטס זיינען ארויסגעגאַנגען מיט פארוואונדערטע פראַגען און אויסגעשרייען צווישען וועלכע עס האָבען זיך געהערט „מיר וועלען אייך דערשיסען ווי די הינט", „איהר זיינט פארדאמטע פייגלינגע", דער סארדזשענט־מיידזשאָר איז אויף זיי ארויפגעפאַלען מיט א שטראָם זידלערייען, ער האָט זיי געטריבען צוריק, ווארנענדיג, אַז זיי זאָלען זיך ניט אומקעהרען איידער זיי וועלען אויספיהרען זייער שליחות. וויליאמס האָט געוואָלט געהן, אָבער קענדלער האָט עטוואָס אונזיניג געשטאמעלט און פארענטפערט זיך: „אייניגע מאָל זיינען „שעלס" געפאַלען איבער אונזערע קעפּ", „געז שעלס", „איך בין געגעזט", „עס איז פינסטער און מיר קאָנען ניט זעהן דעם וועג", ווען דער סארדזשענט איז ארויפגעפאַלען אויף איהם מיט צוזאמענגעדריקטע פויסטען און מיט נאָך שטארקערע געשרייען. האָט זיך קענדלער פאַנאַנדער־געוויינט און אויסגעשריען מיט א ווילדען קוויטש, אזוי ווי א צום טויט געוואָרגענער: „איך וועל ניט געהן! איך האָב מורא!"

א שוידער ביז צום וואהנזין האָט מיך ארומגענומען פון זיין לעצטען אויסגעשריי. מיט סטראַשונקעס און קללות האָט דער סארדזשענט ארויסגעריסען די פּאַפּירען פון זיינע הענט און, אָה, ער רופט מיך: „העי, דו דאָרטען, נעהם דיין פערד!"

ווען איך בין שוין געזעסען אויפ׳ן פערד, האָט דער סארד־זשענט מיר דערלאַנגט די פּאַפּירען און פאַרזאָגט מיר און ווי־

ליאמס׳ן: אז וועה וועט אונז זיין, ווען מיר וועלען זיך צוריק־קעהרען ניט ערפילענדיג אונזער אויפגאבע.

שווייגענדיג האָבען מיר אָנפאַנגס אוועקגאַלאָפּירט און נאָכ־דעם שטילער אוועקגעלאָזען זיך אין דער געדיכטער פינסטער־ניש. וויליאמס הארט נאָך מיר.

דער פערד האָט ניט געוואָלט געהן, די אָרימע באַשעפעניס האָט זיך געפיהלט אויף זיין פּלאַץ פּונקט אזוי באַקוועם ווי איך אין מיין גרוב, און ערשט דאַן, ווען איך האָב איהם געשלאָגען מיט מיין גאַנצער קראַפט איז ער אראָפּ פון זיין פּלאַץ. ער האָט זיך איינינגע מאָל האסטיג אוועקגעדרעהט אויף צוריק, אָבער דאָס שטעקעלע און די לייצעס טרייבען איהם אין דער נויטיגער ריכטונג.

ווען מיר זיינען אָפּגעפאָהרען איינינגע קילאָמעטער און צו־געקומען צום הויפּט־וועג וואָס פיהרט צו „סאָמערנס", זיינען מיר אריין אין דעם רעגיאָן פון דעם אָפּטערען דייטשען פייער. דאָ, ביים הויפּט־וועג, צייגט זיך אַלץ אָפּטער — דאָס דאָ, דאָס דאָרט — א בלויאינקער פּלעמעלע צוזאַמען מיט פּאַרטויבענדע אויפרייסען, אינסטינקטיוו דריקען זיך שטייפער צוזאַמען די קניע ארום דעם פערד. א מאָדנער שטיקענדער גערוך הענגט אין דעם פייכטען לופטען. „פיליכט איז דאָס גאַז?" יאָ, עס איז גאַז, אָבער, אַך, ווי עס ווילט זיך ניט אָנטאָן די מאַסקע, בעסער איינ־האַלטען דעם אָטעם ביז עס קומט ווידער אמאָל אביסעל ריינערע לופט, אבי ניט צו פאַרלירען דאָס ביסעל, וואָס מען קאָן זעהן מיט די ביז וועהטאָג אָנגעשטרענגטע אויגען. עס דוכט זיך, אז אזוי איז זיכערער, בעסער...

ווען מיר האָבען געדאַרפט אַרויפגעהן אויפ׳ן ברייטען וועג האָבען די פערד ניט געוואָלט אַריבערשפאַנען די קאַנאַווע, וואָס האָט איהם אָפּגעטיילט פונ׳ם פעלד. מיר האָבען געמוזט זיי שלאָ־גען איבער׳ן קאָפּ, אַריבערשטופען זיי איבערגעוואַלד, פאַרנאַרענדיג זיי הינטערווייליעכטס, און ווען מיר זיינען שוין יאָ געווען אויפ׳ן וועג האָבען מיר באַלד דערזעהן, אז אונזער מאַטערען זיך איז געווען אומזיסט. נאָך איינינגע טריט האָבען מיר ווייטער ניט גע־קאָנט געהן צוליעב דעם כאָאָס וואָס איז געווען אויף איהם. שווע־רע טראָקס, אמבולאַנסען מיט שווער פאַרוואונדעטע און אמוניציע

זועגענער האָבען זיך אַזוי געדיכט און אין אַזאַ מאַסע צוזאַמענ־געפּלאָנטערט, אַז מיר האָבען נאָך אייניגע מינוטען פּרובירען דאָך ניט געקאָנט מאַכען קיין טראַט ווייטער. אימיצער האָט אונז אָפּ־גערופען און ערקלעהרט, אַז דער וועג איז פאַרבלאָקירט פאַר איבער אַ קילאָמעטער ווייט. זיי דאָ האָבען אויסגעשפּאַנט זייערע פערד און ליגען אונטער די וועגענער און וואַרטען, אַז מען זאָל דאָרט פאַראויס דעם פּלאָנטער פאַנאַנדערנעהמען.

„קום צוריק, און זאָל דער פאַרדאַמטער סאַרדזשענטס אַליין געהן“, האָט זיך וויליאַמס אַנגעהויבען שילטען. אַנפאַנגס האָב איך אין פאַרצווייפלונג צוגעשטימט, אָבער באַלד איז געקומען אַן אַנדער געדאַנק: „לאָמיר צייגען, אַז איך וועל דאָך צושטעלען דעם מע־סעדזש“. און איך האָב איבערגעגעבען מיין פערד צו וויליאַמס׳ן, ער זאָל איהם צוריקברענגען און אָנזאָגען דעם סאַרדזשענט, אַז איך וועל אַליין צופוס ברענגען דעם מעסעדזש. וויליאַמס האָט גערן אַנגענומען מיין אָנבאָט און איז צוריקגעגאַנגען, און פאַר מיר האָט זיך אַנגעהויבען אַ סדרה פון אַריבערקריכען און דורכשפּאַרען זיך צווישען די צוזאַמענגעדריקטע טראַנספּאָרטען, ביז איך בין אַנגעקומען צו די לעצטע פון זיי, וואו עס איז געווען אַ גרופּע סאָל־דאַטען באַשעפטיגט מיט אָפּרייניגען דעם וועג. ווען איך בין פאַר־בייגעגאַנגען האָבען אייניגע שטימען נאָכגעשריען „העי, באָדי! זיי פאַרזיכטיג, ווען דו וועסט צוקומען צום בריק“. איך האָב זיי באַ־דאַנקט, און באַלד דערזעהן, אַז מיר וועט אויסקומען צו געהן אי־בער אַן איינזאַמען לאַנגען וועג.

קיין איין צייכען פון לעבען, קיין איין קלאַנג אויסער דעם רעגעלמעסיגען פייפען און קראַכען פון די קוילען. איך בין דאַכט זיך שוין געווען צוגעוועהנט צו דעם אָנבליק פון די געפאַלענע, וואָס ליגען באַוועגלאָזע, פאַנאַנדערגעוואָרפען איבער׳ן גאַנצען פעלד, אָבער דאָס מאָל האָב איך זיך געפיהלט אַזוי אונהיימליך — אייניגע קערפּערס זיינען געלעגען זעהר נאָהענט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די מערהסטע פון זיי הויבען זיך אָן צוזאַמענצוקלייבען... קריי־כען אויף אַלע פיער, גלאָצען מיט די אויגען און שטשירען מיט די צייהן.

איינער ליגט נאָך אַלץ דאָרט וואו איך האָב איהם ביי־טאָג געזעהן. זיינע פיס פאַלען אַרונטער אויפ׳ן ראַנד פון פעלד, די

קניע אויסגעבויגען אין דער הויך, אזוי ווי ער וואָלט דאָ זיך צו געלעגט אַביסעל אויסרוהען. נאָך איינער זעהט אוים, ווי ער וואָלט זיך ערשט האָבען אַרונטערגעגליטשט פונ׳ם ראַנד בערגעל, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן באָדען מיט זיינע הענט און איינגעזונקען זיין פּנים אין דער טיפער בלאָטע פונ׳ם וועג, און אזוי אַנדערע אין פאַרשיידענע פּאָזען, וועלכע, דאכט זיך, דריקען אוים לעבען... מיר דאכט, זיי ווינקען צו מיר, ריהרען מיט אַ גליעד, אָבער נאַריש־קייטען — „איז דאָס בראַווקייט?״ און איך האָב געפּרואווט אי־נערליך אָפּלאַכען פון זיך. „אַ שעהנער אידישער העלד!״ און איך געה ווייטער, געה און מיר דאכט, אז די פיס באַוועגען זיך ניט שנעל גענוג, כאָטש זיי טוען וועה פון אָנשטרענגונג...

ווען די „שעלס״ פליהען אריבער מיט זייער מערדערליכען האַסט גאַנץ נידעריג, שפּרינג איך אריין אין דער קאַנאַווע צו מיין רעכטער זייט, דאָך עטוואָס נידעריגער פון דער אויבערפלעכע. ביי איינעם אזא האַסטיגען אַרונטערלאָזען זיך אויף אַלע פיער ביז נאָכ׳ן אויפריים, האָט אין מיינע אויגען אַ געזיכט אריינגעקוקט — ווער איז דאָס? — ווי אונטערגעכאַפּט פון אַן איבערנאַטירליכער קראַפט האָב איך זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען לויפען פאַר־אוים. אַ גאָר נאָהענטער האַסטיגער פייף און אויפריים האָט מיך געצוואונגען ווידער אַמאָל צו דער ערד וואַרפען זיך. אַ רויך און וואַרעמע לופט האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין מיין געזיכט, אין די אויערען האָט געקלונגען, אזוי ווי דער קאָפּ וואָלט צוריסען גע־וואָרען אין טויזענדער שטיקער. איך בין געבליבען אונבאַשעדיגט און בין שוין מעהר ניט געלאָפען, נאָר אַן אָנגעבויגענער געגאַנגען מיט אָנגעשפּיצטע אויערען אום צו היטען וועלכע פון די צעהנד־ליגע יאָמערענדע קוילען קומען אַם נאָהענטסטען צו מיר, — וואָס איז, איך האָב שוין ווידער מורא? — נאָר דאָס מאָל קאָן איך זיך שוין מעהר ניט באַהערשען, און אַ געבעט צו גאָט האָט אָנ־געהויבען קוועלען אין מיין ברוסט...

אָנשטאָט איין גרויסען האָט מען דאָ אויפגעשטעלט צוויי שמאָלערע בריקען, פון די צוויי איז שוין ווידער איינער האַלב צובראָכען. פיליכט זאָל איך געהן רונד ארום און אריבערגעהן דעם וואַסער־שטראָם? אָבער ניין, איך וועל געהן, געהן!... האָבען די געדאַנקען פאַרביינגעבליצט איינער נאָכ׳ן

צווייטען, גערדאַנקען צופּיצעלטע, צובּרעקעלטע, אונטערבּראָכען יע־דען מאָמענט פון אַלץ געדיכטערע אויפרייסען.

דאַנקען גאָט אַריבער די בּריק! נאָך אַבּיסעל ווייטער און איך בּין אַריינגעלאָפען אין אַ שטילערען געגענט, האָבּ זיך דערפיהלט לייכטער, אַזוי, אַז איך האָבּ שוין געקאָנט בּיי זיך פּאַסען אַ מיי־נונג, אַז די דייטשען ווייסען וואוהין זיי שיסען און זיינען אויס־געצייכענטע ציעלער.

ווען איך בּין שוין געווען בּיי מיין ציעל, און אָנגעהויבּען ארויפקריכען דעם בּארג צום „אָבּזערוויישאָן פּונקט", צו קעפּטען „ריינהארדט", איז פּאר מיינע אויגען ווידער אַמאָל אויפגעשוואומען דאָס געזיכט, איבּער וועלכען איך האָבּ זיך אין מיין פּאַלען אַזוי דירעקט איבּערגעבּויגען. איך האָבּ זיך דערמאָנט, אַז אויך איהם האָבּ איך נאָך בּייטאָג בּאַמערקט. עס איז דער קערפּער פון אַ רויטען דייטש מיט אַ לענגערע בּארד און אויפגעעפענטען מויל, פון וועלכען עס האָבּען ארויסגעשטעקט די אין קאָנוואולסיען צוזאַ־מענגעדריקטע צייהנער.

„נו, ווי איז עס דיר געגאַנגען?" האָט דער קעפּטען געפרעגט צונעהמענדיג פון מיר די פּאַפּירען, און אויסציהענדיג זיך אַ פּאָר־שלאָפענער און אויסגעמאַטערטער.

איך האָבּ אַ קוק געטאָן אויף דער בּלאַטע, וואָס האָט מיך ארומ־געדעקט. די הארץ האָט נאָך געשלאָגען... אָבּער וואָס קאָן איך איהם ענטפערען, וואָס קאָן איך איהם דערצעהלען?...

„דזשיפ-די-בלאָד"

ווען נאָר איך פלעג צוריקקומען פון א מעסעדזש צו מיין קאָמאַנדע אויף שעלדאָן פאַרם, איז עס געווען בייטאָג אָדער ביי־נאַכט, פלעגט מיך אָפּרופען די באַקאַנטע און ליעבע שטימע פון „מילענטאָל", און אויך דאָס מאָל, ווען איך בין צוריקגעקומען מיט׳ן ערשטען שימער פון ליכטיגער ווערען, איידער איך האָב זיך לויז געמאַכט פון די רימענס פון זאָטעל, האָב איך דערהערט זיינע טריט: „נו, וואָס מאַכסטו? גאַנץ געבליבען. ביזט הונ־געריג? איך האָב פאַר דיר אַביסעל טאָמייטאָ־זופּ „אָהן חזיר", — האָט ער מיט זיין גוטמוטיגען געלעכטער צוגעגעבען.

מילענטאָל איז זיין פאַמיליען־נאָמען, אָבער בלויז אייניגע פון אונז און די אָפיציעלע ליסטען פון דער קאָמפּאַניע האָבען עס געוואוסט, ווייל אַלע סאָלדאַטען און אָפיצערען פלעגען איהם רופען מיט זיין צונאָמען „דזשיפּ דהי בלאָד". אָבער זעלטען ווען א ריכ־טיגער נאָמען פלעגט ארויסגעזאָגט ווערען מיט אַזוי פיעל אויפ־ריכטיגער ליעבע ווי אָט דער צונאָמען פון דעם פאַלשטענדיג אַמעריקאַניזירטען אידען.

העכער פון מיטעלען וואוקס, דין, לאַנגע הענט און פיס, וואָס האָבען זיך אַזוי ווי פאַנאַנדערגעשרויפטע געבאָמבעלט אין דער לופ־טען, זיין פּנים אין פּראָפּאָרציע נאָך דינער ווי דער גאַנצער קער־פּער, מיט שווארצע יאָפּאַנעזער אויגעלעך אונטער געדיכטע ברע־מען. און וועה, וואָס פאַר נאָז! די פאַרשפּיצטע ארונטערהענ־גענדע „דיובקע" האָט דערגרייכט ביז דער אונטערשטער ליפּ.

ער האָט געהאַט א צונאָמען: „דאָג פעיס"—ס׳איז געווען צו־ליעב זיינע אויערען, וואָס זיינען געווען פון אויסערגעוועהנליכער גרויס און האָבען ווייט אָפּגעשטעקט ווי צוויי פליגלען. און אין שפּאַס פלעגט מען זאָגען: „העי, דאָג פעיס! טרייב אראָפּ א פליעג פון דיין נאָז מיט׳ן לינקען אויער!"

ניט קוקענדיג אויף די שפּאַסען און אויסרופען, איז ער געווען אונזער אַלעמענס ליעבלינג.

נאָך אין אַמעריקאַ, אין אונזערע קאַזאַרמעס אין קעמפּ גאָרדאָן,

פלעגט ער אונז מאַכן צו פאַנאַנדערלאַכן זיך ביז טרערן. ווען נאָר ער פלעגט אין אַ פרייער שטונדע אויף אַלעמענס פאַרלאַנגען און צושטעהן, ארויפקריכן אויף אַ טיש, מאַכן איבערטריבען־דראַמאַטישע באַוועגונגען מיט זיינע הענט, אימיטירענדיג אַ סאַלאָמע טאַנץ, זינגען דערביי אַ אידישען מאָנאָטאָנעם ליעדעל, און צום סוף פאַרנייגען זיך מיט אַ זשעסט און מינע פון אַ קאָקעטער דאַמע, אָדער, פּלוצים פלעגט ער אָפּערעטיש ארויסטרעטען מיט אַ פּוס, אויסשטעלען די ברוסט, כאַפּען זיך ביים הארצען מיט ביידע הענט, פאַררייסען זיין געזיכט מיט פאַרגלאָצטע אויגען און זינגען מיט אַ טויטען ערנסט מיט זיין קאָמישער גרילצענדער שטימע אַזעלכע דראַמאַטישע פערלען פונ'ם סאָלדאַטסקען רעפּערטואַר, ווי „ספּעלינג מיסיסיפּי" און „ווען מערי סטאַרטס טו דרינק וואַטער".

אויסגעבונדען מיט די סאָלדאַטען און אָפיציערען, וועלכע האָבען איבערהויפּט ליעב געהאַט יעדען איינעם, וואָס האָט געקאָנט אַמוזירען ווי „דזשיפּ", פלעגט ער אויסנוצען זיין פּריווילעגירטע לאַגע מיט'ן גרעסטען ערפאָלג און קריגען אָדער אויספיהרען פאַר זיין אייגענעם נוצען, וואָס נאָר ער האָט געוואָלט. אויך מיר, די איבעריגע אידישע סאָלדאַטען, האָבען ניט זעלטען גענאָסען פון זיין הילף.

אויף די שלאַכטפעלדער, פריהער אויף די ערשטע פראָנטען פון סענט מיהיל, מארבאַש און פּאָנט־אַ־מיוזאָ, און איצט אינ'ם ארגאָן, האָט ער נאָך אַלץ ביי אַ געלעגענהייט אָנגעהאַלטען זיינע העויות, און אָפטמאָל, אין אַ גינסטיגער צייט, מיט גרויסען ערפאָלג.

זיין ארבייט איז געווען דיזעלבע וואָס אין קעמפּ, אַלס „קוכער" און אַלע האָבען באַוואונדערט ווי אַזוי ער פלעגט מיט אַזאַ זעלטענער ענערגיע אויספיהרען זיינע פליכטען.

מעהר ווי מיט אונז פלעגט ער זיך אָפּגעבען מיט די פאַרוואונדעטע און געגעזטע, וועלכע פלעגען אין דער ערשטער הילף־סטאַנציע, וואָס אין „דאָג־אוט" געבראַכט ווערען מאַסענווייז.

די שווער־פאַרוואונדעטע האָט מען וואָס גיכער אַוועקגעפיהרט צו די הינטערשטע ליניעס, אָבער ניט אַזוי שנעל איז עס צוגעגאַנגען מיט די לייכטער פאַרוואונדעטע און געגעזטע, וואָס זיי־

נען געזעסען ענג צוזאַמענגעדריקט איינער צום צווייטען אין דער צוריסענער שטאַהל אַרום די שטיקלעך גאַנץ־געבליבענע ווענט; ביים אַריינגאַנג צום שטאַהל האָט מען אַוועקגעלעגט די, וואָס זיי־נען געשטאָרבען פון זייערע וואונדען. מען האָט זיי אויסגעלעגט אין לאַנגע רייהען און אַריבערגעדעקט מיט וואָס נאָר עס האָט זיך געמאַכט אונטער'ן האַנט, אַזוי אַז בלויז די פיס זייערע האָבען אַרויסגעשטעקט. פון דער זייט האָט עס אויסגעזעהן, ווי אַ גרויסער הויפען סאָלדאַטסקע שיך. אָבער די פלעקען און שטראָמען בלוט האָבען ניט געוואָלט רוהען און האָבען מיט יעדען טויטען צו־געקומענעם, דורך אַ נייעם פלעק און שטרעמעלע אָנגעצייגט וואָס דאָרט טוט זיך אין דער ווירקליכקייט. און, אָה, מיט וואָס פאַר אַ שרעק די פאַרוואונדעטע האָבען אַכטונג געגעבען, ווי עס וואַקסט און וואַקסט די קאָלעקציע דרויסען!...

זיי האָבען, אַזעלכע געהאַרכזאַמע אונטערטעניגע, אַרויסגע־קוקט פון זייערע ווינקלען מיט בענקענדע אויגען, וועלכע האָבען זיך געבעטען: „נעהמט אונז שוין צו פון דאַנען!“ — אָבער אַרויס־ריידען האָבען זיי מורא געהאַט. און צו וועמען זאָלען זיי ריידען? די, וואָס זיינען גאַנץ, זיינען זיי מקנא, האָבען בייזע, גרינע פּנים'ער מיט אַ שטענדיגער ביטערער קללה צום גיהנום, וואָס שפּיעלט זיך ערשט פאַנאַנדער, וואָס וואַרימט ערשט פאַנאַנדער זיינע העלישע פייערען. און צווישען אַט די לייכט־פאַרוואונדעטע, וועלכער מיר האָבען באַטראַכט פאַר גליקליכער פון אונז, האָט מילענטאַל אַם מעהרסטען אַרומגעהאַוועט.

איינמאָל, אַרומגעהענדיג צווישען זיי און פרעגענדיג, אויב אימיצער פון זיי וויל עטוואָס עסען, האָט ער באַמערקט איינעם, וואָס איז אַזוי ווי איינגעדרימעלט, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף זיין שכנ'ס אַקסעל. „ער מוז זיין גוט אָפּגעצעהרט“, האָט „דזשיפּ“ אַרויסגערעדט און אָנגעהויבען וועקען דעם אַנדרימעלטען, אָבער „דזשיפּ“ איז באַלד אָפּגעשפּרונגען מיט אַ הייזעריגען אויסגעשריי און קרעכץ: „ער איז טויט!“

„דזשיפּ“ האָט מיך ווידער אָפּגערופען, און ווען איך האָב אַרומ־געווישט און אָנגעקאָרמעט מיין פערד, בין איך אַריין צו מילענ־טאָל אין זיין ווינקעל שטאַל, אָדער ווי ער האָט עס גערופען — „קיך“, און ער האָט מיר אָנגעהויבען דערלאַנגען פון דעם בעסטען, וואָס ער האָט געהאַט.

— איך האָב פאַר דיר אַ פיינעם סטייק כהן!

ער האָט מיר דערלאַנגט אַן אויפגעעפענטע האַלבע קען „קאָרנד־ביף" און אַ פּאָר שטיקלעך „האַרד־ברעד".

עסנדיג אָט די פּאַטראָוועס האָב איך באַמערקט, אַז ער איז דאָס מאָל זעהר גוט אויפגעלעגט. האָט גוט־ברודערליך פאַרריכט מיין גאַז־מאַסקע, אַראָפּגעשאַרט מיט זיינע פיס די בלאָטע וואָס האָט מיר געגרייכט ביז איבער די קניע, און איך האָב איהם דער־צעהלט וועגען מיינע שוועריגקייטען מיט'ן לעצטען מעסדזש.

אויף מיין פרעגען, וואָרום ער איז היינט אַזוי גוט אויפגעלעגט, האָט מילענטאַל צוגעקנאַקט מיט דער צונג און מיט אַ געמאַכטער געהיימניספולקייט מיר אַריינגעראַמט, אַז ער האָט געפונען אַ „סוויט־האַרט" — נעמליך, ער האָט אין דער פאַרם ענטדעקט אַ לעבעדיגע טויב: נאָך לעצטען אָבענד איז זי געקומען צופליהען. „און שטעל זיך פּאָר", האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַזאַ פרייד, „זי איז דאָ געבליבען. ביי מאַזעס! איך וועל זי שוין איינהאַל־טען. הערסט, הערסט? האָט ער אָנגעצייגט צום פאַרהאַנגענעם אַריינגאַנג.

איך האָב זיך צוגעהערט. אמת, עס האָט זיך דערטראָגען אַ וואָרקען פון אַ טויב.

אָרימע באַשעפעניש! ווי קומט זי אַהער? וואָס פאַר אַ בי־טערע איראָניע איז געווען די אַנוועזענהייט פון אָט דעם ליעבען באַשעפעניש אין דעם ווילדען גיהנום? נאָך אַ ווײַלע נאָכדענקען האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אין דער אַנטקעגענדיגער, נאָך מעהר רואינירטער שטאָהל, באַמערקט אַ געוועזענעם טויבען־שלאַג, וועלכער איז אַרונטערגעפאַלען און צושמעטערט געוואָרען צוזאַמען מיט דער וואַנט, צו וועלכער ער איז געווען צוגעפעסטיגט.

ווען איך בין אַרויס פון מילענטאַל'ס ווינקעל צו מיין ערדי־שען קבר, האָט זיך ווידער אַמאָל דערהערט דאָס וואָרקען פון דער טויב. מילענטאַל איז אַ פאַרגאַפטער געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט און מיט אָנלויפענדע טרעהרען אין די אויגען געזאָגט האַלב צו מיר, האַלב צו זיך: „דיער, דיער סוויט־האַרט!"

די לעצטע טויב

דער קומענדער טאָג איז צו אונזער אַלעמענס צופרידענהייט געווען אַן עטוואָס רוהיגער און אַ זוניגער, און אין האַרצען האָט אויפגעקוועלט אַ דאַנקבאַרקייט פאַר דעם.

שוין לאַנג אַז מיר האָבען די זון ניט געזעהן. און עס פאַר־גנב׳עט זיך אַ געדאַנק, אַז מעגליך אין איהר אָנוועזענהייט, צוליעב איהרע שטראַהלען וואָס גלעטען מיט אַזוי פיעל ליעבע און דער־צעהלען אַזוי פיעל פון דעם שעהנעם לעבען, וועלען זיך די מענשען באַזינען. אָבער ניט אויף לאַנג קאָן מען זיך דאָ אָפּגעבען מיט אַזעלכע געדאַנקען. דער טייוועל פון קריעג, איינמאָל איינגע־שפּאַנט אין זיין ווילדען גאַלאָפּ צוטרעט שטאַרקערע זאַכען ווי צופעליגע געדאַנקען פון אַ סאָלדאַט...

„אָט קומען זיי!" האָט מען אויסגערופען אָנצייגענדיג אויפ׳ן קלאָהרען הימעל. און ווי ווייסינקע שטיקעלעך פּוך האָבען זיך באַוויזען פינטעלעך אין גרופּעס פון פינף און צעהן שטיק. דאָס זיינען דייטשע עסקאַדראָנען לופט־שיפען, זיי באַנוצען זיך מיט דעם ליכטיגען טאָג און זונען־שיין, אום זייערע אויספאָרשונגען צו מאַכען, אום וואָס מעהר און פּינקטליכער באָמבעס אַרונטער־וואַרפען.

די דייטשע עראָפּלאַנען האָבען אָנגעהויבען צירקלען איבער אונזערע קעפּ, אַ שפּינענדער פייף, אַ צווייטער און נאָך און נאָך האָבען דורכגעשניטען די לופט און מאָמענטאַל האָט זיך צושאָטען אַן אויפרייס נאָך יעדען פייף, אַזוי ווי ריעזיגע געביידעס וואָלטען קרעכצענדיג מיט יעדער צובראָכענער וואַנט צושמעטערט געוואָ־רען אין אַ מאָמענט: ווי בערג זיינען שטיקער ערד, שטיינער און שטויב אויפגעהויבען געוואָרען, געבליבען הענגען אויף אַ מאָמענט און אַזוי פלאַנמעסיג רונדיג אַרונטערגעלאָזט זיך. ווער ווייסט וויפיעל ביינער און פלייש עס זיינען דאָרט צוריסען געוואָרען אין אָטאָמען. געה זיי אַ העלד! — עס ווילט זיך לאַכען פון דאָס וואָרט „העלד" אין אַזעלכע מאָמענטען... אַנטקעגען אָט דער טייוועלשער קראַפט.

ווי מייז זיינען מיר געזעסען אין אונזערע לעכער און שפּאַל־טען, און אַרויסגעקוקט, ציטערענדיג הילפלאָז. אויב זיי זיינען פּונקט איבער אונז אָדער אַביסעל אַן אַ זייט.

— ברררום, ברררום, — האָבען צוויי אויפרייסען אַזוי ווי איינ־געשלונגען אונז אַלעמען און ספּאַזמאַטיש צוגעדריקט צו דער ערד, מיט אַ גאַרען, אַז זי זאָל אַפּילו איינשלינגען, אַבי באַשיצען אין דעם מאָמענט. אַ האַגעל פון שטיינער איז אַראָפּגעפאַלען, די אויפ־רייסען האָבען געדונערט איינער נאָכ'ן אַנדערען. צווישען די אויפרייסען האָט זיך געהערט אַ קראַכען פון אונזערע קאַנאָנען וואָס האָבען געציעלט אין די פינטעלעך אין הימעל, מיט דער האָפנונג זיי אַרונטערצוברענגען, אָבער אָט זיינען די קאַנאָנען שטיל געבליבען, פון אַ זייט האָבען זיך האַסטיג אָנגעהויבען דער־נעהנטערען נאָך פינטעלעך, דאָס זיינען אונזערע לופט־שיפען, און עס קוועלט אויף אַ פאַרלאַנג, אַז זיי זאָלען וואָס שנעלער קומען און פאַרניכטען דעם פיינד.

„בראַוואָ! זיי זיינען דאָ!“ עס איז געוואָרען אַ געמיש דאָרט אויבען. איינער אויף איינעם, איינער מיט עטליכע האָבען זיי זיך אַזוי ווי איינגעגעסען מיט אונזעהבאַהרע אָבער שאַרפע איינ־געקלאַמערטע נעגעל, אַ פאַרדעמפטער האַסטיגער שיסען פון זיי־ערע מאַשין־ביקסען. אָט פאַלט איינער, אָט־אָט, און ער איז אויף דער ערד, אָבער גלייכט זיך ווידער אויס און הויבט זיך ווידער. אָט דרעהט זיך איינער און אַ צווייטער אַזוי ווי אַ שפּינדעל, וועט ער זיך אויך אויסגלייכען? ניין, די פאַלען אַראָפּ ווי שטיינער. וועמענס זיינען די, וואָס זיינען אַרונטערגעפאַלען? אַהאַ! אונזערע זיגען, יאָגען זיך אָהין צו די דייטשע ליניען, נאָך איניגע פאַלען אַרונטער אויפ'ן וועג אָבער באַלד קעהרען זיך אונזערע צוריק, ווייטער וועט פאַר זיי אַלץ הייסער ווערען.

מיר קריכען אַרויס פון אונזערע פּלעצער און מען רעדט פון דאָס ערשטע איבערגעלעבטע אַפּילו פאַרוואונדעטע וואָס קאָנען זיך ניט ריהרען פון זייערע פּלעצער, בעטען מען זאָל צו זיי צוגעהן און דערצעהלען.

אין איין ווינקעל פאַרעט מען זיך אַרום איינעם פון די פרישע קרבנות.

„וואו ביזטו געטראָפען?“ פרעגט מען איהם, און מען שלעפּט

איהם צו דער הילפס־סטאַנציע. פון אַ צווייטען ווינקעל האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַ דערוואָרגענעם דורך אַ שווערען שטיין, אָבער צו דעם איז מען צוגעוועהנט. מען איז געוואָרען אַביסעל לעבעדיגער, עס אַרט אפילו ווייניגער פאַר די געפאַהרען פון אונ־טען, אַבי אויבען איז דערוויייל ריין און פריי, און מיר האָבען זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבען פאַראינטערעסירען מיט אונזער אַנגענע־מען גאַסט, מיט דער טויב.

יעדער איינער האָט געפּרוּאווט צואוואַרפען איהר ברעקלעך שפּייז, און איבערהויפּט נאָך „דזשיפּ", ער האָט איהר שוין גע־געבען „צונעמען", אַזוי ווי „דעמאַזעל", „פרענטשי" און עס האָט אונז אַזוי פיעל אַמוזירט ווען ער האָט צוואוואַרפענדיג ברעקלעך, געמאַכט פאַר איהר פאַרשידענע רעוועראַנסען און גערעדט צו איהר אַ דורכאויס ענגלישען פראַנצויזיש. אָבער אין אַ מאָמענט, ווען „דזשיפּ" איז אוועקגעגאַנגען צו זיין קיך, האָט איינער פון די אויס־געהיילטע לייכט פאַרוואונדעטע סאָלדאַטען פון דער 28טער די־וויזיע געוואָלט פאַר אונז אַרויסצייגען זיך וואָס פאַר אַ גוטער שיסער ער איז, האָט גענומען אַ ביקס פון איינעם פאַר וועמען ער האָט זיך באַריהמט, צוגעצילעט זיך, און איידער די שרייענדע האָ־בען צייט געהאַט איהם אָפּצושטעלען, האָט ער מיט דעם גוט־גע־ציעלטען קויל אַרונטערגעשאָסען אונזער אַזוי גערן אויפגענומענעם פריינד — די לעצטע טויב.

„אהער, דזשיפּ", זעה וואָס פון דיין טויב איז געוואָרען!"

ווען ער האָט דערהערט, איז ער מיט קללות און טרעהרען פון פאַרדרוס אָנפאַנגס צוגעלאָפען צו דער טייבעלע,אין דער האָפנונג, אַז זי איז אפשר לעבען געבליבען, אָבער אומזיסט, און האַלטענדיג זי אַ טויטע איז ער אַרויסגעפאַלען אויף דעם נאָך זעלבסט צופריי־דענעם ציעלער מיט אַ יאָמער און געשריייען: „וואַרט, וואַרט, דו נאַרישער הונט, דו פאַרדאַמטער מערדער, גאָט וועט דיר ניט שענ־קען: דו, נאַרילאַ, וועסט אליין פּרג'ן, פונקט אַזוי ווי דו האָסט זי דערשאָסען. איך וועל נאָר בעטען גאָט, אַז אַ דייטשע קויל זאָל דיך נאָך היינט טרעפען".

דאָס מאָל האָט פּאַסירט אַזוי ווי מילענטאָל האָט געבעטען: —

דער דאָקטאָר, וואָס האָט קלאַסיפיצירט די פאַרוואונדעטע, האָט געפונען דעם גוטען ציעלער פאַר שטאַרק גענוג צוריקצוגעהן אין

דער ערשטער ליניע, וואו זיין קאמפאני האט נאך געדארפט בלייבען איניגע טעג ביז אונזער אינפאנטעריע וועט זיי איבער־בייטען און נאך דעמזעלבען טאג איז ער אוועק צוזאמען מיט א גרופע פון נאך אכט צו זייערע קאמפאנים, וואס זיינען געלעגען אהינטער׳ן וועלדעל ניט ווייט פון אונז. זיי זיינען קוים אפגעגאנ־גען איניגע הונדערט יארד, ווען זיי זיינען ארונטערגעפאלען אונ־טער אונערוואַרטעטען דייטשען באראדזש. א שעל איז געפאלען צווישען דער גרופע, האט אלעמען שווער אדער לייכטער פאר־וואונדעט. פון דעם גוטען ציעלער האט מען אויף א מיט בלוט דורכגעווייקטע טראג־ברעטעל בלויז שטיקער פון זיין קערפער מיט דעם אראפגעריסענעם העל־בלאנדען קאפ צוריקגעבראכט. מען האט איהם צוזאמען מיט די איבעריגע טויטע אוועקגעלעגט ביים אריינגאנג פון שטאהל.

ווי נאר דזשיפ האט דערזעהן דעם צוריסענעם קערפער איז ער שטילער, צוריקגעהאלטענער געווארען, און אין זיינע אויגען האט זיך אפגעשפיגעלט א ווילדער שרעק. ס׳האט אויסגעזעהן, אזוי ווי ער האט זיך געפיהלט שולדיג אין יענעמס סוף. ער האט זיך געוואלט פארטויבען און מיט נאך מעהר ענערגיע זיך גענומען צו זיין ארבייט.

ווען דער אבענד האט אנגעהויבען צופאלען, בין איך אריינ־געקומען געוואויר ווערען מיין צוטראגענעם פריינד, און גראדע איז ער געווען אליין. געזעסען איז ער א שטילער אויף א קאס־טען, און שטאר געקוקט פאראויס. ווען ער האט מיך דערזעהן, האט ער געבעטען מיך זעצען זיך נעבען איהם. ער האט אנפאנגס גערעדט איבער פארשידענעס, און מיט אמאל איבערגעגאנגען צו אידישע פראגען.

„איז עס אמת, אז מיר שלאגען זיך פאר פאלעסטינא? וואס פאר א לאנד איז עס, ווער וואוינט דארט איצט?" און נאך א ווייל־ע טראכטען געפרעגט ווייטער, צי איך גלויב, אז די עליים וועלען האלטען זייער צוזאג, ווייל ער האט געהערט פון סארד־זשענט „קולי", וועלכער איז געווען אן איירישער פאטריאט, אז מען קאן זיך ניט פארלאזען אויף די ענגלישע צוזאגען.

אויף מיין פראגע, ווארום ער איז מיט אמאל אזוי פאראינ־טערעסירט אין דעם אלעמען, האט ער זיך פארשעמט — ווען נאר

איך פלעג איהם פריהער אמאל פרובירען פאראינטערעסירען מיט די זעלבע פראגען, האט ער ניט געהאט קיין גדולה, אדער גוט־מוטיג מיך אפּפטור'ן מיט א שפּאסהאפטער באמערקונג, אז ער איז א „דזשו־קאמידיאן" אבער ניט מעהר.

„וועל, ברודערקע!" האט ער געענטפערט. „זעהסט דאך וואו מיר זיינען און וואס פאר א סוף אונז ערוואַרטעט: עפּעס פיהל איך איצט, אז מיין סוף קומט און ווער וויים ווי שנעל, און מיר וואלט געווען פיעל לייכטער, ווען איך זאל זיין זיכער, אז די „דזשואיש פּיפּל" וועלען געהאלפען ווערען דורך מיין בלוט. געדענקסט דאך, וואס דער „דזשואיש טשאפּלין" האט צו אונז גערעדט!" האט ער אזוי ווי פארענטפערט זיך באמערקענדיג מיין פארוואונדערונג איבער זיינע לעצטע ווערטער, און דא האט ער מיט אן אויפשוואונג פון באגייסטערונג געזאגט: „מאזעס איז דאך געבוירען געווארען איז דזשערוזאלעם, אויב אזוי, איז דאס א וואונדערבאר און שעהן לאנד, שוין צוליעב דעם פאקט אליין".
ווי קאמיש עס זיינען ניט געווען זיינע באגריפען איבער ארץ־ישראל און אונזער פאלק, בין איך אבער געווען טיעף געריהרט פון זיינע סענטימענטען און האב צוגעטראכט און געמאלען פאר איהם פאנטאסטיש שעהנע בילדער וועגען אונזער לאנד און היס־טארישע העלדען.

איך האב נאר וואס געוואלט אוועקגעהן, אבער ער האט מיך צוריקגעהאלטען און ווידער א פארשעהמטער געפרעגט, אויב „דזשיזוס" איז אויך געווען א געטליכער מאן. ער וויים, אז מיר גלויבען ניט אין איהם, אבער ער איז דאך אויך געבארען געווארען אין ירושלים, און אלע גויים גלויבען דאך אין איהם, אז ער איז א „גאט".

אום צו מאכען פאר איהם נאך מעהר אימפּאזאנט די געשטאל־טען פון אונזערע גרויסע העלדען, האב איך דאן האלב צוגעגעבען, אז „יעזוס" איז אויך א געטליכער מאן, אבער מיר גלויבען אין די, וואס זיינען פיעל גרעסער פון איהם.

„י ע ז ו ס א י ז א ג ע ט ל י כ ע ר מ ע נ ש!" האט ער אזוי ווי א צוטומעלטער גערעדט, מעהר צו זיך ווי צו מיר. א פארבארגענער ציטער איז דורכגעפלויגען זיין געזיכט, זיין בלאס־

קייט איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דעם גרינעם קאָליר, וואָס באַ־צייכענט די טויט־פאַרוואונדעטע.

„וואָס איז מיט דיר, ‚דזשיפּ׳?“ בין איך צוגעשטאַנען אַ צו־שראָקענער, און נאָך אַ היבשען קווינקלען זיך האָט ער ארויסגע־נומען פון זיין בוזים עטוואָס איינגעוויקעלט אין אַ שטיקעל טיכעל. ווען ער האָט דאָס פאַנאַנדערגעוויקעלט האָב איך דערזעהן אַ קליי־נע ביבעל וואָס די מעהרסטע קריסטליכע סאָלדאַטען טראָגען מיט זיך אויף די שלאַכט־פעלדער. די בלעטלעך פון דעם ביכעל זיינען געווען צוזאַמענגעקלעפּט פון דעם פאַרזאַטענעם בלוט, און האַל־טענדיג אזוי ווי עס וואָלט געווען אַן אָנגעגליהטער שטיק שטאָל, קוים צוריהרענדיג זיך מיט זיינע ציטערענדיגע פינגער, האָט ער אַ וואונק געטאָן צום דרויסען: „אַט דער דזשיזוס׳עם בייבעל איז געווען ביי „איהם“—אין פּאַקעט פון זיין בלאָוז,—אַט דעם בלאָנ־דען גוטען ציעלערס, כ׳האָב איהם פאַרשאָלטען!“ האָט „דזשיפּ“ אזוי ווי ארויסגעקרעכצט.

„צו וואָס האָב איך געדאַרפט פאַר איהם פאַרהייליגען דזשי־זוס׳ען?“ האָב איך געטראַכט ווען איך בין אוועק פון איהם, און באַשלאָסען ביי זיך, אז מאָרגען וועל איך פּרובירען מיט אַלע מיינע כחות איינשטילען זיינע צורודערטע נערוועז.

דרויסען איז שוין ווידער געווען פינסטער און דער טייוועל פאַנגט היינט אָן זיין טאַנץ מיט אַ פאַרשנעלערטען טעמפּאָ. דער האַלב־רונד פון הימעל וואָס צו די דייטשען ווערט אַלץ אָפּטער אויפגעלויכטען אזוי ווי הונדערטער העלישע פייערען וואָלטען זיך דאָרטען אָנצינדען אויף איינמאָל. פון אונזערע באַוועגונגען און פון דער אַלץ שטאַרקער ווערענדער קאַנאָנאַדע צייגט זיך, אַז עפּעס שרעקליכעס וועט פאָרקומען די נאַכט. אויך דער דרויסען ווערט אַלץ גרויזאַמער. נאָך אַמאָל רעגען, רעגען מיט האָגעל דורכגע־מישט, און שמייסט אזוי אונ׳ברחמנות׳דיג אין געזיכט. עס איז אזוי פינסטער: אַ, ווי עס וואָלט זיך וועלען געפינען ערגעץ אַ שוץ! זאָל זיין אונטער אַ וואָגען, זאָל זיין ביים זייט פון פערד, אַבי נאָר עטוואָס וואַרימער ווי אין מיין גרוב.

פאַר אַ גרויסען שטורם

ווי בלינדע הינט האָבען זיך מענשען צוזאַמענגעקנוילט אין יעדען ווינקעלע, וואו נאָר מען האָט געקאָנט עטוואָס באַשיצען זיך פון דער קאַלטער נאַסקייט, און ווי מיזעראַבעל איך בין אַליין ניט געוועזן האָט דאָך ,אַ טיפער רחמנות צוזאַמענגעדריקט דאָס האַרץ, ווען נאָר איך פלעג אַנטאַפּען אין דער פינסטערניש סאָלדאַטען אין דרייען צוזאַמענגעדרעהטע: צו צוויי און מעהר זיינען זיי געלעגען אום עטוואָס צו דערוואַרעמען זיך איינער אָן צווייטען. די, וואָס זיינען געוועזן אין מיטען פון קנויל, האָבען נאָך עטוואָס גענאָסען, אָבער די וואָס ביי די ברעגען האָבען זיך אַלץ געקנייטשט און געדרעהט, פּרובירענדיג באַהאַלטען די דורכגעווייקטע גלידער, און פאַר אַ זייטיגען איז שוין געווען נוצלאָז צו פּרואווען דאָרט צושטעקען זיך.

אַרום איינעגע פון די גרופּען, וואָס אַרום דעם גאַנץ געבליבענעם טייל שטיינערנעם הויז, האָב איך זיך דאָך געפּרואווט צושפּאַרען. אַנפאַנגס פלעגען אין דער פינסטער אַ בריקע טאָן פיס אָדער אַ שטויס טאָן מיט׳ן טעמפּען זייט פון אַ ביקס. „וואוהין, צום טייוועל, קריכסטו?“ בורטשעט אַרויס אַ בייזע שטימע און קללות פון דער מענשען־מאַסע, וואָס הויבט זיך אָן באַוועגען ווי אַ באַאומרוהיגטער קנויל ווערים, אָבער ווען זיי פלעגען דערזעהן, אַז איך וויל קיינעם ניט אַראָפּשטופּען פון זיין פּלאַץ, נאָר צולעגען זיך ביים ברעג, פלעגען זיי מיט אַ קרעכצען באַרוהיגען זיך. און דער, נעבען וועמען כ׳האָב זיך צוגעלעגט, איז נאָך געווען צופריעדען, וועיל כ׳האָב איהם עטוואָס צוגעדעקט מיט מיין קערפּער פאַר מיר איז עס אָבער געווען ווייניג וואָס שוין און נאָך אַ פּאָר מאָל פּרובירען האָב איך זיך צוריקגעקעהרט צו מיין קאָלאָניע מע־סענדזשערס, צו מיין אייגענער גרוב, וואָס דרויסען אַרום דעם דאָג־אויט. און דאָ האָט זיך פאַר מיר אָנגעפאַנגען אַ נאַכט פון ציטערען, קנייטשען און דרעהען זיך פון זייט אויף זייט, און די צייהנער האָבען מיט יעדען נייעם שטראָם וואַסער, וואָס האָט

מיך דערגרייכט, אַלץ שטאַרקער אויסגעקלאַפּט דאָס אונאויפהער־ליכע ציטערען.

מיינע גרוב־שכנים האָבען געהאַט דעם זעלבען מזל. דאָס איי־נער, דאָס אַ צווייטער, פלעגט זיך אויפהויבען מיט ביטערע קללות, אין וועלכע עס האָט זיך געהערט אַ צוריקגעהאַלטענער געוויין, און פלעגען וואַרפען צו דער ערד זייערע רעגען־מאַנטלען און שעלטער־העפּס, אַזוי ווי זיי וואָלטען געוועזען קאַפּריזנע קינדער. קענטיג זיי געדענקען נאָך, אַז זיי האָבען ערגעץ אַ וואַרימע היים מיט אַ גוטער מאַמען און איהר וואַרימען ליכטיגען הויף איבער זייער וואַך זיין און שלאָף...

וויליאַמס איז צו מיר צוגעגאַנגען. „דעם איט! אויב ס'איז ניט ערגער ווי דער טויט אַליין!" האָט ער גלייך אָנגעפאַנגען צו רעדען, וויסענדיג, אַז אויך איך שלאָף ניט. און מיט אַ שטראָם אונדרוקבאַרע ווערטער האָט ער הויך גערעדט וועגען דעם. וואָס די אָפיציערען האָבען פאַרנומען דעם דאַג־אוט און די שטיקלעך צימערען פון הויז. אַט זאָלען זיי טאַקע העדען און טאָן איהם עפּעס.

ער איז אַריינגעקראָכען מיט זיינע זאַכען צו מיר און פון דעם איז אונז דאָך אַביסעל בעסער געוואָרען. מיר האָבען זיך צוזאַמענגעטוליעט ווי ברידער, האָבען דערפיהלט אַ נאָהענטקייט, וואָס קאָן זיך נאָר ענטוויקלען צווישען מענשען, וואָס זיינען אַריינ־געפאַלען אין איין טיעפער גרוב, פון וועלכער מען קאָן ניט אַרויס־קריכען.

אַביסעל דערוואַרימט און איינגעשטילט, האָט דער שלאָף גע־מאָהנט דאָס זייניגע. שטיקלאַך און ברעקלאַכווייז איז ער געקור־מען. אָנשטאַט רוה איז עס געווען אַ קאָשמאַר פון אַ שוואַכען וואַך־זיין און ווילדע געשטאַלטען וואָס האָבען זיך דורכגעצויגען אינ'ם קאָפּ מיט דער שווערקייט פון בלייענע שטאַנגען.

אַט קייקלען זיך אָפּגעריסענע פאַרבלוטיגטע גליעדער, פאַר־טשעפּען זיך אָן אַ שטיין און רייסען זיך, רייסען זיך שטום און געהען אויס פון צער, וואָס זיי קאָנען ניט אַנטלויפען; אַ האַנט האָט זיך קראַמפּהאַפט איינגעקלאַמערט אין אַ הויפען טרוקען גראָז; ריעזיגע מאַשינען קריכען איבער די פעלדער, אַזוי ווי פאַרמלאַזע שאָטענס, רייכען ביז די שטאָק־פינסטערע נאַכט־הימ־

לען. פונקען, בליצען, רייסען זיך ארויס פון זייערע קוימענס מאַ־
מענטענווייז און באַלויכטען די גיגאַנטישע וואָלען, וואָס באַוועגען
זיך אַזוי לאַנגזאַם און שווער, און וואו זיי קריכען דורך ווערען אויס־
געגליכען די בערגלעך און קנייטשען פון פעלד. עטוואָס צולויפט
זיך דאָרט אין אַלע זייטען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און אויס־
געשרייען: „סעקאַנד באַטאַליאָן! סעקאַנד באַטאַליאָן!"

„שטעה אויף! ס'איז דיין נעקסט!" האָט מיך וויליאַם אויפ־
געטרייסעלט.

„סעקאַנד באַטאַליאָן!" האָט בייז און באַפעהלענד אויסגערו־
פען דעם סאַרדזשענט'ס שטימע.

דאָס מאָל האָב איך עס דייטליך געהערט און גוט געוואוסט,
אַז מען מיינט מיך. איך האָב אַ ווייַלע גערדרעהט זיך אויף מיין
פלאַץ, געקנייטשט זיך אַרום וויליאַמ'ס דערוואַרעמטען קערפּער,
אַזוי ווי איך וואָלט זיך געדאַרפט אַפּרייסען פון דאָס טייערסטע
וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, אָבער די שטימע פון סאַרדזשענט
שלעפּט ווי אַן אייזערנע האַנט אַנכאַפּענדיג פאַר'ן גאָרגעל — גערה!

דער אָפיציר אין טשאַרדזש איז געווען קעפּטען „טשענדלער",
וועמען מיר האָבען ליעב געהאַט פאַר זיין מענשליכען באַנעהמען
זיך. באַמערקענדיג אַז מיינע הענט ציטערען און די גאַז־מאַסקע
איז נאָך לויז, האָט ער מיך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם,
און דערלאַנגענדיג דעם פּאַקעט מיט'ן מעסעדזש און לאַנד־קאַרטען,
געפרעגט, אויב איך ווייס וואו אונזער נייער אַבזערווײשאַן פּונקט
איז. „ער ווייסט", האָט דער סאַרדזשענט געענטפערט פאַר מיר.
דער קעפּטען האָט מיך אַרויסבאַגלייט ביז צום אַרויסגאַנג. און
האַלטענדיג זיין האַנד אויף מיין שולטער, האָט ער מיך געמונ־
טערט: „האָב קיין מורא ניט, מאַי באָי! אַלץ וואָס דו דאַרפסט
איז „גאָטס" און וועסט זיין ,אַלרייט'!"

יאָ, האָב איך זיך געטראַכט: „אַלץ וואָס מען דאַרף איז
„גאָטס"!" — און פאַר מיינע אויגען זיינען אויפגעשוואומען ביל־
דער פון אייניגע צוריסענע מיט אָפענע בייכער און זייערע „גאָטס"
אַרויסשטעקענדיג ווי פון אַ געפאַלענעם פערד, וועלכען הינט האָ־
בען שוין טיילווייז פאַנאַנדערגעטראָגען.

ווען איך בין צוגעקומען צו מיין פערד, האָט ער מיך נאָך פאַר
אַ פּאָר צעהנדליג טריט דערקאָנט, האָט זיך דערפרעהט, געטראָ־
טען אויף איין אָרט און געהירזשעט שטיל.

„ניין, ברודער, דאָס מאָל האָסטו זיך אָפּגענאַרט. ניט מיט עסען קום איך צו דיר“. איך האָב איהם אין דער פינסטער אַרומ־געטאַפּט, אָפּגעשטייסען זיין קאָפּ און ליפּען, וואָס האָבען געזוכט אויף מיינע פּלייצעס און אַרעמס, פאַרשטייפט די רימענס פון זאַ־טעל, אַרויפגעקראָכען, פאַרטיג אין וועג אַריין.

„וואו ביזטו ?“ האָט מיך דער קעפּטען אָפּגעזוכט, און גלע־טענדיג מיין פערד מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אויסמיידען דעם „קרייץ־וועג“ און אַז אויף דעם וועג פון „פּליוועל“, „סאָמערענס“ און „סענט זשעוועז“, זאָל איך וואָס שנעלער דורכפאָהרען איידער די אַטאַקעס וועלען זיך אָנפאַנגען, ווייל ער איז טיילווייז אָפען פאַר דייטשע אויגען און אַרומזוכענדע פּאַטרולען.

איך האָב צוגעזאָגט אויסצופאָלגען זיינע אינסטרוקציעס און געלאָזט זיך אין דער פינסטערער נאַכט אַריין.

דער איינגעשפּאַרטער רעגען האָט געשמיסען אין געזיכט געמאַכט אוממעגליך צו זעהן איינציגע טריט פאָראויס. דער פערד פאַרטשעפּעט זיך יעדע ווײלע, שנאָרכט מיט די נאָז־לעכער אויס־דריקענדיג זיין אונרוהיגקייט און שרעק. זיין קאָפּ צוגעבויגען צו דער ערד, טרעט ער פאָרזיכטיג, און פון צייט צו צייט טוט ער זיך אַ רים אין אַ זייט, ווען איהם קומט אין וועג אַ טויטער קערפּער אָדער אַ טיעפע באָמבען גרוב, וועלכע ער דערפיהלט מעהר מיט זיין אינסטינקט, ווי געזעהן : ווי בעטענדיג זיך פלעגט ער אַ נויג טאָן זיך אויף צוריק, אָנפאַנגס שטיל פאַר׳גנב׳עט און נאָכדעם האַס־טיגער. אָבער ניין, ברודער, מיר מוזען געהן ווייטער...

עס איז געווען אַרום צוויי אַ זייגער נאָך מיט־נאַכט, אַרום איז אַזוי אויסערגעוועהנליך שטיל. בלויז איינציגע קאַנאָנען־שאָ־סען צוברעכען שאַרף דעם שווייגען פון אונזער זייט, און די קוילען לויפען אַוועק מיט אַזאַ מאָדנעם נאָגענדען וויינען, אַזוי ווי פון ערגעץ וואָלט זיך דערטראָגען און פאַרשווינדען אַן אויסגעצויגע־נער וואָיען פון אַן עלענדען דאָרפס־הונט. אין אַ צווישען־צייט פון איינציגע מינוטען פּלאַצט אויס נאָך אַ קאַנאָן, עס דערהערט זיך דער מעשענער קלאַנג פון אַן אויסגעליידיגטען שעל וואָס די מענשען דאָרט ציהען אַרויס פון דעם ערשט אויסשיסענדען קאַנאָן, און ווי־דער לויפט אַוועק אַ שפּינענדע קויל מיט איהר האַרץ־נאָגענדען

יאָמער, אויסבייגענדיג אַ האַלב־רונד אינ׳ם שוואַרצען הימעל און פאַרשווינדט ערגעץ אין דער דייטשער זייט.

עס איז געווען שטיל. אָבער אין דער שטילקייט האָט זיך באַהאַלטען די שרעקליכע קראַפט וואָס וועט באַלד לויז ווערען. אין נאָך אַ שטונדע אַרום וועט אונזער דיוויזיע אַטאַקירען, זי וועט איבערנעהמען דעם גאַנצען געוויכט פון דעם קאַמף אין דעם געגענד, פאַרנעהמענדיג די פּלעצער פון די אַממעהרסטען צופליקטע טיילען פון דער ערשטער און אַכט־און־צוואַנציגסטער דיוויזיעס, וועלכע זיינען אָפּגעצעהרט און צובלוטיגט געוואָרען פון די ערשטע איינציגע טעג פון קאַמף.

ווי איינפאַך עס לעזט זיך אַן אָרדער! ווי קאַלט און ביז־נעסמעסיג! אָבער, אָ, גאָט! וואָס פאַר אַ שרעקען עס שפּיעלען זיך פונאַנדער, ווען די אונגליקליכע דאַרפען זיי אויספיהרען... ווען וועט שוין קומען אַ סוף צו אָט דעם גרויזאַמען פאַרברעכען?....

די פעלדער זיינען דאָך שוין איבערגענוג אָנגעפּיקעוועט מיט צווייטע פּגרים פון מענשען. מען האָט נאָך קיין צייט געהאַט צו באַגראָבען אַפילו אַ טייל פון זיי, און דאָ שאַרפט זיך זיינע בלוטיגע נעגעל דער טריאומפירענדער טייוועל, וועלכער איז דער זיעגער אי־בער די זיעגער און באַזיעגטע צוגלייך... באַלד פאַלען אַריין אין זיינע הענט די צעהנדליגער טויזענדער פרישע פון אונזער דיוויזיע. וואָס ליעגען צווייטע איבער די פעלדער, טוליען זיך הילפלאָזע, עלענדע צו דער ערד. זי, די אַלמעכטיגע, איז דאָס איינציגע וואָס איז זיי געבליבען און אין וועלכער זיי גראָבען זיך איין אין דער האָפנונג צו בלייבען גאַנץ.

„קום שנעלער!“ האָב איך שטייפער צוזאַמענגעדריקט מיינע ק״יע אַרום פערד, אָט איז שוין דער וועג. ווי עס זעהט אויס, איז ער פריי פון אונזערע. דער טאָל איז דאָ אַ ברייטער און אויב אונזער אינפאַנטעריע איז יאָ דאָ ערגעץ, איז זי דאָך ווייט פונ׳ם וועג. זיי מוזען פאַרנעהמען די אויפגעהויבענע שטיקער לאַנד וואָס פון ביידע זייטען טאָל און ווער ווייס וועמען איך וועל אויף מיין וועג באַגעגענען.

איך האָב זיך אַ קעהר געטאָן צום וועג. נאָר די קאַנאָווע אַרי־בערקריכען, און דאָ האָב איך דערהערט האַסטיגע טריט פון נאָך אַ קוריער, וואָס פאָהרט אין מיין ריכטונג.

אין שווערע מאָמענטען

איך האָב זיך מיט אַלע כחות געלאָזט לויפען נאָך דעם מעסענדזשער, וואָס איז געווען פאַראויס פון מיר. איך האָב נאָכגעפאָלגט נאָכ'ן קלאַנג פון זיין פערדס לויפען און מיט יעדער אָנשטרענגונג בין איך אַלץ נעהנטער געוואָרען; נאָך אַ מינוט, און איך וועל איהם דעריאָגען. אין דער צייט איז דער הימעל אויפגעלויכטען געוואָרען און צוזאַמען מיט'ן וואַקסענדען ציטערענדען פייער זיינען מיט אַ קוויטשען אָנגעקומען דייטשע שעלס. דער גאַנצער אָרום איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון די באָמבען־אויפרייסען. ערשט אין דעם מאָמענט האָב איך דערפיהלט אַ פיבערהאַפטען פאַרלאַנג דעריאָגען דעם רייטער און לויפען צוזאַמען דעם שטיק וועג, ביז מיר וועלען זיך צושיידען. מיין פערד האָט אַזוי ווי געפיהלט און געטיילט מיין פאַרלאַנג, האָט מיט אַן אויסערגעוועהנליכער אָנשטרענגונג געשפרונגען זיין ווילדסטען גאַלאָפּ אַזוי, אַז דער רייסען פון ווינט און פּאַטשען פון לייכטער געוואָרענעם רעגען האָט מיך פאַרטויבט.

דער אויפלייכטען פון הימעל וואָס איז געקומען פון דער דייטשער זייט איז פון אַזוי נאָהענט, ווי אַט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, איז געוואָרען אַזוי באַשטענדיג, די פעלדער און נאָהענטערע בערג זיינען העל באַלויכטען געוואָרען. — אָ, שלעכט, די שעלס פאַלען אַרונטעח מיט אַ סיפּען און קוויטש אויף ביידע זייטען וועג אין אַ באַראַזש־מעסיגער פאָרם. אַט האָט אַן אויפרייס אַזוי ווי צוריסען דעם וועג אויף צווייען, דורך דעם באַרג ערד און שטיינער וואָס ער האָט אויפגעהויבען. דער רייטער פאַראויס איז אַריבערגעשפרונגען דעם נייעם גרוב, איך נאָך איהם — גוט געטאָן, איז אַ דאַנקבאַרקייט דורכגעפלויגען, אָבער יעדער נערוו איז אָנגעשטרענגט צו די איבעריגע אויפרייסען, וואָס האָבען אַזוי ווי געהאָגעלט: אַט בלייבען נאָך אייניגע שפּרינג און איך דעריאָג דעם רייטער — זשש — בום! איז איינע צושאָטען געוואָרען. איך האָב זיך צוזאַמענגעקנוילט אין זאָטעל, אויף אַ מאָמענט צוגעמאַכט די אויגען, דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפּען — ס'איז

דער סוף — האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק צוזאַמען מיט'ן צושי־טען זיך פון אויפרייס. אין'ם נעקסטען מאָמענט איז פאַר מיינע אויגען צוריסען געוואָרען דער רייטער, זיין פערד איז אומגע־שליידערט געוואָרען אויף די קניע אוועקגעגליטשט זיך אויפ'ן רוקען, איבערלאָזענדיג ווייט הינטער זיך דעם רייטער. — ניין, איך וועל זיך ניט אָפּשטעלען — אַט, אַט איז מיין ציעל, כ'האָב געפיהלט, אַז איך קאָן שוין יענעם ניט העלפען, אַז ער איז מאָמענטאַל דער־הרג'עט געוואָרען.

אין דעם נעקסטען מאָמענט איז פאַר מיר אַלץ פאַרשוואונדען, אויסער איין געפיהל אין וועלכען מיין גאַנצער וועזען האָט זיך פאַרוואַנדעלט: שנעלער, שנעלער צופליהען צו די טעלעפאָן סלו־פּען מיט די צוזעגטע דראָטען; מיט מיין גאַנצען וועזען האָב איך געוואוסט, אַז איך בין אין מיטען פון אַ געדיכטען באַראַזש. איך האָב אַזוי ווי ניט באַמערקט די איינצעלנע אויפרייסען, וואָס האָ־בען זיך צושאָטען און געקוויטשעט אַרום. מיינע אויגען, גליע־דער און נערווען האָבען איינגעשפּאַרט געציעלט פאָראויס אין דער ערוואַרטונג פון די וואָס קומען, פון דעם קלאַפּ וואָס פליהט און אַט אַט לאָזט ער זיך אַראָפּ...

אַט זיינען די טעלעגראַף־סלופּען. איך געדענק ניט, צי איך האָב איהם נעריכטעט אָדער דער פערד אַליין האָט געשפּירט, אַז מיר דאַרפען אַ קעהר טאָן זיך רעכטס, אַריבערשפּרינגען די קאַנאַ־ווע און לאָזען זיך אין שמאָלען טאָל אריין. ער האָט זיך האַסטיג אַ קעהר געטאָן רעכטס.

„כ'בין געטראָפען!" — ווי אַ פייערדיגער רוט האָט אַ בריה געטאָן אונטער'ן האַלז, דורכגעפלויגען פאַרביי מיין פּנים, אַנגע־כאַפּט פאַר'ן העלמעט און אַ שליידער געטאָן צו דער ערד. דער פערד קייקעלט זיך מיטגעשלעפּט פון די רימענס, וועלכע איך האָב געהאַט אַרומגעוויקעלט אַרום מיינע אָרעמס. אַ מאָמענט האָבען מיר זיך געדרעהט, געפּלאָנטערט אין דעם וואַסער און בלאָטע פון שטרעמעל אין טיעפען גראָבען. דער פערד האָט זיך ווילד גע־ריכעט, אָבער דער איינזינקען פון זיינע פיס אין בלאָטע און זיין אָנשטרענגונג זיך אַרויסצורייסען, האָט איהם געבראַכט אונטער מיין קאָנטראָל.

ווען איך בין עטוואָס געקומען צו זיך, און האָב דערפיהלט

מאָדנע וואָרים און אַ קלעפּיגע נאַסקייט אונטער׳ן האַלז, האָב איך פאַרשטאַנען וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. דאָס האָט אַן אַראָפּ־הענגער טעלעגראַף דראָט זיך פאַרטשעפּעט און אַראָפּגעשליידערט מיך צו דער ערד.

מיר זיינען באַלד צוגעפאָהרען צום באַרג פון אונזער אָבזער־ווייטאַן פּונקט. אין מיטען אַרויפגאַנג צום פּונקט האָב איך צו־געבונדען מיין פערד צו אַ צלם פון איינעם פון אַ גרופּע אַלטע דייטשע קברים, און אַרויפגעקראָכען די איבעריגע שטרעקע, אָנ־שטרענגענדיג זיך אויסצומיידען די טיפע גרוב פון אַן אויפגעריסע־נעם דאַג־אוט, וואו עס זיינען געלעגען צוזאַמענגעוואָרפען אַ מאַסע ניט באַגראָבענע דייטשע קערפּערס.

„ווער קומט?“ — האָט מיך אַ שטימע אַ פרעג געטאָן.

„דאָס בין איך!“ — האָב איך געענטפערט, דערקענענדיג קאָר־פּאָראַל טאָירנער׳ס שטימע, וועלכער איז געשטאַנען דרויסען אַלס געז־וואַך. איך בין אַריין צו מיידזשאָר מיהאַרד.

טאָירנער האָט מיך באַגלייט ביז מיין פערד און מיר אָנגע־צייגט אַן אַנדער וועג, וועלכער וועט מיך ברענגען ביז׳ן בריקעל וואָס פאַר פּליוויל. דער וועג איז בעסער צוגעדעקט. אין אייניגע ווערטער האָבען מיר זיך אומגעביטען מיט אָנפראַגען וועגען די פון אונזער קאָמפּאַני וואָס האָבען געליטען, וואָס זיינען געטראָ־פען געוואָרען.

„איט איז העל!“ האָט ער זיך אָפּגעזיפצט און געבעטען, אַז איך זאָל פּרואווען געפינען פאַר איהם אַ פּאָר סיגאַרעטלעך. ער שטאַרבט אַוועק נאָך אַ ציה.

איך האָב איהם פאַרשפּראָכען, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז מיין פאַרשפּרעכען איז אומזיסט. דעם לוקסוס־אַרטיקעל האָט מען אונז ניט געבראַכט פאַר לאַנגע טעג, און די וואָס האָבען נאָך פאַרבליבענע סיגאַרעטלעך טאַבאַק באַהאַלטען זיך אויס, ווען זיי רויכערען; און אַזוי באַהאַלטען זיי זיך אויס מיט אַ באַקסעל „האַרד־ברעד“, וועלכע מען קלייבט אויף פון די פעקלעך, וואָס אויף די געה׳הרג׳עטע סאָלדאַטען, און מיט וועלפישע אויגען פאָרשט מען איינער אויפ׳ן צווייטענס געזיכט און פּאַקעטס, צי איז דאָרט ניט באַהאַלטען עטוואָס צום עסען...

אַן אַטאַקע

א בריעף צו א פריינד

דו בעטסט, אַז איך זאָל דיר שרייבען ווי עס זעהט אויס אַן אַטאַקע. איך וועל עס טאָן אין דעם בריעף. אגב, נעם איך אָן דיין ענטשולדיגען זיך, אַז דו ביסט ניט קיין בלוטדורשטיגער מענש, אַז ס'איז ניט פּראָסטע נייגעריגקייט, נאָר ווילסט וויסען דאָס ערגסטע אום עס זאָל נאָך טיפער איינגעבאַקען ווערען אין דיין האַרצען און זאָלסט נאָך מעהר האַסען דעם שרעקליכען מאָנסטער — מלחמה.

איך וועל דיר שרייבען דעם ריינעם אמת. צופּוצונגען זיינען ניט נויטיג; קיין „מוזע" אוודאי ניט. די ווערטער ווערען דיקטירט פון דעם שרעקליכען ארום, פון די פגרים פון מיינע חברים, וואָס ליגען נאָך ניט אויפגעקליבענע. אַט ליגט איינער גלייך לעבען מיר, איינגעאָנגעגען א דריי פוס ווייט. א האַלבער פּנים איז איהם אָפּגעריסען געוואָרען און עקעלהאַפט שטעקט ארויס א טייל פון זיין קין־באַק מיט דעם טייל איבערגעבליבענע ציינער און צופּאַסטעטען צונג מיט שטיגער אראָפּהענגענדער באַק. עס שמעקט פון איהם דערשטיקט צו ווערען. און דער עקעל הויבט אָן אין מיר איבערצוּוועגען דעם רחמנות־געפיהל...

שוין פינף טעג, אַז ער ליגט אַזוי. איך וואָלט גערן זיך אָפּגערוקט פון איהם, אָבער גראַד דוכט זיך מיר, אַז אַט דער פּלאַץ איז בעסער באַשיצט און די אויסרעכענונג פאַרטוויבט אַלע געפיהלען, אפילו דעם עקעל... אויסער איין געפיהל — און דאָס איז מיין פאַרלאַנג צו שרייבען פון דאָנען וואָס מעהר... מיר דוכט זיך, אַז זיינע אויגען, וואָס קוקען ארויס פון צווישען די אויגען־לעבעלאָך אַזוי ווי דורך שמאָלע שפּאַלטען זאָגען צו מיר: — שרייב! שרייב, ביז עס איז נאָך א שטיקעלע פּאַפּיר פאַרבליבען! שרייב אַזוי לאַנג ווי דיין האַנט איז נאָך ניט קאַלט געוואָרען און פוילט ניט אַזוי ווי מיינע, און וואָס מעהר מיט א שורה איך שרייב, דוכט זיך מיר, אַז איך טו א הייליגערע ארבייט.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז ווען מיינע חברים

זעהען ווי איך זיץ דא אין גרוב און שרייב אונטער די שרעקליכע אומשטענדען און מיט צעפרוירענע הענט, דענקען זיי, אז מיט מיר איז עפעס ניט גלאט...

איצט וועל איך איבערגעבען וועגען דער אטאקע ארום קארנעי.

דורך דער נאכט האט מען צוזאמענגעצויגען אונזערע קרעפטען צו די אנפאנגס־פונקטען פון וואנען זיי וועלען אטאקירען.

מאסענווייז האבען זיי זיך געצויגען אין דער פינסטערניש, זינקענדיג ביז די קניען אין בלאטע אויף די פעלדער פון ביידע זייטען וועג. זיי האבען זיך געשלעפט אין לאנגע אויסגעצויגענע רייהען מיט די ביקסען אראפהענגענדיג אין אלע ריכטונגען מיט קליינע שלאכט־רענצלעך אויף די פלייצעס און אייניגע עקסטראגארטלען קוילען. געמארשירט שווייגענדע, שווער אטעמענדיג פון אנשטרענגונג, מיט געדאנקען פול זארג פאר זיך, פאר'ן אייגענעם לעבען, ווען איינער שטויסט זיך אן א טויטען קערפער, מיידט ער איהם אויס מיט א פארטעמפטען געפיהל פון שרעק און פיינדשאפט, אז מען זאל באלד ארום איהם ניט ליעגען; ניט זיין איינער פון די אונבאוועגליכע, ווען עס ארט ניט צו זיי ליעגען האלב אדער גאנץ איינגעזויגענע אין בלאטע, ווארטענדיג פאר'ן גראב־אייזען, וואס וועט אויספיהרען דעם לעצטען אקט פון זייער ביטערען מזל...

אין דער גרויער ליכטיגקייט פונ'ם אנקומענדען טאג האבען זיך אלץ דייטליכער אויסגעשיילט די פארמען פון געגענד. אזוי ווי אראפטרייסלענדיג פון זיך די נאכט־מאנטלען האבען זיך אנגעהויבען ענטבלויזען פעלד נאך פעלד, בארג נאך בארג, און איבער זיי איז געבליבען הענגען א שווערער טומאן, אזוי גרוי און שווער ווי די הימלען מיט וועלכע זיי האבען זיך צוזאמענגעגאסען אין איין ענדלאזער דריקענדער מעלאנכאליע.

נאך קאן מען ניט זעהן די אויבערשטע טיילען פון די בערג וואס הויבען זיך אויף ווי גיגאנטישע ווענט אהינטער דעם דערפעל וואס מען דארף שטורמען, און עס דאכט זיך, אז די האלב דארף, האלב שטעטעלע איז נאך פארזונקען אין געשמאקען פריהמארגען שלאף, און אט־באלד וועט ער איבערגעריסען ווערען פון דעם פייפען פון א קליינינקער פאבריקעל און דעם שפיעלען פון

פּאַסטוכער, צוזאַמענרופענדיג זייערע טשערעדעס אין פעלד ארויסצוגעהן.

דאָרט ווייטער קוקען ארויס אַלץ דייטליכער און מעכטיגער די בערג וואָס באַוואַכען קאַרנעי. און וואָס דייטליכער זיי זעהען זיך ארויס, אַלץ שווערער אָטעמען די ברוסט, אַלץ פּיינליכער שלאָגען די הערצער פון די סאָלדאַטען וואָס זיינען אַזוי ווי פאַרשטאַרבען אויף זייערע פּלעצער. צו איינעם און צו צוויי אין אַ גרוב, אריבערין בערגעלע קוקען זיי אהין מיט איינגעשפּאַרטע זינלאָזע אויגען, אויגען אין וועלכע עס האָבען זיך צוזאַמענגעמישט אַלע געדאַנקען, שרעקען און זאָרג וואָס האָבען זיך גלייכצייטיג צוזאַמענגעשפּאַרט, אויסגעמישט אין איין גרויסען פּיינליכען פראַגעצייכען צו דאָס אונפאַרמיידליכע וואָס קומט מיט דער זיכערקייט פון דער פליסענדער צייט.

דער שרעק וואָס איז דאָ צו יעדער צייט אַן אונדייטליכער, אַ פאַרטעמפּטער, ווערט נאָך מעהר פאַרטויבט אין די לעצטע מאָמענטען פון דעם אויסוואַרטען אויפ׳ן סיגנאַל. אַלע גליעדער ווערען אַזוי שווער. מען הויבט זיך אַן מעכאַניש באַוועגען אויף דעם פּלאַץ, ארומטאַפּענדיג דעם ביקס, די גאַרטלען קוילען, די קליידער. און דער מאָמענט איז געקומען. אַ צושאָטענער איינהייטליכער אויפריים פון אונזערע קאַנאָנען האָט איבערגעריסען דעם מאָנאָטאָנעם איבערשיסען זיך. די דייטשען האָבען גלייך געענטפערט מיט אַלע זייערע כחות. די איינצעלנע בוימעלעך אויף די פעלדער און סעדער האָבען זיך אַזוי ווי צוזאַמענגעקאָרטשעט אין אַ פיבערהאַפטען ציטערען פון דער טויטען־מוזיק, וואָס האָט זיך צושפּיעלט אויף איהרע העכסטע טענער, — אַ שאַרפער פייף — אַלע אברים ווערען ווי צוזאַמענגעצויגען; ארויס פון פּלאַץ! געה! געשטאַלטען האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער. דער לאַנגער שטיק פעלד איז מיט אמאָל באַלעבט געוואָרען פון באַוועגונג, אַ לאַנגע צוצויגענע שורה סאָלדאַטען לויפט פאָרווערטס, איינגעבויגענע, איינגעדרעהטע, אייניגע עטוואָס ווייטער, אַנדערע אַביסעל שפּעטער; ס׳איז אַ האַסטיגער געהן און קריכען, האַלטענדיג זיך וואָס נעהענטער אין דער שורה אַטאַקירענדע. מען פיהלט ניט די באַוועגונגען פון די אייגענע גליעדער, ניט די פיס, נאָר אַן אַנדער קראַפט טראָגט פאָראויס, פאָראויס.

א סיגנאַל, און מען פאַלט צו דער ערד, מען שליידערט זיך אַריין אין אַ גרוב, אַהינטער אַן אויפהויב פון דער ערד. מעכאַניש שטופט מען פאַראויס דעם ביקס, אַ קעהר מיט'ן הענטעל, אַ דריק דעם האַמער. פון רונד אַרום ברויזט דער אונסיסטעמאַטישער קנאַקען פון די ביקסען. אונזערע און זייערע מאַשין־ביקסען מאַלען אַזוי ווי טויזענטער הונגעריגע צייהנער וואָלטען געקנאַלט מיט זייער גרעסטער אַנשטרענגונג. און ווידער הויבט מען זיך אויף, מען לויפט ווייטער. אייניגע פאַלען, די רייהען ווערען שיטערער, וואָס ווייטער—אַלץ מעהר פאַלען, אַזוי ווי פּלוצים זיך פאַרטשעפּעט אַן עטוואָס אויף זיין וועג, טוט איינער אַ פלאַטער מיט די הענט, מיט'ן גאַנצען קערפּער, דער ביקס פאַלט אַרויס פון די הענט, און ביידע בלייבען באַוועגלאָז. נאָכאַנאַנד, איינער דאָ, איינער דאָרט. דער גאַנצער דורכגעגאַנגענער וועג איז אָנגעפּינטעלט מיט זיי. צו די וואָס באַוועגען זיך נאָך, וואָס קנוילען זיך און שרייען פאַר הילף מיט שטאַרע־אויסגעגלאָצטע אויגען קריכען צו די וואָס פון די הינטערשטע רייהען; די סאַניטאַרען שלעפּען זיי אָפּ אַן אַ זייט, אין אַ גרוב.

אָט זיינען שוין די ערשטע הייזער. פון די פענסטער און פון אַהינטער די ווינקלען האָבען די דייטשען אין איינצעל און אין גרופּען אָוועקגערוקט זיך צו די הינטערשטע, לויפען פון איין ווינקעל צום צווייטען, זייערע איינגעבויגענע איילענדיגע געשטאַלטען וואַרפען זיך אויף צוריק. און ביי זייער אָנבליק קומט דער איינציגער פאַרלאַנג, וואָס שלינגט איין יעדענס גאַנצען וועזען, וואָס שנעלער צו שיסען און פאַרניכטען די גרויע געשטאַלטען.

א טייל דייטשען ווילען ניט פאַרלאָזען זייערע פּלעצער, זיינען איינגעשפּאַרט, ווי צוזאַמענגעגאָסען מיט זייערע ביקסען, שיסען אַרונטער פון אונזערע, אַזוי ווי אַ ריעזיגער מעסער וואָלט אַרונטערגעשניטען. און אויף אַ מאָמענט ווערען אונזערע אַזוי ווי צושמאָלצען, געטראָפענע און ניט־געטראָפענע בלייבען ווי פאַרשטאַרבען אויף זייערע פּלעצער. אָט אָט און מען הויבט אָן לויפען אויף צוריק, אָבער דאָ קריכען אונטער די וואָס פון די הינטערשטע רייהען, שטעלען זיך אָפּ אויפ'ן קריטישען פּונקט. אייניגע לאַנגע מאָמענטען פון מערדערישען איבערשיסען זיך, די איינגעשפּאַרטע דייטשען צופאַלען איינס ביי איינס, די אַנדערע ווערען אַרונטער־

געשאסען פרובירענדיג אנטלויפען, און מיט ווילדע געשרייען שפארען זיך אריין אונזערע אין די גאסען, ווערען צושאטען אין קליינע הויפענס. הויז נאך הויז, גאס נאך גאס. אין די דאג־אוטס ביי יעדען פונקט קומט פאר א באזונדער שארפער קאמף, א טייל פון זיי ווערען צושאסען, אנדערע ווארפען אוועק די ביקסען, הויבען אויף די הענט מיט געשרייען: „קאמעראד!“ ווי הילפלאזע, גערפענטעטע חיות, נאך אלץ ציטערענדיג פון אויפרעגונג און שרעק האבען זיי געלאזט מיט זיך טאן וואס מען וויל, האבען גלייך אויסגעפאלגט יעדען באפעהל, אבי לאז נאר לעבען.

גלייכצייטיג האבען אנדערע קאמפאניס אטאקירט די הויכע פלעצער, וועלכע די דייטשען האבען נאך אלץ געהאלטען, און געפרואווט שיקען אייניגע אפטיילונגען צוריקגעווינען דעם דערפעל, אבער אונזערע זיינען אלץ אין א גרעסערער צאהל געקומען און אטאקירט אהן אפרוה, אהן אפהאלט, פארביי און אריבער די געפאלענע זיינען נייע געקראכען און געפאלען, און ווען איינער פון די אטאקירענדע פרובירט זיך ארויסדרעהען, אפשטעלען זיך אהינטער א באהעלעניש, מאכט איהם דער אפיציער אדער סארדזשענט וואס איז דערביי, אז ער זאל געהן ווייטער, ווען ניט דערשיסט ער איהם אויפ'ן ארט. און אזוי זיינען פיעלע געפאלען פון דער האנט פון אייגענע.

אמשווערסטען איז געווען אויסצוראמען די דייטשע מאשין־ביקסען, וועלכע זיינען געווען פארבאהאלטען אין בושעס, אבער ווי נאר אזא מאשין־ביקס ווערט ענטדעקט, פאר'גנב'עט מען זיך פון דער זייט, און מען ראמט זי אויס, און ווייטער איז א שטיקעל וועג פרייער געווארען, ביז מען שטויסט זיך אן אויף אנדערע מאשין־ביקסען.

און איבער די הינטערשטע וועגען פון דעם שלאכט־פונקט, איילען זיך אמבולאנסען געפאקט מיט די צובוטשערטע סאלדאטען. אזוי ווי יאטקע־וועגען זעהען זיי אויס, מיט בלוט ארטאפרינענדיג פון די ברעגען.

אַ בלוטיגער וויץ

ווען די דייטשען זיינען שוין געווען אָפּגעשטופּט ווייט הינטער „סענט זשעווען“ און „סאָמערענס“ איז שעלדאָן פאַרם געוואָרען אַ גאַנץ רוהיגער פּלאַץ. אהער האָבען זיי געגרייכט מיט זייערע מיטעלע און שווערע קאַנאָנען. און פון צייט צו צייט פלעגען קומען עסקאַדראָנען לופט־שיפען. אָבער דאָך איז די מורא׳דיגקייט פון די שלאַכטען פון דאַנען פאַרשוואונדען, און אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט האָט מעהר געהאַט דעם אויסזעהן פון עקסידענטען, פון צופאַלען.

איינע פון די נייעסען אויף דער פאַרם איז געווען די אַזוי־גערופענע „אינטעלידזשענס סטיישאָן“, אהער זיינען געבראַכט געוואָרען די געפאַנגענע דייטשען. מען פלעגט זיי דאָ אויספרעגען יעדען באַזונדער, אום צו קריגען פון זיי אינפאָרמאַציעס וועגען זייער גייסטיגען און פיזישען צושטאַנד און אַנדערע אינפאָרמאַציעס פון מיליטערישען ווערט.

איין גרופּע געפאַנגענע האָב איך געטראָפען נאָך פאַר׳ן אויספרעגען. מען האָט זיי געלאָזט פריי אַרומגעהן איבער׳ן הויף, און די מעהרסטע פון זיי האָבען דורך זייערע בליקען און מינעס איינגעלאַדען די אַמעריקאַנער סאָלדאַטען צוזאַמענצובינדען פריינדליכע באַציהונגען. זיי זיינען געווען אַ מערקווירדיגער געמיש פון פאַרשידענעם עלטער און אויסזעהן. דאָ זיינען געווען נאָך כמעט קינדער מיט גלאַטע געזיכטער, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשפּראָצט זייער יוגענט, ניט קוקענדיג אויף דער שרעקליכער אָפּגעצערטקייט, און אַנדערע זיינען געווען אין דעם עלטער פון פערציג ביז פופציג יאָהר, אָבער מיט אַ נאָך עלטערען אויסזעהן. בלויז די יונגע, שטאַרקע און קרעפטיגע זיינען געווען עטוואָס ראַזירט. ביי די עלטערע האָבען צוזאַמען מיט זייערע געדיכטע, גרויסע וואָנצען, אַרויסגעשטעקט אין אַלע ריכטונגען שטעכיגע בערדלאַך, אַזוי ווי ביי יאָזשיקעס. די אַמעריקאַנער האָבען זיי נייגעריג אַרומגעקוקט מיט זייערע מאָדנע, טיעף־געבויגענע העלמעטס, לאַנגע גרין־גרויע שינעלען, שטיוועל און רימענס מיט

בלעכלעך, אויף וועלכע עס איז געווען די אויפשריפט: „גאָט מיט אונז“.

צווישען דער גרופּע איז אויך געווען זייערער אַן אָפיציער. עס איז געווען קענטליך, אַז זיי פּאַלגען נאָך זיין האַלטונג. ווערט ער צו עטוואָס אויפמערקזאַם און פּאַרזיכטיג ווערען זיי אויך דאָס זעלבע. איז ער רוהיגער, פריינדליכער און פריימער, ווערען זיי אויך לעבעדיגער, און אַלע האָבען זיי מיט אַ גרויסער זשעדנעקייט צוגעקוקט ווי די פעלד־קיכען זיינען אין פולען גאַנג. גראָדע איז דאָס מאָל געווען דאָ איבערגענוג קאַרנד־ביעף, העש און קאַפּע: ווען די קוכער האָבען ענדליך אַ געשריי געטאָן — „קאָם ענד געט איט! — און מיר האָבען זיך אויסגעשטעלט אין שורות מיט די בלעכענע געשיר אין די הענט, איז געווען אַ צער צו זעהען ווי זייערע פיבערהאַפט אויפגעפלאַמטע אויגען האָבען זיך הינטיש נעבעטען: „גיט אונז עפּעס, וואַרפט אונז צו כאָטש איין ביסען“.

מיין אַלטער פריינד „דזשיפּ“ האָט ניט אויסגעהאַלטען. ער איז אַוועק צו אַן אָפיציער פרעגען, אויב ער זאָל עטוואָס געבען צו די געפאַנגענע און איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד, ווען דער אָפיציער האָט געזאָגט, אַז ער קאָן זיי געבען וואָס עס וועט נאָך איבערבלייבען נאָך אונזערע מענשען. און אויף דזשיפּ׳ען קאָן מען זיך פאַרלאָזען. ער וועט שוין אַזוי מאַכען, אַז עס זאָל יאָ איבערבלייבען.

איינינע חמ׳עס וואָס האָבען זיך אויסגעזעצט נאָהענט צו די געפאַנגענע האָבען זיך מיט זיי געררייצט. פרעסענדיג מיט פולע מיילער האָבען זיי געלאַכט און געמאַכט עקעלהאַפטע מי:נעס צו די הונגעריגע דייטשען. אַנדערע אָבער האָבען צו זיי צוגעטראָגען אַ טייל פון זייער עסען און פריינדליך עס אָנגעבאָטען, און אויס דאַנקבאַרקייט האָבען די דייטשען אַראָפּגעריסען פון זיך די לעצטע קנעפּ, עפּאַלעטען, גאַרטלען, אָדער עטוואָס אַנדערעס וואָס איז נאָך ביי זיי פאַרבליבען — און באַצאָהלט דערמיט.

ווען עס איז געקומען די רייהע פון די געפאַנגענע, צו עסען, האָבען זיי שנעל אַרויסגענומען זייערע שיסעלעך. ביי איינינע האָט זייער געשיר אויסגעפעהלט, זיינען זיי געבליבען אַזוי ווי צושראָקענע, אָבער אונזער אידישער קוכער „דזשיפּ“ האָט אויך זיי פאַרזאָרגט. צו איינער האָט געוואָלט אָדער ניט, האָט ער

פון אונז צוגענומען אונזער געשיר פאַר די אויסגעבליבענע געפאַנ־גענע, און זיי האָבן גענומען עסן, האַסטיג מאַלענדיג מיט די ציינער, יאַגענדיג איין ביסן נאָכ'ן צווייטן.

איינער פון זיי איז נאָך אַלץ געבליבן אָנגעשפּאַרט מיט זיינע הענט אָן דער וואַנט פון שטאַל, אַזוי ווי אין אַן אָנשטרענגונג נישט אומצופאַלן. ערשט איצט האָט מען זיך אויף איהם אומגע־קוקט: אַ קליינינקער, פון אַ יאָהר פופציג, דאַר ווי אַ סקעלעט, מיט אַ רויטן בערדעל און וואָנצעס אויף זיין פאַרמעטענעם צו־קנייטשטן געזיכט, אין גרויסע שטיוועל און אַ ברייטן שינעל וואָס האָט איהם געקאָנט צוויי מאָל אַרומוויקלען, האָט ער אויסגעזעהן מעהר ווי אַ „קאַריקאַטור" איידער אַ שטאָלצער דייטשער סאָלדאַט

„ער איז אַ פּיקטשור פון דעם דייטשען שלים־מזל", האָבן זיך אונזערע סאָלדאַטן געוויצעלט איבער איהם.

באַמערקענדיג, אַז מען איז צו איהם אויפמערקזאַם, האָבן זיינע גרויע אויגען נאָך צעשראָקענער אַרומגעדרעהט זיך איבער אונזערע געזיכטער, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַלעמען און צו דערזעלבער צייט געשאָלטן און געהאַסט יעדען איינעם פון אונז.

„דזשיפּ" איז צו איהם צוגעקומען מיט זיין ברייטן שמייכעל און פריינדליך אויסגערופן: „העי, לאַנדסמאַן, ווילסטו עסן?" ער האָט איהם אָנגענומען ביים אָרעם, אָבער יענער האָט, ווי אַן אַרומגעפּליקטער האָהן אָנגעהויבן קנייטשען זיך אויף זיין פּלאַץ און מיט רחמנות'דיגען קרעכצען אָפּוועהרען זיך פון „דזשיפּ'ס" הענט.

„וואָס איז מיט דיר, דו נאַרישער דייטש?" האָט „דזשיפּ" געלאַכט פון איהם און געוואָלט איהם איבערגוואַלד אָפּשלעפּען. אָבער דער דייטש האָט אָנגעהויבן הויך יאָמערען און בעטען זיך, אַז מען זאָל איהם נישט ריהרען.

„דזשיפּ" האָט פאַנאַנדערגענומען זיין כאַלאַט און מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען וואָס מיט'ן דייטש טוט זיך. זיינע הויזען זיי־נען געווען דורכגעווייקט פון בלוט, וועלכע איז נאָך געווען פייכט און איז געקומען פון אַ טיעפער וואונד אויף אַן אומבאַקוועמען פּלאַץ, אַזוי, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט זעצען אָדער ריהרען פון אָרט... איינציגע חמ'עם האָבן זיך גראָב צולאַכט.

נאָכ'ן עסען איז פון דעם קאָנוואָי וואָס האָט געבראַכט די געפאַנגענע צוגעקומען אַ גראָבער פאַרשמוצטער סאָלדאַט, מיט אַ ברייטען שמייכעל אויף זיין פּנים, און האָט זיך אינ'ם טומעל פון געזעמעל אַרום דעם פאַרוואונדעטען געאײלט צו דערצעהלען וועגען דעם דייטשעל, אַזוי ווי ער וואָלט ערוואַרטען אַז מיר זאָלען איהם אָנרופען פאַר אַ העלד: „האַ, האַ, האַ! דאָס האָב איך איהם אַזוי געפיקסט. מיר האָבען זיי געפאַנגען אַהינטער סאָמערענס און אויפ'ן זייט „פליוויל“ זיינען די באָשעס גאָר לעבעדיג געוואָרען, האָבען גערעדט צו דעם „דזשו“ פון אונזער „קאָנוואָי“ אין זייער „לינגאַ“ און אַט דער פאַני דייטשעל האָט אַזש אונטערגעטאַנצט פאַר פרייד וואָס ער איז ביי אונז אַ לעבעדיגער, און האָט נאָר גערעדט צום „דזשו“ אַז ער איז גליקליך וואָס פאַר איהם האָט זיך די מלחמה געענדיגט און ער וועט צוריקקומען צו זיינע קינדער און פרוי. „גאָט פאַרדאַם עס!“ האָט דער חמ'סקער סאָלדאַט ווייטער פאָרטגעזעצט מיט אַ מערדערישען אויסדרוק אויף זיין ברייטען געזיכט. „איך האָב איהם ניט געקאָנט דולדען. ער, דער פאַרדאַמטער „באָש“, וועט געהן אַהיים, און איך וועל ערשט דאַרפען צוריקגעהן צום פראָנט. און ווען ער האָט זיך געוואָלט צו מיר טשעפען מיט זיינע פאַרדאַמטע ווערטער, האָב איך איהם אונטערגעטריבען מיט מיין באַיאָנעט. חאָ־חאָ־חאָ, אַ שאָד נאָר וואָס איך האָב איהם אינגאַנצען ניט דורכגעשטאָכען“, האָט ער זיך באַריהמט, ציינענדיג דעם באַיאָנעט אויף וועלכען עס איז נאָך געווען פאַרטריקענט בלוט. „אָבער איך האָב איהם דערלאַנגט אין אַ ריכטיגען פלאַץ“, האָט ער געקוועלט.

גראָדע האָט ער ניט געקראָגען קיין סימפּאַטיע פאַר זיין ברוטאַלער האַנדלונג. די מעהרסטע האָבען זיך פון איהם אָפּגעקעהרט... אָבער ניט איינמאָל האָב איך געהערט פון מיינע אידישע חברים, אַז פיעלע דייטשען וואָס האָבען זיך אונטערגעגעבען, און מען איז שוין געווען זיכער, אַז זיי זיינען אונשעדליך, זיינען דאָך אַם פלאַץ דערשטאָכען געוואָרען...

„נו, מיין פריינד, ווי געפעהלט עס דיר?“ האָט זיך „טאָם האָף“ געווענדעט צו מיר. „אַבּי אין דער ביבעל ווערט געזאָגט, אַז דער מענש איז געשאַפען אין דעם געשטאַלט פון גאָט“; זיין אומעטיגער איידעלער געזיכט האָט זיך פאַרקרימט פון צער.

מיין קריסטליכער חבר "טאָם האָף"

הויך, שלאַנק, מיט אַ שעהן פאָרמירטען געזיכט, און אויגען ליכטיגע, גרויע, ווי אַ דורכזיכטיגער וואַסער, האָט פון איהם אַרויסגעלויכט די מילדקייט און גוטסקייט אַליין.

ווי באַלד ער איז צו אונז אין קאָמפּאַני אַנגעקומען, האָבען מיר איהם ליעב געקראָגען. ער איז געווען אַ קאָנטראַסט צו די איבעריגע „סאוטערנער" וואָס זיינען געקומען פון די דערפלעך און שטעדט פון אַרום אַטלאַנטאַ. יענע האָבען זיך געהאַלטען צו אונז, „נאָרטהערנס", און איבערהויפּט נאָך צו אונז אידען, מיט אַ מערקבאַרער פרעמדקייט, פאַרביסענקייט, אָבער ער איז צו אַלעמען געווען אַ האַרציגער חבר, און מיר האָבען איהם גערופען „דהי מיניסטערס סאָן". ערשטענס, ווייל ער איז טאַקע געווען אַ גלח'ס זוהן, און אויך צוליעב דעם, וואָס ער פלעגט נאָר ריידען וועגען דער „ביבעל", און צושרייבען אַלץ צו גאָט.

„גאָט'ס האַנט איז אין דעם"...

„גאָט'ס טאָג וועט קומען..."

די איינציגע וואָס האָבען איהם ניט געגליכען זיינען געווען די אָפיצירען און עלטערע סאַרדזשענטס, און ס'איז ניט קיין וואונדער, ווייל „טאָם" האָט זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין די סאָל־דאַטסקע קליידער, איז ניט געווען דער מאַטעריאַל וואָס איז נויטיג פאַר'ן ביקס און באַיאָנעט...

אויך דאָרט אויף די שלאַכט־פעלדער, אונטער די שווערסטע און ביטערסטע אומשטענדען, האָט ער זיך ניט פאַרלאָרען. צום ערשטען און אַם שטאַרקסטען האָט זיך זיין ליכטיגע זייט אַרויסגעצייגט, ווען מיר האָבען געדאַרפט דורכגעהן די „הינדענבורג ליין".

פיער יאָהר האָט מען דאָ געקעמפּט. די גאַנצע געגענד פון דעם וואַלד איז געווען דורכגעשניטען פון טרענטשעס און דאָג־אוטס, וואָס האָבען זיך גרופּירט איינער נעבען צווייטען, איינער אונטער דעם צווייטען. וואו עס זיינען געווען די פראָנט טרענ־טשעס פון די קעמפענדע צדדים איז פאַר אַ שטרעקע פון אַ פּאָר קילאָמעטער געווען בלויז אויפגעאַקערטער געלער באָדען. וואו־

ניט־וואו א סימן פון א צושמעטערטען טרענטש, און איבער דעם אַלעמען צופּלאָנטערטע הויפענס שטעקער מיט באַרב־ווייער. ווי שטעכיגע שלאַנגען האָבען זיך די דראָטען צוזאַמענגעקנוילט געלאַפען און געפּלאָנטערט אַריבער די חורבות, וואו־ניט־וואו פאַרשאָטען און פאַרזונקען אינ'ם געלען זאַמד און שטיקער ערד.

אַט דעם פעלד האָבען מיר געדאַרפט אַריבערקרייצען. שווער איז געווען צו מאַכען יעדען טראָט, יעדע ווײַלע האָט מען געדאַרפט אָן אַנדער קאַנאָן־וואָגען אַרויסשלעפּען און אַריבערשטופּען ביז די מידע פערד וועלען ווייטער קאָנען ציהען: אָט האָט מען זיך אַרומגעשפּאַרט אַרום איין וואָגען. די פערד קלאַפּען מיט די פיס אויף איין פּלאַץ, קאָנען ניט ציהען. זייערע מוסקולען ווערען אָנגעצויגען באַלד צום פּלאַצען, אָבער ניט פון אָרט. און פון דעם גע־טומעל קללות און געשרייען הערט זיך אַזוי ווי א קרעכצען: „נו, קינדערלעך! געהט שוין! פּרובירט קינדערלעך!“

כ'האָב אַרויפגעקוקט: ס'איז טאָם האָף. דאָס זיינען זיינע פערד, און ער ווײַנט אַזש בעטענדיג זיך ביי זיי און נאָך מעהר ווי די פערד בעט ער זיך ביי אונז, אַז מיר זאָלען העלפען שלעפּען. די וואָס טומלען זיך, שלאָגען די פערד מיט א ווילדער רציחה, און יעדער קלאַפּ ציטערט אָפּ אויף טאָמ'ס געזיכט. עס קומט צו אַן אָפיציער, מישט זיך אַריין, וויל אומאָגדערשען דעם פּלאַן ווי אַזוי אַרויסציהען דעם וואָגען, און אַזוי ווי אַלע שטעהען און וואַרטען, און דער אָפיציר קלערט וואָס צו טאָן, רופט זיך אָפּ טאָם מיט א האַרציגען רחמנות'דיגען שמייכעל: „וועל, אָפיסער, די גאָט'ס באַשעפעניסען ווילען ניט קיין מלחמה“. ער האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַזאַ האַרציגקייט, אַז מיר זיינען אַלע אויף א מאָמענט געבליבען ווי פאַרגליווערטע און באַלד זיך צולאַכט צוזאַמען מיט איהם.

אַ, ווי גערעכט ער איז געווען, ווי פאַרטרעפליך זיין באַמערקונג, און ניט אַזוי פיעל אין באַצוג צו די פערד ווי צו אונז, אָבער מיט וואָס האָבען מיר איהם געקענט ענטפערען אויסער דעם זיך־לאָזען לאַכען, וואָס איז אַזוי ווי פאַרוואָרגען געוואָרען אין אונזערע העלזער....

דורך אַלע פּייניליכע טעג און נעכט וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען אין די ווייטערע בלוטיגע קאַמפּען אין „אַפּרימאָנט“ און „קאָרנעי“, האָט טאָם האָף געהאַט זיין שטענדיגע באַשעפטיגונג

צוצושטעלען שפּייז צו דער אָפּטיילונג פון מיין קאָמפּאַניע, וואָס איז געווען אין די „אָבזערוויישאָן“ פּונקטען, און ניט איינמאָל פלעג איך איהם באַגעגענען אויפ'ן זעלבען וועג אויף וועלכען איך בין געפאָהרען מיט אַ מעסעדזש.

איינגעבויגען אין זיין זיץ־פּאַץ, פלעגט ער אַנטרייבען די פערד אום וואָס שנעלער אריבערצוגעהן די ארומגעשאָסענע שטרע־קען. אַמאָל האָט ער געמוזט ארונטערגעהן פון זיין פּלאַץ, אונטער־טרייבען די פערד לויפענדיג ביי דער זייט, אום צו קאָנען פאַלען צו דער ערד, ווען עס זיינען געקומען נאָהענטע האַסטיגע אויפ־רייסען.

אַם געפעהרליכסטען איז געווען דער וועג וואָס צו סענט זשע־ווען, ווייל גלייך נאָכ'ן בריקעל וואָס נאָך פליוויל האָבען די דייט־שען געקאָנט זעהן גרויסע שטרעקען פון דעם וועג און האָבען איהם מערדערליך ארומגעשאָסען מיט זייער אַרטילעריע. אויף מיינע מעסעדזשעס פלעג איך די אָפענע שטרעקע פונ'ם וועג דורכפליהען מיט דער גרעסטער שנעלקייט וואָס דער פערד האָט געקאָנט ענט־וויקלען. ביינאַכט האָט מען מיך ניט געשטערט. אָבער איינ־מאָל ביי אַ טאָג־מעסעדזש, האָט מיך אַ מיליטערישער פּאָליס אָפּ־געשטעלט גלייך ביים בריקעל און האָט געפאָדערט אַז „ערלויבנים־שיין“ דורכצוגעהן דעם וועג, ווייל ער האָט אָרדערס קיינעם ניט לאָזען ביים טאָג־ליכט. ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך בין אַ מעסענדזשער און געצייגט איהם די פּאַפּירען, האָט ער מיך דורכ־געלאָזען, און אום נאָך מעהר צו פאַרזיכערען, אַז איך האָב איהם געזאָגט דעם אמת, האָב איך איהם פאַרשפּראָכען צו זיין צוריק אין דרייסיג מינוטען, און פון דאַן אָן פלעג איך זיך מעהר ניט אָפּשטעלען צו צייגען איהם דעם „פּעס“, נאָר פלעג פאַרבייפליה־ענדיג צושרייען צו איהם „דרייסיג מינוט“ און דער אויסגעשריי איז געבליבען אונזער אָנגענומענער סיגנאַל.

אַנדערש איז עס געווען מיט טאָם האָף. איהם האָט מען אין יענע איינציגע שווערע טעג דורכגעלאָזען נאָר ביינאַכט, אָבער איינ־מאָל האָט ער געוואָלט דורכגעהן ביים טאָג־ליכט, ווייל די מענשען, צו וועלכע ער האָט צוגעשטעלט די שפּייז זיינען געווען איינציגע טעג אָהן עסען, און ווי נאָר טאָם האָט געפונען פאַר זיי עטוואָס שפּייז, האָט ער געשפּאַנט די פערד און געלאָזען זיך אין וועג

אריין וואָס שנעלער צו ה ע ל פ ע ן די פאַרהונגערטע. ווען ער איז צוגעקומען צום בריקעל, האָט דער סאָלדאַט אויף דער וואַך ארויסגעשטעקט זיין קאָפּ פון אונטער דעם בריקעל און איהם אָפּגעשטעלט. טאָמ׳ס בעטען זיך און ארגומענטירען האָבען ניט געהאָלפען. טאָם האָט זיך צוריקגעקעהרט, אָבער ניט אויף לאַנג. ער האָט געזוכט אַ וועג ווי דאָך צוצוברענגען די שפּייז צו די פאַרהונגערטע חברים. און גלייך האָט איהם דער צופאַל ארויסגעהאָלפען. ביים זייט וועג איז געלעגען אַ גע׳הרג׳עטער „ווייער מען“. טאָם האָט גענומען דעם טויטענ׳ס בינטעל דראָטען און גלייך זיך געלאָזט צום בריקעל, און ווען דער סאָלדאַט אויף דער וואַך האָט איהם ווידער אָפּגעשטעלט, האָט ער איהם געצייגט די דראָטען און געזאָגט, אַז ער האָט ספּעציעלע אָרדערס צוצושטעלען זיי צום צווייטען באַטאַליאָן פון אונזער קאָמפּאַניע, וואו דער טעלעפאָן איז צוריסען.

מעגליך, אַז דער סאָלדאַט וואָס אויף דער וואַך, האָט פאַרשטאַנען זיין „טריק“, ווייל דער גע׳הרג׳עטער טעלעפאָן סאָלדאַט איז געלעגען ביים זייט וועג פאַר איינ׳גע טעג און ער האָט איהם זיכער געמוזט באַמערקען, אָבער ער האָט איהם דאָס מאָל דורכגעלאָזען, און טאָם האָט שנעל געטריבען די פערד ברענגען הילף צו אונזערע חברים. — און דאָס איז דער שפּיעל וואָס האָט זיך ענטוויקעלט צווישען „טאָם האָף“ און דעם „מלאך המות“. — דער שטענדיגער ארומשיסען אויף דיזען געפעהרליכען טייל וועג איז געוואָרען האַסטיגער און מעהר מערהדערליך. טאָם שפּרינגט אַרונטער פון וואָגען, לויפט ביי דער זייט, וואַרפט זיך צו דער ערד ווען די האַסטיגערע יאָמערען פון די נאָהענטע קוילען לאָזען זיך אַראָפּ מיט אַ צאַרנדיגען סיפען און ווערען צושאָטען מיט אַ מורא׳דיגען קראַך. מיט אַ פון שרעק און אַנשטרענגונג איבערגעהאַקטער שטימע שרייט ער צו זיינע פערד: „נו, ברידערלעך! נו, קינדערלעך! שנעלער, שנעלער, דאָס איז קיין פּלאַץ פאַר אונז! נו, קינדערלעך! נו, ברידערלעך!“ און ווייטער אַ וואַרף צו דער ערד ביז אַ נייער אויפרייס צושיט זיך. און ער האָט דאָך צוגעשטעלט די שפּייז צו די „אָרימע גאָט׳ס באַשעפענישען“, אַזוי ווי ער פלעגט אונז אַלעמען באַצייכענען.

די שטומע קרבנות

אין דער נאכט פון 11טען אויפ'ן 12טען אקטאבער האט זיך מיין באטאליאן אפטיילונג ארויפגעצויגען צו פליוויל, וועלכע איז ערשט אפגענומען געווארען.

אונזערע זאפאסען זיינען אלץ ווייניגער געווארען. פאר איי־ניגע טעג האבען מיר געגעסען קרויט־קעפלעך פון דעם גרויסען גארטען וואס די דייטשען האבען געפלאנצט ארום טשאטיל, אבער מען האט עס באלד פארבאטען, ווייל די גאנצע קאמפאני איז קראנק געווארען אויף „דאיאריא". מען האט געדענקט אז ס'איז צוליעב דעם, וואס די קרויט־קעפלעך זיינען געווען דורכגעזאפט פון גיפטיגע גאזען. דערווייל איז פאר פיעלע סאלדאטען מקוים געווארען זייער פארלאנג קראנק צו ווערען. מען האט מאסענווייז צוריקגעשיקט אין האספיטאל, ווייל זיי האבען ניט געקאנט שטעהן אויף די פיס.

איין פריהמארגען בין איך שיער פון פערד אראפגעפאלען פאר שלאפקייט. צוריקקומענדיג פון מעסעדזש האב איך באגעגענט קארפאראל „אויגוסט" פון בריגייד העדקווארטערס. מיט א ביטע־רער מינע האט ער צו מיר געזאגט, אז איך וועל מעגליך באלד ווידער דארפען ארויספאהרען, ווייל עס הויבט זיך אן א גרויסע באוועגונג.

א, פלוך!

ארויסגעהענדיג פון קעפטען ריינהארד, צו וועמען איך האב זיך געמאלדען, האב איך באגעגענט דר. קעפטען ליטלער. ער האט מיך א ווײלע באטראכט און געזאגט: „כהן, איך דענק דיך אוועקצושיקען אויסרוהען זיך פאר א פאר טעג.

אופי'ן ערשטען מאמענט בין איך צוטומעלט געווארען. אבער באלד האט אזוי ווי א זעץ געטאן אין קאפ: „איד, איד", און סא־ליוטירענדיג, האב איך איהם געזאגט: „ניין, קעפטען, איך וויל טאן מיין פליכט ביז צו לעצט". ער האט מיך אזוי מאדנע אנ־געקוקט, ווי ער וואלט צו זיך א טראכט געטאן: „ער איז אראפ פון זינען".

ווען איך בין אראפ פון בארג צו באזארגען מיין פערד, האב איך דערזעהן אז דער צווייטער פערד וואס איז געשטאנען נעבען מיינעם איז געווען מיט אן אונטערגעשאסענער פוס פון א דערביי עקספלאדירטער באמבע. ער שטעהט אויף די דריי פיס, פרובירט זיך שטעלען אויף דער פערטער, אבער ער הויבט זי גלייך אויף מיט א משונה'דיגען קרעכצען.

„דערשיס איהם!" האט סארדזשענט ב—ק זיך געווענדעט צו מיר.

„נא און שיס!" — האב איך איהם דערלאנגט מיין רעוואל־ווער.

ער האט גענומען מיין רעוואלווער: „קראך!" — און אוים מיט זיין מאטערען זיך.

מיין פערד האט געקראגען א לייכטען שניט אין האלז פון דער־זעלבער שעל. זיינע אויגען זיינען אומרוהיג ארומגעלאפען און יעדע ווייל האט ער זיך ווילד געריסען.

„איך וועל פון דיר פטור ווערען. פאר מיר איז גענוג צו פאר־זארגען זיך אליין", האט סארדזשענט ב—ק געבורטשעט. האט עפעס מארנע מיט רציחה געפארעט זיך ארום זיין אייגענעם פערד.

איך האב גלייך פארשטאנען וואס ער טוט. עפעס האט ער איהם אנגעקראצט אין פוס מיט א שארפען שטיק אייזען. ווען דער פערד האט זיך געווארפען, האט ער איהם נאך שטארקער געשטא־כען. איך בין דערציטערט געווארען פון זיין אנבליק. דער פנים רויט און אויגען פון א מערדער... ביי יעדען שטאך האט ער אויסגעשריען: „אה, בעסטיע! א סוף, א סוף!..."

סארדזשענט דזש—ן האט געטאן דאסזעלבע, נאר אנשטאט שטעכען האט ער אונטער'ן זאטעל אונטערגעלעגט דעם שאב־קעמעל, מיט וועלכען מיר רייניגען אונזערע פערד, איז ער אזוי געריטען אויף איהם ביי א האלבער שטונדע. פארטיג. דאס פערד טויג שוין ניט...

„שנעל, שנעל, נעהם עס צו מיידזשאר מיהארד", איז מידעל־ברוקס צו מיר צוגעלאפען מיט א מעסעדזש. „אבער שנעל, אבער שנעל!" — האט ער שטרענג מיך געאיילט.

„שנעל, שנעל!" האב איך איהם בייז איבערגעקרימט, האב ווידער פארשטייפט דעם זאטעל און ארויפגעזעצט זיך.

די פיס זיינען שוואך, פארלירען די רימענס און דער פערד טראגט ווי א משוגע'נער. ביי יעדען שפרונג הויבט עס מיך אויף פון זאטעל, ווי אראפצופאלען אויף דער ערד. דורך פליוויל ציהען זיך צוויי שורות סאלדאטען. איינע צוריק, א צווייטע אהין, אין שלאכט. איך פרואוו איינהאלטען דעם צעווילדעטען פערד, אבער זיין האלז איז ווי פון אייזען, האט אויסגעצויגען דעם קאפ און רייסט זיך. די סאלדאטען פאראויס לויפען צושראקענע, שרייען אז איך זאל זיין פארזיכטיג — א מאמענט — דער פערד האט זיך א ריס געטאן אין א זייטיגער גאס פון דערפעל. איך בין אראפגע־שליידערט געווארען הארט נעבען וואנט פון דער ערשטער הויז.

„האסט געמאכט א שפאלט אין וואנט!" האבען זיך בייז געוויצעלט די סאלדאטען, וואס זיינען ערשט צושראקענע פאנאנ־דערגעלאפען זיך. אבער איניגע פון זיי זיינען צו מיר צוגעלא־פען און געהאלפען כאפען דאס פערד און צוגעהאלטען איהם ביז איך האב זיך ארויפגעזעצט.

אוועקפליהענדיג ווייטער האט אין מיין צומישטען קאפ גע־זעצט ווי מיט האמערס דר. ליטלער'ס שטימע: „איך דענק דיך אוועקצושיקען אויסרוהען זיך".

„א, פלוך! איך בין פון זינען". אבער דא האב איך זיך דער־מאנט וועגען „עדעמס" — א וועסטערנער סאלדאט פון מיין קאמ־פאני. א פארוואונדעטער האט ער געזאגט צו אונז: „באיס, איך וויל ניט אוועקגעהן פון אייך, איך קאן ניט איבערלאזען אייך אין דעם גיהנום.

מיר האבען איהם אפגעפיהרט אין האספיטאל ערשט דאן, ווען ער האט אנגעהויבען פארלירען דעם באוואוסטזיין.

פאראויס פון מיר האב איך ווידער דערזעהן א רייהע סאל־דאטען, פארביילויפענדיג זייער רייהע האב איך דערזעהן עפעס א באקאנטע געשטאלט. ס'איז טאמאשעווסקי, פון דעם 325טען אבער איך האב געמוזט ווייטער געהן. זיי האבען געדארפט אטא־קירען ביי א קילאמעטער ווייטער.)

דער משוגע׳נער קעפּטען

אין פיער טעג אַרום האָב איך באַגעגענט טאָמאַשעווסקי׳ן צווי־שען די פּאַרוואַונדעטע, די אויגען איינגעזונקען, דער פּנים גרין, די קליידער צופליקט, שמוציג.

ער איז געטראָפען געוואָרען אַטאַקירענדיג „דהי סאַנקען ראָוד“.

זיי האָבען אַטאַקירט דעם באַרג נאָך „פליוויל“. זייער קוירנעל, וויטמאַן, האָט זיי פאַראויסגעפיהרט. צוגעבראַכט ביז ענדע שאָ־סעע וואָס נעבען רעווין (טיפען טאָל). זיינע מענשען זיינען שוין פאַר אַ האַלבער וואָך גענוג געוועזען אָהן עסען.

דער דריטער באַטאַליאָן איז געוועזען דער ערשטער צו אַטאַ־קירען. באַלד האָט דער קאָירנעל ארויסגעשיקט קאָמפּאַני „א“ און „ב“ צו פאַרשטאַרקען זיי. קאָמפּאַני „סי“ איז געבליבען היטען דעם לינקען פלאַנק. אָבער שפּעטער איז געקומען אַ ליוטענאַנט און אָנגעזאָגט, אַז קאָמפּאַני „עם“ איז פאַרניכטעט געוואָרען און די איבעריגע פאַלען אויף צוריק.

דאַן האָט זיך דער קאָירנעל אוועקגעשטעלט אין אַ הערצישער פּאָזע, האָט זיך אפילו קיין קרים ניט געטאָן ווען די שעלס האָבען עקספּלאָדירט אַרום איהם.

„סאָלדאַטען!“ האָט ער אויסגעשריען. „קאָמפּאַני „סי“ וועט אַטאַקירען. געדענקט! די 325 וועט ניט צוריקגעהן! דער באַרג מוז גענומען ווערען אום יעדען פּרייז. איך וויל עהרענהאַפטע אַמעריקאַנער קברים דאָ אין פראַנקרייך. קאָמפּאַני „סי“, אַד־ווענס!“

די קאָמפּאַני איז אוועקגעקראָכען פאָראויס. ווי איבעררואשט זיינען אַלע געוואָרען ווען זיי האָבען דערזעהן, אַז אָנשטאָט קריכען איז דער קעפּטען, וואָס האָט זיי אָנגעפיהרט, געגאַנגען פאָר־אויס אַ גראַדער, אין זיין פולער הויך.

אַ מורא האָט אָנגעכאַפּט ביים אָנקוקען איהם. ערשט אַרויס פון קאַמף, וואו זיין קאָמפּאַני איז צושניטען געוואָרען אויפ׳ן זעל־בען באַרג — אַ גרויסער, אַ בלאָנדער, פון אַ יאָהר 45, איין לעגין

ארונטער, די אוניפארם צוריסען, אהן א העלמעט, די האר צושוי־בערט, די אויגען שטאר ארויסגעשטעקט פאראויס, אזוי ווי צום ארויסשפרינגען, מיט זיין „ליולקע“ אין מויל איז ער געגאנגען גראד, ווען אלע זיינען געבליבען אויף די בייכער, און נאך יעדען ציה פון זיין ליולקע האט ער פון צווישען די צייהן ארויסגעברומט אזוי ווי א קרעכץ:

„הו — מיר וועלען זיך ניט צוריקציהען!“ נאך א ציה פון דער לעדיגער ליולקע: הו — מיר וועלען ניט צוריקגעהן!“

די שיסעריי איז געווארען געדיכטער. איינער נאך א צווייטען בלייבען ליגען קרעכצענדיג. דער קעפטען ווערט צושויבערטער, ציהט האסטיגער די ליידיגע ליולקע. מיט אמאל האט ער זיך אומגעדרעהט, די אויגען שפרינגען איהם באלד ארויס, און ער האט, פארלירענדיג די פיפקע, אויסגעשריען פאכענדיג ווילד מיט די הענט:

„קאמפאני, סטאפ, פאלט צו דער ערד!“

און אליין איז ער אנידערגעפאלען אזוי מאדנע פלאך, מיט'ן געזיכט צו די סאלדאטען. די אטאקירענדע שורה איז ווי פארשטארבען. נאך א צוואנציג מינוט ווארטען האט ליוטענאנט לענגעל, פון דער רעכטער זייט, צוגעשריען צו טאמאשעווסקי'ן, אז ער זאל פרעגען דעם קעפטען צו וואס מיר ליגען דא. טאמאשעווסקי איז צוגעקראכען און דערזעהן, אז די ליולקע איז ווידער געווען טיעף אין זיין מויל, פון וועלכען בלוט האט ארויסגעשפארט.

„ער איז טויט!“

דער ליוטענאנט האט גלייך גענומען די קאמאנדע און מען איז ווייטער אוועקגעקראכען. צוגעקומען צום הויף, האבען מיר דערזעהן, אז דער בארג ווערט שארף איבערגעשניטען. טיעף אונטען איז געווען „די סאנקען ראוד“ (אן איינגעזונקענער וועג). בלייבען אויף אן ארט איז געווען געפעהרליך; שפרינגען איז געווען שווער און מיט א געפאהר צושמעטערט צו ווערען פון שפרונג אדער פון א דייטשער קויל פון דער צווייטער זייט.

„שפרינגט!“ — האט דער אפיציער אויסגעשריען, און איז דער ערשטער ארונטער ווי א שטיין. נאך איהם דער סארדזשענט, קארפאראל, שילטיים און טאמאשעווסקי. נאך טאמאשעווסקי'ן איז ווי א קנויל ארונטערגעפאלען זיין בעסטער חבר „ביל מאר“,

מיט א דורכגעשאסנעם קאפ. טאמאשעווסקי איז צו איהם צוגעלאפען און האט קוים געקאנט הערען ווי ער בעט זיך: „נעהם דאס, הערי, שיק עס אהיים“. טאמאשעווסקי האט איהם פארשטאנען.

ביז שפעט אין דער נאכט איז דא די קאמפאני געלעגען. ארום צוועלף דעם זייגער האט מען דערשפירט, אז די דייטשען קריכען אטאקירען און דער אפיציער איז ארומגעלאפען און געשריען: „גיוו דהעם איי שאוור און לעד“ (גיט זיי א בלייענע באד). „נעהמט ראכע פאר אייערע ברידער וואס ליגען אין זייער בלוט!“

אונזערע האבען געשאסען פאר א האלבער שטונדע. דורך דער גאנצער צייט האט מען אין פאראויס געהערט אויסגעשרייען: „אך, מיין גאט!“ „הילפע!“ „א, רעטע אונז!“ פיעלע פון זיי האבען זיך אין דער פינסטער ארופגעגליטשט צו אונז און געבעטען זיך, אז מען זאל זיי שענקען דעם לעבען.

מיט׳ן באגינען איז „קאפלאן“ געווען דער איינציגער צו וואלונטירען געהן פרעגען פאר ווייטערדיגע ארדערס. ער איז געווען טאמאשעווסקי׳ס קארפאראל און פאר׳ן אוועקגעהן האט ער צו איהם געזאגט: „מיינסט, איך וויל צייגען העלדישקייטען? עס הויבט זיך ניט אן! איך וואלונטיר, ווייל איך האף דארט צו קריגען עטוואס אפצועסען!“

א מערקווירדיגער סאלדאט געווען קאפלאן. אונטער אלע אומשטענדען געווען מונטער, ריין, בראוו און קיינמאל ניט פארלארען זיין גוטמוטיגקייט. איבער אלץ האט ער געפונען א וויץ. איינמאל, רייניגענדיג אן אויטאמאטישען דייטשען ביקס, וועלכער האט אומגערן אויסגעשאסען פארביי טאמאשעווסקי׳ן האט ער לאכענדיג באמערקט: דארפסט דאך במילא שטארבען, טא זאל עס שוין זיין פון׳ א אידישער האנט!“ ביי א צווייטער געלעגענהייט האט ער געזאגט צו טאמאשעווסקי׳ן: זיי דענקען, אז די אידען פארקויפען זייער נשמה פאר געלד. אויב אזוי, לאם מיך טאקע אפלעקען א ביינדעל. אט װעלען מיר צוזאמענגעהמען אלע ביקסען און עס פארקויפען אין דזשאנק“.

שווער איז געווען קאפלאנ׳ס וועג. אבער ער איז בשלום דורכגעגאנגען און געבראכט דעם ארדער צוריקצוטרעטען ביז מען וועט ווידער אטאקירען מיט גרעסערע קרעפטען.

אויפ'ן ריקצוג האט א שעל געטראפען אויף דעם פלאץ וואו טאמאשעווסקי'ס „סקוואד" איז געלעגען. אנפאנגס איז ער פאר־טויבט געווארען, גארנישט געפיהלט, ביז ער האט דערהערט קאפ־לאנ„ס שטימע: „אפיסער, מיי סקוואד איז שאט טו פיסעס", „ביל־ראט" איז צוריסען, „עדי מאר" צושניטען, טאמאשעווסקי „פארוואונ־דעט. נאך איינער פון די לייכטער פארוואונדעטע איז געווען ווייז־נער, א דייטש־אמעריקאנער, און ווען טאמאשעווסקי האט זיך ביי איהם געבעטען: „לאז מיך צו מיין שיקזאל", האט ער געענט־פערט: „ניין, טאם, מיר זיינען ברידער, איך וועל דיך ניט איבערלאזען אפלויפען מיט בלוט. איהר אידען זייט די מענש־ליכסטע פון אלע. דא פיהל איך עס..."

איך האב זיך אבזיכטליך אפגעקעהרט אין דער ריכטונג וואו דער „קעפטען" איז געבליבען ליגען. ער איז נאך אלץ געווען אין דערזעלבער פאזע ווי טאמאשעווסקי האט איבערגעגעבען. דורך דער צייט איז א שווערער קאנאן דורכגעפיהרט געווארען און האט אין דער פינסטער איהם איינגעפרעסט אין דעם ווייכען באדען. זיין ליולקע איז מעהר ניט געווען. אימיצער האט זי פאר זיך צוגענומען.

איינקוקענדיג זיך אין זיין פנים האב איך זיך דערמאנט, אז איך האב איהם געזעהן ביים זייט וועג, ארום דעם פליוויל בריקעל, וואו מיר האבען זיך ביידע באהאלטען אין א טיעפער גרוב, ביז די שוסעריי וועט פאראיבערגעהן.

בינג, בינג, באנג! — האט ער איבערגעקרימט די שעלס און מאדנע צוגעוואונקען מיט'ן אייגעל. ער האט דאן ארויסגענומען א שטיקעל פארשימעלטע שאקאלאד, עס געגעסען צוזאמען מיט'ן בלייענעם פאפיר און אויך מיר געגעבען, זאגענדיג: „נא, מיין זוהן, איידער דער טייוועל וועט אונז צונעהמען."

דער געזאַנג פון טויט

באַלד דריי וואָכן אַז מיר זיינען געווען אין דעם קאַמף וואָס אין אָרגאַן וואַלד און אויך ווייט אַריבער'ן וואַלד — דריי וואָכן? — ניין, אַ אייביגקייט איז פאַרגאַנגען. די מינוטען און שטונדען זיינען געקראָכן מיט אַ שרעקליכער לאַנגזאַמקייט.

ווען עס האָט געדריקט דער גרויער טאָג האָט מען מיט אַ שטומען געבעט אין די אויגען געקוקט צו מערב זייט, אַז די נאַכט זאָל שוין אָנקומען, און אין די מוראָ׳דיגע אַנגסטען פון דער נאַכט האָט זיך געדוכט אַז מיט׳ן טאָג ליכט וועט לייכטער ווערען, אַז דער טאָג ליכט וועט אַרויסנעהמען פון די נאַסע גריבער, וועט מעגליך ענטפּלעקען אַ בעסערען באַהעלטעניש, עפּעס אַ שטיין, אַ טיפערע גרוב, אָדער אפשר וועט אָנקומען אַן אָרדער צוריק־צוציהען זיך אין אַ דערפעל.

אָבער אומזיסט דער האָפען. אַלע אָרדערס, אַלע באַוועגונ־גען זיינען געציעלט נאָר פאָראויס און פאָראויס, און דאָס מיינט טיעפער אין ליידען איינגעזונקען ווערען; דאָס מיינט אַ זיכע־רער מאַרשירען צום טויט, און ביי׳ם געדאַנק, צי עס וועט אַמאָל קומען צו דעם אַ סוף, ווערט נאָך פינסטערער פאַר די אויגען, ווערט נאָך שווערער אויפ׳ן מיעדען הארצען — אַ סוף? איז דען דאָ אַזעלכעס ווי אַ סוף צו דעם אַלעמען? ניין, עס דאַכט זיך, אַז אַזוי איז פון אייביג אָן און אַזוי וועט עס זיין, אַזוי דאַרף עס זיין ביז דעם ווייטען ענדלאָזען ברעג פון צייט...

די דייטשען פאַלען נאָך אַלץ אויף צוריק, אָבער שטעלען אָפּ זייערע בעסטע און שטאַרקסטע אָפּטיילונגען אויף די וויכטיגסטע פּונקטען אום צו אָפּהאַלטען אונזער מאַרש ביז זיי וועלען זיך ווידער רעאָרגאַניזירען. אויף אונז מאַכט שוין מעהר קיין איינ־דרוק זייער צוריקציהען זיך, ווייל מיר ווייסען אַז אַזוי האָט עס שוין איינינע מאָל פּאַסירט. און אַז ווען זיי שטעלען זיך ערגעץ

אפּ אין זייער קאַמף נאָך אַ פאַרצווייפעלטערער, איז נאָך ביטערער.

אין דער צייט ווען זיי ציהען זיך צוריק ווערען זיי נאָכגעיאָגט פון אונזערע מחנות אַזוי ווי פון ווילדע וועלף, מיט אויסגעסטשירעטע צייהן, מיט אַ האַס, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען ביז זיין העכסטען שטאַפּעל. און איבער אַלעמען, פון יעדענ׳ס געזיכט פון די אַטאַקירענדע האָט אַזוי ווי אַרויסגעשטראַמט אַ גאַליגע קללה: „איהר גאַט פאַרדאַמטע באַשעס, ניט איינמאָל האָט איהר אָפּגענאַרט מיט אייער צוריקציהען זיך. אָבער מיר וועלען אייך ניט לאָזען איינפעסטיגען זיך אין נייע פינסטערע אונבאַוואוסטע באַהעלטניסען. מיר וועלען אייך פאַרניכטען, פאַרניכטען, פאַרניכטען... און ווי נאָר מען האָט זיי אָנגעיאָגט, און ווי נאָר מען האָט זיי באַזיעגט נאָך אַ ביטערען קאַמף, וועלכער האָט איצט אויסגעזעהן מעהר ווי אַ געיעג אויף חיות איידער אַרמעע געגען אַרמעע, פלעגט מען פאַרניכטען איינער דעם צווייטען אפילו דאַן, ווען דער שונא האָט שוין אויפגעגעבען דעם קאַמף און האָט מיט אַ יאָמער געבעטען רחמנות, געבעטען שענקען דאָס לעבען, מיט אַ האַלבקוויטש האַלב־קרעכץ אויסגעשריען צו דעם אָנפאַלער: ברודער! ברודער; און ווען דער באַיאָנעט, געריכטעט פון די מיט בלוטאָנגעלאָפענע אויגען, האָט שוין דורכגעשטאָכען איינעם, איז אויף האַלב איבערגעשניטענע געוואָרען זיין אויסגעשריי: „ברודער, ברודער!“

דער ריח פון בלוט און די איינגענע אַנגסטען און ליידען האָבען געפאָדערט נאָך בלוט, און אין דעם יאָגען זיך נאָך בלוט האָט מען אַז זיך אַליין באַלד פאַרגעסען.

נאַסע, קאַלטע גריבער? — נו, איז וואָס? טויטע קערפּער, נאָ־ ווען־געפאַהרען — נו, איז וואָס? — אַליין געהרג׳עט ווערען? — זאָל זיין געהרג׳עט ווערען. אויף וואָס דען דאַרף מען די הענט און פיס, די אויגען און דעם ביקס און די קוילען, אויב ניט צו קריכען נאָך דעם באַהאַלטענעם שונא און דערשיסען, דערשטעכען איהם איידער ער דערשטעכט מיך?...

אויף איין איינגענומענער פּאָזיציע, וואו עס האָבען זיך געוואַלגערט די ערשט אָפּגעקיהלטע קערפּערס פון די דייטשען און אַמעריקאַנער, איז איין סאָלדאַט צוגעקומען צו אַ קערפּער פון אַ

יונגען דייטש. ער האָט עפּעס דערזעהן אויף זיין האַנט. סאיז אַ זייגערל. דער זייגערל קלאַפּט נאָך זיין מעכאַנישען טיק־טאַק אויף דער פאַרגליווערטער האַנט. דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט האָט געלאָסען אָפּגעבונדען דעם זייגער פון דער באַוועגלאָזער האַנט און זיך עס אַריינגעלעגט אין קעשענע, און נאָכדעם מיט אַ פאַר־קרימטער מינע פאַנאַנדערגעוויגט זיין פּוס און מיט׳ן גאַנצען כח אַ בריקע געטאָן אין דעם טויטענס פּנים אַריין. אַ דערבייאיגער אָפיציער האָט עס באַמערקט, איז צו איהם צוגעגאַנגען און ביטער אָנגעהויבען אויסריידען: „דו בעסטיע, ניט גענוג וואָס דו האָסט צוגענומען זיין זייגער בריקעסטו איהם נאָך אין פּנים אַריין. ער איז דאָך טויט, האָסט ניט קיין רעספּעקט פאַר׳ן טויטען?“

„טרעט אָפּ פון דאַנען!“ האָט דער ווילדער סאָלדאַט אויסגע־סטשירעט אויף איהם די ציינער און האָט זיך פאַרמאַסטען מיט׳ן באַיאָנעט. דער אָפיציר איז אָפּגעטראָטען.

שפּעטער, אַז זיי וועלען ביידע גאַנץ בלייבען, וועט ער זיך מיט איהם אָפּרעכענען, אָבער דערוויילּ — ווער גלויבט עס, ווער רעכענט עס פון גאַנץ בלייבען? דער אָפיציער האָט געמוזט אָפּ־טרעטען, ווייל נאָך סאָלדאַטען מיט בייזע אויגען און פאַרקרימטע געלעכטער־גרימאַסען האָבען געקוקט פון אַרום און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין... און ער האָט אויך גוט געוואוסט, אַז דעם סאָלדאַט באַמערקען זיי ניט, אָבער איהם האָסען זיי אַלע — אַ, ווען ער איז מיט איינעם אויג אויף אויג...

אויף אַן אַנדער איינגענומענער פּאָזיציע זיינען געבליבען בלויז אַ דריטעל פון אונזערע אַטאַקירענדע סאָלדאַטען. זי איז געווען אַ וויכטיגע און אַ ווייט־אָפּגעזונדערטע פון די אַנדערע דייטשע פּאָזיציעס. די דייטשען וואָס האָבען זי געהאַלטען זיינען אַזוי גרינדליך פאַרניכטעט געוואָרען, אַז עס האָט גענומען אַ לענ־גערע צייט ביז די איבעריגע האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם. דערוויילּ איז פאַר אונזערע, וואָס האָבען פאַרנומען די פּאָזיציעס געווען לייכטער. מען האָט דעם פּלאַץ ניט אַרומגעשאָסען און איינ־ציגע סאָלדאַטען האָבען זיך געלאָזען אַרומטאַפּען, אַרומזוכען די קערפּערס פון די טויטע דייטשען. מען רופט עס אָן: „האַנטינג סאַוועניר׳ס“.

די מלחמה־רעגלען ערלויבען עס ניט. אַזאַ איינעם מאָג מען

ארונטערשיסעז. אבער וועמען ארט עס? — סיידען אויס נקמה צו דער זוכער, באנוצט מען זיך מיט דעם אויסרייו.

צווישען די כאוועניר זוכער אויף דער פאזיציע איז אויך גע־ווען א אידישער סאלדאט, מייגער א חבר, סימפאטיש און אנגע־נעם, און מיר דאכט, אז ער איז א גאר־געפיהלפאלער מענש.

ער האט באטראכט איינינע קערפערם. אויף די מעהרסטע פון זיי זייגען נאך געווען סימנים פון דעם ערשט פארלאשענעם לעבען און באוועגונג. זיי זיינען ערשט געפאלען אין קאמף. דאס בלוט פון זייערע וואונדען נאך רויט, פריש, כמעט דורכזיכטיג. צו זיי איז ער ניט צוגעגאנגען... אבער דערביי זיינען געווען איינינע קערפערם פון לענגסט גע׳הרג׳עטע מיט אויפגעשוואלענע פנים׳ער און גלידער וואס זיינען טונקעל־בלוי געווארען, פון צופאלונג און די שטענדיגע רעגענס. איין קערפער איז געלעגען מיט׳ן פנים ארונטער, די פיס צעווארפען, איין האנט אונטער׳ן ברוסט און די צווייטע ווייט אויסגעשטרעקט אריבער׳ן קאפ. אויפ׳ן מיטעלסטען פינגער האט ער געהאט א רינגעל. ס׳איז געווען איינער פון די זילבערנע רינגלעך מיט א קרייץ און די ווערטער: „גאט מיט אונז“ אויף דעם אויסגעקריצט. מען האט זיך אזוי נאכגעיאגט נאך די ריגלאך און איהם האט זיך אויך פארוואלט איינער.

ער האט זיך אנגעבויגען, אנגענומען די קאלטע, צושוואלענע האנט און געוואלט דעם רינגעל ארונטערנעמען, אבער עס לאזט זיך ניט. צו הויך איז די פעל ארום דעם ארומגעשוואלען, און אהן א ברעקעל איבערטראכטען האט ער ארויסגענומען זיין מע־סערעל, אפגעשניטען דעם פינגער ביים צווייטען קנעבעל און ארונ־טערגענומען דאס רינגעל. די הענט האבען זיך אביסעל פארשמירט אין די בלוטלאזע אדערען און פלייש פונ׳ם טויטענס פינגער, האט ער זיי אפגעווישט אין א ברעג פון זיין „קאוט“ און איז געגאנגען ווייטער באטראכטען אנדערע קערפערם...

„ניין, איך בין צו זיי אין די קעשענעס ניט געקראכען“, האט ער מיר פארזיכערט. און איך האב איהם געגלויבט, וויל ער איז אן ארענטליכער, גוטער געפיהלפאלער מענש...

— — — — — — — — — — — — — — — —

שווער, לאנגזאם און דריקענד האט זיך די צייט געצויגען און אויפ׳ן הארצען איז געווען אזוי גרוי און שניידענד אומעטיג. די

בלייענע וואלקען אויבען און די ברודיגע ערד און מענשען אונטען האבען זיך צוזאמענגעגאסען אין איין איינהייטליכען עקעלהאפטען בונד. דורכאויס גרוי, שמוציג און בייז. און איבער דעם אלעמען האט זיך געטראגען דער טויטען־געזאנג פון די אין־דער־לופטען־פליהענדע קוילען.

איין נאכט, צוריקפאהרענדיג פון א מעסעדזש, האב איך זיך אפגעשטעלט אום זיך גוט איינצוהערען צום געזאנג פון טויט. ס'איז געווען אין דעם שמאלען טאל וואס געבען „סאמערענס". כ'האב געצוואונגען דעם פערד אריבערצושפרינגען דעם בלאטיגען שטרעמעלע, ארום וועלכען עס האבען זיך גרופירט אייניגע יונגע בוימעלאך און קוסטעס. די גאנצע לאנקע ארום איז געווען דורכגעריסען פון באמבעס. אין דער לופטען איז געשטאנען א שווערער גערוך פון אלטען אויסגעוועבטען טויטליכען געז און פון צופאלענע פערד.

ווי אויף שפאס פלעגען זיך וואר־ניט־וואו פונאנדערנעמען די שווערע וואלקען, און אויף א ווײלע ארויסצייגען א שטיק בלויען הימעל מיט אייניגע שטערענדלעך וואס האבען שנעל, שנעל געפינקעלט, אזוי ווי זיי וואלטען זיך איילען אנזאגען: „מיר לעבען נאך, מיר לויכטען נאך, מיר זיינען נאך דא!" — אבער באלד געהמען זיך צוריק צוזאמען די וואלקען, די אילוזיע פארשווינדט און עס בלייבט נאך הענגען און ציטערען דער טויטען־געזאנג. דא וואו איך בין געשטאנען האבען זיך אויפ'ן מיטען וועג באגעגענט הויך אין דער לופטען אונזערע און דייטשע קוילען.

הויך, הויך אין די וואלקען זיינען זיי געפלויגען און געשפּורנען זייערע ליעדער, ז־ז־זום, ז־ז־זום, זום, הוזשען די שווערע קוילען און פארשווינדען אזוי קוים הערבאר, ווי זיי ווערען דערהערט. א־י־י־י, אי־י־י, איילען זיך מיט קוויטשערייען הויפענס לייכטערע קוילען אהן אויפהער. מען האט פינקטליך אנגעשטעלט און אויסגערעכענט וואוהין וועלכע זאלען קומען, און זיי פאלען דארט. ווערען צורייסען און צורייסען אלץ וואס זיי באגעגענען אין וועג. דא אבער זינגען זיי אין דער לופטען אזוי ווי עס וואלט געווען א שטארקער הערבסט־ווינט אין פוסטען קוימען... און אלץ און אלע ווערען ארומגעכאפט פון דעם טויטען־געזאנג...

וואו איז מיין ברודער?

נאך אויף מיין בייטאגיגען ארויספאהר האב איך דערזעהן א קערפער, וועלכען איך האב דערקאנט אלס דעם „וואנדערער„, וואס איך האב געזעהן פארבייגעהן נאך מיט צעהן טעג צוריק. גלייך דא לעבען שטרעמעלע איז ער געלעגען, זיינע אויגען האלב אפען און האבען אזוי ווי באטראכט די איינציגע צווייגעלעך פון דעם צוריסענעם קוסט, וואס האט זיך אריבערגעבויגען איבער זיין געזיכט, און אזוי ווי געפרעגט: „וואס איז מיט דיר?“ אבער זיין מיט־בלוט פארלאפענער, ווייט־אפענער מויל, צוריסענע ליפען און צייהנער האבען אזוי ווי אין א בלוטיגער פארוואונדערונג געשוויגען. זיין לעצטער אויסגעשריי איז לאנג פארשטארבען, און די אין אן אנשטרענגונג אויפצוהויבען זיך אונטערגעבויגענע ארעמס, זיינען פארגליווערט געווארען אין זיין לעצטער באוועגונג.

ווען איך בין צו איהם צוגעקומען האב איך זיך געמוזט אריבערבויגען גאר נידעריג אום צו באמערקען איהם. ווי א הויפען אויפגעריסענע שווארצע ערד האט אין דער פינסטער אויסגעזעהן זיין קערפער. נאך א קורצען צוריקהאלטען זיך האב איך מיט ציטערדיגע הענט אנגעהויבען איהם ארומטאפען, פיליכט וועל איך געפינען שפורען וואס וועלען ערקלערען זיין מערקווירדיגען אויסזעהן, ווען איך האב איהם געזעהן פארבייוואנדערען.

„וואו איז מיין ברודער?“ האבען אין מיינע אויערען געקלונגען זיינע איינציגע ווערטער, — כ'האב ווייטער געזוכט: כ'האב געפונען א פאר אויסשניטען פון צייטונגען — די דארף איך ניט. אט זיינען געשריבענע זייטעלעך פאפיר — „טייערער גרשון, מיר זיינען דאנקען גאט געזונד, ביזנעס איז ניט שלעכט, אבער די מאמע וויינט אויס איהרע אויגען נאך אייך. דיין בריף פון דריטען סעפטעמבער האבען מיר ערהאלטען, אבער פון יוסף'ן האבען מיר ניט געהאט קיין בריעף פאר פיער מאנאטען. גרשון'קע, זוהן מיינער, פרובי'ר איהם דארט אויפזוכען. מיין הארץ וויינט

אין מיר, און די מאַמע רײַסט זיך די האָר פֿון קאָפּ און שרײַט: „ער איז שוין ניטאָ, ער איז גע׳הרג׳עט געוואָרען“ — און נאָך און נאָך האַרץ־געשרײען, און צום סוף ווידער אַמאָל — זוך אויף יוסף׳ן אויב דו קאָנסט נאָר, און לאָז אונז גלײַך וויסען וועגען איהם“.

איך האָב געענדיגט די לעצטע שורות און האָב זיך פֿונאַנדערגעווײנט פֿון צער און הילפֿלאָזיגקייט. וואָס קאָן איך טאָן? קאָן איך זוכען זײַן ברודער? אין די בריעף איז ניטאָ קיין אָנדײַטונג וועגען דעם, אין וועלכער דיוויזיע אָדער רעגימענט יוסף האָט געדיענט. וואו זאָל איך איהם זוכען?

פֿאַר מײַנע אויגען איז ווידער אויפֿגעשוואומען די געשטאַלט פֿונ׳ם „וואַנדערער“, אַזוי ווי איך האָב איהם צום ערשטען מאָל דערזעהען. ס׳איז געווען אויפֿ׳ן קרײַץ־וועג וואָס לעבען „אַפּרעמאָנט“ אין די ערשטע טעג פֿון די אָקטאָבער־אַטאַקעס, ווען איך בין צוזאַמען מיט אַ גרופּע פֿון צוועלף סאָלדאַטען פֿון מײַן קאָמפּאַניע, געבליבען שטעקען אַרום די רואינען פֿון דער ערשטער הילף סטאַנציע, און זיך געטוליעט צו אונזערע פּלעצער ניט וויסענדיג וואו די איבעריגע פֿון אונזער קאָמפּאַני געפֿינען זיך. עס איז געווען צום פֿאַרנאַכט פֿון דריטען טאָג, ווען מיר זײַנען דאָרט געלעגען פֿאַרהונגערטע אונטער אַ שטענדיגען מערדערליכען פֿײַער. מיר פּלעגען זיך אומרוקען פֿון איין פּלאַץ צום אַנדערען, דענקענדיג, אַז אַהינטער יענעם שטיין, אַז אַהינטער דעם איבערגעקעהרטען צושמעטערטען טראָק, וועלען מיר זײַן בעסער באַשיצט פֿון די פֿאַרטויבענדע אויפֿרײַסען, גאַזען, שטיינער און שטיקער פֿון די צוריסענע קוילען וואָס האָבען מיט אַ קוויטשערײַ דורכגעשניטען יעדען ווינקעל, יעדען שפּאַן ערד. ניט איינמאָל האָבען די מענשען געוויינט אַזש פֿון פֿאַרדרוס און געשאָלטען די אָפֿיציערען וואָס האָבען אונז אַהער צוגעבראַכט, איבערגעלאָזען און זעהט אוים פֿאַרגעסען. יענעם שרעקליכען אָבענד האָבען מיר דערזעהן ווי פֿונ׳ם קרײַץ־וועג דערנעהענטערט זיך צו אונז אַן איינגעבויגענער מיטעל־וואוקסיגער סאָלדאַט, האָט זיך אָפּגעשטעלט און אײַנגעקוקט אין די אייניגע קערפּערס וואָס זײַנען דאָ געלעגען, און איז ווייטער אַן אײַנגעבויגענער צוגעקומען צו אונז. מיט שטאַרע אויגען האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבער אונזערע געזיכטער. מײַנע און זײַנע אויגען האָבען זיך באַלד באַגעגענט.

„איד!‟ איז צווישען אונז אזוי ווי א ציטערדיגער שטומער באגריסען זיך דורכגעפלויגען.

יא, ער איז א איד. איך בין צו איהם צוגעגאנגען און א פאר־שעמטער פאר זיין שטעהן אויף די פיס, האב איך זיך אויך אויפ־געהויבען, אבער האב זיך צוריקגעהאלטען פון פראגען. אויף זיין איינגעפאלענעם, גריגעם געזיכט איז געלעגען אזא צער, אזא האפ־נונגסלאזע פארלארענקייט. ווען איך האב באגעגענט זיינע אויגען פון דער נאהענט. איז א פראסט דורכגעפלויגען איבער מיין קערפער.

„א משוגע׳נער‟ — איז מיר גלייך דורכגעפלויגען. ער האט אפגעקעהרט זיין קאפ און ווידער אמאל אנגעהויבען אומוואנדערען מיט זיינע אויגען איבער די טויטע קערפערס און די פעלדער פון ארום, אזוי ווי ער וואלט זוכען וואוהין ווייטער צו געהן. נאך א ווייל טראכטען האט ער זיך א שווייגענדיגער ווי ביז דאן, אזוי ווי ער וואלט מיך ניט באמערקען, אנגעהויבען געהן צו סאמ־מערענס צו.

„פון וואנען קומסטו?‟ האב איך קוים געפונען וואס צו פרעגען.

ער האט זיך אויף א ווייל אפגעשטעלט, שטאר א קוק געטאן פארביי מיר און קוים ארויסגערעדט:

„וואו איז מיין ברודער?‟

און איז ווייטער אוועק אן איינגעבויגענער, א צוריסענער און שמוציגער, לאנגזאם, טראט נאך טראט, ביז ער איז פארשוואונ־דען, אזוי ווי איינגעזונקען אין דעם טיפען וועג וואס צו סאמערנס. דער יאמערן פון די מערדעריך פליהענדע קוילען האבען איהם נאכגעיאגט מיט זייער קוויטשעריי, און פון דאן אן ווען איך פלעג זיך צוהערען צו זייער יאמערליכען זינגען אין דער לופטען, פלעגען פון זיי אפקלינגען דעם וואנדערערס טעמפע, קוים ארויסגערעדטע ווערטער: „וואו איז מיין ברודער!‟ אט די פראגע וועט ניט איינגעשטילט ווערען ביז צום סוף פון אלע דורות.

אין טאָל פֿון טויט

נעכטען האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז מיר ציהען זיך אַרויס פֿון דעם טייל „דעטה וועלי" וואו מיר זיינען און עס האָט מיך אַזוי געצויגען נאָך אַמאָל דורכצוגעהן זיך איבער דעם טייל פֿון דעם „טאָל פֿון טויט", וועלכער ציהט זיך אַוועק אין דער לענג פֿון דעם „עיד" טייכעל. עס האָט מיך ווי מיט אַ מאַגנעט געצויגען נאָך אַמאָל איינצוזאַפּען אין זיך די בילדער פֿון טויט און פֿאַרוויסטונג וואָס האָבען דאָרט אַרויסגעשריען פֿון יעדען שפּאַן פֿון דער צוריסענער ערד.

זײַן, נאָך ניט אַלץ איז אויף איהם טויט. צווישען די אויפֿגעאַקערטע שטיקער ערד, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט טיעפֿע גריבער, קאָן מען נאָך געפֿינען אַ הויפֿען אָדער צוויי פֿאַרוועלקטע גראָז. אָן איינציגע אויפֿגעהויבענע שטיקער ערד האָט זיך נאָך אָנגעהאַלטען מיט זיינע וואָרצלען אַ יונגינקער בוימעלע. נאָך איינער האָט זיך מיט זיינע צווייגעלעך איינגעקלאַמערט אינ'ם צוריסענעם „באַרב-ווייער", אַזוי ווי אין אַ פֿאַרצווייפֿעלטען קאַמף פֿאַר זיין יונגען לעבען.

אויפֿ'ן צעהנטען טאָג פֿון אונזער קאַמף אין דעם „אַרגאָן סעקטאָר" זיינען מיר צו דעם „טאָל פֿון טויט" צוגעקומען. פֿון דאַן אָן האָט ער זיין פֿינסטערען נאָמען געקראָגען און מיט יעדען ווייטערדיגען טאָג וואָס מיר זיינען דאָרט איינגעשטאַנען האָט ער זיך דעם נאָמען אַלץ מעהר פֿאַרדינט.

דער טאָל איז אַ ברייטער, ציהט זיך פֿאַר מיילען ווייט, קיין טרענטשעס זיינען שוין דאָ ניט געווען, נאָר אָן אָפֿענער פֿעלדקאַמף. יעדער האָט פֿאַר זיך אַ גרוב געגראָבען, אָדער איינגעקאָרטשעט זיך אין אַ לאָך וואָס אַ שווערע קויל האָט פֿון דער ערד אַרויסגעריסען, און אַזוי ליגען זיי צעוואָרפֿען אַזוי ווייט און ברייט, ווי דער אויג כאַפּט נאָר. אַנדערע קאָן מען ניט זעהן פֿון דערווייטענס, ווייל זיי ליעגען טיעף אין זייערע גריבער.

ווענען מאַכבע דערצעהלט אַבער אַ שטיק געלע אָדער גרויע שמאַטע וואָס וואַלגערט זיך לעבען אַ גרוב. אַפּט איז עס אַן, אַרבעל מיט אַן אָפּגעריסענער האַנט אָדער אַנדער גליד פון דעם וואָס האָט זיך דאָרט אויסבאַהאַלטען.

אויף יעדען טויטען דייטש ליגען דאָ אַ צוויי דריי אַמעריקאַ־נער. מ׳זאָגט, אַז ס׳איז דערפאַר וואָס די דייטשען האָבען די מעהרסטע פון זייערע געפאַלענע מיטגעשלעפּט און באַגראָבען. אָבער עס איז ניט אמת. אויף זייער צוריקטרעטען פלעגען זיי קוים צייט האָבען צוריקצושלעפּען אַ טייל בלויז פון זייערע שווער־פאַרוואונדעטע. די איבעריגע זיינען דאָ געבליבען און אויסגע־גאַנגען.

„דייטש" און „אַמעריקאַנער" זיינען דאָ גלייך. און ווען זיי ליגען גאַנץ נאָהענט איינער צום צווייטען מישט זיך צוזאַמען זייער בלוט, און זי ווערט מיט׳ן זעלבען אַפּעטיט פון דער פייכער ערד איינגעשלונגען... אָפט מאָל ריהרען זיי זיך אָן מיט אַ האַנט אַזוי ווי זיי וואָלטען געהאַט עטוואָס צו זאָגען איינער דעם צוויי־טען, עטוואָס ברידערליכעס, פאַרטרויליכעס...

אַ, וויפיעל פון זיי ליגען דאָ און ווי פאַרשידען עס זיינען די אויסדרוקען און קאָלירען פון די טויטע געזיכטער, אויב אַזוינס וואָס מען רופט געזיכט, איז נאָך איבערגעבליבען. ווי פאַרשידען עס זעהען אויס די פלייש, בלוט און מאַרך פון זייערע וואונדען. עס העננט אָפּ אָן דער צייט ווען זיי האָבען געקראָגען די וואונ־דען, און אָן דעם מאַרד־אינסטרומענט, דורך וועלכען זיי זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרען.

איך וועל געהן איינס ביי איינס, זיי זיינען דאָך מיינע ברי־דער. פיעלע פון זיי האָב איך געקאַנט, ווען זיי זיינען נאָך געווען ביים לעבען, און האָבען אפילו אין די שווערסטע מינוטען גע־טראָגען אין זייערע הערצער אַ פאַרבאָרגענע האָפנונג, אַז זיי וועלען גאַנץ בלייבען און צוריקקומען צו זייערע היימען, צו זיי־ערע מאַמעס. מיר איז אַזוי שווער זיי דאָ איבערצולאָזען, איך וועל זיך איינקוקען אין זייערע געזיכטער, איינזאַפּען אין זיך זייערע לעצטע וועה־געשרייען, וואָס זיינען ווי אַ פאַרגליווערטער שאָטען געבליבען ליגען אויף זייערע געזיכטער, אין די לעצטע קאָנוואול־סיווע באַוועגונגען פון זייערע קערפּערס. — איך וועל געהן איינס ביי איינס...

דער „בלאַנדער“ ליעגט אַזוי ווי אַ מאַנאַרך. די הענט און פיס פאַנאַנדערגעוואָרפען, די בלוזע אויפגעשפּילעט. דער העלמעט, וואָס האַלט זיך פעסט אויף די רימענס איז עטוואָס אַרויפגערוקט אויף זיין שטערען, אָבער עס שטערט ניט זיינע אויגען איינגע־שפּאַרט אַריינצוקוקען אין די הימלען. פון דער ווייטען קאָן מען מיינען אַז דאָס פעסטשעט ער זיך אין אַ צולאָזענעם פוילען זיך און נאָך מיט אַזאַ ברייטקייט, ווי ערד און הימעל וואָלטען געווען זיינע...

אהאַ, וואָס איז דאָס! ווי קומט ער אַהער? אויף אַ הונט האָב איך זיך גאָרניט גערעכט. וואָס האָבען הינט צו טאָן אין דער מלחמה? ס'איז דאָך אַ מענשליכע זאַך... אַ קליינינקער ווייסינקער פודעלע, איינער פון זיינע פאָדערשטע פיס אָפּגעריסען, אַזאַ קליינס און האָט זיך ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטען...

אַט דער וואָס ליגט אויסגעצויגען מיט׳ן פּנים אַרונטער, האָט מיך ווידער דערמאָנט אָן דעם „דאָרשטיגען“ וועמען איך האָב מיט אַן אַכט טאָג צוריק געזעהן לעבען „אַפּרימאָנט“. יענער קערפּער איז קיינמאָל ניט אַרויס פון מיין זכרון. ס'איז געווען אין די גאָר ערשטע טעג פון אונזער קאַמפּיין אין דעם אַרגאָן, ווען איך האָב איהם געזעהן אויף מיין וועג צום קוירנעל פון מיין רעגימענט.

אין יענעם שמעלערען טאָל לויפט דורך אַ שטרעמעלע וואַ־סער. אויך איהם האָבען די קוילען טיעף פאַרוואונדעט אויף איי־ניגע פלעצער, אָבער ער פילט אָן די גריבער מיט׳ן ווייכען באָדען וואָס ער רודערט אויף, וואָס ווייטער ער פליסט, אַלץ ברודנער ווערען זיינע וואַסערען. די קוסטעס און הויכע גראָז פון ביידע זייטען זיינען אויסגעריסען און צעוואָרפען אין אַלע ריכטונגען.

אַט צו דעם שטרעמעלע איז, ווי מיר האָט זיך אָפּגעדאַכט, צוגעפאַלען אַ דורשטיגער סאָלדאַט. ווי נאָר איך האָב איהם פון דערווייטענס דערזעהן האָב איך זיך געלאָזט לויפען אין זיין ריכ־טונג מיט אויסגעשרייען: „העי! אַוועק פון וואַסער! אין דעם נעגענד איז דאָ מאַסטאַרד־געז!“ אָבער איך האָב באַלד דערזעהן דעם ביטערען אמת. ס'איז אַ טויטער. די אַנדערע האָט מען שוין געווען באַגראָבען. דער איז געווען געטראָפען פון אַ שטיק שעל, וועלכע האָט צושמעטערט זיין קאָמבאַט־פּעקעל און רוקען. דורך די אויפגעריסענע קליידער האָט אַרויסגעקוקט אַן עקעלהאַפ־

טע שווארץ־רויטע וואונד. גלייך דא ארום זיינען געלעגן צעווארפען איבער׳ן פעלד זיין סייפטי רייזאר, זייף, זאקען און האנדטוך. דער „מעסקיט" פונאנדערגענומען. דער טיפער טייל איז געווען איבערפילט מיט „העש". ער האט, קאנטיג, ערגעץ געקראגען אן איבעריגע פארציע מיט וועלכער ער האט זיך פארזארגט. און די רויטע צוריבענע פלייש האט אויסגעזעהן פונקט אזוי עקעלהאפט ווי זיין וואונד... הארט לעבען איהם איז געלעגן א פעקעל צעווארפענע בריעף און צוויי בילדער, איינע פון זיין מוטער און איינע פון זיין געליעבטער. די לעצטע האט געהאלטען א צייטיגע רויז אין מויל, וואס האט צוגעגעבען נאך מעהר בענקשאפט און זארג צו איהרע ווייט אפענע אויגען. מיר האט זיך געדאכט, אז זיין רעכטע האנט האט זיך אזוי ווי געצויגען צו דעם בילד, אבער די צווייטע און זיין פנים זיינען געווען טיעף איינגעזונקען אין שטרעמעלע.

עס לויפען און איילען זיך די ברודנע וואסערען, שווינקען זיינע ארעמס און געזיכט, און אזוי ווייט ווי דער וואסער באריהרט זיי זיינען זיי טונקעל בלוי און אויפגעבלאזען. די נעגעל אויף די פאנאנדערגעשפרייטע פינגער וואס ווערען פארדעקט און ווידער אויפגעדעקט פון די אונטערשטע שיכטען פון שטראם, זיינען געל, מיט א ביינערנעם אפגלאנץ. ווען איך האב מיט מיינע אויגען נאכגעפאלגט דעם וועג פון שטרעמעלע האב איך צו מיין שרעק דערזעהן. אז ער איז דערזעלבער וואס לויפט פארביי אונזער פאזיציע, פון וועלכען מיר שעפען אונזער וואסער. ביי דער ענטדעקונג האט מיך אנגעהויבען אויפשווידערען ביז משוגע ווערען, אזוי ווי דער מארד וואלט מיט צוואנגען אין פארשידענע ריכטונגען פונאנדערגעשלעפט געווארען. צוריקקומענדיג האב איך קיינעם פון מיין קאמפאני ניט דערצעהלט פון מיין ענטדעקונג, אבער פאר די קומענדע איניגע טעג, ביז מיר האבען פארלאזען די פאזיציע, האב איך קיין טראפען וואסער ניט געטרונקען. ווען נאר איך פלעג, געשפאנט פון דורשט, נעמען זיך צו מיין פעלד־פלאש, און געהן צום שטרעמעלע זי אנפילען, פלעגט די געשטאלט פון „דורשטיגען" אויפשווימען פאר מיינע אויגען און איך פלעג צוריקבלייבען מיט פארקוועטשטע ציינער. אויך פון די איבעריגע שטראמען האב איך ניט געקאנט טרינקען, ס׳האט זיך געדוכט, אז

זייערע וואַסערן זיינען אויסגעמישט מיט געדיכטע שוואַרצע בלוט, וואָס רינט פון מיילער, פון צופוילטע פגרים...

דער טאָל פון טויט — אָבער מיר פלעגן אויסמיידן איהם אָנצורופען מיט אָט דעם נאָמען... אמת, אַמאָל פלעגט זיך אויך אַריינגנבענען אַ מין שטאָלץ אָדער רעספּעקט צו דעם פאַקט, אַז מיר זיינען איצט אינ'ם טויטען־טאָל. איינער פון די וואָס האָט צו מיר אויסגעדריקט אָט דעם סענטימענט איז געווען „גאָלד־שטיין", אַ קאַנאָניר פון „בעטערי אי". ער האָט צו מיר געזאָגט: „וועל, ברודערקע, עס לאָזט זיך פיהלען אַז מיר זיינען אין טויטען־טאָל". אויך איהם האָט דער טאָל צוגענומען אין קרייז פון זיינע קרבנות: צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר פון זיין באַטערעע זיינען זיי אַוועק קליינען „סאָוועניערס". גאָלדשטיין האָט אַרונטערגענו־מען אַ רימען פון אַ טויטען דייטש. פון אַ צווייטען האָט איינער פון גאָלדשטיין'ס מיטגעהער אַרונטערגעשלעפּט די שטיוועל. איין שטיוועל איז געווען אָנגעפילט מיט בלוט און שטיקער פלייש פון דער צוריסענער פוס. אָבער דער סאָלדאַט איז געווען גוט אויפגע־לעגט, האָט אויסגעטרייסעלט דעם שטיוועל, אויסגעשווינקט איהם אין דעם טייכעל און גלייך דאָ אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד און זיי אָנגעטאָן.

לאַכענדיגע, צופרידענע מיט זייערע געווינסען האָבען זיי זיך פאַרנומען אויף געהן צוריק צו זייער באַטערעע. אין דער צייט זיינען אָנגעקומען אונערוואַרטעטע דייטשע שעלס. זיי האָבען זיך גענומען לויפען, איינגעבויגענע, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפען. פאַר אונזערע אויגען זיינען זיי פאַרדעקט געוואָרען פון אַ באַרג ערד און רויך.

צווישען די פאַרבליבענע זיינען געווען „גאָלדשטיין" מיט אַן אויסגעקלאַפּטען אויג און ריפּען. דעם דייטשען גאַרטעל האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטען אין זיין אויסגעשטרעקטער האַנט, און דער קריסטליכער סלאָדאַט וואָס האַרט ביי זיין זייט, דעמ'ס העלמעט איז אַרונטערגעשניטען געוואָרען פון זיין קאָפּ מיטנעהמענדיג זיין שאַרבען און מאַרך. די דייטשע שטיוועל וואָס אויף זיינע פיס האָבען אַזוי ווי סאַטאַניש געלאַכט מיט זייערע לעכער...

נאָך איידער איך פלעג דערקאָנען נאָך די געזיכסציגען, פלעג איך פון דערווייטענס אַזוי ווי דערפיהלען, אַז אָט יענער צוזאַ־

מענגעקארטשעטער, דארט טיעף אין פעלד, אדער דער וואס קלא־
מערט זיך מיט די הענט אן דעם ברעג פון טייכעל, איז א אידישער.

אט איז איינער פון זיי: איך האב ניט געוואוסט זיין נאמען אבער איך האב איהם געקאנט. א שטילער, מיט א כאראקטערים־טיש אידישען געזיכט און באוועגונגען. אין קעמפ גארדאן פלעגט ער רעגעלמעסיג קומען צו אונזערע פרייטאג נאכט „סוירוויסעס" אונטערהאלטונגען. א פאר מאל האב איך איהם באגעגענט אין אטלאנטא. א שעמעוודיגער, פלעגט ער אבער גערן אננעהמען די איינלאדונג וואס מען פלעגט אונז געבען אין דעם אידישען אינס־טיטוט, צו געהן צו א אידישען בעל־הבית' אויף א שבת אוונט אדער זונטאג. צוריקקומען אין קעמפ פלעגט ער דערזעלבער שטילער, שוויינענדיגער אבער מיט א צופרידענעם אויסדרוק אויף זיין געזיכט. ער איז קאנטיג זעהר גליקלאך געווארען פון די איינינע גוטע מאהלצייטען און דער הארציגער אויפנאהמע, מיט וועלכער די אטלאנטא'ער ברידער אונזערע פלעגען אונז אזוי אפט און ברידערליך איינטיילען. א מערקווירדיג שטילער און צוריקגע־האלטענער איז ער דארט געווען, אבער דא אויפ'ן בלוטיגען פעלד האט ער קענטיג גיט געשוויגען.

איבער'ן לינקען אויער האט א שטיק „שעל" זיין העלמעט דורכגעלעכערט, זיין בלוט האט דעם לינקען האלבען געזיכט און קוי־טיגע בלוזע אפגעפארבט. דערזעלבער בלוט־סליאד ציהט זיך פאר א היבשע שטרעקע אהינטער איהם. זעהט אויס, אז ער איז שוין א טויטליך פארוואונדעטער נאך עטוואס געווען ביים באוואוסט־זיין, און איז געקראכען אויף אלע פיער. אויך איצט איז ער געווען היבש אויפגעהויבען אויף זיינע הענט און קניע. איין פוס אויס־געצויגען אין א פארזוך ווייטער צו שלעפען זיך. זיין קאפ איז נאך געווען עטוואס פאררייסען, זיינע אויגען נאך אלץ אפען מיט א פארגליווערטען וועה און שרעק. עס האט זיך גערדאכט, אז עס קלינגט נאך פון זיין ווייט־אפענעם מויל זיין לעצטער געשריי נאך הילף, וועלכער איז פארטרונקען געווארען פון דעם בלוט וואס איז אראפגערונען פון שטערן און איבער'ן אונטערשטען ליפ אויף דער ערד. ער איז געקראכען צו א צווייטען, וועמען ער האט ביי די לעצטע אנשטרענגונגען און ליכט־שטראהלען דערזעהן פאר זיך. געקראכען און גערופען „הילף—הילף!" אבער יענער וואס ליגט

האַרט לעבען איהם איז אויך געווען טויטליך פאַרוואונדעט — וואָס איז דער אונטערשיעד וואו — אויסגעצויגען, די הענט אונטער־געשפּאַרט אונטער'ן ברוסט איז אויך דעם צווייטענס קאָפּ פאַר־ריסען, דאָס מויל אָפען. זיי האָבען געשריען איינער צום צווייטען, גערופען איינער דעם צווייטען, ביז דער גוטער טויט האָט זיי איינגעשטילט, דערשטיקט. די קנייטשען אויף זייערע געזיכטער, די אויגען און די פאַרגליווערטע אויסגעשרייען פון זייערע מיילער רופען נאָך, ווייגען, קוקען מיט ווילדען פאַרגליווערטען שרעק: העלפט! העלפט!

איך האָב זיך נידעריג איינגעבויגען איבער מיין באַקאַנטען און דעם צווייטען, וואָס האָט כמעט אין זיין געזיכט אריינגעקוקט. האָב יעדען שטריך איינגעבּרענט אין מיין זכרון. צו וואָס דער שרעק, דאָס אָפּקעהרען זיך? ניין, איך וועל בעסער איינקוקען זיך און ביז וואָהנזין איינזאַפּען די פּרוכט פון דעם גרויסען פּ אַ ר־ב ר ע כ ע ן וואָס רופט זיך מלחמה.

ווער האָט דאָ ווען געקאָנט העלפען אין יענע שרעקליכע טעג און נעכט, ווען זיי זיינען געפאַלען? סיידען אָט יענער, וואָס לעזט נאָך אַלץ זיין בריעף — יאָ, ער לעזט איהם נאָך. אַביסעל וויטער פון די איבעריגע, אונטער'ן בערגעל, וואָס ביים ברעג טאָל, ליגט ער אויף א זייט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער לינקער האַנט, האָט ער אין דער רעכטער האַנט א בריעף געהאַלטען. די אָפענע אויגען קוקען אויף די שורות, די האַנט איז שוין אַביסעל אַרונטערגעבויגען, אָבער איז נאָך אַלץ הויך גענוג צו דערלאַנגען דעם בריעף אַנטקעגען זיינע אויגען. איך קוק איהם אַרום, עס איז ניטאָ קיין צייכען פון א וואונד אויף זיין קערפּער. אונזער דאָקטאָר און אַלע מענשען וואָס האָבען זיך געפונען אויף די נאָהענטע פּאָזיציעס פון אַרום זיינען געגאַנגען איהם אָנקוקען. פון איינעם צום צווייטען איז אַרומגעגאַנגען די פראַגע: „האָסטו שוין געזעהן דעם אידישען סאָלדאַט מיט'ן בריעף?" און ווען מען האָט איהם שוין געזעהן, האָט זיך יעדער איינער געפרעגט: פון וואָס איז ער געשטאָרבען?" ווייל ער איז געווען אומבּאַריהרט און מיט א מערקווירדיג רוהיגען אויסדרוק אויף זיין פּנים. אָבער מען איז געבליבען ביים שווייגען און אינערליכען שרעק איבער דיעזער מערקווירדיגער ערשיינונג.

עס האָט אויך געשוויגען די מוטער מאַריאַ, וואָס האָט אַרויס־געקוקט פון ענטבלויזטען האַלז פון אַ דערבייליגענדען קריסט, אַ געזונטען גרויסען דייטש. זי קוקט מיט איהר פאַרקרימטען העל־זעל און אויסגעלופּעטע אויגען צום הימעל, צו די וואָלקען, וואָס פאַרזאַמלען זיך אין מחנות, יאָגען, און ווערען אַלץ פינסטערער, זיי יאָגען אַהין וואו איהרע קריסטליכע דייטשען האָבען זיך ווידער אָפּגעשטעלט, אַהין, וואו מיר ציהען זיך אַרויף מיט אונזערע קאַנאָנען, און וועלען זיך ווייטער איינקלאַמערען איין דעם צווייטענס העלזער, מיט דער פולער מאָס ליעבע, פון קריסטליכע צייהנער און נעגעל...

און דאָ זאָגט מען, אַז באַלד וועט קומען פרידען.

די נאַכט איז שוין צוגעפאַלען, אויפ׳ן הימעל האָבען זיך אָנ־געהויבען אַרויפציהען די סיגנאַל־ליכט. ווי פּערל שנירלאַך ציהען זיי זיך אַרויף איינער נאָך איינעם, דאָס אין איין ווינקעל, אָט אין אַ צווייטען, שנור נאָך שנור, רויטע, פאָספאָר־בלויע, און ווידער רויטע שטערענדלאַך. מען רעדט זיך צוזאַמען אויף אָט דער שטומער שפּראַך ביז׳ן אָנפאַנג פון קאַמף און שפּעטער איז די שלאַכטען.

מען רעדט פון וואַפּענשטילשטאַנד

אַ בריעף צו אַ פריינד

מען ווייסט ניט פון וואַנען עס האָבען זיך גענומען די קלאַנ־גען וועגען אַ באַלדיגען שליסען פון וואַפּענשטילשטאַנד, אָבער זיי האָבען אָנגעהויבען צו צירקולירען: ווי האַלב־דערשטיקטע ליכט־שטראַהלען האָבען זיי אָנגעהויבען דורכצודרינגען די מחות פון די בלאָטיגע סאָלדאַטען. מיט דורשטענדע פירבערהאַפט אָנגעצונ־דענע אויגען האָט מען זיך צוגעהערט און איבערגעגעבען זיי איינער צום צווייטען. אָבער מען האָט זיי שנעל אָפּגעטריבען פון זיך צוליעב דעם גרויסען שרעק פאַר אַ ווייטערדיגער ענטוישונג, און דערווייל זיינען נאָך אַלעמענס געזיכטער אַזוי פינסטער. צוקרימט

און בייז פון די ליידען און מיעדקייט, וואס ווארפען פון די פּיס אפילו די שטארקסטע.

מען רעדט פון וואפענשטילשטאנד, אבער היינט האבען מיר ווידער אמאל צוגעזעהן א קאמף אין דער לופטען.

ווי שטיקלעך פּוך, וואס שוועבען ארום אין דער הערבסט־לופט, האבען זיי זיך באוויזען הויך, הויך אונטער דער זון. אונזערע באטערעעס האבען גלייך געעפענט א שיסעריי, אבער די עקס־פלאדירענדע שראפּנעלען האבען איבערגעלאזען זייערע הויפענס רויך אויפ'ן מיט־וועג און זיי זיינען געבליבען הענגען אין א שורה, אזוי ווי שטיקלעך דורכזיכטיגע וואלקענס. אט זיינען שוין אויך אונזערע לופט־שיפען אויף אן עהנליכער הויך. עס דערטראגט זיך פון דארטען א פארדומפּטער קנאלען פון מאשין־ביקסען, עס איז געווארען א משי־מאש פון עראפּפּאלען, קייקלען און אויס־גלייכען זיך. איין עראפּפּאלענדע לופט־שיף האט זיך אויסגע־גליכען גאר נאהענט איבער אונזערע קעפּ, מיר האבען אזש אנ־געהויבען לויפען און שרייען פאר שרעק, אבער די מאשין האט מיט א הוזשען ווידער אוועקגעטראגען זיך אין דער לופטען, איז צוגעפלויגען פריהער צו איינס, נאכדעם צו דעם צווייטען און דריטען פון אונזערע אויסקוק־באלאנען. און די ריעזען. וואס זיי־נען געהאנגען אין דער לופטען ווי צושוואלענע פארמלאזע העל־פאנטען, זיינען גלייך פארוואנדעלט געווארען אין גרויסע קנוילען פלאמען און רויך, וואס זיינען נאך געבליבען הענגען א פאר מינוטען, און אויס, — פונאנדערשווימענדיג האבען זיי זיך צוזאמענגעגאסען מיט די וואלקענס פון אויבען און לאנגזאם מיט זיי אוועקגעקראכען. ערשט דא האבען מיר פארשטאנען, אז ס'איז געווען א דייטש, וועלכער האט מיט זיין „שפּיצעל“ און געוואגטקייט אויסגעפיהרט דאס, צוליעב וואס ער איז געקומען. ביי די מעהר־סטע פון אונזערע מענשען האט זיך ארויסגעריסען א באוואונדע־רענדער „אה!“

דערווייל שוויגען אונזערע צאללאזע קאנאנען, אבער מיר ווייסען שוין, ווען זיי גרייטען זיך אנצופאנגען צו רעדען: פון אונזערע שוין, ווען זיי גרייטען זיך אנצופאנגען צו רעדען: פון אונזערע בריגאד הערקוואדערס איז צושיקט געווארען דער לעצטער ארדער, באלד קומט ער צו אלע באטערעען אז דעם 1טען נאוועמבער, אום

2.30 פריה וועט יעדע פון זיי רעדען אויף איהר מערדערליכער שפּראך. עס איז די גרעסטע פאַרזאַמלונג פון קאַנאָנען און זייער שפּיעל וועט זיין דאָס שרעקליכסטע, וואָס איז ביז איצט פאָרגעקומען.

דעם אָוונט פאַר דעם ענטשיידענדען פריהמאָרגען איז געווען אויסערגעוועהנליך שטיל. אַלע טרופּען און געווער זייבען שוין געווען אויף זייערע פּלעצער. מעהר ניט די וועגענער, וואָס האָבען צוגעשטעלט אַמוניציע און גראַנאַטען צו די קאַנאָנען זיינען געווען אויסערגעוועהנליך באַשעפטיגט. פון דערווייטענס זעהט אויס, אז די אַמוניציע-וועגענער פאָהרען גאַנץ גלאַטיג, און דערצו נאָך דאָס מאָל אונגעשטערט פון די דייטשע גראַנאַטען. אָבער ווען איך האָב אויפ'ן וועג זיך אויסגעגליכען מיט זיי, האָט מיך אויפגעשווידערט בזיי'ן טיעפּסטען גרונד פון הארצען איבער דעם עלענד און וועהטאָגען פון די אָרעמע באַשעפעניסען, די פּערד, וועלכע האָבען געשלעפּט די שווער אָנגעלאָדענע וועגענער.

פאַר לאַנגע וואָכען און מאָנאַטען אָהן אָפּרוה, אימער איינגעשפּאַנט, האָבען זיי שוין אויסגעזעהן ווי סקעלעטען. די אָראָפּהענגענדע פעל איז באַדעקט געוואָרען מיט בלאָטע אַ אינטש דיק. ארום די פּיס און אויפ'ן בויך זיינען געהאַנגען שווערע שטיקער קויט, פון ווינט און קעלט איז די בלאָטע איינגעטריקענט געוואָרען, האָט געבילדעט אַ מין גרויסען פּאַנצער ארום זייער פעל. פון דעם שטענדיגען באַוועגען-זיך איז דער בלאָטע-פּאַנצער צובראָכען געוואָרען אונטער אַלע קנעכלען און קנייטשען פון פעל, ביז די פעל איז אויך דורכגעריסען געוואָרען... פון אַט די עקעלהאַפטע אָפענע שפּאַלטען רינט אַרונטער זייער בלוט און עס זעהט זיך אַרוים רוי פלייש און אָדערען, מאַנכע שוין צוריסענע. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט ברייט אָפענע ארויסשטאַרטשטענדע אויגען שלעפּען זיי מיט אַלע כחות. שלעפּען און פאַרכלינען זיך. זייער אָטעם רייסט זיך ארויס מיט אַ האַסטיגען שווערען קרעכצען. קוים, קוים וואָס זיי שטעלען זייערע פּיס. אָבער דער אָנטרייבער, אַליין אַ איינגעשמירטער אין אַ בלאָטע פּאַנצער, וויל פון קיין זאַך ניט וויסען. אונטער דער ווירקונג פון דעם שרעק פאַר דאָס אָנקומענדע איילט ער זיך נאָך מעהר ווי מען דאַרף... שלאָגט די פערד מיט אַ דיקען פּייטשען שטעקען. דאָס שלאָגען העלפט אָבער ניט פיעל. דאַן הויבט ער אָן מיט אויסגעשצירעטע ציינער שטעכען מיט'ן

שפּיץ פון זיין שטעקען אין די אָפענע וואונדען אין דער צושפּאַלטענער פעל, די פערד הויבען זיך אָן וואַרפען, שלאָגען מיט די פיס, דרעהען אום די קעפּ, אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלען עפּעס אויסשרייען מיט די פאַרטרערטע אויגען. אָט איז איינער אַנידערגעפאַלען, אַבער ערשט דאַן הויבט אָן דער נערוועזער אַנטרייבער נאָך מערדערליכער שטעכען אין די אָפענע וואונדען, און גוט איז דעם פערד, וואָס האָט שוין מעהר קיין כח ניט אויפצושטעהן...

מעגליך, אַז באַלד וועט דער וואַפענשטילשטאַנד קומען, אַבער דערווייל טראָגען זיך די וואָלקענס אַהין צו דער דייטשער זייט. גרויע, כמאַרנע, שוועבען זיי אַ שיכט איבער אַ שיכט, און לאָזען זיך אַראָפּ אַלץ נידעריגער, מורא׳דיגער. די זון איז שוין לאַנג פאַרדעקט געוואָרען, און ס׳איז גוט אַזוי, מען דאַרף זי דאָ ניט, איהר באַזונגענע הערליכקייט און שעהנקייט זיינען דאָ אַ מיאוס׳ער וויץ, און ווען זי ציינט זיך אין אָט דעם מאָמענט, וואָלט איך צו איהר געוואָרפען די זעלבע בלאָטע וואָס אויף די פערד, די אַנטרייבער, אויף די טויטע און צוריסענע... בלויז וואָלקען און נאַכט זיינען דאָ אָם פּלאַץ. זיי זיינען מיאוס און פול מיט שרעק, אַבער זיי לייגען ניט, נאָר שרייען אַרוים מיט טויזענדער מיילער וועגען די מערדערייען, וואָס קומען פאָר אונטער זייער צודעק.

עס האָט געשלאָגען די באַשטימטע שטונדע פון ערשטען נאָוועמבער. אום 2.40 פריה האָבען אונזערע באַטערעען געעפענט דעם פייער, און די גאַנצע געגענד איז מאָמענטאַל איינגעשלונגען געוואָרען אין אַ ים פאָספאָר־פייערען, וואָס זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון אַהינטער יעדען בערגעל. ווי מיטשלעפּענדיג מיט זיך די גאַנצע לופט, זיינען די טויזענדער קוילען אַוועקגעפלויגען מיט אַ יאָמערען און קוויטשעריי צו די דייטשע ליניעס. די אויפרייסען און שיסערייען האָבען געטרייסעלט די ערד, אַזוי ווי אין אַ שטאַרקען פיבער. פאַר איבער צוויי שטונדען האָט די שיסעריי אָנגעהאַלטען, און ווען זי האָט זיך איינגעשטילט, איז דער דייטשער זייט געוועזען אַזוי ווי פאַרשטאַרבען, זיי זיינען צושמעטערט געוואָרען. און די וואָס זיינען געבליבען זיינען געלאָפען צו סעדאַן. ערשט דאַן האָבען מיר דערפיהלט, אַז די מלחמה איז ווירקליך געענדיגט.

פון צווייטען ביז'ן עלפטען נאָוועמבער

אויף מאָרגען, מיט'ן באַגינען, זיינען מיר אַוועק ווייטער און מיר האָבען גלייך דערזעהן דעם גוואַלדיגען אומבייט; די וועגען זיינען געווען געדיכט פון צאָהללאָזע טראָקס, קאַנאָנען און קאָלומס סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך געצויגען צו „בוזאַנסי". מען האָט זיך מעהר ניט באַהאַלטען, נאָר אָפען געפאָהרען און געגאַנגען פאָר־אויס.

פאַרבייפאָהרענדיג דעם קלויסטער פון סאָמערענס, האָב איך זיך דערמאָנט אָן אַ קאָמי־טראַגישער פאַסירונג מיט אונזער'ן אַ אידישען סאָלדאַט, וועלכער האָט פאַרלייקענט זיין אידישקייט.

דעם טאָג וואָס סאָמערענס איז אָפגעלײדיגט געוואָרען פון די דייטשען איז איהם אויסגעקומען צו זיין אין דעם קלויסטער צו־זאַמען מיט נאָך אַ אידישען חבר און פיעלע קריסטליכע סאָלדאַטען וואָס האָבען דאָ געזוכט שוץ, אָבער פאַרנאַכט־צו, ווען זיי האָ־בען געדענקט, אַז זיי וועלען דאָ פיליכט זיך אָפרוהען, האָט אַ שווערע שעל דורכגעבראָכען דעם דאַך און עקספּלאָדירט, צוריי־סענדיג און פאַרוואונדענדיג אייניגע. אַנטלויפענדיג פון דאָרטען, האָט דער אַסימילירטער אידעל אָנגעכאַפּט דעם צווייטען אידען אונטער'ן אָרעם און אַ פאַרסאָפּעטער געבעטען זיך: „אָ, פּליעז, טעל מי האַו טו סעי שמע ישראל (אָ, פּליעז, לערען מיך ווי צו זאָגען שמע ישראל).

און ווען נאָר מיר האָבען איהם דערנאָך באַגעגענט, האָבען מיר איהם באַגריסט מיט די ווערטער: „אָ, פּליעז, טעל מי האַו טו סעי שמע ישראל".

אריבערגעהענדיג „סענט דזשאָרדזשעס" האָבען מיר ערשט דערזעהן דעם רעזולטאַט פון נעכטיגען באַראַזש: דער באָדען צעאַקערט און איבערגעקעהרט, אין דער לענג פון אַן אויפהויב פון לאַנד זיינען געווען איבערבלייבעניסען פון דייטשע „באַרב־ווייער", אויף וועלכע עס זיינען געבליבען הענגען אייניגע אַמעריקאַנער סאָלדאַטען. אַהינטער זיי זיינען געווען אייניגע פלאַכע, אויף שנעל אויסגעגראָבענע טרענטשעס און אַרום זיי האָבען זיך גע־

וואַלגערט צוריסענע דייטשען. איצט, אַז מען האָט שוין געוואוסט דאָס זיי זיינען שוין באַזיעגט, האָט מען געקוקט אויף זיי מיט׳ן זעלבען רחמנות ווי אויף די אייגענע געפאַלענע.

לעבען אַ וועלדעל וואו עס איז געווען זעהר שווער דורכצוגעהן, האָב איך באַגעגענט אונזער דזשייקאָב אַש׳ן. לאַכענדיג האָט ער געזאָגט צו אונז: „געהט, געהט, קיין עסען וועט איהר במילא ניט קריגען". עס איז דערפאַר, ווייל די קיך און וואָגען פּראָוויאַנט זיינען געבליבען דאָ שטעקען. שפּעטער־צו האָט מיר אַש דער־צעהלט, אַז וואַרטענדיג ביז מען וועט אַרויסשלעפּען זיין וואָגען האָט ער געזעהן ווי „פּאַיאָנירס" (סאָלדאַטען וואָס באַגראָבען די טויטע) האָבען צוזאַמענגעשלעפּט אייניגע דייטשען אין אַ טיפער שעל־גרוב און זיי אויף גיך פאַרשאָטען, ניט אויפשטעלענדיג קיין צייכען, אַז זיי ליגען דאָ. ער האָט זיי וועגען דעם אויפמערקזאַם געמאַכט, אָבער זיי האָבען געענטפערט: „מיר זיינען שוין מיעד פון דעם דזשאָב, צום טייוועל מיט זיי!" שפּעטער, אַז די פּאַיאָ־נירס" זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט „אַש" אַריינגעקלאַפּט אַ ברעטעל איבער דעם בערגעל ערד און אויפגעשריבען אין אידיש (די איינ־ציגע שפּראַך וואָס ער האָט געקאָנט): „דאָ ליגען דייטשען".

די קומענדע טעג זיינען געווען פאַר אונז איין באַשטענדיגער מאַרטשען פאָראויס. די דייטשען זיינען אַנטלאָפען מיט זייער גרעסטער שנעלקייט צו סעדאַן צו. אַרום דעם 7טען נאָוועמבער זיינען מיר געקומען צו דעם דערפעל „וואָו". דאָ האָבען אויף אונז די דייטשען נאָך אַלץ געפּרואווט שיסען פון זייערע קאַנאָנען און מאַשין־ביקסען. זיי פּלעגען אויף אייניגע פּונקטען איבערלאָ־זען „ריער גאַרדס", איינפאַך מקריב זיין באַשטימטע אָפּטיילונגען פון זייער מיליטער אום צו שטערען אונזער נאָכיאָגען זיך.

אין „וואָו" האָבען מיר נאָך געפונען אייניגע דייטשע סאָל־דאַטען, וועלכע האָבען זיך אונטערגעגעבען. דריי דייטשען האָט מען געכאַפּט אויפ׳ן שפּיץ פון קלויסטער מיט אַ מאַשין־ביקס.

ענדליך איז עס געקומען! וואָפענשטילשטאַנד איז געשלאָ־סען, און נאָך וואָס פאַר אַ וואָפענשטילשטאַנד! וואָס פאַר אַ זיעג!

עס איז אונגלויבליך! עס איז אונמעגליך! — אַזוי פיעל גליקען אויף איין מאָל — די היים, די מאַמע, דער פרייער לעבען —

אבער אַט קומט דער מאַיאָר צו דער „מעס־ליין“, — וואו מען וואַרט מיט'ן געשיר אין די הענט פאַר „סאַפּער“ און מען שפּאַרט זיך נאָך אַלץ, צי עס איז אמת, צי ניט, — אַט קומט ער און מיט אַ קלאָרער, הויכער שטימע שרייט ער אויס:

„באָיעס! איך בין גליקליך אַנצוזאָגען אייך, אַז וואַפענשטיל־שטאַנד איז געשלאָסען!... עסטרייך און טערקיי...“

ניט קיין „הוראַ“, נאָר אַ ווילדער, פרייידיגער אויסגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון אַלעמענס הערצער.

„כאַפּט ניט, באָיעס! — שרייט אויס דער מאַיאָר — איך פאַר־זיכער אייך, אַז פרידען, און אַ זיגרייכער פרידען, וואָס איז נאָך בעסער ווי ערוואַרטעט, איז אויף דעם שוועל. און גלויבט מיר, באָיעס, אַז איך בין פּונקט אַזוי נייגעריג, ווי איהר זייט, צו קומען צו מיין פרוי און קינדער און צו מיין „ביזנעס“, וואָס ברענגט מיר איין מעהר ווי די יוניפאָרם. אָבער, באָיעס, מיר מוזען האָבען נאָך אַ ביסעל געדולד ביז אַלץ וועט אויסגעגליכען ווערען און פאָלשטענדיג ערליידיגט ווערען.

ווידער אויסגעשרייען. אייניגע האָבען זיך אַרומגענומען און געטאַנצט פאַר בלויז אַ האַלבער מינוט, אָבער עס איז זיכער געווען דער גליקליכסטער טאַנץ פון זייער גאַנצען לעבען. הענט האָבען געדריקט הענט, און יעדענס הארץ איז אַזוי ווי אויפגעשפּרונגען פון פרייד. אויסרופען: „נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?“... „נו, וואָס דענקסטו, וועגען אַזאַ גליק?...“ „באָיעס, מיר פאָהרען אַהיים!... “ „ווען פאָהרען מיר אַהיים? קאָנסטו זיך פאַרשטעלען מיך מיט אַ סיגאַר אין מויל און אין ציווילע קליידער אויף בראָדוויי?...“ „בראַנזוויל פאַר מיר!“ שרייט אויס אַ אידישער באָי, — אַט אַזעלכע אויסגעשרייען האָבען זיך געהערט פון אַלע זייטען.

אָבער די אַם מעהרסטען און אַם דרינגענדסטען געשטעלטע פראַגע איז געווען: „ווי שנעל וועלען מיר צוגעשטעלט ווערען צוריק?“ — פאַרשיידענע מיינונגען זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען, אָבער זיי אַלע האָבען געקאָנט אַריינגעפּאַסט ווערען אין די ווער־טער: „עס מאַכט ניט, ווי שנעל עס זאָל זיין, קען עס ניט זיין צו שנעל פאַר מיר“

מיט אַמאָל זיינען קראַנקע געזונד געוואָרען; זייערע פנימ'ער

האָבען אויפגעלויכטעז; אַלע זיינען געוואָרען אינטימע פריינד און חברים; מען רעדט און מען לאַכט פריי, אָהן אַפּהאַלט, אַזוי ווי זאָרגלאָזע קינדער.

„ווי וועסטו פאָהרען אַהיים?“

„וואָס הייסט, „ווי?“ זאָל עס זיין אויפ'ן שפּיץ מאַסט; זאָל עס זיין אָנגעבונדען אויף אַ שטריקעל און נאָכגעשלעפּט וועד רען אין וואַסער“.

„ווייסט איהר וואָס? — רופט זיך אָפּ אַ היץ־קאָפּ — זאָלען זיי מיך לאָזען פריי און איך וועל שוין אַליין געפינען מיין וועג און צאָהלען מיין „פעיר“!“

פאַר מיין רעגימענט איז די פרייד געווען אַ דאָפּעלטע. צו־זאַמען מיט דער גרויסער נייעס האָבען מיר געקראָגען אונזער „רעליעף“—נאָך צוויי און פערציג טעג פון שווערען קאַמף און נאָכיאָגען אין אַרגאָן.

אויף מאָרגען, נאָך דעם גליקליכען טאָג, האָבען מיר זיך אַרויסגעצויגען אויפ'ן וועג צוריק, און נאָך צוויי טעג מאַרשירען האָבען מיר ענדליך דערזעהן אַלץ ווייניגער און ווייניגער רואי־נירטע, ביז גאָר אין גאַנצען אונבאַריהרטע דערפלאָך און שטעדטלאָך.

איידער מיר זיינען געקומען צו אונזער צווייטען נאַכט־לאַגער, לעבען אַ היבשער שטעדטעל, האָבען מיר דערזעהן אַ פּאָר פרויען, מיט געפלאָכטענע קערב אויף זייערע קעפּ—די ערשטע ציווילע, וואָס מיר האָבען געזעהען פאַר די לעצטע פינף וואָכען.

הער נאָר, הער! — פון לעבען דעם שטעדטעל האָט זיך דער־הערט דאָס קלאַפּען פון באַהן־רעדער און אַ פייף פון אַ לאָקאָמאָ־טיוו, וועלכע מיר האָבען אויפגענומען מיט אַ הילכיגען גליקליכען „הורא“, אַלס די ערשטע קלאַנגען פון דער פרייער וועלט.

מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין פעלד ביים שטעדטעל, אויפגעשטעלט די געצעלטען און קיכען, און איבער'ן גאַנצען לאַגער געברענט פייערען: עס איז קאַלטליך, מען וויל זיך אָנוואַרימען.

„לאַיטס אוט! לאַיטס אוט!“ שרייט אימיצער אויס די אַלט־באַקאַנטע וואַרנונג געגען פיינדליכע לופט־שיפען, וואָס קענען דערזעהן און וואַרפען באָמבעס אויף אונזערע פּאָזיציעס. אַבער איצט איז עס שוין אַ געלונגענער וויץ, און מען לאַכט האַר־

ציג, און מען קרימט איבער הורך דער גאנצער ברייט און לענג פון לאגער:

„לאיטם אוט! לאיטם אוט!"

„זששש! בענג!" — אין ערשטען אויגענבליק טוען זיך איי־ניגע א קעהר אפ. — „וואס איז? א שעל?" „העי, באיעס! זעהט, זעהט!" — מען פארדייסט די קעפ. אין קלאהרען הימעל שוועבט א שעהנע ראקעטע. — „זששש! בענג!" — נאך איינע, און א דריטע.

די אפיציערען האבען שוין צייט געהאט ארייגצופאהרען אין שטעדטעל און איינקויפען די ראקעטען. אין דער שטעדטעל איז אויך דא א „יאנג מענס קריסטשען אסס'ן", א „סאלוויישאן אר־מעע"־ברענטש, א קאמיסאריע, א פלאץ צום ארומוואשען זיך און צייטונגען.

עס האבען זיך דערהערט איינינע קלאנגען פון אינסטרומענטען. א הילכינער „הורא" האט אויפגעטרייסעלט די לופט. דאס האט זיך דער רעגימענט־ארקעסטער ווידער אמאל צוזאמענגענומען און שפיעלט. די אינסטרומענטען כריפען און סאפען, אבער ער שפיעלט „האומוואורד באונד איט איז עי וואנדערפול סאונד", און טויזענדער שטימען פון ארום די פייערען, און ווייט ווייט, פון יעדען ווינקעל פון דעם גרויסען לאגער, פארטרינקען די נאכט מיט'ן זינגען „האמווארד באונד" („מיר פאהרען היים").

„באַן זשוויף“ און „אַלעי לאַ דיאַבל“

נאָך אַ היבשע צייט אַרומוואַנדערען איבער פאַרשידענע וויסטע פעלדער, וואו מיר האָבען ווידער אויפגעשטעלט און צוזאַמענגענומען אונזער לאַגער אום ווייטער צו וואַנדערען, זיינען מיר ענדליך געקומען צו אונזער באַשטימטער „עריאַ“, אַרום דער שטאָדט „דיזשאָן“.

אונזער דיוויזיע האָט פאַרנומען אַ שטרעקע פון אַ הונדערט ביי 75 קילאָמעטער, וואו מען האָט אין יעדען שטעדטעל און דערפעל איינגעטיילט צו איניגע קאָמפּאַנים. מיין קאָמפּאַני האָט מען ענדליך צוגעבראַכט צו דעם דערפעל קאַרזשירנאַ, וואו מען האָט אונז צוטהיילט איבער איניגע הייזער און שטאַלען מיט היי, גלייך אַריבער די פּיה און חזירים.

ווי נאָר חברה האָבען זיך איינגעאָרדענט, האָט מען זיך אוועקגעלאָזט איבער׳ן דערפעלע זוכען, און — מען האָט געפונען.

אין אַ פּאָר שטונדען אַרום איז שוין דזשאָנס געווען שכור ווי לוט, איז אַרומגעגאַנגען איבער׳ן דערפעל אַ צושרויפענער, און ווען ער האָט באַגעגענט אויפ׳ן וועג אַן אַלטע אַכציג יאָהריגע פראַנצויזקע, האָט ער זי אַרומגענומען, געקושט און געהאַלזט,

שרייענדיג צו איהר: „מיי סוויט הארט". זיין האנדלונג איז אבער די פראנצויזען ניט געפעלען געווארען און זיי האבען געבעטען די אפיציערען, אז מען זאל האלטען א בעסערע ארדנונג.

מיין חבר, דער „שטערבליך פארליעבטער סאורס", האט מיר פארגעשלאגען, אז ערשטענס זאלען מיר פרובירען עפעס געפינען צום איבערבייסען, קויפען עפעס פון מענשליכען, ניט בלויז פון סאלדאטסקען עסען, און אגב, וועלען מיר אפשר אנשטאט דער שטאל מיט'ן שווערען געדרוד קריגען פאר זיך א צימער אין א פראנצויזישער הויז. איך האב אנגענומען זיין פארשלאג און מיר זיינען אוועק זוכען.

נאך א לאנגען ארומגעהן זיינען מיר געקומען צו אן אלטער הויז פון א שמיד. דער אלטיטשקער פראנצויז מיט קלוגע גוטע אייגעלאך, אהינטער ברילען, און א שמעק-טאבאק פושקעלע לעבען איהם, האט אונז ניט פארשטאנען. דאן איז ארויסגעקומען זיין פרוי. ווי נאר מיר האבען זי דערזעהן האבען מיר געוואלט אנט־לויפען. א קליינינקע, דארינקע, מיט צעפאטעלטע גרויע האר, גרויסע בלויע אויגען מיט נאך גרעסערע בעלמעס, האט זי צו אונז אנגעהויבען שרייען, צי פרעגען אדער בייזערען זיך. מיר האבען אבער ניט געוואוסט וואס זי האט געוואלט. יעדע ווילע האט זי דאס מיך און דאס סאורס'ען אנגעכאפט, און וואס ווייניגער מיר האבען זי פארשטאנען, אלץ שטארקער האט זי געקוויטשעט, ביז זי האט ענדליך אונז אנגענומען פאר די ארבעל, ארויפגעפיהרט אויפ'ן בוידעם פון איהר הויז און מיט סימנים אונז אנגעצייגט, אז מיר קאנען דא איינשטעהן אויב מיר ווילען. זי וועט צונעהמען די פאסאליעס און ציבעלעס וואס זיינען געהאנגען אין צאהללאזע קראנצען און וועט אונז מאכען געלעגערס. הייסט עס, אז זי האט אונז יא פארשטאנען.

שפעטער־צו האט זיך ארויסגעצייגט, אז זיי זיינען מערקווירדיג גוטע מענשען, און מיר פלעגען זיך איינפאך אויסבאהאלטען, אום ניט צו באלעסטיגען זיי, ווייל זיי פלעגען אונז אייבלאדען צו זייערע ארימע מאלצייטען. און ווען מיר פלעגען פרובירען זיי געבען געלט, האט די אלטיטשקע געשריען, אזוי ווי אימיצער וואלט זי וועלען קוילענען.

אז זיי האבען זיך דערוואוסט, אז איך בין א איד, האבען זיי

מאָדנע איבערגעקוקט זיך, אָבער באַלד האָט דער אַלטיטשקער צו־געשמייכעלט און געזאָגט „איזראַעליטע באָן".

דערפאַר אָבער האָב איך גערן אָנגענומען די איינלאַדונגען פון דעם אַלטיטשקען, צו זיצען מיט איהם דורך די אָבענטען אַרום דעם ברענענדען קאַמין. ווייל איך בין געווען אַ ביוגלער, האָט ער מיך גערופען „מאָנסיו טרומפעטאַ", און ביי דעם איינציגען ליכט פון די צאַנקענדע קוילען אין קאַמין, האָבען מיר ווי־ניט־איז זיך דאָך צוזאַמענגערעדט וועגען פיעלעס. אַמאָל פלעגט זיין פרוי אויך צוקומען און ביסלעכווייז האָב איך פאַרשטאַנען דעם אומעט און איינזאַמקייט וואָס האָט געוועהט אין דעם הויז.

דורך איהרע געשרייען און קוויטש האָט זי מיט טרעהרען אין די אויגען מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז זיי האָבען געהאַט צוויי טעכטער און פיער זיהן. די טעכטער זיינען אויסגעגעבען, וואוינען אין די שכנ׳ישע דערפעלאַך, אָבער די זיהן זיינען אַלע אַוועק דיענען פראַנקרייך. צוויי זייגען גע׳הרג׳עט געוואָרען, איינער איז אַ קריפּעל אין אַ האָספּיטאַל און דער פערטער מיט אַ האַרץ־פעהלער דיענט ערגעץ היטענדיג געפאַנגענע דייטשען, און זיי האָבען מיט אַזאַ גיפט געשאָלטען די „באָשעס".

זי האָט מיר אויך ערקלעהרט, אַז אַן אָפיציער וואָלט זי קיינ־מאָל ניט אַריינגעלאָזט אין איהר הויז, ווייל איהרער אַ זוהן האָט שטאַרק געליטען פון אַן אָפיציער.

מיינער אַ חבר האָט מיר שפּעטער דערצעהלט, אַז ער מיט נאָך אייניגע אידען זיינען אַריין אין אַ הויז, וואו מען האָט פאַר איי־ניגע פראַנק געגעבען עסען. זיי האָבען זיך גאָר דערקוויקט מיט די נייע מאכלים, אָבער גראָד האָט זיך איהם פאַרוואָלט אויס־באַריהמען זיך, אַז זיי זיינען אידען, און ווי נאָר דער בעל־הבית האָט עס דערהערט, האָט ער זיי אַרויסגעוואָרפען פון הויז און פאַר בעם אַפילו ניט געוואָלט נעהמען זייער געלט. „סאַל זשוויף, אַלעי לאַ דיאַבל" (שמוציגער איד, געה צום טייוועל), האָט ער זיי נאָכ־געשריען.

איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דער „אַלעי לאַ דיאַבל" שפּילט אַ גרויסע ראָליע אין די דערפעלאַך פון אונזער „עריא" די איי־ניגע אידען וואָס האָבען דאָרט געוואוינט פאַר דורות לאַנג, זיינען אַזוי פאַרפראַנצויזט געוואָרען, אַז זיי האָבען זיך ניט אַרויסגעצייגט

צו אונז אפילו דאן ווען מיר פלעגען קומען און דרייסט פארשטעלען זיך צו זיי מיט אונזער אידישקייט. די קריסטען פלעגען אונז אנ־ציינען מיט א שמייכעלע: „פרעגסט אויף א אידען? — אט דארט יענע „עפיסערי״ איז א אידישע און די צווייטע איז אויך א אידישע און אזוי אייניגע. אבער ווי נאר מיר פלעגען אהין קו־מען, האבען זיי זיך אפגעוועהרט און ס׳איז אויך געווען שווער צו דערקענען אין זיי אידישע שפורען.

ווען איך האב זיך איינגעבירגערט אין קארזשירנא, האב איך זיך דורכגעשריבען מיט׳ן אידישען טשאפליין טאנענבוים, און גע־בעטען איהם, אז ער זאל מיר קריגען אן ערלויבניש ארומצוגעהן איבער דער „עריא״ פון אונזער דיוויזיע, אום איך זאל זיך קאנען זעהן מיט מיינע אידישע חברים און אנדערע אידישע סאלדאטען און אויך אום צו פארזעצען די זאמלונג פאר אונזער קונסט־טעמפעל אין ארץ־ישראל. די פרייהייט האב איך ניט געקראגען, און איך האב זיך גענומען קליגען ווי אזוי ארויסצוכאפען זיך אויף א טאג אדער צוויי אום צו געהן אין א דערבייאיגען דערפעל, וואו איך וועל געפינען מיינע חברים. איך האב זיך ארויסגעלאזען איבער די וואונדער־שעהנע, מיט סאסנע און טאפאל־בוימער ארומגעזעצטע וועגען, וואס האבען אזוי שטארק געדופען מיט זייער אייגענעם צויבער און מיט דער בענקשאפט נאך מיינע חברים, מיט א גארען צו זעהן זיי און אויסגעפינען וועך פון זיי לעבט און ווער עס איז געפאלען.

אידישע געפיהלען און העלדענטאטען

עס איז געווען מיין טרוים צו זאמלען און פארצייכענען אזוי פיעל אידישע העלדענטהאטען און אידישע מאמענטען אין דער אמעריקאנער ארמעע אין פראנקרייך, וויפיעל איך וועל נאר קאנען. אייניגע מאל האב איך זיך שוין גענומען צו דעם, אבער א מין שרעק און עהרפורכט נעהמט מיך ארום, ווען איך דערזעה, ווי אונערשעפליך עס איז דער קוואל. וואס פאר א וואונדערבארע מאנומענטען־ווערק עס קאנען געשאפען ווערען.

אבער, וועה, ווי באשרענקט עס זיינען מיינע מעגליכקייטען, ווי שווער עס איז געווען אונטער סאלדאטסקע אומשטענדען און רעכטלאזיגקייט צו באוועגען זיך און געהן וואו מען וויל, אום כאטש איין אונבאדייטענד־ביסעלע פון אונזערע דימענטען צוזאמענצוקלייבען פון די גרויסע, וויסטע שלאכט־פעלדער; אום כאטש א פאר מנינים פון אונזערע אזוי פיעל וואונדערשעהנע נעמען צו פארציכענען!

אלץ וואס איך האב געקאנט טאן, איז בלויז ברעקלאך צוזאמענקלייבען בעת'ן וואנדערען פון פלאץ צו פלאץ. און ווען מען שטעלט זיך אפ אין דערפעל לעבען דער אינפאנטעריע פון אונזער דיוויזיע, מוז מען זיך קליגען, אויסמארקירען אביסעל צייט, אום שנעל אריבערצולויפען אין שטעדטעל, וואו זיי שטעהען אפט פאר א צעהן־פופצעהן קילאמעטער ווייט. דאס הארץ קלאפט און שרעקט זיך: וועלען זיי זיין איצט אין די בילעטס? צי זיינען ניט פארנומען מיינע אידישע חברים־סאלדאטען מיט עפעס אן ארבייט? אבער דאנקען גאט, געפונען איינציגע פון זיי אין די שייערען אויף בערג היי. און — אה, וואס פאר א שטאלצע, וואס פאר א זעלבסטבאוואוסטע זיי זיינען געווארען!

„זוכסט אידישע העלדען? דו זוך בעסער אידישע פייגלינגע“. — אט די מערקווירדיג־קלינגענדע באמערקונג איז דער ריינער אמת. אט די אונגלויבליך־קלינגענדע באהויפטונג האט איהר אייזען־פעסטען גרונד, וועלכען איך האב דערזעהן אין זיין פולער ריזיגקייט, נאכדעם ווי איך האב זיך צוזאמענגעטראפען פאר'ן קאמף, אין קאמף, נאכ'ן קאמף מיט מיינע אידישע ברידער־סאלדאטען. און דאס איז דער געפיהל און געדאנק פון יעדען אידישען „באי“, אפילו דעם וועניג אידיש־באוואוסטזיניגען, אז „אלס איד, האט ער געמוזט זיין א העלד, אלס איד האט ער ניט געטארט זיין קיין פייגלינג“...

אט איז בלויז איין קלייניגקער אינצידענט פון דעם ערשטען באטאליאן פון מיין קאמפאני, ווען דער איד אלס איד איז געטריבען געווארען צו העראאיזם.

מען האט ערשט אריינגעצויגען זיך אין די פאזיציעס ווייט אין

פאראוים פון „טשאטיל“ אויפ׳ן ארגאן פראנט. די קאנאנען פון ערשטען באטאליאן האבען שוין אנגעהויבען האמערען. דער „העדקוואדערס דיטייל“ פונ׳ם באטאליאן מיט׳ן אדיוטאנט־מאיאר, א פאר אפיציערען, טעלעפאן און טעלעגראף אפערייטארס, און אויך די איניגע „פריוועטס“ האבען געמוזט מאכען זיך „עז סייף ענד עז קאמפארטייבעל עז פאסיבל“, אויף דער זייט פון בארג, צווישען די קאנאנען פונ׳ם באטאליאן און אונזער אינפאנטעריע, וואס ליגט איינגעגראבען ביי א קילאמעטער אהינטער דעם בארג. דער אידישער אנפיהרער פון דעם „ווייערלעס קארד“, שוואס, איז גלייך אוועק צו זיין ארבייט, אויסצושטעלען די דראטלאזע סטאנציע. און אזוי זיינען די איבעריגע „אן דיוטי“ צוגעטראטען צו זייערע ארבייטען. די רעזערוו מענשען האבען זיך גענומען מאכען „עז קאמפארטייבל עז פאסיבל“, און דאס מיינט, איינגראבען זיך אין דער ערד אין באזונדערע גריבער. צווישען זיי איז אויך געווען דער איך דזשאו אש. וועמעס גאנצע דיענסט איז באשטאנען אין פרעסען די אפיציערסקע קליידער און דערלאנגען זיי עסען.

דזשאו האט זיך אויך גענומען צו דער ארבייט: איינצוגראבען זיך און אריבערשטעלען איבער דער גרוב די „פאפ־טענט“. עס האט אויסגעפעהלט א גראב־אייזען, האט אש פארגעלעגט איינעם פון די באיס, ער זאל ארונטערנעהמען די לאפעטקע, וואס שטעקט ארוים פון דעם פאק אויף א געה׳רג׳עטען סאלדאט, פון דער ערשט ניט לאנג דא דורכגעגאנגענער אינפאנטעריע. די „שעלס“ קומען פון דער נארדליכער זייט, האט אש אויסגעקליבען פאר זיך א פלאץ הינטער א דיקען בוים, וואס פארשטעלט איהם אביסעל פון יענער זייט. עס איז א נארישער געדאנק, ווייל גראד קאן זיך אזא פלאץ ארויסצייגען פאר דעם געפעהרליכסטען, ווייל די „שעלס“ האבען דא מעהר שאנסען אפגעשטעלט צו ווערען דורכ׳ן בוים און זיינע צווייגען, און אנשטאט פראגמענטען און שטיקער ערד, קאן מען דא נאך פיעל שנעלער דערווארגען ווערען פון דעם צושמעטערטען בוים. אבער אין אזא צייט, ווען דער פיבער פון זוכען זעלבסט־שוץ האט אלעמען ארומגענומען, האט אויך דער זאנסט דורכגעטריבענער יונג, אנגענומען יעדען אויבערפלעכליכען שוץ פאר גוט.

און מען ארבייט וואס שנעלער, ווייל די דייטשע „שעלס“ טאפען שוין רונד ארום. זיי פאלען אט דא. אט דארטען. אימי־

צער האט אויסגעשריען: „געז!“ מען האט אלץ אוועקגעוואָר־פען און אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די געז־מאַסקעס. אָט איז אַ שעל געפאַלען ביים פוס פון באַרג צווישען איינעגע סאָלדאַטען. זיי פאַלען גלייך אויף דער ערד, אַזוי ווי אונטערגעהאַקטע און לויפען אוועק אין אַלע זייטען. בלויז איינער איז געבליבען, וואָרפט זיך, פּרובירט זיך אויפהויבען און קאָן ניט. ער לאָזט אַרויס איינעגע אויסגעשרייען נאָך הילף, אָבער אַלע זיינען צו־שראָקען, פאַרלאָרען און ווילען זיך ניט ריהרען פון די פּלעצער וואו זיי זיינען, אַזוי ווי דאָרט וואָלטען זיי געווען אַם זיכערסטען. אין אַ ווײַלע אַרום קומט אַרויס דער אָפיציער אין קאָמאַנדע און הייסט, אַז מען זאָל דעם פאַרוואונדעטען ברענגען צום „מעדיקאַל דאָג־אוט“, וואָס איז גלייך דערביי. פיעלע מאַכען זיך אַז זיי הערען ניט. אַנדערע זיינען עפּעס אַזוי ווי שטאַרק באַשעפטיגט מיט אויסערגעוועהנליך וויכטיגעס, וואָס זיי מוזען אָט גלייך, אָט איצט טאָן. און אין יעדענס האַרץ גליהט אַ ברענענדער פאַרלאַנג, אַ האָפנונג, אַז אימיצער אַנדערש וועט אַהין צולויפען דורך דער צייט, וואָס די שעסעריי וועט אַריבער.

דזשאָו אַש וויל אויך ניט געהן. אויך ער האָפט, אַז באַלד וועט אימיצער אַנדערש געהן. אויך ער „פיקסט“ די מאַסקע, אום צו מאַכען זיך, אַז ער איז שרעקליך פאַרנומען. אָבער דער אָפי־ציער זעהט זיי אַלעמען. אַש׳ן אויך. און אַזוי ווי אימציער וואָלט איהם איבער־געוואַלד אַ שטופּ געטאָן, לויפט אַש צו דער ערשטער און דער איינציגער צו דעם פאַרוואונדעטען, כאַפּט איהם אָן אונ־טער די אָרימס און שלעפּט איהם צו צום „מעדיקאַל דאָג־אָוט“, שנעלער, שנעלער, אַזוי ווי אַ „שעל“ וואָלט זיך נאָך איהם נאָכ־געיאָגט.

און ווען איך האָב זיך איינמאָל פאַנאַנדערגערעדט מיט דעם ווייט ניט־הערןאָאישען אַש׳ן, פאַרוואָס ער איז געלאָפען דער ער־שטער, האָט ער אָנפאַנגס געזאָגט, אַז ער ווייס אַליין ניט, אַז עטוואָס האָט איהם אַ ציה געטאָן. איך האָב אָבער געלאָזען איהם ווייטער ריידען, ביז ער איז געקומען צו זיין כאַראַקטעריסטישען: „פאַרשטעהסטו מיך, די גויים האָבען נאָך פון קעמפּ אָן מקנא געווען, וואָס איך דרעה זיך אַרום די אָפיציערען, וואָס איך מאַך אַ פּאָר סענט אַרום שניידעריי. און איין אָפיציער האָט אַמאָל געזאָגט אין דער אָנוועזענהייט פון אַנדערע אָפיציערען און דעם

מיידזשאַר: „אַש, דיין ביזנעס געהט אַן אפילו אין דער אַרמעע און אויפ׳ן שלאַכטפעלד״; און דער טאָפּ־סאַרדזשענט, וואָס האָט מיר ניט געקאָנט געבען קיין „פּעטינגס״ צוליעב מיין באַדינען די אָפיציערען, פלעגט מיר אָפט פאַרוואַרפען, אַז אַ איד געפינט אוים אַ וויכען דזשאַב. אָט דאָס אַלץ האָט מיך געטריבען צו לויפען און אריינשלעפּען דעם פאַרוואונדעטען״.

און ווען איך האָב איהם איבערגעלאָזען איז ער נאָך אַלץ געווען אונטער׳ן איינדרוק, אַז אַלס איד, איז ער נאָך פּיעל, פּיעל פאַרשולדיגט און מוז זיין דער ערשטער אין אַ גויט־פאַל, דער ערשטער אין געפאַהר, אום צו פאַרדעקען זיין זינד פאַר די אייניגע פאַרדינטע פראַנק, דערפאַר וואָס ער האָט אַלס „דזשו״ אַ „סאָפט דזשאַב״ אין דער אַרמעע.

אויפ׳ן פראָנט האָט ער אָבער שוין ניט געהאַט מעהר קיין לייכטען דזשאַב, נאָר ער האָט געמוזט צוברענגען פּראָוויאַנט צו דעם באַטאַליאָן־דיטייל, וועלכער איז אָפט געווען צווישען אונזער קאָמפּענדער אינפאַנטעריע, און אָפט אפילו נאָך ווייטער פון זיי, ווייל אין די לעצטע פאַר וואָכען פונ׳ם ארגאָן־קאַמפּיין, ווען די דייטשען זיינען שוין געלאָפען אויף צוריק, פלעגט מען אָפט פאַרלירען די גרעניצען צווישען דער לייכטער אַרטילעריע און דער אינפאַנטעריע, אָבער קיינמאָל האָבען די דייטשען ניט פאַרגעסען איבערצולאָזען ערגעץ ווייט אַהינטער זייערע ליניעס אַ פּאָר פון זייערע באַטאַרעען, מיט וועלכע זיי פלעגען אַרומשיסען די וועגען אין אונזערע ליניעס, אום צו שטערען אונזער פאַרקעהר, אונזער נאָכיאָגען זיי. און אַש האָט געהאַט גענוג אויסצושטעהן פון די שיסערייען. אָבער קיינמאָל זיינען די באָים פונ׳ם ערשטען באַטאַליאָן ניט געבליבען אָהן זייער עסען. אונטער קיינע אומשטענדען האָט זיי אַש ניט אָפּגענאַרט.

איידער איך וועל קומען צו די איבעריגע אידישע סאָלדאַטען פון וועלכע פיעלע האָבען געצייכנט גאָר אויסערגעוועהנליכע העלדענטאַטען, וועל איך זיך אָפּשטעלען ביי אייניגע ריין אידישע מאָמענטען אויף די שלאַכט־פעלדער.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז ניט דורך אַגיטאַציע, ניט דורך אירגענד וועלכע אידישע פאַרטרעטער, מיט איין וואָרט, עס איז קיין זאַך ניט געווען אין דער גאַנצער אומגעבונג, וואָס

זאָל טרייבען דעם דורכשניטליכען יונגען אידען צו אידישע גע־דאַנקען, צו אידישע געפיהלען, נאָר עס האָט ארויסגעקוואָלען פון זיין אייגענער נשמה, פון זיין אייגענעם וועזען, פון זיין צוגע־בונדענקייט און געטריישאַפט צו אונזער פאָלק.

ס׳איז געווען אין איינעם פון יענע טעג, ווען די גאַנצע מאַכט פון דעם דייטשען ווידערשטאַנד איז נאָך ניט געווען אינגאַנצען געבראָכען, ווען איך האָב איינמאָל גאַלאָפּירענדיג מיט א מעסעדזש צום קאָמאַנדיר פונ׳ם צווייטען באַטאַליאָן דערזעהן ביים זייט וועג ארום אן „אַמוניציאָן דאָמפּ" פון בעטערי „אי", דעם סאָלדאַט מאַרקאָוויטש׳ן. דער מעסעדזש איז געווען א דרינ־גענדער. עס זיינען געווען אינסטרוקציעס און קאַרטען, נאָך וועל־כע דער צווייטער באַטאַליאָן האָט געדאַרפט באַלד עפענען א באַ־ראַזש אויף די דייטשע פּאָזיציעס הינטער סאָמערס. „ברענג עס ווי אַם שנעלסטען, ווען אַפילו דיין פערד זאָל פאַלען" — מיט די ווערטער האָט מיר סאַרדזשענט־מיידזשאָר מידעלברוקס דערלאַנגט די פּאַפּירען.

און פליהענדיג אזוי שנעל ווי דער פערד האָט נאָר געקאָנט טראָגען, האָב איך צוגעשריען צו מאַרקאָוויטש׳ן: „א אידישע צייטונג!" ער האָט שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט, ווייל אָפט פלעג איך איהם צוטראָגען א פּאָר אידישע צייטונגען פון די וואָס איך האָב געקראָגען, און ער וועט שוין איצט וואַרטען ביז איך וועל צוריקקעהרען און געבען איהם נאָך איינע. און ווען איך בין צוריקגעקומען צום זעלבען פּלאַץ און דערלאַנגט איהם די פאַר־שפּראָכענע צייטונג, איז ער מיך באַפאַלען מיט זיינע געוועהנליכע הארציגע דאַנקען. ער קאָן גאָר צו זיך ניט קומען. דריקט מיר די האַנט, קוקט אריין מיט זיינע גוטע אויגען און ווידערהאָלט צום וויפיעלטען מאָל: „א געזונט אין אייך, לאַנג לעבען זאָלט איהר! איהר ווייסט גאַרניט ווי איהר זיינט מיך מחיה מיט דעם!"

מערקווירדיג האָט מיר אויסגעזעהן אַט דעם יונגען איידעלען אידענ׳ס באַגייסטערונג, אונטער די וויט־וויט ניט גינסטיגע אומ־שטענדען, ווייל די וועגען זיינען געווען דער באַליעבטסטער ציעל פאַר דער דייטשער אַרטילעריע און יעדע האַלבע שטונדע פלע־גען זיי אויסקלייבען א באַזונדערע שטרעקע פונ׳ם וועג, אזוי אז

מאַרקאָוויטש׳עס אויפגאַבע צו היטען די אַמוניציע פון זיין באַ־טאַרעע איז געווען ווייט ניט קיין גוטער ביסען. טאָג און נאַכט האָבען זיי אַהער געהאַמערט און איין דירעקטער שאָס וואָלט די גאַנצע אַמוניציע אַנגעצונדען און עקספּלאָדירט. אָבער מאַרקאָ־וויטש האָט זיין אויפגאַבע געטריי אויסגעפיהרט. האָט גלייך דאָ פון אייניגע אַמוניציע־קעסטלאַך געמאַכט פאַר זיך אַ מין נעסט, איז וועלכען ער איז געלעגען דורך די נעכט און דאָס איבעריגע האָט ער איבערגעלאָזען צו גאָט.

„הלואי מופען זיי שוין אַביסעל ווייטער", האָט ער מיר גע־זאָגט אַ פּאָר מאָל. ער וואָלט אַזוי וועלען פּטור ווערען פון דעם פּלאַץ, ווייל דאָ ליגען נאָהענט לעבען איהם פיער צוריסענע פערד און רייטער, וועמענס סוף ער האָט צוגעזעהן די לעצטע נאַכט און אויך אייניגע קערפּערס פון דייטשען און אַמעריקאַנער, וואָס פוילען שוין פאַר היבשע עטליכע טעג. ניין, ער האָט פאַר זיי קיין מורא ניט אפילו אין די לאַנגע איינזאַמע שטונדען פון דער נאַכט, ווען עס פּאַסירט אָפט, אַז צוליעב דער שווערער שיסעריי אָדער דער טיעפער בלאָטע, אין וועלכער עס בלייבען שטעקען די שווערע וואָגענס, געהט דאָ ניט פאַרביי קיין איינציגע לעבעדיגע באַשע־פענים, פאַר שטונדען און שטונדען נאָכאַנאַנד. פאַר טויטע האָט ער דאָ קיין מורא ניט. ווייל ערשט דאָ, וואו עס ליגען אַזוי פיעל טויטע, זעהט מען ווי אונשעדליך זיי זיינען; אַז זיי זיינען פּונקט אַזוי הילפלאָז ווי דער אַרונטערגעשאָסענער בוים ביי דער זייט פון׳ם וועג. אָבער מאָדנע ווילדע און שווערע געדאַנקען און געפיהלען דריקען אין די איינזאַמע שטונדען. און דער גערוך פון מענשליכען פוילען טרייבט אַזש ביז צום וואַהנזין. אַזוי אַז עס ווילט זיך לויפען, אַרויסרייסען זיך פון דעם שרעקליכען אַרום און ווען מען דערהערט אין אַזעלכע שווערע מאָמענטען, אַז די שעלס קומען ווידער אין דעם אומגעגענד, טאַפּען און זוכען אַרום דעם פּלאַץ, אַרט עס גאַנץ ווייניג — זאָלען זיי קומען, זאָלען זיי צורייסען, אַבי עס זאָל שוין נעהמען אַ סוף.

אָט די שווערע געדאַנקען און געפיהלען ליגען איינגעקריצט אויף זיין געזיכט.

מיין צייט איז באַשרענקט. מיר דאַכט, אַז איך האָב פאַר־בראַכט מיט מאַרקאָוויטש׳ן אַ פּאָר איבעריגע מינוטען. עס קומען

שוין די „לימבערס“ (אמוניציע וועגנס) פון זיין באטעריע. באלד וועט זיך אנהויבן אן אינטענסיווע שיסעריי, א „ראלינג בעראזש“, וואס וועט טרעטן ביי טריט פאראויסגעהן פאר אונזער אטאקי־רענדער אינפאנטעריע און אין אזעלכע מאמענטן מוז יעדער „ראנער“ זיין אם פלאץ צוליעב אונערווארטעטע באפעהלען, וואס קאנען אפט נאכפאלגען איינער דעם צווייטען.

„גוד־באי, ברודער!“ האב איך איהם דערלאנגט מיין האנד, שוין זיצענדיג אויפ'ן פערד, ווען איך האב ערשט דערזעהן א מגן־דוד טיעף איינגעקריצט אויף זיין העלמעט.

„א מגן־דוד?“ האט ער מיך איבערגעפרעגט. „איך וויל ניט, אז מען זאל איבער מיר א צלם אויפשטעלען, אבער איך בין ניט דער איינציגער — האט ער זיך אזוי ווי פארענטפערט — די אידישע באיס פון דער 307טער אמונישאן־טריין האבען צווישען זיך אפ־גערעדט, אז די וואס וועלען בלייבען גאנץ, זאלען אכטונג געבען אז עס זאל אויפגעשטעלט ווערען א מגן־דוד אויף די קברים פון די וואס וועלען פאלען“.

ווען איך בין ווייטער אוועק אין פולען גאלאפ צו מיין פאס־טען, איז מיין וועג פאר און נאך פליוויל געווארען שטארק ארומ־געשאסען. עס האבען זיך אויסגעמישט אונזערע לייכטע און שווערע ארטילעריע, וואס הערען ניט אויף צו האמערען. זייערע בייזע מערדערליכע שטימען זיינען וויים, ווייט ניט קיין אידישע. ניט דורך זיי האט מיין פאלק געשטרעבט צו זיין גליק, דורך זיין לאנגען לעבען, אבער, א, ווי אפט האט זיך פון צווישען דעם מערדער־ליכען ליארעם אויך ארויסגעזעהן די אידישע נשמה. ווי אפט עס האט זיך ארויסגעהערט זיין שטימע דורך א „שטעל א מגן־דוד אויף מיין קבר“, און אנדערע וועה־ און האפנונגס־אויסגע־שרייען...

מיט שאול אדעם

דרזש. קאוואר ; ברויט מיט פלייש ; פר. ניסענזאהן ; א. שטיינבערג

זעהר לאנג אבער ליעב האבען מיר אויסגעזעהן די צעהן קילאמעטער וואס האבען אפגעשיידט מיין דערפעל קארזשירנא פון דעם קליינעם דערפעל פרעטטא, וואו א באטאליאן פון איינעם פון אונזערע אינפאנטעריע־רעגימענטען איז איינגעשטאנען און וואוהין איך האב זיך אוועקגעלאזט אויפזוכען מיינע חברים.

וואונדער־שעהן איז דער ברייטער, פיין אויסגעפלאסטערטער וועג, מיט זיינע הונדערט־יעהריגע בוימער פוןביידע זייטען. וואס פלעכטען צוזאמען זייערע צווייגען און פארמירען א צודעק איבער'ן קאפ, איין ענדלאזע אלעע, אויף וועלכער עס ציהט זיך דארט ווייט אין פאראויס א גרויסער וואגען היי, וואס א פארמער האט ווארשיינליך געקויפט אין א דערבייאיגען דערפעל. אט הויבט זיך אויף א סטאיע וואראנעס, פליהען אוועק מיט א קראקען איבער'ן נאך גרינעם פעלד, אהין צום בערגעל. עס איז ניט בלויז דער קארן פאר'ן קומענדען יאהר, וואס איז גרין, נאר אויך די לאנקעס, וואס ווער'ען דורכגעשניטען פון שלענגליכע שטראמען, איבער וועלכע עס בויגען זיך אריבער אונטערגעהאקטע ווערבעס, יעדער בויג פון די צווייגען און ריטלעך שפיגעלט זיך אזוי דייטליך אפ אויפ'ן האריזאנט, וואס איז גרין און העל־גרוי פון ווייטען.

אין אט אזא ליעבען ארום ווילט זיך ניט דערמאנען אן קיין זאך, וואס דארט ווייטער איז, וואס עס ליגט הינטער'ן שלייער פונ'ם האריזאנט. נאריש זעהט אוים דאס אייביגע זוכען, שטרעבען, די אייביגע אונרוהיגקייט פון דער נשמה. אלעס וואס מען דארף נאר, איז ווערען א טייל פון דעם שעהנעם ארום, זאל עס זיין אפילו אט דער ווייסינקער שטיין, וואס ביים זייט וועג, מיט דעם אויפשריפט: „אזוי פיעל און אזוי פיעל קילאמעטער ביז אהין אדער אהער“.

אין פאראוים אויפ'ן ראנד פון הימעל, וואו דאס גרינע איז אזוי שארף איבערגעריסען פון א שמאלען פאס טונקעלען דורכ־

זיכטיגען בלוי, פון דעם ווייטען ווייט, האט זיך אויפגעהויבען און אזוי ווי ארייגעשטאכען זיך אין הימעל א שפיץ פון א קלויסטער, און גלייך איז די אילוזיע ארימער געווארען.

דארט, וואו עס איז דער קלויסטער־שפיץ איז דאס דערפעל פרעטטא. דארט וועל איך געפינען איניגע פון מיינע חברים פון דער אינפאנטעריע, מיט וועלכע איך האב זיך ניט געקאנט זעהן זינט מיר זיינען אריבערגעפאהרען דעם אטלאנטיק. און פיעלע פרישע וואונדען וועלען ווידער אמאל אויפגעדעקט ווערען, וואונדען פון די ערשט דורכגעגאנגענע שלאכטפעלדער.

ניט איינמאל פלעג איך אויף מיינע רייזעס איבער די וועגען אין אונזערע קאמפס־פלעצער אויפ׳ן ארגאן־פראנט, צושרייען צו די איינגעבויגענע לאנגע רייהען אינפאנטעריע, וואס האבען זיך מעהרסטענס געצויגען אונטער׳ן צודעק פון דער נאכט, אום צו שטורמען אין א שטונדע ארום אדער מיט׳ן אנקומען פון פריה־מארגען. איך פלעג צו זיי אויסשרייען, און אזוי שטארק ווי די שטימע האט נאר געטראגען, אויסרופען זייערע נעמען: אדעמס! מאקרענסקי! ראזען! שטיינבערג! אבער קיין איינעם ניט גע־טראפען. איניגע פון דער לאנגער שורה פלעגען זיך אויף א ווײלע אפשטעלען און ווייטער אוועקגעהן. און איך פלעג זיך אליין דער־שרעקען פאר׳ן מערקווירדיגען טאן, פאר׳ן ציטער אין מיין שטימע. איך פלעג האסטיג א ציה טאן דאס פערד, און ווייטער אוועקפאה־רען, אבער ווי נאר איך פלעג ווידער דערזעהן פארשטיקטע פיי־ערלאך פון סיגארעטען, דערהערען איניגע פארשטיקטע שטימען און א הוסטען פון איניגע פון דער לאנגער שורה סאלדאטען, וואס האבען זיך אויסגעזעצט ביי דער זייט וועג זיך אביסעל אפצורוהען, פלעג איך ווידער שרייען און רופען דיזעלבע און אנדערע נעמען. אין דער שטילקייט וואס פלעגט דאן ווערען, אז זייערע געזיכטער, וועלכע איך האב געפיהלט אבער ניט געזעהן, האב איך געשפירט, אז יעדער פון זיי וואלט וועלען זיין איינער פון די, וועמעס נעמען איך רוף אויס. אך, ווי עס וואלט זיך זיי וועלען ענטפערען!...

אך, ווי זיי ווילט זיך דאן, ווען מען איז אויפ׳ן וועג צום קאמף, ווען די איינציגע אויפגאבע, וואס מען האט פאר זיך, איז פארכאפען א דערפעל, אדער א בערגעל, און אויף יעדען שפאן

ערד טאַנצען אַרום טויזענדער טויטע. אָך, ווי עס ווילט זיך דאַן כאַטש איין וואָרט אויסריידען מיט איינעם פון דרויסען, ווען יענער איז אפילו אַליין אַ סאָלדאַט, אָבער וואָס האָט נאָך דער־ווייל ניט געדאַרפט געהן אין אַן אַטאַקע.

איצט אָבער, נאָך אַ פּופּצעהן מינוט גאַנג, און איך וועל זיך מיט זיי זעהען. דעם ערשטען וועל איך אויפזוכען אַדעס׳ן, אַט דעם אונערמיעדליכען ליטוואַק, וואָס האָט זיך ביי אַלע אונזערע חברים באַליעבט געמאַכט נאָך פון קעמפּ אַז, דורך אַרומהאַווען, פּאַרנומען זיין, און זאָרגען פאַר אונזער נאַציאָנאַלען קלוב, פון וועלכען ער איז געווען אַן אונערמיעדליכער בויער.

זיין „אַרומשמייען״ איז ביי אונז אידען געוואָרען אַ מין לע־גענדע, און אָפט אויך אַ געגענשטאַנד פון גוטמוטיגען שפּאַס. אַט דערצעהלט איינער, אַז ער האָט איהם געזעהן אין וואַש־שטיבעל, שרייבענדיג בריעף צו די חברים פון קלוב, אום איינס דעם זייגער ביינאַכט. ווי אַזוי געפינט מען אַדעס׳ן? גאָר איינפאַך. צעהל אָפּ דריי קאַזאַרמעס צו דער רעכטער זייט פון וועג, און ווען דו וועסט קומען צו דער פערטער, וועסטו דערזעהן אַ אידישען פלאַג אָנגעקלאַפּט אויפ׳ן פענסטער לעבען דער טיר. הינטער דעם פענסטער אין זיין בעטעל.

„אַדעס, האָסטו געקראָגען אידישע צייטונגען?״ פרעגט איהם אימיצער. „אָה, וועגען פּאַלעסטינאַ, וועגען אידישען קאָנגרעס?״ כאַפּט ער זיך אויף אַזוי ווי פון אַ חלום.

„אַדעס, האָסטו לעצטענס געקראָגען בריעף פון דער היים?״ „אָה, דו מיינסט אַן ענטפער אויף די רעליעף געלט, אויף דעם פּאַלעסטינאַ אַרבייטער־פאָנד?״ — ענטפערט אַדעס דאָס זייניגע, און ער קריכט אונטער די קאָלדרעס פון זיין בעט, און ער רוקט אַריין זיין האַנט אין בוזים־קעשענע, און דערלאַנגט אייך צייטונגען מיט פריידיגע נייעס וועגען ארץ־ישראל, בריעף ערשט געקראָגען פון פּועלי־ציון קאָמיטעט פון דער רעדאַקציע פון אַ צייטונג און מיט שטראַהלענדע אויגען רעדט ער אַרום: „אַט דו זעה קאָרסט וואָס מען סרייבט! אַז איך זאָג דיר, אַט דו זעה קאָרסט וואָס מען סרייבט!״

ביי די עראינערונגען בין איך אַריינגעקומען אין דערפעל. דאַנ־קען גאָט, די וואך שטעלט מיך ניט אָפּ. אַ פרעג געטאָן וואו איז

קאמפּאני דזשי פון 328טען רעגימענט; אין וועלכען שטאָל שלאָפט אַדעם. און עס צייגט זיך אַרויס, אַז אַלע קאָנען איהם. און דער פאַרשמירטער קוכער איז אַזוי צופריעדען צו טאָן עפּעס פאַר זייער ליבלינג, אַז ער פיהרט מיך צו צום פּלאַץ וואו ער געפינט זיך. „אַדעם, אַדעם! דיינער אַ „דזשו פרענד" איז צו דיר געקומען!" שרייט ער צופרידען. און פון דער שטאָל האָט זיך באַלד דער־הערט אַ גערויש פון היי, אָבער איך וואַרט ניט קיין איבעריגע מינוט, און קלעטער גלייך אַרויף אויפ'ן דינעם לייטער.

„וואָס מאַכסטו! ברודער! זעה ווי געזונט, ווי שעהן דו זעהסט אויס! וואָס הערט זיך מיט דעם, וואָס מאַכט יענער? — און פאַר אַ היבשער ווײַלע האָבען מיר זיך אַרומגעדרעהט אין אָט דעם צעוואָרפענעם קרייז פון פראַגען, נאָך דעם ברידערליכען אַרומ־נעהמען זיך.

די מערסטע אידישע סאָלדאַטען פון אונזער דיוויזיע האָבען מיר געקאָנט. פיעלע פון זיי ביי די נעמען, אָבער נאָך מעהרערע ביים אָנבליק, דורך אונזער צוזאַמענקומען זיך ביי די אַרבּייטען פאַר'ן רעליעף, פאַר ארץ־ישראל, וועלכע זיינען אַזוי גערן אויפגענומען. און איצט, נאָך דער ערשטער פרייד פון אונזער צוזאַמענטרעפען זיך, ביים טונקעלען שיין פון דער איינציגער ליכט, וואָס האָט געברענט אַנגעקלעפּט אויף אַ פּאַק אידישע צייטונגען, האָבען מיר זיך צורעדט וועגען יעדען איינעם פון זיי.

„איך וועל דיך באַלד צוברענגען צו פיעלע אידישע באָיס, אָבער אַ סך זיינען נאָך אין די האָספּיטעלער; דער און דער איז געפאַ־לען"; און אַזוי ציהט זיך אַ פּיינליכע לאַנגע רייהע פון נעמען: קראַנק געוואָרענע, פאַרקריפּעלטע און געפאַלענע.

„העלדען. וואונדערבאַרע געטרייע קעמפער זיינען זיי געווען — האָט ער אַנגעפאַנגען דערצעהלען. — אַך, חבר! קאָנסט זיך גאַר־ניט פאַרשטעלען, וואָס פאַר אַ נאָמען די אידישע באָיס האָבען זיך געמאַכט; און ווי שעהן און ווי הערליך זיי האָבען אויפגע־הויבען דעם אידישען נאָמען אין די אויגען פון די גויים דורך זייער בראַוועקייט, דורך זייער בלוט.

„פיעלע האָב איך באַגראָבען, איבער פיעלע האָב איך קדיש געזאָגט און אויסגעשניטען מגן־דוד׳ים פון האָלץ פאַר זייערע קברים. און דאָס איז בלויז איין ווינקעלע פון חשבון, בלויז איין טייל פון

מיין רעגימענט. וואָס עס הערט זיך אין די אַנדערע רעגימענטען ווייס איך נאָך ניט".

אָדעם דערצעהלט און דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק. טרער־רען פון פּאַרדרוס און צער, אויסגעמישט מיט שטאָלץ און ליעבע, דריקען און שטיקען אַזוי פּיינליך. אַך, וואָס פאַר אַ גוטע, וואָס פאַר אַ ליעבע קינדער מיר האָבען איבערגעלאָזען אויף די פינס־טערע פעלדער פון מאָרד און זינד, ווען אפליו פון אַ פּריוואַטס־קאַמף.

וועגען איינעם, פּר. דזש. קאַוואר, פון קאָמפּאַני דזש.־328־טען רעגימענט, וועמעס העלדענטהאַטען אָהן אַ סוף ער האָט אַליין צוגעזעהן, האָט ער דערצעהלט פאָלגענדעס:

„עס איז געווען אויפ׳ן אַרגאָן־פראָנט דעם 21טען אָקטאָ־בער. אונזער אינפאַנטעריע האָט געהאַלטען אין איין אוואַנסירען הינטער „סאַמערענס", וואו די דייטשען האָבען אַנגעהאַלטען בעז־סערע פּאָזיציעס, וואָס האָבען זיך געצויגען פון האַרט לעבען אונז ביז ווייט הינטער סענט דזשאַנס, און זיי האָבען פּראָבירט מיט אַלע מעגליכקייטען אָפּצושטעלען אונזערע פאָדערשטע רייהען.

„פון הינטער יעדען בוש, פון יעדען שעל־לאָך האָבען זיי גע־שאָסען מיט מאַשין־ביקסען. אין די לעצטע צייטען האָט עס אויס־געזעהן, אַז זיי געברויכען ניט מעהר קיין איינפאַכע אינפאַנטעריע ביקסען. נאָר בלויז די שנעל־שיסענדע, וואָס וואַרפען אַרויס ביז 250 קוילען אַ מינוט. זייער אַרטילעריע איז מעהרסטענס געווען פּינקטליך און מערדעריליך.

„יענעם טאָג האָבען מיר געמאַכט שווערען פאָרטשריט. עס זיינען געווען אַזעלכע קריטישע מאָמענטען, אַז עס האָט אויסגע־זעהן, אַז אָט באַלד וועלען מיר מעהר ניט אויסהאַלטען און אַ לאָז טאָן זיך אויף צוריק. איבער אַ צעהן מאָל האָבען מיר זיך אויפ־געהויבען פון דער ערד, פון דעם ערשט פאַר זיך אויסגעגראָבענעם גרוב, געמאַכט עטליכע שריט פאָראויס, אום ווידער אַנידערצופאַלען אויפ׳ן בויך, אום ווידער אַמאָל פיבעריש איינצוגראָבען זיך אין דער ערד, וואָס איז צום גליק געווען פייכט פון די ערשט אויפ־געהערטע הערבסט־רעגענס. אָבער ביי יעדען טריט פאָראויס פלעגען אונזערע „כוואַליעס" אַלץ שיטערער ווערען. די איבעריגע זיינען פאַרבליבען אין די פון זיי אַליין אויסגעגראָבענע קברים, אין

דעם גאַנצען ברייט פון דעם פעלד, אַדער אַנידערגעפאַלען אין מיטען לויפען, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אָן עפּעס פאַרטשעפּעט, און אַזוי געבליבען מיט'ן פּנים צו דער ערד און מיט ווייט־אויסגע־שטרעקטע הענט.

„דעם קריטישסטען מאָמענט האָבען מיר דורכגעמאַכט, ווען מיר זיינען שוין גאָר נאָהענט צוגעקומען צום באַרג, וועלכער איז ניט געווען אַזוי הויך און שווער צו קלעטערען, אָבער ער איז געווען געדיכט באַוואַקסען מיט בושעס און בוימלאַך, הינטער וועלכע די דייטשע מאַשין־ביקס געסטען האָבען זיך געפונען. און ערשט י״א האָט זיך דער גיהנום צושפּיעלט מיט זיין גאַנצער מאַכט.

„צו אונזער ציעל איז נאָך געווען גאַנץ ווייט. דער אָוועכד האָט אָנגעהויבען צופאַלען, ווען מיר האָבען געמאַכט נאָך אַ צוג פאָר־אויס, נאָך אַ הויב־אויף זיך פון דער ערד, און אָנגעהויבען זיך איינגראָבען גלייך אונטער'ן באַרג.

„מיט מיינע לעצטע כחות האָב איך זיך גענומען אַרבייטען מיט מיין לאָפּעטקע, און אפשר צום פופצעהנטען מאָל פאַנאַנדער־שאַרען פון אונטער זיך די בלאָטיגע ערד. אָבער אַך, טייפעל, אַ לאַנגער שטיין ליגט אין דער ברייט פון מיין נייעם פּלאַץ, און איך האָב זיך שנעל אַריבערגערוקט צו רעכטס צו, וואו עס איז שוין געווען אַביסעל צו געדיכטלאַך פון אונזערע מענשען, און דער קעפּטען און טאָפּ־סאַרדזשענט האָבען זיך אויך דאָרט געפונען אין אַ גלייכער ליניע מיט מיר, און עטוואָס הינטער מיר איז געלעגען אַן איטאַליענער, אַ ליוטענאַנט, און איינינע נאָהענטע פון דער צווייטער „כוואַליע״.

ווען איך האָב זיך ענדליך געגוג טיעף איינגעגראָבען אויף מיין נייעם פּלאַץ, אַזוי אַז איך האָב זיך געקאָנט באַהאַלטען מיט מיין „קאָמבאַט״ פּאַק, האָב איך דערפיהלט אַ שטאַרקען הונגער. שוין לאַנג אַז איך האָב גאָרנישט אין מיין מויל געהאַט און כ'בין געוואָרען גאַנץ פאַרצווייפעלט ווען כ'האָב זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז ביי מיר איז איבערגעבליבען פאַרוואַלגערט אַ שטיקעל ברויט, וועלכען איך האָב אַריינגעלעגט אין מיין קעשענע. מיט ווילדער רציחה האָב איך גענומען איהם קייען, און איך בין אַזוי צופרידען געווען פון מיין געווינס, אַז פאַר מיר זיינען דאָן אַלע שעלס און געפאַהרען אַזוי ווי פאַרשוואונדען. און ווען דאָס שטיקעל ברויט

האט אנגעהויבען קלענער ווערען, האט עס מיך געארט פיעל מעהר, ווי די עקספלאזיאנען, וואס האבען אריבערגעיאגט איינע די צווייטע, און דער דזשעב, דזשעב, דזשעב פון די מאשין־ביקסקוילען, וואס האבען זיך אריינגעריסען אין דער ערד מיט א האסטיגען דינינקען קוויטשען.

„אבער דא איז איין שעל געפאלען גלייך הינטער מיר, און די קראפט פון דעם נאהענטען אויפרייס האט אזוי שטארק א טרייסעל געטאן די ערד, אז מיר האט זיך געדאכט, אז איך ווער ארויסגעווארפען פון מיין שוץ־פלאץ. שטיקער־ערד האבען אנגעהויבען מיט האסט ארונטערפאלען און מיך צודעקען. איך האב אויף א וויילע באהאלטען מיין געזיכט, און ווען די לעצטע שטיקער ערד זיינען ארונטערגעפאלען, איהם ווידער אויפגעהויבען, אום צו דערענדיגען מיין עסען. ערשט איך זעה: א היבש שטיקעל רויט פלייש ליגט אויפ'ן שטיקעל ברויט וואס אין מיין אויסגעשטרעקטער האנט. און, מערקווירדיג! אנפאנגס האט עס מיר אויסגעזעהן אזוי ווי נאטירליך, און אין מיין קאפ איז בליץ־שנעל דורכגעפלויגען דער געדאנק: אהא, ברויט מיט פלייש! און האב עס אנגענומען מיט די שפיץ פינגער — עס איז ווארים! און מאמענטאל האט מיך א גרויל ארומגענומען, דורכגעלאפען איבער מיין גאנצען קערפער, אונטער די האר פון קאפ, און מיין האנט איז אזוי ווי פארגליווערט געווארען. איך האב עטוואס ווילד אויסגעשריען, מאמענטאל ארויסגעווארפען דאס שטיקעל פלייש און האב זיך ביז איבער'ן גארטעל אויפגעהויבען צו זעהן פון וואנען עס קומט. און איך האב דערזעהן א צעהן פוס הינטער מיר ליגענדיג ביים זייט פון זיין צוריסענעם גרוב דעם ארויסגעווארפענעם האלבען קערפער פון דעם ליוטענאנט. ביז איבער'ן גארטעל איז ער צוריסען געווארען אויף פיצלאך, וועלכע האבען זיך געוואלגערט ווי העל־רויטע פלעקען רונד ארום. ווען איך האב א קוק געטאן אויף דעם איבערגעבליבענעם טייל פון זיין קערפער, האב איך דייטליך געזעהן, ווי זיינע לונגען און הארץ האבען זיך נאך עטוואס באוועגט.

„נאך א שעל איז געפאלען, וואו דריי זיינען צוזאמען געלעגען, און אלע דריי זיינען דער'הרג'עט געווארען אויפ'ן ארט. דער איטאליענער, ביי מיין זייט, האט ניט אויפגעהערט צו קרעכצען פון

שרעק: „לאָמיר אוועקגעהן פון דאַנען, מיר זיינען פאַרלאָרען“. אָבער איך האָב איהם ניט געענטפערט.

„דורך דער צייט וואָס איך האָב אויפגעהויבען מיין קאָפּ, האָב איך געזעהן ווי צו אונז קריכט אויף אַלע פיער אונזער ביוגלער, וועלכער איז איצט געווען אַ „ראַנער, און מיר האָבען געוואַרט אויף זיין מעסעדזש. ער איז אָבער דער־הרג׳עט געוואָרען פון די מאַשין־ביקסען און איז געפאַלען אַזוי נאָהענט פון מיין גרוב, אַז איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט און איהם אריינגעשלעפּט צו זיך, אום איבערצונעהמען פון איהם דעם מעסעדזש. ער האָט שוין אָבער מעהר ניט געקאָנט ריידען. מיט ברייט אויסגעשטאַרטשעטע אויגען האָט ער אַזוי פאַרצווייפעלט אַ קוק געטאָן אויף מיר, ארויס־געלאָזט אַ פּאָר לעצטע אָטעמצוגען און אויסגעגאַנגען. איך האָב איהם גלייך צוריק ארויסגעשטופּט און אָפּגעווישט מיין האַנט, וואָס איז געווען איינגעשמירט אין זיין וואַרים בלוט.

„לאָמיר אַנטלויפען פון דאַנען“, האָט דער איטאַליענער ג׳ט אויפגעהערט צו קרעכצען פון זיין גרוב. דער האַרדזשענט האָט צו מיר אַריבערגעשריען, איך זאָל איהם זאָגען וואָס דער „ראַנער“ האָט מיר איבערגעגעבען. „ער איז טויט“ — האָב איך צו איהם צוריקגעשריען און איהם גלייך געפרעגט, וואָס מיר זאָלען ווייטער טאָן. „קום אַהער און איך וועל דיר זאָגען“, האָט ער בייז געענט־פערט, און אין דעם נעקסטען אויגענבליק איז ער אַרויסגעשפּרונ־גען פון זיין גרוב און אַנגעהויבען אַנטלויפען, אַזוי שנעל ווי זיינע פיס האָבען איהם געטראָגען. און ווי אַלע מאָל אין אַזאַ פאַל, האָבען מיר זיך נאָך איהם איבער דער גאַנצער לענג אויפגעהויבען איינער נאָך דעם אַנדערן, און געלאָפען ווי אַ מחנה צושראָקענע האָזען, איבער דער גאַנצער ברייט פון פעלד, איבער שעל־האָלס, איבער געפאַלענע קערפּערס, אַהין, אַהין, צום הויפּט־וועג, וואָס פיהרט צו סאַמערענס, וואו עס זיינען דאָ בעסערע שוץ־פּלעצער, וואו די קוילען גרייכען ניט אַזוי לייכט.

„צוגעקומען אַהין, ליגען מיר אַזוי אין דער פינסטער, אויף דעם לינקען זייט פון וועג. יעדער איינער האָט זיך דערפיהלט געראַטעט, ווי נאָר ער האָט פאַרנומען זיין ווינקעלע, זיין גרוב. פון דער זייט פון וואַנען מיר זיינען ערשט אַנטלאָפען, האָט זיך

דערטראָגען אַן אומאויפהערליכער פּלאַצען און קראַכען פון דעם אויפגעריסענעם שטאָל פון די שעלס און דער גראַנאַטען פון די מאַשין־ביקסען.

„איך ליג אַזוי און קלער, צי אונזערע אָפיצירען זיינען אויך מיט אונז, ערשט מיר האָבען דערזעהן אין דער אָנקומענדער פינסטערניש אימיצען צוקומען צו אונז. דאָס איז געווען דער איי־רישער יונגערמאַן דזש. קאַוואַר, וועלכער איז געווען איינער פון די וועניגע איבערגעבליבענע אויף דעם שרעקליכען פּלאַץ לעבען דעם קאָמאַנדירענדען אָפיציער.

„קאַוואַר האָט אויפגעזוכט דעם טאָפּ־סאַרדזשענט, וועלכער איז אויך געווען דער פיהרער פון מיין פּלאַטון, און האָט איהם איבער־געגעבען דעם אָפיציער'ס באַפעהל, אַז ער זאָל אונז גלייך צוריק־ברענגען. אָבער דער סאַרדזשענט האָט זיך אַנטזאָגט. „איך בין טויט־מיעד, איך בין צוויי מאָל געגעזט געוואָרען, איך קאָן קיין איינציגען טראַט ניט מאַכען", האָט ער גע'טענה'ט. זעהענדיג, אַז ער קאָן מיט איהם ניט אויספיהרען, האָט קאַוואַר צו אונז אויס־געשריען: „באָיס, פאַלאָו מי!" און דער סאַרדזשענט זאָל דאָ בלייבען, אויב ער האָט מורא!" און ער איז טאַקע צוריקגעבלי־בען. אָבער איינער נאָך דעם אַנדערען האָט זיך די גאַנצע קאָמ־פּאַניע אונזערע פאַרמירט אין אַ לאַנגער פּאַנאַנדערגעצויגענער רייהע הינטער קאַוואַר'ן, וועלכער האָט אונז קונציג דורכגעפיהרט דורך אַלע דראָט־נעצען ביז צו דעם נויטיגען פּונקט אויף דער פריי־הערדיגער פּאָזיציע.

„מיט'ן פריהמאָרגען האָט אונזער אַרטילעריע אויפגעהויבען אַ שטאַרקען „באַראַזש" אויף די דייטשען, דאָרט וואו די מייסטע מאַשין־ביקסען האָבען זיך געפונען. און גלייך נאָכדעם האָבען מיר די פּאָזיציע פאַרנומען. די דייטשען האָבען זיך ווייטער צו־ריקגעצויגען אויף אַ היבשער שטרעקע.

„און קאַוואַר, וועלכער איז אַזוי אויך געווען ביי אונז באַליעבט, איז געוואָרען אונזער שטאָלץ און אַן אַלגעמיין אָנערקענטער העלד. אָבער ניט אויף לאַנג. דעם דריי־און־צוואַנציגסטען נאָכמיטאָג, ווען מיר האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ ווייטערדיגען „עטטער דהעם", שוין פיער אָדער פינף קילאָמעטער ווייט הינטער סאָמע־רענס, איז קאַוואַר געפאַלען פון אַ מאַשין־ביקס קויל, וועלכע האָט

איהם געטראָפען באַלד ווי ער האָט זיך, אויף דעם סיגנאַל צו אַד־ווענסען, אויפגעהויבען פון זיין שוץ־פּלאַץ. איך האָב איהם גע־זעהן פאַלען, אָבער אָפּשטעלען זיך, צולויפען צו איהם, האָט מען ניט געטאָרט, מען האָט געמוזט געהן ווייטער, ווייטער.

„איך בין ניט קיין בלוט־דורשטיגער מענש, אָבער, אַך, ווי מיר האָט זיך געוואָלט דאַן באַגעגענען פּנים־אל־פּנים מיט די דייט־שען... ערשט אין איניגע טעג אַרום, ווען מיר האָבען זיך צוריק־געצויגען פון דער ליניע, האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז קאָוואַר איז פאַר זיינע העלדישקייטען רעקאָמענדירט געוואָרען פאַר אַ ליי־טענאַנט, אָבער ער האָט ניט דערלעבט אַליין צו וויסען וועגען דעם.

„פרעגסט, אויב ער האָט געהאַט אַ אידישע נשמה. אין קעמפּ האָט זיך דאָס גאַנץ וועניג אַרויסגעצייגט. איך האָב געמיינט, אַז דער „ניו יאָרקער" איז איינער פון די אַמעריקאַניזירטע — און פאַרטיג. אָבער דאָ, אויפ׳ן שלאַכטפעלד, פלעגט ער מיר נאָר האַלטען אין איין פרעגען: „וואָס שרייבען די אידישע צייטונ־גען?" „איז אין ארץ־ישראל שוין טאַקע דאָ אַ אידישע רעגירונג?" איין מאָל האָט ער אַזוי טרויעריג און פאַרטראַכט אַ זאָג געטאָן. „ווייסט, סאַול, איך פיהל זיך פיעל בעסער, ווען עס קומט צו מיר אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, אַז מיר פייטען אויך פאַר די אידישע אינ־טערעסען".

די לעצטע ווערטער האָט אַדעס אַרויסגערעדט מיט אַ מאָדנעם פריידיגען שמייכעל, און טרעהרען גיסען זיך.

אָבער וויין ניט, אַדעס, וויין ניט. עס איז ניט פאַר אַ סאָל־דאַט, פאַר אַזאַ געזונטען, גרויסען יונג, ווי דו ביזט.

„קאָנסטו ניסענזאָהנ׳ען פון מיין קאָמפּאַניע? — האָט ער ווייטער אָנגעהויבען. — עס איז געווען דעם אַכטען אָקטאָבער, הינטער שאַטעל, אַנטקעגען דעם באַרג, צו וועלכען מיר האָבען זיך צוגע־רוקט און געדאַרפט באַלד שטורמען. אָבער עס איז געווען איינע פון די שווערסטע אויפגאַבען, ווייל די דייטשען האָבען געזעהן אונזער יעדער באַוועגונג, און יעדער יאַרד פון באַרג איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מאַשין־ביקסען. מיר האָבען אַוואַנסירט אין צוויי „וועיוס". ניסענזאָהן איז געווען אין דער הינטערשטער,

װעלכע איז נאָך געװען אין אַ בעסערער לאַגע, װײַל זי האָט זיך ניט אײַנגאַנצען אַרױסגעזעהן פֿון טאָל און האָט נאָך דערװײַלע װעניג װאָס געליטען. די ערשטע „װײַװו" איז אָבער שױן געװען שטאַרק צעפּליקט און איז פֿון מינוט צו מינוט שיטערער געװאָרען. און גלײַך אַנטקעגען ניסענזאָהנ׳ען איז אין דער פֿאָדערשטער ליניע געװען דער סקװאָד, װאָס איז אָנגעפֿיהרט געװאָרען פֿון דעם אידישען קאָרפּאָראַל ראָזענבערג.

„זעהענדיג װי די ערשטע רײַהע װערט אױסגעראָט פֿון דעם מערדערליכען פֿײַער, און אַז זײַנע בלײַבט נאָך אַלץ אױף דעמזעלבען פּלאַץ, האָט זיך ניסענזאָהן אַװעקגעלאָזט קריכען איבער דער שטרעקע ערד, װאָס איז געװען צוריסען און איז געבליבען בײַ דער זײַט פֿון ראָזענבערג׳ן, װעלכער האָט זיך אױף איהם אָנגעהױבען בײַזערען און האָט געשריען: „אַװעק פֿון דאַנען. אַזױ לאַנג דו האָסט נאָך אַ מעגליכקײַט, דו באַלאַנגסט דאָ ניט. נאָך װאָס ביזטו אהער געקראָכען ?" אָבער ניסענזאָהן האָט איהם ענטשלאָסען געענטפֿערט: „איך בלײַב מיט דיר, און װאו דו געהסט, װעל איך געהן..." און איז דאָרט געבליבען אונטער דער שרעקליכער קאַנאָנאַדע און געשאָסען, ביז זײ זײַנען בײדע פֿאַרװאונדעט געװאָרען.

אַט די מערקװירדיגע פּאַסירונג קאָן ערשט דאַן פֿאַרשטאַנען װערען, װען מען װערט באַקאַנט מיט אײניגע פֿריהערדיגע ערפֿאַהרונגען, װאָס ניסענזאָהן האָט דורכגעמאַכט אין דער אַרמעע און אױפֿ׳ן שלאַכטפֿעלד.

„אַן אײדעלער, װאָרימער איד פֿון אימיגראַנטען־טיפּ, פֿון ערגעץ פֿון ניו יאָרק סטײט, האָט ער ניט אין אַלץ אױסגענומען בײַ פֿיעלע פֿון די פּראָסטע עלעמענטען פֿון די קריסטליכע סאָלדאַטען. דאָס װאָרט „דזשו" איז איהם געװאָרפֿען געװאָרען אין פּנים. און נאָך אײן װירקליך קוריאָזער פּאַסירונג האָט מען איהם גענומען רופֿען פֿײגלינג. עס איז געװען צוליעב דעם, װאָס אײן מאָל, נאָך אין סט. מיהיעל סעקטאָר, שטעהענדיג אין אַ פֿינסטערער נאַכט אױף דער װאַך, אױף אַ װײַט אַװאַנסירטען פּאָסטען, האָט ער אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקײַט פֿון „נאָו מענ׳ס לענד" אָנגענומען דעם זשומען און שטילען גערױש פֿון די בלעטער פֿון אַ דערבײַאיגען בױם פֿאַר אַ מחנה זיך אונטער׳גנב׳ענדע דײַט־

שען, און האט אלעמען אויפגערודערט דורך זיין אויסשיסען איי דעם בוים.

„פיעל קוריאזערע עפיזאדען האבען פאסירט מיט אנדערע פון דער קאמפאניע, אבער זיי זיינען פארגעסען געווארען, נאכדעם ווי מען האט זיך געוואוינט אנגעלאכט. אבער ניסענזאהן'ס אינצידענט האט מען ניט געוואלט פארגעסען, און ער האט דעם נאמען פייג־לינג, באגלייט מיט דעם ליעבהארציגען „דזשו". געטראגען ביז דעם 8טען אקטאבער, ביי דער שלאכט אין דעם ארגאן־וואלד, ווען ער איז געווען דער איינציגער צו פארלאזען זיין מעהר־זיכערע ליניע און אריבערגעגאנגען צו דער ערשטער, כמעט אויסגעראטע־נער. פון מיליטערישען שטאנדפונקט איז די העלדישקייט דאן ניט געווען נויטיג, אבער פאר דעם אידישען סאלדאט ניסענזאהן האט עס געהאט א גרויסען זין...

פרייוועט ד. וואלדמאן, פון פילאדעלפיא, א „סטרעטשער בערער" פון קאמפאניע „עז", מעדיקעל דעטעטשמענט 328טען אינפאנטעריע רעגימענט, איז רעקאמענדירט געווארען פאר א די. עס. סי. (דיסטינגווישט סורוויס קראס), און אט פארוואס ער קריגט עס:

„עס איז געווען דעם 13טען אקטאבער, ווען זיין קאמפאני האט זיך אריינגעצויגען צום אנפאנגס־פונקט, פון וואנען זי האט זיך געדארפט פארמירען פאר אן אטאקע קומענדען פריהמארגען. דערווייל האט מען פארנומען א גאנץ היבש־באשיצטען פלאץ, וואו עס האבען זיך זאגאר געפונען א פאר טיעפע שוץ־גראבענס, וועל־כע זיינען פארנומען געווארען פון די אפיציערען און פון דעם מעדיקאל יוניט. דאס איינציגע, פון וואס מען האט געהאט פיעל אויסצושטעהן, איז געווען די דייטשע ארטילעריע, וואס האט ניט אויפגעהערט שווער ארומצושיסען דעם פלאץ; אבער ניט קוקענ־דיג אויף דעם וואס די סאלדאטען זיינען געשלאפען אונטער'ן אפענעם הימעל, בלויז איינגעגראבען אין אפענע אינדיווידועלע טראנשעען, איז אלץ צוגעגאנגען גאנץ גלאטיג ביז א זייגער צוועלף אין דער נאכט, ווען א שווערער מאסטארד־גאז־שעל איז געפאלען אויף דעם פלאץ, וואו דריי זיינען געלעגען, און גלייך נאכדעם האט מען דערהערט פארצווייפעלטע רופען נאך הילף.

„אָך, ווי באַקוועם עס פיהלט זיך אין אַזאַ צייט אין אַ טיעפען זיכערען „דאַג־אוט“, וואו פעלדמאַן מיט די איבעריגע פון דעם מעדיקאַל יוניט זיינען געווען! יעדע שעל, וואָס פליהט אריבער מיט איהר צאַרנדיגען וויז־ז־ז־ז, מאַכט נאָך ליעבער דעם שוץ־פּלאַץ, ווען ער איז אפילו פול מיט שמוץ און ראַצען, און אַפּט אויך מיט אַ גוט־באַהאַלטענער מינע, וואָס די דייטשען האָבען איבער־געלאָזען, איידער זיי האָבען פאַרלאָזען דעם פּלאַץ. אָבער וואַלד־מאַן האָט דערהערט די געשרייען נאָך הילף, און ער האָט גלייך אויפגעוועקט די איבעריגע חברים. „באָיעס, עטוואָס האָט געטראָ־פען! איהר הערט די געשרייען? לאָמיר ארויסגעהן העלפען!“ וועקט ער זיי און רופט זיי מיטצוגעהן מיט איהם; אָבער קיינער פון זיי ריהרט זיך ניט. דערווייל אָבער הערען זיך די פאַרצווייי־פעלטע געשרייען פון די אונגליקליכע, און ער איז אליין ארויסגע־לאָפען אין דעם שרעקליכען דרויסען.

„גלייך ווי ער איז ארויס און האָט דערשפּירט דעם שטאַר־קען גערוך פון מאַסטאַרד־געז, האָט ער אָנגעטאָן זיין מאַסקע, איז צוגעקומען צום אונגליקס־פּלאַץ נאָך די געשרייען נאָך און האָט זיי אָנגעהויבען ארומטאַפּען. איינער איז געלעגען שוין אַ קאַלטער. מיט דער ריזיקע פון זיין אייגענעם לעבען האָט ער ארונטערגע־נומען זיין מאַסקע, אום בעסער צו טאָן זיין ארבייט, און ארומוויק־לענדיג די פאַרוואונדעטע, האָט ער צווישען די קוויטשערייען פון די אָנקומענדע שעלס נאָך אַלץ געשריען: „קומט ארויס און העלפט די פאַרוואונדעטע!“ און זעהענדיג, אַז קיינער קומט ניט, האָט ער אויפגעוועקט דעם קעפּטען און געפאָדערט נאָך אַ פּאָר מענשען מיט סטרעטשערס, אום צו ברענגען די אומגליקליכע אין דער ערשטער־הילף־סטאַנציע. „געה און נעהם וועמען דו ווילסט“, האָט דער קעפּטען געענטפערט. און דעם קעפּטענ׳ס באַפעהל האָט געווירקט.

„איצט איז וואַלדמאַן דער איינציגער אין זיין קאָמפּאַניע, וואָס איז רעקאָמענדירט פאַר אַ „די. עס. סי.“ — אַזוי האָט איהם איבערגעגעבען דער בעאַמטער, וועלכער איז אָבער פונקט אַזוי ווי די איבעריגע אייפערזיכטיג, וואָס דער איינציגער פון זיין קאָמ־פּאַניע, צו קריגען אַזאַ כבוד און אָנערקענונג, איז אַ איד. אָבער פונדעסטוועגען האָב איך איהם, אַ שכור׳ען, געהערט איינמאָל

זאָגענדיג צו זיינעם א פריינד: „אבער די נאָר דעם רזשום זיינען דאָך גוטע סאָלדאַטען".

„פרעגסט זיך נאָך אויף שטיינבערג׳ן?" — האָט ענדליך אָדעם איינגעוויליגט צו דערצעהלען וועגען אָט דעם חבר, וועלכען מיר האָבען געליעבט צוליעב זיין אויפריכטיגקייט און ליעבע צו אַלץ און אַלעמען, וואָס איז גוט און גערעכט, און צוליעב זיין אונער־מיעדליכער ארבייט נאָך זיינע מעגליכקייטען נאָך, פאַר אונזער פאָלק׳ס צוקונפט, אַלס אַן ענטוזיאַסטישער פּועל־ציון.

„ער איז שוין איינמאָל געווען פאַרוואונדעט, און איז נאָך אַ קורצער צייט ליגען אין האָספּיטאַל צוריקגעקומען צו זיין יוניט מעד. דעט. קאָמ. א־326 אינפ., און איז אָנגעקומען פונקט אין דער צייט, ווען זיי האָבען זיך געדאַרפט ארויפציהען צו די ערשטע ליניעס; אבער האַרט לעבען פליוויל איז ער געטראָפען געוואָרען פון אַ שעל, מען וואָלט זיין צוריסענעם קערפּער מעהר ניט געקאָנט דערקאָנען, ווען ניט די „טעגס", וואָס מען האָט אויף דעם פּלאַץ געפונען, און אַ פּאַלעסטינא־ארבייטער־פאָנד מעדאַל, וועלכען ער האָט געטראָגען אויף דעמזעלבען שנירעל.

„גראָד איז מיר אויסגעקומען צו זיין ארום דעם פּלאַץ, וואו ער איז געפאַלען, און איך האָב געזעהן, ווי מען האָט די שטיקער צוזאַמענגעקליבען און אוועקגעלעגט זייט ביי זייט מיט די אַנדערע הרוגים ביים ראַנד פון דעם לאַנגען גרוב, וואו מען האָט זיי גע־דאַרפט באַלד ארונטערלאָזען. עס זיינען דאָרט געווען נאָך צוויי אידישע קרבנות, און איך האָב איבער זיי אַלעמען געזאָגט קדיש און האָב זיך געוואָלט אויף גיך אריבערכאַפּען אין פליוויל, אום צו געפינען אַ שטיקעל ברעטעל, פון וועלכען איך זאָל קאָנען אויס־שניידען מגן־דוד׳ס. ערשט איך דערזעה אויף דעם זעלבען פּלאַץ, וואו ער איז געפאַלען, אַ טייל פון אַ האַנט און איינינע שטיקער פלייש. אַ, ווי פאַרציטערט איך בין געוואָרען: ווי שרעקליך עס האָט דאָן געדריקט דאָס האַרץ פאַר מיין אָרימען חבר! גאָט איז מיין עדות, ווי איך קאָן ניט באַריהרען בלוט, אָבער אָט די שטיקער האָב איך צוזאַמענגעקליבען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען דימענטען, און איך בין באַשטאַנען אויף דעם, אַז מען זאָל צוריק אראָפּשאַרען פון איהם דאָס ערד און עס צוגעבען צו דעם, וואָס עס איז געבליבען פון שטיינבערג׳ן."

מיר ווייסען ניט, אויב ער האָט זיך מיט עפּעס אויסערגעוועהנליכעס אויסגעצייכענט אויף די שלאַכטפעלדער; אין איין זאַך זיינען מיר אָבער זיכער, און דאָס איז, אַז אַלס „איד“ איז ער געוועזען איינער פון אונזערע שעהנסטע.

„צופעליג האָב איך איהם איינמאָל באַגעגענט אויף אונזער מאַרש פון סט. מיהיל צום אַרגאָן־פראָנט, — דערצעהלט וויטער אַדעס, — דערזעלבער שלאַנקער, מיט אַן אייביג־שטיפערישען אָבער אַזאַ האַרציג־גוטען שמייכעל; האָט ער מיך באַגעגענט מיט אַ פריידענס־אויסגעשריי און אָפענע אַרימס. און נאָך דער ערשטער איבעררַאשונג האָט ער שטיפעריש אַ זאָג געטאָן: „ביזט אויף צרות? האָסט ניט קיין סיגאַרעטס? טאָ נאַ דיר אַ פּעקעל“. „פון וואַנען ווייסטע, אַז זיי פעהלען מיר אויס?“ פרעג איך איהם פאַרוואונדערט. „אַט נעהם זיי צו און מאַך ניט קיין נאַרישע שטיק! — לאָזט ער ניט אָפּ — און איצט קום אין שטעדטעל אריין. איך וועל דיך אַריינברענגען אין אַ פראַנצויזיש הויז, וואו מיר וועלען עסען אַ היימישען מאָלצייט“.

„און ווען מיר זיינען שוין געזעסען ביים טיש און געטרונקען דעם וויין, וואָס איז געוועזען שטרענג פאַרבאָטען, אָבער שטיינבערג האָט עס ערגעץ געקראָגען, האָט ער מיט אַן אומעטיגען ערנסט אַרויסגערעדט: „חברים, וועט עס ניט זיין אַ גרויסער שאָדען און פאַרדרוס, ווען אימיצער פון אונז וועט פאַלען? מען דאַרף דאָך אונז אַזוי שטאַרק האָבען אין ארץ־ישראל נאָכ'ן קריעג; און אין די היימען אויך“, האָט ער מיט אַזאַ וועהמוטיגדיג געלעכטערעל צוגעגעבען. „אָבער, עך!“ טוט ער זיך מיט אַמאָל אַ האַסטיגען הויב־אויף פון זיין שטוהל מיט'ן ביסעלע איבערגעבליבענעם וויין אין האַנט. :מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז מיר וועלען אַלעס איבערלעבען, אַלעס איבערקומען; אַז מיר וועלען אין אונזער ארץ־ישראל טרינקען בעסערען און מעהר וויין. לחיים, ברידער! לחיים, מיינע צוקינפטיגע פּ אַ ל ע ס ט י נ ע ר שכנים!“

און שפּעטער האָט ער אויסגעשריען: „ווער גיט צוויי פראַנק אַנטקעגען מיינע דריי פאַר'ן פּאַלעסטינאַ־אַרבייטער־פאָנד“? — האָט זיך איינער אָפּגערופען אויף זיין אַנבאָט און דערלאַנגט דאָס געלט; ערשט שטיינבערג שרייט ווידער אויס מיט נאָך מעהר ברען: „נו, און איצט, ווער גיט פינף פראַנק אַנטקעגען מיינע

אכט?" — „חבר", פּרובירעו מיר איהם אָפּשטעלען, „דאָס איז דאָך אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט". „דו, נאַרעלע איינער", ענטפערט ער מיט דעם זעלבען הארציגען געלעכטער. „ווייסט איהר דען ניט, אַז דער פּאַלעסטינאַ־ארבייטער־פאַנד נויטיגט זיך אין דאָס געלד פיעל מעהר ווי איך?" — און מיר האָבען געמוזט אָנגעהמען זיין אויסרוף", — האָט אַדעם פאַרענדיגט, און האָט פאַר אַ היבשער ווייל אַזוי ווי אַ פאַרגליווערטער, אַ דערשלאָגענער פון דעם גרויסען אומגליק, באַוועגלאָז געקוקט אין דעם פינסטערען ווינקעל פון שטאַל, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט אַ שטילער טרוקענער גראָבלען.

„חבר, דאָס ליכט געהט אויס!" — האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אַז דער געלעגענהייט אום צו צושטרייען איהם אַביסעל.

ער האָט אַ צווייטע אָנגעצונדען. און ווען ער האָט זי ארויפגעקלעפּט אויפ׳ן פּלאַץ פון דער אַלטער, האָט ער מיט אַ האַסטיגען שטאַרקען ציטער, אַזוי ווי אין קאָנוואולסיעס, אייניגע מאָל אויסגעשריען:

„אַה, אַה, אַה, גאָט אין הימעל! דאָס זיינען דאָך בלויז אייניגע פון אַזוי פיעל! אַ, גאָט! וואָס פאַר אַ פּרייז מיר האָבען עס געצאָהלט! וואָס פאַר אַ פּרייז!"

און ער האָט זיך האַסטיג אַראָפּגעלאָזט אויף דעם היי מיט׳ן קאָפּ איינגעפּרעסט אין זיינע הענט.

דער אמת וועגען סאַרדזש. אַלווין יאָרק

ווען אַדעם האָט מיך באַגלייט אויף מיין וועג צו קאָרזשירנאַ האָט ער ווייטער דערצעהלט:

„איינע פון די אינטערעסאַנטסטע ערפאַהרונגען", האָט ער אָנגעפאַנגען, „האָב איך געהאַט דעם 8טען אָקטאָבער שוין ווייט אַהינטער טשאַטיל, וואו מיר האָבען געמאַכט דעם אַלגעמיינעם אַדוואַנס צו שטורמען אייזענבאַהן רעלסען. מיין „פּלאַטון" האָט געקראָגען אינסטרוקציעס ארויפצוגעהן דעם בארג ביז אַ באַשטימטען פונקט וואו איין בוים איז ארויפגעפאַלען אויף דעם צווייטען, נאָכדעם אָפּקעהרען זיך רעכטס, און געהן אַזוי לאַנג ביז מיר וועלען זיך ווידער פאַראייניגען מיט די איבעריגע פּלאַטונס פון

די אטאקירענדע מחנות און ערשט פון דארטען האבען מיר גע־דארפט מאכען דעם לעצטען אנפאל אויף דער באהן.

„דער וועג ביז ארויף בארג איז אויף דעם פלאץ געווען א גאנץ שטילער. ווען־ניט־ווען פארבלאנדזשען א פאר שעלס, אבער מיר זיינען איינער נאך איינעם, דורכגעגאנגען אונבאמערקט פון די דייטשען, און נאך א האלבע שטונדע גאנג צווישען הויכע קוסטעס און בוימלאך, האבען מיר זיך א קעהר געטאן צו רעכטס אזוי ווי די אינסטרוקציעס זיינען געווען. אבער וואס ווייטער מיר זיינען געגאנגען צווישען די שטעכיגע בארג־קוסטעס, אלץ מעהר האבען מיר זיך געוואונדערט פארוואס איז דא געווארען אזוי אויסערגעווערהנליך שטיל. בלויז א ווייטען פארטויבטען קא־נאנען־שיסעריי האבען מיר געהערט, מיר האבען פארלוירען די נויטיגע ריכטונג, און נאך א קורצער באראטונג האבען מיר בא־שלאסען אומצוקעהרען זיך צום זעלבען פונקט, פון וואנען מיר האבען אנגעפאנגען אונזער אדוועגס אום פון דארט צוריקצוקריגען די נויטיגע ריכטונג.

אויסגעמאטערטע, ענטוישטע פון דעם אונאויפהערליכען קאמף און פון דעם בלאנדזשען, האבען מיר זיך צוריקגעלאזט אראפ בארג. דער סארדזשענט, וואס האט אונז אנגעפיהרט (א גרופע פון 17) איז געווען אזוי דערשלאגען און בייז, אז ער האט אויף קיין פראגע אדער פארשלאג ניט געענטפערט, נאר ווייטער געגאנגען איבער א שמאלען שטעגעל, און מיר האבען איהם נאכגעפאלגט. דער דריטער אין רייהע, בין איך אבער געווען דער ערשטער צו דער־הערען קלאנגען פון מענשליכע שטימען, שש... האב איך אלעמען אפגעשטעלט, און צו אונזער גרויסער איבערראשונג האבען מיר עטוואס לינקס, בלויז איניגע שפאן פון אונז, אפגעטיילט דורך א גרופע צופליקטע בוימער, דערזעהן א מאסע דייטשע מיליטער, זייערע ביקסען צוזאמענגעשטעלט. די מעהרסטע זיינען געזעסען אויפ׳ן ליידיגען פלאץ און האבען געגעסען זייער גוט־באקאנטען גרויס־פריהשטיק (אזייגער צעהן אין דער פריה). ווי אונטערגע־האקט פון אן אונזעהבארער האנט זיינען מיר מאמענטאל אני־דערגעפאלען אויף דער ערד און געעפענט אויף זיי א האסטיגען פייער פון אונזערע אטאמאטישע ביקסען.

מיט א געמיש פון אויסגעשרייען זיינען די דייטשען אויפגע־

שפרונגען פון זייערע ערטער, ארונטערגעווארפען פון זיך דאס ביסעל געוועהר, גראנאטען און גארטלען אמוניציע, האבען אויפגעהויבען די הענט און פון דעם אלגעמיינעם טומעל און געשריי האט זיך אלץ דייטליכער דערהערט זייער פארצוווייפעלטער „קאמעראד, קאמעראד!" א טייל פון אונז האבען זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, און איינגעבויגענע מיט אנגעשטעלטע באיאנעטען צוגערוקט זיך צו זיי און אנגעהויבען זיי אפטרייבען פון דעם פלאץ וואו די צעווארפענע געוועהר איז געווען. איינציגע פון זיי האבען באמערקט אז מיר זיינען אין א קליינער צאהל און די ווייטסטע, וואס אויפ'ן לינקען פלאנק האבען אנגעהויבען ווארפען אויף אונז האנט־גראנאטען און שיסען פון מאשין־ביקסען. אויס פארדרוס האבען זיי געשאסען אויך אין זייערע אייגענע מענשען, וועלכע זיינען געבליבען מיט אויפגעהויבענע הענט. מאמענטאל זיינען מיר צוריק אראפגעפאלען אויף דער ערד און האבען געענטפערט מיט אזא פינקטליכקייט און פלינקייט, אז די פון די דייטשען וואס האבען זיך געוועהרט זיינען אזוי ווי אונטערגעשניטען געווארען פון אונזערע קוילען. בלויז איינציגע פון זיי האט זיך איינגעגעבען צו אנטלויפען אין וואלד.

„פון דער קורצער שיסעריי זיינען אויסער זייערע [illegible] געפאלענע און פארוואונדעטע אויך פון אונזער זייט געטויטעט געווארען 6 און דריי שווער פארוואונדעט. ניט פארלירענדיג קיין פיעל צייט האבען מיר געהייסען זיי אויסשטעלען זיך צו צוויי אין א רייהע, און אוועקווארפען דאס איבעריגע ביסעל געווער וואס איינציגע פון זיי האבען נאך באהאלטען. ערשט דאן האבען מיר דערזעהן ווי גרויס אונזער געווינס איז. אויסער איינציגע אפיציערען איז צווישען זיי אויך געווען א מיידזשאר, וועלכער האט פון פארדרוס געקריצט מיט די ציינער, און צווישען די קללות געהאלטען אין איין ארויסקרעכצען „אומגעריכט, אומגעריכט, פון הינטען ארום". אבער עס האט זיי ניט געהאלפען זייער כעס און אונטער די שפיצען פון אונזערע באיאנעטען האבען זיי געמוזט אויספאלגען אלץ וואס מיר האבען זיי געהייסען. קארפאראל „יארק" האט איבערגענומען די קאמאנדע, ווייל אונזער בראווער סארדזשענט איז געווען צווישען די געהרג'עטע. אויף מיר און נאך א אידישען סאלדאט איז אויסגעפאלען די פליכט צו געבען

זיי די קאָמאַנדעס, ווייל מיר זיינען געווען די איינציגע וואָס האָבן זיך געקאָנט מיט זיי צוזאַמענרעדן.

„איך האָב זיי געגעבן אַ קאָמאַנדע צו גיין, און וואָס נעהנ־טער מיר זיינען צוגעקומען צו אונזערע ליניעס אַלץ לעבעדיגער זיינען זיי געוואָרן און די מערסטע פון זיי האָבן אָנגעפאַנגען אָפּן אויסדריקן זייער צופרידנקייט דערמיט וואָס זיי זיינען געפאַנגען געוואָרן.

וואָס פאַר אַ מערקווירדיגע קאָלעקציע זיי זיינען געווען: ניט ראַזירטע, שמוציגע, הונגעריגע, אָפּגעריסענע, אין דעם עלטער פון 17 ביז 40 יאָהר. בלויז די אָפיציערן און אייניגע פּריסישע סאָל־דאַטן האָבן געהאַט אַ מיליטערישן אויסזעהן. די איבעריגע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מין פאַרזאַמלונג פון קאָמעדיאַנ־טן אין טיפע העלמעטס און לאַנגע אָפּגעבליאַקעוועטע, צוריסע־נע שינעלן".

„מיין הער! מיין הער!" האָט אַ בעטענדע שטימע מיך אָפּגערופן. עס איז געווען איינער פון די וואָס האָט געהאָלפן טראָגן אונזערע אַ פאַרוואונדעטן. אויף מיין פראַגע וואָס ער ו[illegible] האָט ער געבעטן אַז איך זאָל אימיצן אַנדערש איבערגע־בן זיי[illegible]אַסט. איך האָב דאָס גלייך געטאָן און אויך אַראָפּגע־נומען דעם שווערן פעקל, וואָס איינער פון אונזערע סאָלדאַטן האָט אויף איהם אַרויפגעהאַנגען, און ערשט דאַן האָב איך דער־זעהן ווי רחמנות׳דיג ער זעהט אויס. שוין ווייט אַריבער 40, קליין, דאַר, קוים וואָס ער האָט זיך געשלעפּט אויף זיינע דינע פיס. אַ באַפרייטער פון זיין לאַסט איז ער גאָר לעבעדיג געוואָרן. ער איז געגאַנגען ניט ווי אַ געפאַנגענער, נאָר אַזוי ווי צו אַ טאַנץ און אויף מיין פאַרוואונדערטן קוק און שמייכעל, האָט ער מיט דרד־אַרץ אָבער פאַרטרויליך צוריקגעשמייכעלט און געפּלאַפּעלט: איך האָב אַ ווייב מיט אַ סך קינדערלעך — מען האָט מיך אָפּגע־ריסן—דער פאַרפלוכטער קייזער, די שווייניערשע יונקערס—פיער יאָהר, אַז זיי מאַטערן מיר, אָבער יעצט בין איך גליקליך. איהר אַמעריקאַנער וועט זיעגן", האָט ער געהאַלטן אין איין אַנרעדן, באַקלאָגענדיג זיך און אויסדריקענדיג זיין פריידפאַר מיר, אַלס צו דעם פאַרשטעהער, און פאַרקערפּערונג פון דער גרויסער און שטאַרקער אַמעריקאַ, וואָס האָט פאַר איהם אַ סך ברויט און פרייהייט. פיעלע פון די איבעריגע האָבן מיט איהם איינגע־

שטימט, צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אַריינגעוואָרפען אַ פריינדליכען ווערטעל, אָבער ביי מאַנכע, איבערהויפּט ביי פּרייסישע סאָלדאַטען, וואָס־זיינען געווען אויסגעמישט צווישען זיי, האָבען פון די מיעדע אויגען אַרויסגעבליצט בייזע פייערלעך, אַזוי ווי ביי געכאַפּטע וועלף. זיי האָבען מאַרשירט מיט שטאָלץ אויפגעהויבענע קעפּ און שטאַרק צוזאַמענגעקוועטשטע ליפּען.

מיט דעם צופאַלען פון אָוועגד, האָבען מיר זיי געבראַכט צו די קאַרפּוס העדקוואָדערס. דאָרט האָט מען מיך ווידער געברויכט אַלס איבערזעצער ווען מען האָט זיי אויסגעפרעגט איבער זייער אַרמעע און פּאָזיציעס.

פאַרטיג געוואָרען מיט זיי און נאָכדעם ווי מיר האָבען איבער־געביסען און מען האָט פאַרבונדען אַ גרויסע מאָסטאַרד גען וואונד אויף מיין רעכטער פוס, האָבען מיר זיך אָוועקגעלאָזען אויף אונזער וועג צוריק צו די ליניעס. די נאַכט האָט אָנגעהויבען צו־פאַלען, אָבער אונזער וועג צום ציעל האָט געהאַט דייטליכע סמנים. די בלויע סיגנאַל שטערענדלעך און די פלאָירלייטס, די אָנגעצונ־דענע קאַסטענס מיט פולווער האָבען דעם גאַנצען האַלב־רונד פון הימעל אויפגעלויכטען. שטילע, אָהן אַ וואָרט אַרויסצורייִדען, האָט זיך אונזער גרופּע געצויגען אַהין.

גלייך נאָר ווי מיר זיינען געקומען, האָט מען אונז אָנגעזאָגט, אַז קאָרפּאָראַל אָלווין יאָרק איז שוין דאָ און האָט אַלעס דער־צעהלט צום מיידזשאָר. דער מיידזשאָר האָט יעדען איינעם פון אונז געפרעגט אויב מיר זיינען געווען מיט קאָרפּאָראַל יאָרק, האָט אונז געדריקט די הענט מיט דער באַמערקונג „גוד באָי“ און איז אָוועקגעגאַנגען צו זיין גרופּ. ערשט דאָן האָבען מיר זיך דערמאָנט. אַז קאָרפּאָראַל יאָרק (אַ פּראָסטער אָבער כיטרער שגץ פון טענעסי) האָט זיך צוריקגעקעהרט פון מיטען וועג ווען מיר האָבען געפיהרט די געפאַנגענע. ער האָט דאָס אַבזיכטליך געטאָן, אום צו זיין דער ערשטער צו דערצעהלען דעם מיידזשאָר און דעם אינגערען אָפּי־ציער, וועלכער איז, אגב, פון דערזעלבער שטעדטעל מיט יאָרק׳ן, וועגען אונזער גרויסען געווינס דורכ׳ן טאָג.

איצט לאַכען מיר אָפּ פון איהם פאַר זיין פאַרלויפען דעם וועג און זוכען פאַר זיך דעם גאַנצען קרעדיט. אָט דאָס איז אַ ליעדעלע, וואָס איינער פון די שקצים, וועלכער איז געווען אין אונזער גרופּע

האט וועגן איהם אנגעשריבען. א צווייטער איז אפילו ניט פויל געווען אויסקריצען דאס לידעל אויף דער טיר פון אונזער באראק. אבער ווי עס זעהט אויס וועט ער דאך קריגען דעם גאנצען קרעדיט. אין דעם האט איהם מיטגעהאלפען דער אפיציער פון טענעסי, וועלכער איז זיינער א שול־חבר און אויך פארדעכטיגען מיר, אז א נאר הויכער אפיציער איז פאראינטערעסירט צו מאכען פון איהם א נאציאנאלען העלד. אדעם האט מיר געצייגט דאס ליעדעל, און עס האט זיך געלעזען אונגעפעהר אזוי:

מען האט שוין יארק׳ן געמאכט פאר א סארדזשענט,
א מעדאל איז פאר איהם אויפ׳ן וועג.
אבער וועט ער זיין דער איינציגער געלויבטער,
איז אונזער מיידזשאר א באנדיט אהן א ברעג.
ער זאגט. ער האט אליין געפאנגען די 150 באשעס.
דאס וועלען איהם די טויטע בלויז גלויבען
אבער ניט אונזער שא־שא פלאטון.

יארק איז אויף אלעס א מאדים
אין ריהמען זיך, אין מעסס־ליין פראנט.
ווען ס׳קומט צו א זייטעל אייזעל־פליש,
איז ער דער ערשטער מיט׳ן מעסקיט אין האנט.

ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעצייגט, איז דער פארדאכט פון דער העלדישער גרופע מקוים געווארען. אין דער צייט ווען „אדעם" און די איבעריגע פון זיי האבען געקראגען בלויז געשריבענע „סייטיישאנס" האט מען יארק׳ן געגעבען דעם קאנגרעשאנאל מעדאל, ד. ס. ס., קרא דו גער, גרויסע געלט פרייזען און באריהמטהייט איבער׳ן גאנצען לאנד.

איך האב זיך צושיידט מיט חבר אדעם. עס איז שוין געווען היבש פינסטערלאך. און ווען זיינע טריט און פיגור זיינען פארשוואונדען צווישען די בוימער, האב איך זיך אפגעשטעלט, ארומגעקוקט זיך אויף די וועגען וועלכע האבען זיך צושיידט אין דריי ריכטונגען. מיין וועג האט זיך פארנומען ארום דעם לאנגען רוקען פון בארג, וואס האט זיך געצויגען ביז דעם אלטען קלויסטער

און בית־עולם פון דעם דערפעלע וואו מיין רעגימענט איז איינגע־שטאַנען.

שטיל איז אַרום. איינזאַם און אונהיימליך האָבען געקלונ־גען מיינע טריט אויפ׳ן ברייטען וועג. וועןן־ניט־ווען צאַפּעלט אויף אַ בוים אַזוי ווי עס וואָלט זיך אָפּאָטעמען אין טיעפען שלאָף, צו רעכטס, אויף דעם רוקען פון באַרג, דרעמעלט דער אַלטער וואַלד, זעלטען ווען עס ווערט פאַרהילכט פון אַ נאַכט־פויגעל׳ס אויסגעשריי, וואָס קלינגט אָפּ ווי צוויי קורץ־אָפּגעשניטענע פאַר־שטיקטע פייפען. ערגעץ ווייט בילט פויל אַ הונט. בילט אַהן איי־בערצייגונג, אַהן אַ וואָרום, פּרובירט וועןן־ניט־ווען אמת׳ער מאַכען זיין שטימע, אָבער פאַלט ווידער אריין אין דעם זעלבען פוילען טאָן.

אין טאָל צו לינקס איז דאָ נאָך אַ דערפעלע וואו איך וועל געפינען אייניגע פון מיינע חברים. און אַביסעל ווייטער אין דערזעלבער ריכטונג, אַ צווייטע דערפעלע, וואו, ווי מען זאָגט, עס וואוינט אַ פראַנצויזישער איד מיט זיין פרוי און וואונדער־שעהנע טאָכטער, צו וועלכער עס שדכנ׳ט זיך אונזער געזונטער סאַרד־זשענט אַון סופליים, אַ ברייט־פּלייציגער סויטערנער שגץ, אָבער אויסער די סילועטען פון די איינפאַכע הויפען, הייזער און שפּי־צען פון די קלויסטערס וואָס צייכענען זיך אַרויס פון דעם טיעפען שוואַרץ־בלויען אַרום, זעהט מען קיין זאַך מעהר, קיין פּונקט, קיין סימן פון אַ פייערעל, און וואָס ווייטער — אַלץ אונהיימליכער זיינען מיינע טריט געוואָרען — אַ שווערען אומעט וואַרפט אָן די שטיל־קייט. אָבער עס ווילט זיך ניט שטערען און ניט לייכטער מאַכען די מעלאַנכאָליע פון דעם געהיימניספולען שווייגען.

און פאַר מיינע אויגען זיינען אויפגעשוואומען בילדער פון דעם שרעקליכען גיהנום וואָס איז שוין דאָן אויסגעלאָשען געוואָ־רען, אָבער לאָזט נאָך אַלץ ניט אָפּ די נערווען פון די וואָס זיינען איהם דורכגעגאַנגען, עס קריכט נאָך ווי אַ קאָשמאַר, טאַנצט פאַר די אויגען מיט די צווייטע און צופליקטע פגרים פון באַקאַנטע און אונבאַקאַנטע. בלוט איבעראַל. בלוט, רויטע, נאָך מיט דעם ציי־כען פון זידען אין איהר העלקייט. און בלוט פאַרבאַקטע, ברוין שוואַרצע, שוין באַלד מיט דער ערד צוזאַמענגעוואַקסען.

מיינע אויגען האָבען זיך איינגעגעסען אין יענער ריכטונג, און

אַלץ שווערערע בילדער און סצענעז האָבען זיך אויסגעשיידט און שוועבען אַרוים אַלץ בולט׳ער פון יענעם געגענט, קומען נעהנטער אַזוי ווי זיי וואָלטען מיך וועלען איינשלינגען. אָבער איך פיהל צו זיי ווי אַן אייגענער, איך בּאַלאַנג אויך דאָרטען אין יענעם גייסטער־טאַנץ, לאָמיר נאָר פאַרמאַכען די אויגען, און איך וועל ווידער זיין איינער פון זיי...

נאָך עטליכע אידישע מאָמענטען און העלדען.

קייזער, סאַר. קאַפּלאַן, ס. רובין, קעפּט. ליוויי, פּר. טעפּער

קאַרל קייזער האָט בּאַלאַנגט צו בּעטערי „אי“ פון מיין רע־גימענט און איז געווען ניט מעהר ווי אַ ביוגלער אין זיין בּעטערי. עס איז שווער געווען צו ערוואַרטען, אַז ער זאָל שטייגען צו עט־וואָס העכערעס. ערשטענס. צוליעב דעם, וואָס אַ ביוגלער קאָן ניט פאַרנעהמען קיין וויכטיגען פּאָסטען ביי די קאַנאָנען, און, צווייטענס, טאַקע צוליעב דעם, וואָס ער האָט ניט געקאָנט די ענג־לישע שפּראַך. ער האָט ניט געהאַט ניט די אידעאַלע פיגור, אָדער אידעאַלען אויסזעהן פון אַן עכטען סאָלדאַט. און קאַרל האָט צוליעב דעם פיעל אָנגעליטען זיך, ווייל יעדער וואָס האָט געהאַט „סטרייפּס“ אויף דעם רעכטען אַרבּעל, און אפילו די אָהן סטרייפּס, נאָר מיט גרויסע מיילער, האָבען געהאַט צו שרייען און צו זאָגען איבּער איהם. אָבער ער האָט ניט געשוויגען און זיי צוריקגע־צאָהלט מיט דערזעלבער מטבע, און האָט מיט אַלע זיינע כחות גע־קעמפט פאַר זיין רעכט. און ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר זיין אידישען נאָמען, וועלכען זיי פּלעגען גאַנץ אָפט בּאַליידיגען. און איינמאָל, ווען אַ געזונטער גוי. מיט וועלכען ער האָט גע־טראָגען קויהלען, האָט זיך אָנגעהויבען לוסטיג מאַכען איבּער קאַרל׳ס אידישקייט און רופען איהם „פּעדלער“, האָט דער שוואַ־כער קאַרל אויפגעהויבען אַ שטיק קויהל און האָט עס מיט אַזאַ קראַפט אַ וואַרף געטאָן אין דעם בּאַליידיגער, אַז יענער איז גע־פאַלען אין אָהנמאַכט. און ווען מען האָט קאַרלען געבּראַכט צום קעפּטען מיט אַ קלאַגע, האָט דער לעצטער געגעבען איהם גערעכט און האָט נאָך צוגעגעבען, אַז יעדער זאָל נעהמען אַ ביישפּיעל פון

קארלען, ווי אזוי מען דארף פארטיידיגען דעם נאמען פון זיין נאציאנאליטעט.

פון דאן אן און דורך נאך איינינע ביישפיעלע פון דרייסטקייט, האט ער געקראגען א גוטען נאמען און אלעמענס אכטונג. אמת, מען האט זיך ווייטער ערלויבט וויצלען איבער איהם, אבער עס איז שוין געווען מיט פארזיכטיגקייט און אין גוטען מוט.

ווען זיין בעטערי האט פארנומען איהר פאזיציע אין איינעם פון די פארביסענסטע „דרייוום“, איז קארל געבליבען מיט די פערד און מויל־אייזלען, אכטונג געבען אויף זיי. און צוליעב דעם האט מען גענומען א פלאץ, וואס איז אם מעהרסטען פארשטעלט און זיכער. ער וואלט אויף אזא אופן אפגעקומען מיט בלויז איינינע שעלס און שראפנעלען וואס זיינען אונרעגעלמעסיג געפאלען ארום איהם, ווען ניט די שווערע לאגע, אין וועלכער עס האט זיך געפונען זיין בעטערי.

די דייטשען האבען ענטדעקט דעם ארט, וואו די קאנאנען פון זיין בעטערי האבען זיך געפונען און האבען קאנצענטרירט אויף זיי א זעהר שווערען פייער. דער קעפטען מיט א צווייטען אפיציער, וואס זיינען געווען ביי די קאנאנען, האבען די ערשטע געמוזט פארלאזען די פאזיציע, אום צוצוגרייטען א נייע, און קייזער מיט א קריסטליכען סאלדאט זיינען ארויסגעשיקט געווארען מיט צוויי עקסטרא פערד פאר די אפיציערען.

בלויז א דריי־פערטעל מייל האבען זיי געדארפט דורכפאהרען. אבער אויף יעדען טריט האבען זיי געטראפען גריבער פון אויפגעריסענע שעלס. אין דער פינסטערניש, וועלכע איז בלויז אויף מאמענטען באלויכטען געווארען, האבען זיי זיך לאנגזאם, אויסמארקירענדיג א זיכערען וועג צווישען די בוימער, דערנעהענטערט צו די „דאג־אוטס“, לעבען די קאנאנען. און דא איז דער פייער געווען אם שווערסטען. אין דעם מאמענט ווען קייזער האט אויף איין ווײַלע אויסגעטאן זיין גאזמאסקע און האט אויסגעשריען א פאר מאל: „קעפטען!“, זיינען געפאלען צוויי שעלס, איינע אין פאראויס פון קייזער'ן, וואס האט איהם ארונטערגעווארפען פון פערד, און די צווייטע הינטער איהם, וועלכע האט אויפ'ן שטעל צוריסען דעם צווייטען סאלדאט מיט איינעם פון זיינע פערד. באלד נאכ'ן אויפרייס האבען זיך ארויסגעשטעקט א פאר קעפ

פון די „דאָג־אוטס“ און האָבן אויסגעשריען צו קארלען, אַז דער קעפּטען איז שוין אַוועקגעפאָהרען און ער זאָל אַנטלויפען וואָס שנעלער. מען האָט ניט געדאַרפט צוויי מאָל איבערזאָגען דאָס־זעלבע. קייזער האָט זיך אין פולען גאַלאָפּ אַוועקגעלאָזען אויף צוריק. ער איז נאָר וואָס אָפּגעפאָהרען אַ קורצע שטרעקע, ווען ער האָט דערהערט פאַרצווייפעלטע געשרייען: „בראָדער, העלף!“ ער האָט אָפּגעשטעלט זיין גאַלאָפּ און האָט ארויפגענומען אויף דעם ליידיגען פערד צוויי פאַרוואונדעטע סאָלדאַטען און האָט זיי צוריקגעבראַכט צו אַ זיכערען פּלאַץ. ביידע סאָלדאַטען זיינען שוין אַביסעל פאַרגעזט געוואָרען. פאַר איבער אַ שטונדע האָבען זיי געאָטעמט דורך זייערע בלוזעס.

ווען קייזער און די צוויי סאָלדאַטען האָבען דערצעהלט וועגען דער פּאַסירונג, האָט דער קעפּטען מיט אַ שטרענגען טאָן זיך אָנ־געבייזערט אויף קייזער׳ן, אַז ער זאָל זיין פאַרזיכטיגער אויף אַזא שווער־באַשאָסענעם וועג. אָבער די צוויי גערעטעטע סאָל־דאַטען האָבען שוואַכע, וואַרטענדיג פאַר׳ן אַמבולאַנס און קאָר־טשענדיג זיך פון שמערצען, געהאַלטען אין איין דאַנקען און בענשען קייזער׳ן: „ברודער, וואָס איז דיין נאָמען? ברודער, וואו זאָלען מיר דיך נאָך אַמאָל געפינען?“—האָבען זיי געהאַלטען אין איין ווידערהאָלען.

און מעגליך, אַז דער קעפּטען האָט אויך אָפּגעשאַצט קארל׳ס דרייסטקייט און האָט געזעהן, אַז זיין אָפּפערווילליגקייט און בראַווע טאַט זאָל ניט פאַרלאָרען געהן אויך פאַר די אָפיציעלע רעפּאָרטען.

קאַפּלאַן איז געווען טאַפּ־סאַרדזשענט פון אַ קאָמפּ. אינפאַנטעריע. אַ קורצער, פעסטגעבויטער יונג, מיט אַן ענערגישען געזיכט און קלוגע, שוואַרצע אויגען. אָנפאַנגס האָבען זיך חברה געבונטעוועט, אונצופרידען געווען וואָס מען האָט אַ דזשו, און דערצו נאָך אַזאַ, וואָס איז קירצער פון דעם דורכשניטליכען פון זיי מיט אַ קאָפּ, געמאַכט פאַר אַן אויבערהאַר איבער זיי... אָבער עס האָט לאַנג ניט גענומען און אַלע האָבען צוגעשטימט צו קאַפּלאַנ׳ס אויבער־הערשאַפט. מיט זיין קלוגען פיהרען, מיט זיין גערעכטען אויס־טיילען די אַרבייטען צווישען די מענשען, האָט ער זיי געפאַנגען.

און ווען זיין קאמפאניע איז אריין אין די „ליינס" האט מען איהם, צוליעב זיין בראוועקייט, אנגעהויבען זאגאר צו פארגעטערען.

עס איז אונמעגליך צוזאמענגעהמען די אלע איינצעלנע געשיכטעלעך, וואס ווערען דערצעהלט וועגען איהם. וועלכע איך האב געהערט מייסטענס פון די קריסטליכע סאלדאטען פון זיין קאמפאניע. אבער אום צו כאראקטעריזירען זיי אלע וועט זיין גענוג צו באמערקען, אז מען האט איהם גערופען „דהי בארב ווייער קאטער", צוליעב זיין קונציגען צו'גנב'ענען זיך, דורכשניידען דעם שונא'ס שטעכיגע דראטען און מאכען א פלעצליכען איבערפאל מיט בלויז א קליינער גרופקעלע מענשען, און זיי פלעגען זאגען: „ווען קאפלאן געהט מיט אונז ארוים אויף א שטילען דזשאב, אדער „אוועך דהי טאפ", פיהלען מיר זיך פיעל שטארקער, פיעל דרייסטער. עס איז א פארגעניגען צו זעהן דעם יונג אין הייסער „עקשאן", אין געפאהר.

רובין איז געווען א סעקשאן־טשיף פון א בעטערי. אויך זיין גדולה איז איהם ניט לייכט אנגעקומען. ער האט ניט איינעם, נאר אייניגע קריסטען צוברעכען די ביינער, איידער זיי זיינען שלום געווארען מיט זיין אויבערהערשאפט.

אין דעם גרויסען קאמף אין סענט מיהיעל סעקטאר האט זיין פלאטון פארנומען איינעם פון די וויכטיגסטע און הייסטע פלעצער פון דער בעטערי פאזיציע. און ווען אין קריטישען מאמענט איז געקומען די קאמאנדע „רעפיד פייער" האט ער זיך אויסערגעוועהנליך אויסגעצייכענט מיט זיין וואונדערבארען שנעלען שיסען, אזוי אז ער האט אריבערגעיאגט די אנדערע קאנאנען מיט הונדערט שאסען. נאך דעם גרויסען ערפאלג וואס מען האט געהאט אין דעם סעקטאר, האט דער מאיאר איהם באדאנקט און געלויבט אין דער אנוועזענהייט פון דעם גאנצען סעקשאן.

„פארשטעהט איהר מיך" — האט ער ערקלעהרט מיט א טיפיש אידישען נגון, — ווען איך האב זיך שטארק צוהיצט האב איך ניט נאר קאמאנדירט און געטריבען די מענשען ביז זייערע הענט זיינען געשוואלען געווארען. נאר איך האב אליין אויך געהאלפען אנלאדען און צוברענגען אמוניציע, און ביי יעדען שאס פון קאנאן האב איך ארויסגערעדט, אז דער איז פאר דעמאקראסי,

דער פאר דעם דייטשען אנטיסעמיטיזם, דער איז פאר פאלעסטינא, און אזוי ווייטער, ביז אין דעם קייזערס עלטער־עלטער־זיידען אריין".

„און וואס האט איהר געזאגט צו די קוילען, וואס זיינען גע־פאלען ארום אייך?", האב איך איהם געפרעגט.

„א, ברודערשי", האט ער געענטפערט „מיט די איז אן אומ־גליק; די האב איך געשאלטען אין טאטענ'ס טאטען אריין".

פריייוועט סעמיועל סטראנגער, פון מאשין־גאן באטאליאן, האט געהאט א מערקווירדיג ריהרענדע ערפאהרונג. שוין אין די נאר לעצטע טעג פונ'ם קריעג זיינען די מעהרסטע קריסטליכע סאלדאטען אין זיין קאמפאני געווארען אנטיסעמיטיש געשטימט, און פלעגען ניט דורכלאזען קיין געלעגענהייט צו ארייננווארפען איינינע שטעך־ווערטלאך. איבערהויפט האבען זיי זיך צולאזען אין דעם אבענד פון פינפטען נאוועמבער, ווען די אלגעמיינע שטי־מונג איז געווען א פארביטערטע. ערשט ארויס פון שלאכטען, האט מען אין יענער רעגענדיגער נאכט ווידער געשלעפט אין אן אטאקע. און גראד האבען זיי זיך געריכט, אז באלד וועט מען זיי איינגאנצען „רעליוון", ארויסציהען פון די ליניעס.

אלס מאשין־גאנערס פלעגט מען זיי אפט איבערגעבען אונ־טער דער קאמאנדע פון אן אינפאנטעריע קאמאנדיר צו העלפען זיין קאמפאני מיט די שנעל־שיסענדע ביקסען. דאס מאל האט מען געטאן דאסזעלבע און אויפ'ן וועג צו זייער נייער אויפגאבע האבען די קריסטליכע סאלדאטען געהאלטען אין איין רייצען זיך מיט איהם, זאגענדיג: „נו, מאישע, דו געהסט אהין, פון וואנען מען קומט שוין מעהר ניט צוריק". ערשט האט דער קעפטען געזאגט, אז ער וועט דערשיסען יעדען איינעם וואס וועט נאר פרובירען אנטלויפען, און איצט האבען די סאלדאטען געזאגט דאס זעלבע צו סטראנגער, כאטש זיי האבען געוואוסט, אז ער איז שוין געווען אויסגעצייכענט אין זיינע אויפגאבען פיעל מעהר ווי די מעהרסטע פון זיי.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום אנפאנגס־פונקט פאר דער אטאקע האט סטראנגער דערזעהן, אז זיין נייער קאמאנדיר, דער קעפטען פון דער אינפאנטרי קאמפאני איז א איד. ער האט זיך

שפעטער דערוואוסט, אז זיין נאָמען איז „ליוואי". ער איז געווען אזוי באַליבט ביי אַלע סאָלדאַטען, אז זיי פלעגען איהם רופען „אור פרינס" (אונזער פרינץ), אזוי גוט איז ער געווען צו זיינע מענשען. אימער מיט א שמייכעל, מיט א גוט וואָרט. האָט געגעסען און געשלאָפען אין די טרענטשעס צוזאמען מיט זיינע סאָלדאַטען. קעפּטען ליוואי (פון דעם 323טען אינפאַנטעריע רעגימענט) האָט געצייגט אזוי פיעל העלדישקייטען, אז זיינע מענשען האָבען איהם באַוואונדערט און קיין זאַך איז פאַר זיי ניט שווער געווען אבי נאָר קעפּטען ליוואי איז מיט זיי מיטגעגאַנגען.

נאָך איינינע טעג פון שווערען קאַמף האָט זיך איינגעגעבען צו נעהמען א היבשע צאָהל פריזאָנערס און פיהרענדיג זיי צו די הינטערשטע ליניעס האָט סעם סטראָנגער געהערט ווי די דייטשע געפאַנגענע ריידען צווישען זיך, אז דער יוד „העלער" איז שטאַרק פאַרוואונדעט. ער האָט וועגען דעם דערצעהלט דעם קעפּטען, וועלכער האָט גלייך געהייסען, אז מען זאָל אויף דעם פאַרוואונ־דעטען גוט אַכטונג געבען.

ווען מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוהען, האָט סטראָנגער גע־וואָלט זעהן דעם פאַרוואונדעטען, אָבער יענער איז שוין געווען טויט און סטראָנגער איז געגאַנגען צום קעפּטען דערצעהלען איהם וועגען דעם.

מיט א פאַרוואָלקענטען פּנים און א ציטערענדע טרעהר האָט דער קעפּטען זיך געווענדעט צו סטראָנגער'ן: „אַט, מיין פריינד, אזוי איז שוין מיט אידען, וואוהין מען שיסט, טרעפט מען אין זיי", און אין א ווייל ארום האָט ער געזאָגט: „קומט, מיר'ן זאָגען נאָך איהם קדיש".

די גאַנצע קאָמפּאַני קריסטליכע סאָלדאַטען און די געפאַנגענע דייטשען האָבען מיט פאַרוואונדערונג און אַכטונג צוגעקוקט ווי סעם סטראָנגער און קעפּטען ליוואי זאָגען קדיש נאָך א טויטען דייטשען סאָלדאַט.

א מערקווירדיגער אידישער העלד, וועלכען איך האָב באַגעגענט נאָך א גרויסער שלאַכט, איז פּרייוועט טעפּער; זיין קאָמפּאַני איז געווען אויף דער דעפענסיווע און ער צוזאַמען מיט די איבעריגע האָבען געקראָגען באַפעהלען, אַנצוהאַלטען זייערע פּאָזיציעס אונ־

טער אלע אומשטענדן. די דייטשען האבען פאר אייניגע שטונ־
דען אנגעהאלטען א מערדערליכען פייער איבער אונזערע טראנ־
שעען, אבער טעפער און נאך אייניגע האבען געדארפט אנהאלטען
זייער פאסטען, וועלכער איז געווען דער איינציגער עטוואס ענט־
בלויזטער, אום מען זאל פון דארטען קאנען זעהן און געבען די
ווארנונג, ווען די דייטשע אינפאנטעריע וועט ארויסגעהן אטאקי־
רען. טעפער איז געשטאנען אויף זיין פאסטען, און ביז איצט
קאן ער זיך ניט אפוואונדערען, ווי אזוי ער איז גאנץ געבליבען.
ער איז אייניגע מאל האלב פארשאטען געווארען מיט ערד און
בלאטע, וואס איז געפליגען פון דעם אויפגעריסענעם ווענטעל,
פון הינטער וועלכען ער האט ארויסגעקוקט. אזוי אז ער האט
געדארפט זיך איבעררוקען פון פלאץ צו פלאץ אייניגע מאל אין
זיין ענגען „ארוועגסד טרענטש“. א פאר זיינען געפאלען לעבען
איהם, אייניגע זיינען פארשוואונדען — ער וויס ניט ווי אזוי
און דורך וואס, אבער ווען ער האט געגעבען דעם סיגנאל, אז די
דייטשען זיינען ארוים „אווער דהי טאפ“, האט מען איהם צוזא־
מען מיט די איבעריגע פון זיין קאמפאניע אויסגעשטעלט ביי די
זייטען פון דער טראנשעע און אין די „דאג־אוטס“, אין ערוואר־
טונג פון די אנקומענדע דייטשען. ווען יענע זיינען שוין געווען
גאר נאהענט, האבען אונזערע סאלדאטען געקראגען דעם באפעהל
צו שיסען פון אהינטער דעם גראבען און זעקלעך מיט זאמד ביי
דער דרויסענדיגער זייט פון דער טראנשעע. אויך טעפער האט
געשאסען אין דער אנגעצייגטער ריכטונג. אבער ווען ער האט
דערזעהן די געזיכטער פון די אנקומענדע דייטשען, האט ער פאר
קיין פאל ניט געוואלט ציעלען אין זיי.

ער האט מיר געזאגט:

„איך האב געפיהלט, איך האב געוואוסט, אז ווען איך שיס
ניט אין זיי און העלף ניט צוריקשטויסען, וועט מיך באלד
איינער פון זיי דערשטעכען. אבער צו דערזעלבער צייט האט מיך
עפעס אן איבערנאטירליכע קראפט צוריקגעהאלטען און געשריען:
„מארד נישט! מארד נישט!“ אייניגע מאל האב איך אויפגע־
הויבען מיין ביקס. זיך געציעלט, אנגעכאפט דעם „טריגער“, אבער
ניין! אזוי ווי אימיצער וואלט צוריקגעשטויסען מיין האנט.

מעגליך, אז ווען די דייטשען וואלטען זיך נאך אביסעל דער־

נעהנטערט, וואָלט איך ניט אויסגעהאַלטען און דערשאָסען דעם ערשטען פון זיי, וואָס וואָלט אַרויפגעטראָטען אויף אונזער דרוי־סענדיגען שוץ־בערגעל. אָבער צום גליק האָט זיך זייער ליניע צו־בראָכען און זיי האָבען אָנגעהויבען אַנטלויפען פון אונז... איך קאָן ניט מאָרדען, איך קאָן ניט מאָרדען" — האָט טעפּער אַ פאַר־ציטערטער אייניגע מאָל ווידערהאָלט, און זיין גאַנץ וועזען האָט ביי די ווערטער אויסגעדריקט די טיפע טראַגעדיע פון זיין פאַר־אומערטער, אַזוי פיעל־געפּרוואווטער נשמה.

אַז טעפּער איז ניט קיין פייגלינג, אַז ער קאָן אויסשטעהן דעם שטאַרקסטען פייער און די גרעסטע געפאַהרען, דאָס האָבען געוואוסט זיינע חברים, און אויך אַז ער האָט געהאַסט דאָס דייטשע יונקער־טום און האָט געגלויבט אין די „אישום" פון דעם קריעג. ער האָט עס אָבער פאַרגעסען דאָ, ווען ער האָט דערזעהן מענשליכע געזיכטער פאַר זיך...

קאָן טעפּער פאַררעכענט ווערען אונטער דעם טערמין „העלד"?

דער מאַרטירער יוסף פּעף

(דזשו סאָשעליסט)

אויף מיינע וויטערדיגע וואַנדערונגען איבער אונזער „עריא" אַרום דער גרויסער שטאָדט דיזשאָן, פּלעג איך די לעצטע צייט שוין ניט אַזוי נאָכקוקען די געאָגראַפישע קאַרטע, נאָר פלעג געהענדיג אי־בער די ברייטע וואונדערשעהנע וועגען אַרומקוקען זיך אויף די פעלדער. וואו נאָר איך פּלעג פון דערווייטענס דערזעהן אַ שפּיץ פון אַ קלויסטער מיט דעכער פון הייזער, פּלעג איך זיך אין יענער ריכטונג קעהרען. און האָב זיך זעלטען ווען אָפּגענאַרט, וויל כמעט אין יעדען דערפעל זיינען געווען אַמעריקאַנער סאָלדאַטען, און וואו אַמעריקאַנער — דאָרט אויך אידישע.

דאָס מאָל האָב איך מיין אַלטיטשקער פראַנצויזקע געזאָגט, אַז איך געה ווידער אַהין אַ פּעם.

„אָה, מאָנסיו טרומפּעטאַ, בעסער געהט ניט, דער אָפיציער וועט אייך באַשטראָפען", האָט זי מיך אַ צושראָקענע געוואָרענט, אָבער איך האָב זי באַרוהיגט און האָב זיך אָוועקגעלאָזען אויף

דעם וועג צו „אַרטס“. לינקס פון דעם דערפעל האָב איך באַמערקט נאָך איינעם איינגעזונקען אין אַ וועלדעל. ווען איך בין אַהין אַריין, האָט מיר דער ערשטער באַגעגנטער סאָלדאַט געזאָגט, אַז דאָ איז דער ערשטער באַטאַליאָן פון דער 327טער אינפאַנטעריע. גוט, הייסט עס, אַז דאָ איז מאַקרענסקי, ראָזען, ראָזענבערג און פילע אַנדערע. דאָ האָט אויך באַלאַנגט דער אומגליקלעכער „יוסף פעף“.

און אָט וואָס מאַקרענסקי האָט מיר דערציילט וועגן איהם.

„געדענקסטו ווי מיר פלעגען מיט איהם דעבאַטירען איבער׳ן ציוניזם? געדענקסטו, ווי מיר האָבען זיך מיט איהם גערייצט אַלס דעם איינגעשפּאַרטען נעגאַסע און געוויסענס־געגענער (קאָנסיענס אָבדזשעקטאָר), אָבער איידער ער איז געפאַלען איז ער געוואָרען גאָר אַנדערש. דער שרעקליכער יאָהר, האָט איהם אין דרייען געבויגען...

נאָך אין קאַזאַרמע אין קעמפּ גאָרדאָן פלעגט ער גאַנצע נעכט זיך אַרומרייסען מיט אונז אַלעמען און האַלטען אין איין אַרגומענטירען, אַז די מלחמה איז אַ קאַפּיטאַליסטישע, אַז דער אַרבייטער לעגט נאָר אַן מיט זיין קאָפּ.

מיר, די אידישע סאָלדאַטען, אפילו די פון אונז וואָס זיינען געווען פּראָ־עליים, האָבען איהם פאַרשטאַנען און געשעצט. אויך פילע פון די קריסטליכע סאָלדאַטען פלעגען זיך פאַרטראַכטען איבער זיינע אַרגומענטען. אַנדערש אָבער האָבען געדענקט די אָפיציערען און איבערהויפּט נאָך אַ פּאָר סאַרדזשענטס. וואָס מעהר און שאַרפער ער האָט פאַרדאַמט די מלחמה, אַלץ שווערער האָט מען איהם אונטערדריקט, ממש דעם קאָפּ ניט געלאָזט אויפהויבען. יעדען אָבענד צו „רעטריט“, ווען דער טאָפּ־סאַרדזשענט פלעגט אויסרופען די נעמען פון די וואָס דאַרפען זיך מעלדען פאַר פאַרשיידענע אַרבייטען, פלעגט ער אַזוי בייז, טריאומפיהרענד, אָנפאַנגען דעם צעטעל מיט׳ן אויסגעשריי: „דזשאָזעף פעף! — לאַטרין!...“

שפּעטער צו איז עס געוואָרען אַנשטאָט דזשאָזעף פעף — סאַשעליסט. „סאָשעליסט לאַטרין, סאָשעליסט קעי. פּי.!“

אָבער וואָס מעהר מען האָט איהם פאַרפאָלגט, אַלץ איינגעשפּאַרטער איז ער געוואָרען. זיין אָפענער אָרענטליכער פּנים

האָט אָנגעהויבען באַקומען סימנים פון מאַרטירערטום, אָבער זיינע אויגען האָבען פאַר׳עקשנ׳ט געקוקט פאָראויס, אַזוי ווי זיי וואָלטען זאָגען: „איהר אַפּגענאַרטע, אַ רחמנות אויף אייך...“

ווען מיר האָבען זיך געקליבען אין וועג, אויפ׳ן שיף, האָט ער כמעט יעדען טאָג געקראָגען אַנדערע אַרבייטען און אין די פּאָזי־ציעס, אין די שלאַכטען, ווען יעדער פון אונז האָט געקרעכצט און געשאָלטען דעם ביטערען מזל, האָט מען איהם נאָך מעהר פאַר־פּלאָגט, געשיקט אויף נאַכט־אָנפאַלען און אויסקוקען, געשטעלט אויף דער וואַך אין „נאָ־מענס־לענד“. דאָ האָט ער שוין מעהר ניט אַרגומענטירט. געשוויגען. זיינע אויגען זיינען טיפער איינגעפאַלען, ער איז געווען אַזוי מערקווירדיג געהאָרכזאַם, און וואָלונטירט אויף דאָס געפעהרליכסטע אום ניט צו הערען ווי זיי רופען איהם „העי, סאָשעליסט, גאַרד“.

„אָבער זיי האָבען איהם נאָך גענוג געראָפען“, האָט מאַקרענסקי פאָרטגעזעצט די פינסטערע געשיכטע. „איינמאָל, ווען מיר זיינען נאָך פיער טעג קאַמף אַרויסגעצויגען געוואָרען אין די סופּאָרט־ליניעס, אין אַ גוט־באַשיצטען טיפען טאָל, האָט מען איהם גע־הייסען ברענגען וואַסער פאַר דעם פעלד־קיך. דער סאַרדזשענט איז מיט איהם מיטגעפאָהרען. גראַדע דאַן בין איך געווען „אויף גאַרד“, לעבען דעם קוואַל־וואַסער, צו וועלכען זיי זיינען צוגע־פאָהרען, און איך האָב געזעהן ווי פעפ האָט אָנגעהויבען אָנשעפּען די וואַסער מיט אַן עמער און עס אַריינגיסען אין פּעסעל. ווען ער איז שוין באַלד פאַרטיג געוואָרען האָט זיך דער סאַרדזשענט צושריען, אַז די וואַסער איז מוטנע און פעפ זאָל עס אַרויסגיסען און אָנפילען מיט אַנדערע. אַ קורצע ווײַלע איז פעפ געשטאַנען אַ צוטומעלטער, אַ דערשלאָגענער. ער האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס איז בלויז אַ רשעות׳דיגע צוטשעפּעניס.

„איך וועל ניט איבערגיסען. די גאַנצע וואַסער איז דאָ דיזעלבע“, האָט ער ענטשלאָסען געענטפערט צום סאַרדזשענט וואָס האָט אויף איהם געקוקט מיט אַ סאַטאַנישען געלעכטערל.

„וואָס, ווערסט ניט גיסען? — אַז מען הייסט, דאַן פאָלג, דו גאָט־פאַרדאַמטער דזשו־סאָשעליסט!“ איז דער סאַרדזשענט צו איהם צוגעקומען מיט פאַרלאָפענע אויגען און גענומען איהם מערדערליך שלאָגען. פעפ האָט זיך אָנגעבויגען, ניט גערירט זיך פון אָרט, האָט נאָר אָפּגעציטערט נאָך יעדען קלאַפּ.

„מיינע בלוטען האָבען אין מיר אויפגעקאָכט", האָט מאַקרענ־סקי פאַרטגעזעצט מיט צוזאַמענגעקוועטשטע ציינער. „איך בין צוגעלאָפען צום סאַרדזשענט און אָנשטעלענדיג דעם באַיאָנעט פון מיין ביקס איהם אין פנים אַריין האָב איך אויסגעשריען: „סטאָפּ, מערדער!" דער סאַרדזשענט איז צוטומעלט געוואָרען. זעהענדיג מיין אויפרעגונג און ענטשלאָסענהייט איז ער אויף טויט איבער־געשראָקען געוואָרען.

„איך וועל רעפּאָרטען צום קעפּטען", האָט ער געשטאַמעלט אַפּרוקענדיג זיך אויף צוריק.

„קום, איך געה מיט דיר מיט!" האָב איך זיך געלאָזט געהן מיט איהם.

און פּעף?

פּעף איז געשטאַנען א צובראָכענער, ציטערענדיג מיט יעדען גליעד און טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט פון זיינע אויגען איינס נאָך איינס. דער שטאַרקער אייזערנער מאַרטירער פּעף האָט גע־וויינט...

יענעם אָבענד בין איך צוזאַמען מיט איהם אין זיין גרוב געלעגען, און ווי א הילפלאָזער קינד האָט ער פאַר מיר זיין האַרץ ענטדעקט. ווי ערנסט ער האָט מיט זיינע אידעען געמיינט, אָבער צי איז דאָס ווערט די אָפּפער, די ליידען? „אגב, האָט ער מיט פּאַרדרוס ארויסגערעדט, אָט האָבען מיר אין אונזער קאָמפּאַני א דייטש, וועלכער זאָגט נאָך אַלץ, אז ער קאָן ניט פייטען קעגען זיינע קאָזינס, די דייטשען, און אויך האָבען מיר א קריסטליכען סאָלדאַט, אַן אַמעריקאַנער, וואָס פּאַרדאַמט דעם קריעג פּונקט אזוי ווי ער, אָבער זיי לאָזט מען צורוה, מען באַמערקט זיי ניט. אַה, מאַקרענסקי, האָט ער שווער זיך אָפּגעזיפצט. ווי גערעכט דו ביזט! ווי שווער און טיעף איך האָב אין זיך דערפיהלט דעם אידען... און גראַדע אויף מיר, דעם גענאָסע, איז דאָס אַם שווער־סטען אויסגעפאַלען... — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דורכ'ן קומענדען טאָג האָבען די דייטשען געווענדעט דעם שטאַרקסטען געוויכט פון זייער פייער אין אונזער ריכטונג. מען האָט אונז געבראַכט אביסעל נעהענטער צו די ערשטע ליניעס. דערווייל האָבען מיר געזאָלט בלייבען איבער נאַכט אין „דאָג־אוטס" ביז'ן קומענדען פריהמאָרגען, ווען מיר וועלען דאַרפען

אטאקירען. זעלטען ווער פון אונז האט געכאפט א דרעמעל אין יענע פינסטערע דייטשע גריבער, ווייל די קאנאנאדע איז געווען א שרעקליכע, אזוי ווי אלע שטורעמס וואלטען זיך צוזאמענגענומען און אלע גיהנומ׳ס וואלטען זיך אויסגעגאסען איבער אונזערע קעפ. קיינער האט דעם נאך ניט ארויסגערוקט אין דרויסען, אבער א פאר סאלדאטען האבען געמוזט ארויסגעהן.

זיי זיינען ערשט ארויס צום ארייננאנג פון אונזער גרוב, ווען איינער פון זיי איז צוריק אריינגעלאפען מיט א דורכגעלעכערטער זייט און דער צווייטער איז געבליבען אין דרויסען א צושמעטערטער. מיר האבען זיך גענומען ארומבינדען דעם פארוואונדעטען, אבער אונזערע הילף־פעקלאך האבען געהאלפען ווי א טראפען אין ים צו דער אפענער גרויסער פלייש־וואונד.

„מען דארף איהם נעהמען צו דער הילף־סטאנציע!" האבען איינינע געזאגט, אבער זיי האבען זיך אזוי ווי באהאלטען און קיינער האט זיך ניט ארויסגערוקט. דער געטראפענער האט זיך געקנייטשט פון שמערצען, איז אפגעגאנגען מיט שטראמען בלוט.

„איהר זענט אלע פייגלינגע!" — האט פעף מיט א מאדנעם, ווי מיר האט זיך געדוכט וואהנזיניגען, געלעכטער ארויסגערעדט און האט צום פארוואונדעטען געזאגט:

„קום! איך, דער הושר־סאשעליסט, וועל דיך ברענגען וואו מען דארף".

„פעף, ביזט משוגע! געהסט אויף א זיכערען טויט!" האב איך איהם געפרובט צוריקהאלטען.

„ניין, חבר, איך בין קלאהר!" האט ער געענטפערט. „אט זאלען זיי זעהען וואס א איד קאן טהאן!" האט ער זיך געווענדעט צו מיר שוין ביי׳ם ארויסגאנג, שלעפענדיג דעם שווערען קרעכצענדען סאלדאט, און זיינע אויגען האבען אזוי מאדנע ווארעם און וועהמוטיג געקוקט אויף מיר.

אין דערפריה, פאר׳ן ארויסגעהן אין אטאקע, האבען מיר איהם מיט׳ן פארוואונדעטען דערזעהן ליגענדיג באוועגלאז, ניט ווייט פון אונזער פלאץ, פעפ׳ס ארעם שטייף אנגעקרעמפט ארום דעם האלז פון זיין קריסטליכען חבר...

אונזער שענסטער חלום אויף די שלאַכט-פעלדער

(צוויי בריעף)

איך קאָן זיך מעהר ניט צוריקהאַלטען און נאָך אַמאָל דערצעהלען וועגען אַ וואונדערבארען חלום פון אונזערע אידישע סאָלדאַטען אויף די פראַנצויזישע שלאַכטפעלדער, וועלכער איז אָבער פאַרטרונקען געוואָרען אין זייער בלוט דורך אַ פּאָר קאַמפּס-מאַנאַטען, און איז אויסגעלאָשען געוואָרען צוזאַמען מיט'ן לעבען פון פיעלע פון מיינע טייערע חברים.

קיינמאָל האָט דער אידישער סאָלדאַט ניט אויפגעגעבען זיינע אידישע טרוימען. נאָך דאָן, ווען מיר האָבען זיך געגרייט צום גרויסען קאַמף, פלעגען מיר ביי אונזער יעדען צוזאַמענקונפט חלומ'ען וועגען אונזער פאָלקס גליק. נאָך דאַן האָבען מיר געפיהלט זיין אַנקומען. ווייל מיר זיינען דאָך געגאַנגען קעמפען אויך פאַר איהם, און זיינען דאָך באַרייט געוועזען אַלץ אוועקצוגעבען, כדי עס צו דערגרייכען. דיזעלבע טייערע חלומות האָבען מיר אימער געטראָגען, אָבער אַם הערליכסטען פלעגען זיי זיך אַנטוויקלען, ווען מיר פלעגען ווען-ניט-ווען זיך פאַרזאַמלען אין אַן ענגער גרופּע. ווען נאָכ'ן שלום-עליכם און נאָכ'ן „וואָס שרייבט מען דיר פון דער היים", פלעגט די גרעסטע טייל פון אונזער צייט פאַרנעהמען די זאָרג: מיט וואָס זאָלען מיר העלפען אונזער פאָלק? — אין דער צייט פון דער זאַמלונג פאַר די מלחמה קרבנות, האָבען מיר געגעבען אונזער חלק. אין דער צייט פון דער ענגלישער דעקלאַראַציע, ווען דער קאַמף מיט'ן קייזער איז נאָך געווען אַ פאַרצווייפעלטער, האָבען מיר געמונטערט און פאַרשטאַרקט די קאַמפּס-לוסט ביי אונזערע חברים-סאָלדאַטען, פאַר וועלכע מיר פלעגען אַלסביישפּיעל ברענגען דעם גרויסען אָפּפער פון אונזערע וואָלונטירען לעגיאָנערען. אָבער מיר האָבען זיך דערביי ניט געוואָלט אָפּשטעלען. גרייטע צו פאַלען האָבען מיר אָבער אין די פאַרבליבענע טעג און שטונדען פון אונזער לעבען געוואָלט טאָן נאָך ארבייט, נאָך אַ שטיין צוטראָגען צו אונזער פאָלק'ס בנין, צו אונזער לאַנד'ס ווידערגעבורט.

און דער לעצטער אָבער אינטימסטער, פריידיגסטער חלום אונזערער, וועלכער איז אָבער צום אומגליק פאַרטרונקען געוואָרען אין בלוט, איז געבאָרען געוואָרען נאָך לעצטען ראש־השנה, ווען מיר האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין אַ קליינעם דערפעל פון אונזער סעקטאָר צו פייערען אונזער ניי־יאָהר.

דער גרויסער קאַמף פון סענט מיהיעל האָט זיך ערשט דאַן געדאַרפט אָנפאַנגען. אָבער פיעלע פון אונזערע חברים, וועלכע מיר האָבען ערוואַרטעט, האָבען שוין ניט געקענט צו אונז קומען. זיי זיינען געווען אויף דער וואַך און האָבען צו יעדען מאָמענט ערוואַרטעט אַ באַפעהל פאָראויסצוגעהן. געקומען זיינען בלויז די, וואָס זיינען געווען אויף די הינטערשטע ליניעס, און אויך בלויז פאַר געצעהלטע שטונדען.

געדריקטע פון דער שטימונג, וואָס איז דאַן געהאַנגען איבער דער וועלט, און איבער אונז סאָלדאַטען, אָבער גליקליך מיט דעם, וואָס מיר האָבען דאָך געהאַט דאָס גליק צוזאַמענצוקומען זיך לכבוד אונזער יום טוב, און איידער די גרויסע שחיטה וועט זיך אָנפאַנגען, האָבען מיר פאַר'ן דאַווענען און נאָכ'ן דאַווענען אויסדערצעהלט איינער דעם צווייטען, וואָס נאָר עס איז געווען אויפ'ן הארצען, צום וויפיעלטען מאָל געפרעהט זיך מיט די גליקליכע אידישע נייעס.

און נאָכ'ן זינגען אייניגע סקאָרבאָווע און פאָלקס מעלאָדיען, האָט איינער מיט באַגייסטערונג זיך אָפּגערופען: „וואָלט ניט געווען שעהן, ווען די אידישע סאָלדאַטען וואָלטען צוזאַמענגעקליבען אַ גרויסע סומע געלט אויף אויפצובויען אַ נאַציאָנאַלע קאָנסערוואַטאָריע פאַר אידישער מוזיק, אין אונזער ארץ ישראל?“

אַלע האָבען צוגעגעבען, אַז עס וואָלט געווען הערליך שעהן, אָבער וואו נעמט מען אַזוי פיעל געלט?

אָבער טרוימער שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר צאָהלען און ציפערן. איז ניט אַ גאַנצער גראַנדיעזער בנין, אָבער אַ גרונדשטיין קענען מיר דאָך לייגען. און מיר האָבען גלייך אויסגעלעגט די הויפּטשטריכען פון דעם פּלאַן, און דאָס זיינען זיי:

אָנשרייבען אַן אויפרוף אין דער אידישער און ענגלישער שפּראַך וועגען דעם, ווי הערליך עס וועט זיך איינפּאַסען די אויפבויאונג פון אַ מוזיק טעמפּעל פאַר ארץ ישראל, אין דער צייט פון אונזער פאָלקס און לאַנדס ווידערגעבורט; אויסגעפינען וואָס מעהר

אידישע באיעס צווישען די פיעלע רעגימענטען אויפ'ן פראנט און הינטער די רייהען. צושיקען צו זיי דעם אויפרוף מיט זאמעל־ליס־טען, אום זיי זאלען וואס מעהר געלט און אונטערשריפטען צוזא־מעננעהמען; און ווען די זאמלונגען וועלען פארענדיגט ווערען, אריבערשיקען דאס געלט מיט א הארציגען בריוועלע, וואס זאל זיך אנפאנגען מיט די ווערטער: „א מתנה צו אונזער טייער פאלק, פון די אידישע סאלדאטען אין פראנקרייך.

„מען דארף דאך אבער האבען מיליאנען דאלארס אויף אויפ־צובויען אזא הערליכען טעמפעל, ווי מיר שטעלען זיך פאר, — האט איינער ווידער אמאל אויפגעהויבען די צושראקענע פראגע. אבער זיהן פון א טרוימער־פאלק געפינען א לייכטען אויסוועג. „נא־רעלע, — קומט איינער מיט א לייכטען און זיכערען ענטפער, — און וואו זיינען די מיליאנען אידישע מאמעס, וואס האבען אונז געשיקט מיט אזא אפפערוויליגקייט און פרייד צום מוזיק־לעהרער, אום צו קענען שפיעלען אויפ'ן פידעל? און וואו זיינען אונזערע עלמאנס, גלוקס, צימבאליסטס, חפצ'עס און די פיעלע אנדערע זשעניען אונזערע, וואס זיינען ערצויגען געווארען פון דיזעלבע גוטע מאמעס?"

זעהט איהר שוין? דער רעכענונג איז אן איינפאכער. די מיליאנען גוטע מאמעס, די פיעלע זשעניען, און אפילו די בייזע לעהרער וואס לעגען אוועק זייער געזונט, אום צו מאכען זייערע תלמידים וואס שעהנער צו שפיעלען א פרעהליכס, א כל נדרי — אלע וועלען שוין שאפען די מיליאנען. — די מאמעס און לעהרער וועלען געבען זייערע פענים און די זשעניען וועלען געבען א גרויסע צאהל קאנצערטען, וואס וועלען געהן פאר אונזער הער־ליכען טעמפעל. היינט וואו זיינען אונזערע גבירים און מיליאנע־רען? פיעלע פון זיי זיינען דאך איצט אזוי געטריי צו אונזער פאלק.

און ווען יעדענס צווייפעל אין דער מעגליכקייט דורכצופיהרען דעם פלאן איז צוזייט געווארען פון אט די אייזען־פעסטע ארגו־מענטען, איז פאר די אויגען פון די פארזאמעלטע, וואס האבען זיך באלד געדארפט צוריקקעהרען אין פייער פון קריעג, אזוי ווי אויפגעשוואומען א פארטיגער הערליכער טעמפעל, וואס הויבט זיינע טורעמס הויך, הויך איבער די בערג פון יהודה, פון וועלכען

עס צושפּרייטען זיך די האַרציג־זיסע אומעט־לידער פון דעם אי־דישען אמאָל און די איידעלע קלאַנגען פון דעם גליקליכען איצט.

ווען איך האָב אין דעם ערהאַבענעם מאָמענט געקוקט אויף די געזיכטער פון מיינע מיט׳ן טרוים גליקליכע חברים, וואָס האָבען אָבער באַלד געדאַרפט צוריק געהן צום בלוטיגען קאַמף, האָט מיך אַ שרעקליכער וועה אַרומגענומען, און כ׳האָב זיך געמוזט אָפּקעהרען, אום צו באַהאַלטען די טרעהרען פון ליעבע און צער. אָבער קיינער פון זיי האָט עס ניט באַמערקט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי האָבען דאַן גאָר פאַרגעסען וואו און אין וואָס פאַר אַ לאַגע זיי זיינען, נאָר וועבען און וועבען דעם טרוים אַרום דעם געפּלאַנטען טעמפּעל פאַר אידישער מוזיק.

עס איז שוין דאַן געווען באַשטימט, אַז אַלע אידישע קלאַנג און געזאַנג זשעניען וועלען זיין די גרויסע לעהרער אין דעם מוזיק־טעמפּעל; אַז עס וועט זיין אַ זאַמעל־פּלאַץ פאַר אַלע קינסטלער פון דער וועלט איז אָפּגערעדט. וועגען דעם, אַז עס וועט זיין אַ דירעקטע און אינדירעקטע הילף פאַר׳ן אויפבויען פון דעם לאַנד, איז שוין אויך באַשטימט, און באַלד האָבען זיך איינינע גענומען צוזאַמענבינדען זייערע פּערזענליכע טרוימען, מיט אָט דעם גרויסען, אַלגעמיינעם פאָלקס־טרוים.

„מיינע האָט אַ גאַנץ פיינע שטימע“, האָט איינער באַמערקט. און ווען אַלע האָבען זיך גוטמוטיג צולאַכט, האָט ער אויך מיט־געהאָלפען, אָבער איז דאָך באַשטאַנען אויף דעם, אַז זיין געליעבטע האָט אַ גאַנץ פיינע שטימע, און אַז ער וועט זי צוגרייטען צו זיין איינע פון די ערשטע שילערינס.

„וואָלט ניט געווען הערליך שעהן, — קריגט מיט אַמאָל איי־נער אַ מערקווירדיגען איינפאַל, — אַז מען וואָלט אָנגעצויגען סטרונעס פון דעם העכסטען טורעם פון טעמפּעל, ביז ווייט, ווייט איבער׳ן לאַנד, איבער׳ן ירדן, און ביז די ברעגען פון ים, אויף וועל־כע איינער פון די גרויסע לעהרער אָדער אַ גוטער שילער זאָל אויסשפּיעלען די נייע לידער, וואָס וועלען אין דעם טעמפּעל גע־שאַפען ווערען, און אויך אום פאַרשידענע יומים טובים, אָדער אַזוי אין אַ שעהנער שטילער נאַכט, ווען אַלע אַרבייטען זיינען אָוועקגעלעגט, און אַלע, און אַלעס גיט זיך איבער צו רוה און גליק“.

ווידער אמאל דערהערט זיך אלעמענס גוטמוטיגער לאכען. אבער פון יעדענס אויגען זעהט זיך ארויס דערזעלבער טרוים, א פארבארגענער בענקען צו זעהן עס פארווירקליכט, און גלייך טאקי זוכט איינער אויף א פלאן, ווי אזוי דאס אונמעגליכע, מעגליך מאכען.

„יא, חברים! — זאגט ער. — מען וואלט לייכט געקאנט אויס־פיהרען דאס, וואס אונזער חבר מיינט, אויף א פיעל לייכטערען, מעגליכערען וועג. אנצוציהען סטרונעס איבער אונזער גאנצען לאנד, איז טאקע א שעהנע פאנטאזיע, אבער מען קאן עס ניט דורכפיהרען. די זעלבע זאך קאן אבער געטאן ווערען דורך די בעסערע שילער. און אט ווי אזוי: אין פריהלינג, ווען דאס לאנד בליהט אויף, אדער אין הערבסט, ווען אלעס איז צייטיג און ארונטערגענומען געווארען פון די פעלדער און גערטנער, קאנען די שילער ארויסגעשיקט ווערען איבער'ן לאנד, און אין יעדען שטעדטעלע און דערפעלע מיטזינגען און מיטשפיעלען מיט'ן פאלק, אין יום־טוב'דיג פארפוצטע גערטנער, אדער פאלקס־הייזער, די הערליכע לידער, וואס וועלען געשאפען ווערען אין טעמפעל.

מיט אט דעם הארציגען טרוים, מיט אט דעם פיינליכען גא־רען פאר א גליקליכער צוקונפט פאר אונזער פאלק, און מיט'ן באשלוס צו ברענגען עס צו אונזערע איבעריגע ברידער, וואס זיינען צוזעעט איבער אלע שלאכטפעלדער, זיינען מיר זיך צוגאנגען.

„למען השם, זאלסט ניט פארגעסען אנצושרייבען דעם בריעף, מיט וועלכען מיר וועלען באגלייטען דאס געלד! למען השם זאלסט ניט פארגעסען אריבערצוברענגען די זאמעל־ליסטען מיט'ן אויפרוף צו דעם, וועמענס אדרעס איך האב דיר געגעבען, און צום אידישען טשאפלין טאנענבוים". דאס זיינען געווען די לעצ־טע ווערטער ביים לעצטען האנד־דרוק, אין לעצטען ארייננבליקען איינער אין דעם צווייטענס אויגען, אין וועלכען עס האט זיך אויך ארייגגע'גנב'עט דער „ווער ווייסט, ברודער, צי מיר וועלען זיך נאך ווען זעהען?"

די ליסטען מיט'ן אויפרוף און דער בריעף צום פאלק זיינען צוגעגרייט געווארען. דער אידישער טשאפלין האט צוגעזאגט צו געבען צוואנציג פראצענט אויף דעם געלט, וואס מיר וועלען זאמלען. מען דארף נאר אויפשרייבען איינגע קאפיעס פון דעם

אופירוף און פאנאנדערשיקען זיי צו די פון מיינע חברים, וואס ווארטען אויף דעם מיט אונגעדולד. אט, אט, און די גאנצע ארבייט וועט זיין אין פולען גאנג. דער מלאך המות שארפט זיינע צייהן, אבער מיר'ן זיך אויסלאכען פון איהם; מיר'ן איהם אריבעריאגען און אנפאנגען די ארבייט איידער די שלאכטען פאנגען זיך אן.

אבער אומזיסט. ערשט זיינען מיר פארטיג געווארען מיט'ן סענט מיהיעל פראנט, און שוין געצויגען זיך צום נאך פינסטערען ארגאן און הינטער'ן ארגאן וואלד. אהן אפרוה, אהן אפשטעל יאגט מען נאך דעם דייטש, און יעדער פוס־טראט איז א בלוט־צייכען, און יעדע געוואונענע שטרעקע ערד פאדערט א מאסע קרבנות. אייך ווילט זיך דעמאקראטיע, פרייהייט, אידעאלען? — באצאהלט! באצאהלט! — שטשירעט זיינע צייהנער דער טריאומפיהרענדער שטן. און מען צאהלט איהם א הויכען פרייז מיט שטיקער צוריסענע קערפערס, לעבענס, גליעדער, בלוט, און אט אין דעם גיהנום און אין אט דעם ים־בלוט, אין וועלכען עס האט זיך אריינגעמישט אזוי פיעל בלוט פון אונזערע העלדיישע טרוימער־קינדער, איז פארטרונקען געווארען אונזער־זייער הערליכער חלום, אויפצובויען א טעמפעל פאר דעם אידישען ליעד אין ארץ־ישראל, אוועקצולעגען פאר איהם א גרונדשטיין אינ'ם נאמען פון די אידישע סאלדאטען אין פראנקרייך, א גרונד־שטיין אלס מתנה צו אונזער אלטען פאלק.

דער שטורם איז פאראיבער. פון יעדען ווינקעלע פון דער צו זיך קומענדער ערד, זינגט מען און מען קלינגט אנטקעגען דעם ענדליכען פרידען, וואס איז דערגרייכט געווארען.

און ווידער אמאל נעהמט מען זיך צו דער פעדער:

טייערער חבר אדעס, טייערער חבר גאלדאפער, טייערער חבר סטיינבערג. געדענקסטו אונזער פלאן, אונזער טרוים וועגען א גרויסער קאנסערוואטאריע פאר אידישער מוזיק? אט האסטו א קאפיע פון דעם בריעף, אויפרופען, זאמעל־ליסטען און אזוי ווייטער.

אבער וואוהין זאל מען עס שיקען? די גאנץ געבליבענע רעשטלאך זיינען צושפרייט געווארען איבער אזוי פיעל קליינע דערפלאך, אזוי פיעל היילען זייערע וואונדען אין די האספיטעלער

און אזוי פיעל זיינען פארבליבען אויף די פעלדער, אום ניט מעהר צוריקצוקומען...

אויף מיין צוריקוועגס פון די שלאכט־ליניעס האב איך שוין געוואוסט, וואו איינינע פון די צוריקגעבליבענע אפצוזוכען. אט ליגט איינער פון די טרוימער. בלויז שטיקער פלייש, דעם „אידענ־טיפיקיישאן טעג", און א מעדאל פאר זאמלען געלד פאר'ן פא־לעסטינא ארבייטער־פאנד, האט מען געפונען אויף דעם פלאץ, וואו ער איז צוריסען געווארען. און דארט ליעגט א צווייטער, דער מעהר פראקטישער. און ווייטער, הינטער פליוויל, נאך איינער. און אזוי איבער דער לענג און ברייט פון די פעלדער.

חברים! חברים! שטעהט אויף! א גרויסע צייט איז פאר אונזער פאלק אנגעקומען. חברים, שטעהט אויף! עס איז איצט דא פלאץ פאר אייער טרוים! — אזוי וויינט דאס הארץ און רעדט צו זיי. אבער שטום בלייבען די ארימע בערגלאך ערד, שטום בליי־בען די מגן־דוד׳לאך איבער זיי. בלויז ביים געזעגנענען זיך, ווען זיי האבען נאכגעקוקט פון דער פארנעבעלטער ווייטקייט פונ׳ם זייט פון וועג, האבען זיי אזוי ווי געבעטען זיך: פארגעס ניט צו דערצעהלען וועגען אונזער ליעבע צו אונזער פאלק! פארגעס ניט צו דערצעהלען וועגען אונזער גארען און טרוימען פון זיין גליק, און וועגען דער לעצטער מתנה וואס מיר האבען געוואלט אבער ניט געקאנט שוין מעהר אריבערשיקען...

ארומוואנדערענדיג איבער דער „עריא" פון מיין דיוויזיע האט זיך דאך איינגעגעבען צו זאמלען נאך געלט. עס האבען מיטגעהאל־פען פיעלע חברים פון דער גאנצער דיוויזיע. זייערע נעמען זיינען אין דער ליסטע.

דער בריעף צום פאָלק וועגען טעמפעל־מאָנומענט

ס'איז וויכטיג צו באמערקען, אז דער בריעף איז רעדאגירט געוואָרען, אויסער דעם שרייבער, פון די פאָלגענדע: קארפ. הערי אויגוסט, קארפ. אראָנסאָן, סעם ראָס, דזש. אש און סארדזשענט סעם רובין.. פאר'ן אוועקשיקען איז דער בריעף פארגעלייענט געוואָרען צו א גרויסער גרופּע פארזאמעלטע אידישע סאָלדאַטען פּסח, 1919, אין „לאנגאָן", ארום באָרדאָ, פראנקרייך.

מיר ברענגען די נעמען פון די וואס האבען בייגעשטייערט, ווייל זיי פארדינען פארצייכענט צו ווערען אלס טיילנעמער אין דעם הארציג שעהנעם פּלאַן.

א גרויסע צאָהל נעמען פון די טייל נעמער פעהלט, ווייל איינִיגע ליסטען זיינען דורך דער צייט פארלוירען געגאנגען און איך בעט די חברים אום ענטשולדיגונג. די געזאמעלטע געלדער געפינען זיך אין דער אמעריקאנער נאציאָנאַל פאנד ביוראָ.

מיר, די אונטערגעצייכענטע אידישע סאָלדאַטען פון דער אמעריקאנער ארמעע אין פראנקרייך, ווענדען זיך מיט פאָלגענדען בריעף צו אונזער פאָלק מיט דער פולער איבערצייגונג, אז אונזערע אבזיכטען און געדאנקען, וואס וועלען אין איהם אויסגעדריקט ווערען, וועלען באטראכט און אנגענומען ווערען מיט דערזעלבער אויפריכטיגקייט, ערנסט און הארציגקייט, מיט וועלכער מיר שיקען איהם.

צו אונזער פאָלק!

פון די ערשטע טעג אָן זינט מיר טראָגען די אוניפאָרם און געוועהר, און אין די שפּעטערע טעג, ווען מיר זיינען געבראכט געוואָרען אויף די קאמפּס־פּלעצער פון פראנקרייך, וואו מיר האָבען מיט אונזער דיענסט און קאמף אויף דער גערעכטער זייט און פאר א בעסערע וועלט, אויסגעגליכען זיך מיט די בראַוועסטע פון די בראַווע, — אין די אַלע צייטען און אונטער אַלע אומשטענדען האבען מיר געדענקט פון דיר, אונזער פאָלק, געלעבט מיט דיין לעבען און געאָטעמט מיט דיין אָטעם.

זיינען צו אונז, אפּגעריסענע און פארוואָגעלטע, ווען־ניט־ווען דערגאנגען דיינע וועה־געשרייען פון די פּלעצער, וואו מען האט דיך געדריקט און געשטיקט, האבען אונזערע הערצער גע־

בלוטעט. און אונזערע אייגענע ליידען און וועהען אינ'ם קאמף פלעגען פון דיינע וועה־געשרייען פארטויבט ווערען. און די טויזענדער שטימען פון דעם איבער'ן שלאכטפעלד וויטענדען טויט פלעגען דאן פון דיין מארטירער־שטימע אריבערגעשריען ווערען. און — גאט איז אונזער עדות — ווי שטארק אונזערע זעעלען האבען זיך געריסען צו העלפען דיר, און וויפיעל מעהר, מיר האבען געוואלט טאן פאר דיר, ווי דאס ביסעל, וואס מיר האבען געקאנט אונטער די אומשטענדען.

האט אבער ווען־ניט־ווען די זון א לויכט געטאן, פלעגען די נייעס וועגען דעם ליכטיג מאכען אונזערע פינסטערע ווינקעלעך און דורך פארשיידענע מיטלען פלעגען מיר איינער דעם צווייטען אנזאגען די גליקליכע בשורות וועגען אונזער פאלק, אנפאנגענדיג פון דעם איינפאכען פון־מויל־צו־מויל אנזאגען: — „ברודער, איך האב פאר דיר גוטע נייעס" — ביז דאס איבערשרייבען זיך, אדער איבערלאזען נאך זיך צעטעלאך אדער א אידישע צייטונג אין טראנשעען און באמבען־גריבער, אזוי אז נאך א איד, וואס וועט מעגליך זיין אויף זיין מארש אדער בעת אן אטאקע ליגען אין דערזעלבער „שעל"־גרוב, זאל קריגען די פרעהענדע נאכריכט, וועגען א גליקליכער ווענדונג אין דעם שיקזאל פון אונזער טייער פאלק.

און, א, וויפיעל עס האבען געפונען די נאכריכטען, און וויפיעל עס האבען זיי באפארבט מיט זייער בלוט און צוגעדעקט מיט זייערע קערפערס!

און אויב דיינע פריעדליכע קינדער האבען געזעהן א זין אין דעם בלוט און פארברעכען פון מלחמה, איז עס צום גרעסטען טייל אין דיין מעגליכער בעסערער צוקונפט, אין דעם גליקליכען פארטזעצען פון דיין אייביגען לעבען דורך אונזער זיעג.

און וואסער פרייד האט געקאנט זיין ליכטיגער, וועלכע נייעס האט געקאנט זיין פריידיגער, ווי די, וואס איז צו אונז געבראכט געווארען דורך דער בריטישער דעקלאראציע, וועגען דער באפרייאונג און ווידער־פאראייניגונג פון דעם „עם־ישראל" מיט „ארץ־ישראל"?

יעדע ווייטערע באשטעטיגונג פון די נייעס, יעדער העכערער אויפשטייגען פון אט דער זון, וואס איז געקומען אין די שפעטערע

מאַנאַטען פון קאַמף און איצט ביי דעם פרידענס־קאָנגרעס, האָט אונז ציעלבאַוואוסטער, שטאָלצער און גליקליכער געמאַכט.

ברידער, מיר ווערן באַלד גלייכע מיט גלייכע! — האָבן מיר איינער דעם צווייטן די האַנט געדריקט.

ברידער, איהר ווערט איצט גלייכע מיט גלייכע! — האָבן אונז אונזערע נאָהענטע קריסטליכע חברים אַנגעזאַגט.

און ווען מיר האָבן נאָכ'ן זיעג זיך צעשיידט מיט אונזערע חברים וואָס זיינען געבליבן אויף די שלאַכטפעלדער; ווען מיר האָבן געוואָרפן אונזער לעצטען פאַרטרערטען בליק אויף די בערגלעך ערד און מגן־דויד'ס, אונטער וועלכע זיי ליגען, האָבן אונזערע צוזאַמענגעדריקטע הערצער געדעדט צו זיי: „ברידער, אויך איהר, אומגליקליכע, בלייבט דאָ גלייכע צווישען גלייכע".

באַוועגט פון אַט די געדאַנקען און געפיהלען, פלעגען מיר ביי אונזערע זעלטענע צוזאַמענקונפטען פּלאַנעווען און אָפּט טאָן עטוואָס פאַר דיר, אונזער פאָלק. און אויך איצט, נאָכ'ן זיעג און ביים אָנקומען פון דעם פרידען, איידער מיר וועלען זיך צו־שיידען פון אונזער געמיינזאַמען צוזאַמענלעבען אַלס קעמפער און סאָלדאַטען, — אויך איצט, פאַר אונזער צוריקקעהר צו אונ־זערע היימען און פריעדליכען לעבען און שטרעבען, ווילען מיר עטוואָס טאָן פאַר דיר און פאַר דיין גליק. און נאָך לאַנגען נאָכ־דענקען, וואָס פאַר אַ מתנה מיר זאָלען צו דיר ברענגען, אום זי זאָל זיין אַזוי דויערהאַפט ווי דיין לעבען און אַזוי הויך ווי דיין גייסט, זיינען מיר ווידער געקומען צום שלום, אַז עס זאָל זיין אַ „הערליכער טעמפּעל פאַר אונזער ליעד"—אַ גרויסע נאַציאָנאַלע קאָנסערוואַטאָריע פאַר דער אידישער מיוזיק, וואָס זאָל אויס־געבויט ווערן אין אונזער הויפּטשטאָדט, אין ירושלים, אין אונזער לאַנד, אין ארץ־ישראל.

און זאָל אונזער ליעד, וואָס איז אַזוי געטריי מיטגעגאַנגען אונזער לעבענלאַנג, פון די צייטען פון די לויים ביז „כל־נדרי", „מאי קא משמע לן" און „אלי, אלי", אויך אַרויסגעהן פון גלות צו אונזער היים. אין דער גרויסער שעה פון אונזער ווידער־אויפשטעהן, פון אונזער צוריקקעהר צו אונזער לאַנד, זאָל אין ירושלים, זייט ביי זייט מיט אונזער ערשטען אוניווערזיטעט, די הייט פון אונזער שאַפענדען מוח, גלייכצייטיג, מעכטיג און אומ־

אפהענגיג, אנהויבען פונקציאנירען די שפראך פון אונזער הארץ, אונזער נשמה־געזאנג.

א נאציאנאלע קאנסערוואטאריע אין ארץ־ישראל, וואו אונ־זער וואנדער־ליעד, וואו אונזער פארקלאגטער „אלי, אלי" וועט ווי א שווערער טרויער־זיפץ וועגען דעם שלעכטען אמאל, פארטרונ־קען ווערען אין די טענער פון נייע, פריידיגע סימפאניעס, וואס וועלען ארויסזינגען פון אונזער נייעם, פריידיגען לעבען מיט דעם צוריקקעהר אין אונזער לאנד, — אט דאס איז די בעסטע, די הארציגסטע מתנה צו אונזער פאלק, וואס מיר האבען געקאנט נאר צוטראכטען. און מיר ברענגען עס מיט פרייד און ליעבע אין נאמען פון די אונטערגעצייכענטע, און אויך — אין נאמען פון אונזערע ברידער, וואס מיר לאזען איבער אויף די שלאכטפעלדער צו זייער אייביגער רוה.

און אט פארוואס מיר ברענגען עס אויך אין זייער נאמען:

דער זאמלער, וואס האט אפט געדארפט דורכגעהן מיילען און מיילען ווייט, אום צו זעהן זיך מיט די איבעריגע חברים, האט ביי זיין אנקומען אין א געוויסען פארווארפענעם דערפעל ערשט דארט דערוואוסט זיך וועגען נאך א ברודער אונזערען, וואס איז געפאלען אין שלאכט, און פון דעם געמיינשאפטליכען טרויער איז אויסגעוואקסען דער פארלאנג, אז דער געפלאנטער טעמפעל פאר דעם אידישען געזאנג זאל אויך דיענען אלס א מאנומענט נאך די, וואס זיינען געפאלען ביי אונזער זייט.

פיעלע פון זיי האבען דאך געטרוימט מיט אונז צוזאמען נאר דאן, ווען דער געדאנק, צו ברענגען די מתנה, איז געבוירען געווארען.

אונטערצייכענען זייערע נעמען און געלד געבען — קאנען זיי שוין מעהר ניט, אבער זייערע הערצער האבען דאך געשלאגען מיט פונקט אזא ליעבע צו אונזער פאלק, און צום געדאנק צו דערפרע־העז מיט אט דער מתנה.

און מיר האבען באשטימט ארויפצושטעלען אויך זייערע נע־מען אויף דער ליסטע פון די טיילנעהמער.

ווען מיר וועלען דערלעבען די גליקליכע שעה, ווען אונזער טעמפעל וועט אויפגעבויט ווערען, וועלען מיר זייערע נעמען און

די נעמען פון אלע געפאלענע אידישע סאלדאטען פון אלע אר־מעען, און פון אונזער אייגענער לעגיאנערען ארמעע, פארצייכע־נעט אויף טאוולען, מיט וועלכע מיר וועלען ארומרינגלען, ווי מיט א שטאלענער וואנט, אט דעם גרויסען מאנומענט. און זאל אויף אזא אופן פאראייביגט ווערען אויף דור־דורות, ניט נאר אונזער גרויסע ליעבע צו דיר, אונזער פאלק, און אונזער פרייד מיט דיין ווידער־אויפשטעהן, נאר אויך דער ריעזיגער דירעקטער קרבן וואס מיר האבען געבראכט אין דער וועלט־מלחמה, אלס אונזער פרייז פאר אונזער לאנד, פאר אונזער פרייהייט און פאר דער בעסערער צוקונפט פון אלע מענשענקינדער.

און זאל דער מאנומענט אויך זיין נאך אן אייביגער צייכען פאר אונזערע אייגענע צוקינפטיגע דורות, ווי שאנדהאפט און ביטער עס איז דער שיקזאל פון א גלות־פאלק, ווי שטארק מיר האבען געהאסט אט דעם שיקזאל, און ווי פיינליך מיר האבען גע־שטרעבט צו באפרייען זיך פון דעם לעבען פון היימלאזע.

די חברים, וואס האבען בייגעשטייערט פאר דעם גרונדשטיין פון דער אידישער קאנסערוואטאריע אין ארץ-ישראל:

325ער אינפאנט. רעגימענט:

פרייוועטס: א. ע. העססער, רודאלף סינאוויטש, הערמאן פ. פאגעל, א. ראלניק, ה. היבערט, ערנסט האמעל, דזש. זאלעסקי, דזשאן ראטה, וו. דזשייקאבסאן, דזשארדזש פישער, אייב באל־לואיס גרינבוים, טש. שלאסער, הערמאן וואכהאלץ, סעם לאזאוו, דיש, ס. קארבעק. ערשטע קלאסע פרייוועטס: ש. גראס, ב. בע־רעזניצקי, נ. יעלמאן, ר. מעססעטסקי, פ. מייער, קארפאראל מאיר קאהען.

326טער אינפאנט. רעגימענט:

ערשטע קלאסע פרייוועטס: טשארלס העלמאן, א קליין, צווייטער ליוטענאנט ה. זשאקאבי. קארפאראלס: ר. דזש. באַ־ווער, דזשוליוס ענגעלסאן. פרייוועטס: לואיס בערג, ה. ראנאַ־זיק, דזש. קאדיש, ה. הערשקאף, ה. מאסק, אירווינג בירנבוים. טאפ־סארדזש. פרייס.

327טער אינפאנט. רעגימענט:

ערשטער סארדזשענט ה. גאָלדענבערג. סארדזשענט א. סיי־נער. ערשטער ליוטענאנט וו. לערי. קארפּאראל ס. ראבינאָוויטש. סארדזשענט טשארלס אלטפּלייקס. פּרייוועטס: מ. רעזניק, ד. סעלטצער, דזש. קאָלאר, פּ. דזש. בראקאָווסקי. פּרייוועטס ערשטע קלאס: ל. ראזענבערג, ב. שניידער, ה. הינערשיץ, מ. סקוקעט, ר. קאהען.

328טער אינפאנט. רעגימענט:

פּרייוועטס: וו. ל. פּאקס, ר. הערים, ט. ס. פּיק, סאלאמאן ד. פּיק, דזשיי. פּ. געסקין, ד. קופּערסטיין, פּ. ריכטער, עלמער פּלעסינגער, הערי גאסקין, אייב סטיינבערג, ס. קנאפּ, ה. קאפּלאן, מ. לעווין, דזשיי לעוויט, עדווארד לעהמאן. ערשטע קלאסע פּריי־וועטס: טשארלס ענגעלהארט, ל. פּ. קאוואר, עלים בענעט. קאר־פּאראלס: דזשייקאב קאזינס, דזשיי סיגעל.

307טע אמונישאן טריין:

פּרייוועטס: סעם ל. גלעין, טשארלז קופּער.

319טע פעלד ארטילעריע:

פּרייוועט דזשאזעף קאוואלסקי. : ערשטע קלאס פּרייוועט עדווארד אקערמאן. קארפּאראל מ. פּ. אראן.

320טע פעלד ארטילעריע:

ערשטע קלאס פּרייוועט ד. ב. גאָלדפעלץ. קארפּאראלס: לואים קראנץ, סעם סאלאמאן. צווייטער לייטענאנט א. גאָלדשאל.

321טע פעלד ארטילעריע:

פּרייוועטס: וו. א. וואולף, נייטען ניסבוים. ערשטע קלאס פּרייוועט ראבערט בעס.

328טער אינפאנטעריע:

ערשטער באטאליאן.

אסיסט. טשאפּ. ל. ד. וויינשטיין, מ. גאָלדאפּער, 1טער ס. טשאפּמאן, מ. פּיזנעסקי, ה. ליפּשיץ, ס. ד. וויינשטיין, אב. מיט־ניק, דזש. גרעסמען, ה. גארפינקעל, בען צימערמאן, מאָרים בור־טינסקי, מ. ווייסמאן, דזשאזעף לעווינסקי, סעם זוסמאן, ח. טושע,

נ. סקלוט, ב. סילווערמאן, פרענק ליפשיץ, ה. קאהאן, סעם יעלמאן, נ. שפיטץ, ה. מיוזען, מ. בארנעט, ד. לעווין, י. טשייזין, מ. פוטערבאן, סעם גאלאנד, א ליוטענאנט פון אטלאנטא, דזש., הערמאן וההייטמאן, מ. פאמערוואַרק, ס. רייסקין, מ. ליטשקין, מ. ליבערמאן, ה. מאנטעל, טשארלז שלאַגמיטץ.

צווייטער באטאליאן.

ש. אדעס, י. גנעסין, ה. מארקס, טשארלס העלער, ב. ראפאפארט, י. סמאלענסקי, דזש. געלפאר, נ. סענדמאן, מ. בעס, דזש. לעסער, מ. שווארץ, פיליפ וואלדמאן, עליס פאטינסקי, טשארלז וו. גאר, ר. מ. פאקס, טשארלס געספער, י. א. ראזענבערג, לואיס פאדאוויץ, נ. נ. קאפלאן, ד. קנאפ, ד. פארמאן, הערי קאהען, ל. מעלטצער, ל. פרידלענדער, אלעקסאנדער קאהען.

דריטער באטאליאן.

דזש. ליפאוויץ, הערי סארקין, סאל. דזש. לעווין, סעם ראזען, פיליפ שווארץ, טשארלז סטאלארזש, הערי גאלדבערג, הערי פערסאניק, מארים גרינבערג, מ. עקוס, טשארלז קאהען, א פריינד, א פריינצוויזישער איד, א פריינד (ליוטענאנט), דזשאזעף פערלמאן, היינ. גליקמאן, מאקס לעווין, מ. מיידבריי, מ. גרינבערג, דזשעק ווייצמאן, ל. פלאט, ל. לעווין, מ. ראוויטסקי, מ .גאססעל, י. שעהנפיין, טשארלז מיידעלבלאט, היימאן לעווינסאן, מ. ראזענטהאל נעפסקי, ה. ראס, טשארלס דובין.
דזש. פעלדער, ד. הארוויץ, דזש. קליין, דזשאן בלומענפעלד, מ.

321טער פעלד ארטילעריע רעגימענט :

ערשטער באטאליאן

קארל קייזער, קארל וועבער, דזש. אש, סעם ראס, א. ח אראנסאן, גאס. ה. פיעלד, פיליפ שוואם, ל. ראזענבערג, ז. מארקוס, א. מ. עליאס, אב. זאריז, היימאן שער, ס. בראהאם, דזשייקאב ראזאנער, אלפרעד באנדי, מ. ראזענפעלד, מארים ר. קאהען, סעם סקעווערסקי, זיגמונד שפיטץ, הערי קליין.

צווייטער באטאליאן.

הערי אויגוסט, א. סאלק, אשקענאז, מ. מילענטאל, ק. גרינפעלד, ס. ב. קאהען, אב. גאלוב, ה. לאדינסקי, סעם מארקאוויץ,

איזידאָר ווייץ, אוירווינג פּאָלאַק, ל. סיגעל, סידני האַקמאַן, ע. פרידשאַן, ל. גאָלדשטיין, סעם לעווין, ח. לאַזאָוויץ, ס. קעצענאָף, וויליאַם קאַפּלאַן, ברונאָף, י. באַן, סעם רובין, מאָרים שליצער, ס. כהן, רעדזימענטעל דענטיסט וויים.

מיר האָפען, אַז אַלע אידישע סאָלדאַטען וועלען צוטראָגען זייער טייל צו דער מתנה צו אונזער פאָלק און צום מאָנומענט נאָך אונזערע געפאַלענע ברידער. און מיר בעטען אַלע אידישע קינסטלער, מוזיקאַלישע זשעניען, ווירטואָזען און פּראָפעסיאָנאַלען, צו העל־פען ארויסנעהמען פון גלות דעם אידישען ליעד, וואָס האָט אונז פון אייביג אַן אזוי געטריי באַגלייט.

פראַנקרייך, פעברואר 2טען, 1919.